STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05993

# DER SOF FUN SOYNEY-YISROEL

Mendel Osherowitch

*Permanent preservation of this book was made possible
by Carol and Harvey Raff
in honor of their family,
Steven, Cathy, Ron, and Sara*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער סוף
# פון שונאי־ישראל

פון די חשמונאים ביז בר־כוכבא

פון

## מ. אשעראָוויטש

אין צוויי בענד

באַנד צוויי

אַרויסגעגעבן פון
„פאַרלאַג אַרבעטער־רינג"
ביים בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ"י.

*Copyright* 1942, *by*
FARLAG ARBETER RING
OF THE
EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE WORKMEN'S CIRCLE
175 East Broadway • New York, N. Y.

*Printed in U. S. A.*

369

# טיטוס הרשע

צווייטער טייל

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

# ט י ט ו ס   ה ר ש ע

א י נ ה א ל ט :


אכטער קאפיטל

די בייע ווענדונג אין קאמף קעגן שונא און די רייסערייען צווישן אייגענע — — — — — — — — — — — — — — 277—283

ניינטער קאפיטל

דער רוימישער פראקוראטאר געסיוס פלארוס נעמט נקמה — 284—297

צענטער קאפיטל

ר׳ אליעזר בן חנניהו, רבן שמעון בן גמליאל און יוסיפוס פלאוויוס — — — — — — — — — — — — — 298—307

עלפטער קאפיטל

יוחנן פון גוש־חלב און זיין חשד אז פלאוויוס איז א פאררעטער 308—318

צוועלפטער קאפיטל

יוסיפוס פלאוויוס אין זיין דערהויבנקייט און אין זיין געפאלנקייט 319—334

דרייצנטער קאפיטל

די געשיכטע פון אמאל איז אויך די געשיכטע פון היינט — — 335—344

פערצנטער קאפיטל

די פאלקס־רעוואלוציע אין ירושלים און די הויף־איבערקערעניש אין רוים — — — — — — — — — — — — — 345—357

פופצנטער קאפיטל

דאס בית־המקדש אין פלאמען — — — — — — — — — 358—374

זעכצנטער קאפיטל

דער גרויסער אויפטו פון רבנו יוחנן בן זכאי נאכ׳ן חורבן — 375—393

# קאַפּיטל אַכט

## די נייע ווענדונג אינעם קאַמף קעגן שונא און די רייסערייען צווישן אייגענע

די לעצטע געשעענישן אין ירושלים האָבן נאָך מער ווי פריער אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט די קנאים און אויך די סיקאַריער, וואָרעם כאָטש די צוויי פּאַרטייען זענען ניט געווען פאַראייניקט, זענען זיי דאָך ביידע אויף באַזונדערע וועגן געגאַנגען צו איין ציל — באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פונעם יאָך פון די פרעמדע; אַ סך פון פאָלק זענען צוגעשטאַנען צו זיי, ווייל ס'האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז מיט גוטן וועט מען מיט די רוימער קיין מאָל ניט אויסקומען, און דאַן האָט זייער טעטיקייט אָנגענומען אַ נייע ווענדונג — צו דעם נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער וואָס זייער טעטיקייט האָט ביז איצט געטראָגן, איז אויך צוגעקומען דער מיליטערישער כאַראַקטער, וואָס איז געווען דער לאָגישער אויסגאַנג פון אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יהודה אונטער דער הערשאַפט פון די אַלע זיבן רוימישע פּראָקוראַטאָרס.

די קנאים און אויך די סיקאַריער האָבן אָנגעהויבן פאַרכאַפּן פעסטונגען; זיי האָבן ביידע — און אַלץ ניט אין איינעם, נאָר באַזונדער — גוט אָרגאַניזירט זייערע כוחות, זיך באַוואָרנט מיט געווער, און געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, אַז זיי זאָלן זיין גרייט ניט נאָר זיך צו באַשיצן קעגן שונא, נאָר אויך אָנצופאַלן אויף אים.

די פירער פון ביידע פּאַרטייען האָבן איינגעפירט, אַז יעדער איינער וואָס שליסט זיך אָן אין זייערע רייען, זאָל געבן אַ שבועה, אַז ער זאָל זיך בעסער לאָזן דערהרגענען איידער זיך אונטערגעבן דעם שונא. זיי האָבן אויך געלאָזט אויסרופן אין די גאַסן פון שטאָט, אַז דאָס פאָלק זאָל אויפהערן צאָלן שטייערן דער רוימי-

שער מאַכט, און דאָס איז ביי די מערסטע איינוואוינער פון ירושלים געווען ניט שווער צו פועלן, ווייל דער צאָרן קעגן די רוימער איז געווען זייער גרויס.

אין דער זעלבער צייט וואָס די ק נ א י ם און די ס י־ק אַ ר י ע ר זענען געוואָרן מער טעטיק, זענען אויך די מעסיקע, די וואָס זענען אינגאַנצן געווען קעגן אַ מלחמה מיט רוים, געוואָרן מער טעטיק, און יענע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די רייכע פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט און אויך די וואָס האָבן געשטאַמט פון דער אידישער קעניגלעכער משפחה. זיי, די רייכע לייט און די אַריסטאָקראַטן, אינאיינעם מיטן קעניג אַגריפּאַ דעם צווייטן, האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט איינצושטילן די געמיטער און זען, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל ליידן און שווייגן און זאָל ניט פרואוון אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון רוים.

עס זענען אָבער געווען אויסנאַמען אויך; אין אַ סך אידישע משפחות אין ירושלים האָט מען דאָן, פאַרן חורבן פונעם בית המקדש אינעם ע ר ש ט ן י אָ ר ה ו נ ד ע ר ט געקענט זען דאָס זעלבע, וואָס מ'האָט געזען אינעם נ י י נ צ ע נ ט ן און אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין די צייטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע — דער פאָטער איז געשטאַנען פעסט פאַר דער אַלטער אָרדענונג און דער זון האָט געקעמפט פאַר אַ נייער אָרדענונג.

שאַרפער ווי אומעטום האָט זיך דער ריס צווישן עלטערן און קינדער אָפּגעשפּיגלט אינעם הויזגעזינד פון דעם געוועזענעם כהן גדול ח נ נ י ה ו, דעם גרויסן נגיד און תקיף, וועלכן מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט — דער פאָטער איז געווען דער פירער פון די מעסיקע, וועלכע זענען געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר דער אַלטער אָרדענונג און קעגן אַ מלחמה מיט רוים. אָבער זיין זון א ל י ע ז ר, דער זעלבער, וועמען די ס י ק אַ ר י ע ר האָבן מיט אַ צייט צוריק געהאַט געקידנעפּט און נאָך דעם אָפּגעלאָזט צוריק אַהיים ווען דער פּראָקוראַטאָר אַלבינוס איז געווען גע־צוואונגען אַרויסצולאָזן פון תפיסה צ ע ן פון זייערע חברים, ווי ס'איז שוין פריער דערציילט געוואָרן — ער איז געווען דער פירער פון די ק נ א י ם און האָט געקעמפט פאַר אַ נייער אָרדענונג און קעגן דער מאַכט פון רוים.

די ווירקונג וואָס אליעזר בן חנניהו האָט געהאַט אויפן פאָלק איז געווען זייער גרויס. דער היסטאָריקער גרעטץ דערציילט, אַז צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט ווי צו די רייד פון אַ קעניג, און זיינע באַפעלן זענען פינקטלעך דורכגעפירט געוואָרן. און דאַן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָל מען אויפן מזבח אינעם הייליקן טעמפל מער ניט מקריב זיין קיין קרבן פאַרן וואוילזיין פונעם רוימישן צעזאַר און זיין הויזגעזינד, ווי מ'האָט דאָס פריער געטאָן יעדן טאָג. די כהנים האָבן דעם באַפעל געמוזט פאָלגן, און דאָס איז געווען ווי אַן אָפענע קריגס-דערקלערונג קעגן דער מאַכט פון דער רוימישער אימפעריע.*)

ווען די רייכע לייט האָבן דערזען ווי ווייט די קנאים זענען אַוועק, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און גלייך אַוועקגעשיקט שליחים צו פלאָרוסן, קיין קיסריה, ער זאָל זיי קומען צו-הילף, אָבער דער פראָקוראַטאָר, וועלכער איז פריער געווען אַ גאַנצער העלד, האָט איצטער שוין מורא געהאַט זיך אַריינצומישן און ער האָט די בקשה פון די שליחים אָפגעזאָגט.

אויך צו דעם אידישן קעניג אַגריפאַ (דעם צווייטן) האָבן די רייכע לייט פון ירושלים געשיקט שליחים, ער זאָל זיי קומען צו-הילף אינעם קאַמף קעגן די קנאים. און דאַן האָט אַגריפאַ אַריינגעשיקט קיין ירושלים אַ מחנה פון דריי טויזנט באַוואָפנטע לייט, אָבער ווען די מחנה איז קיין ירושלים אַריינגעקומען, איז שוין דער גאַנצער באַרג, וואו דער הייליקער טעמפל איז געשטאַנען, געווען אין די הענט פון די קנאים, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון אליעזר בן חנניהו. אויך דער גאַנצער הינטערשטער טייל פון דער שטאָט, וואו די אָרעמע האָבן געוואוינט, איז שוין געווען אין זייערע הענט. בלויז דער אויבערשטער טייל פון דער שטאָט, דאָרט וואו די גבירים האָבן געוואוינט, איז געווען פריי. און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן שלאַכטן אויף די גאַסן; צו די חיילות, וואָס אַגריפאַ האָט אַריינגעשיקט צו העלפן חנניהון און זיינע לייט, זענען אויך צוגעשטאַנען די רוימישע זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען אין ירושלים, און אַלע אינאיינעם האָבן זיך געשלאָגן מיט די קנאים, וואָס אליעזר, דער זון פון חנניהו, האָט

*) ה. גרעטץ „דברי ימי ישראל", צווייטער טייל, ז. 18.

געפירט אין שלאכט. זיבן טעג האט מען זיך אזוי אין די גאסן געשלאגן און מ'האט איינע די אנדערע ניט געקענט בייקומען. ערשט ווען מ'האט זיך פאראייניקט מיט די סיקאריער, האט זיך איינגעגעבן צו פארטרייבן דעם שונא פון שטאט, און ווייל די ס י ק א ר י ע ר האבן געוואוסט, אז מ'האט זיי צו פארדאנקען פאר דעם נצחון, האבן זיי זיך באלד נאך דעם ווידער צעלאזט אויף זייער שטייגער, און זיי האבן אונטערגעצונדן אלע פאלאצן, וואס זענען געשטאנען אינעם אויבערשטן טייל פון שטאט. אויך דעם פאלאץ פון דעם כהן גדול ח נ נ י ה ו , דעם פאטער פון דעם ק נ א י ם - פ י ר ע ר א ל י ע ז ר , האבן זיי אונטער-געצונדן.

די צרה מיט די ס י ק א ר י ע ר איז באשטאנען אין דעם, וואס אין דער זעלבער צייט וואס זיי האבן געקענט ברענגען א סך נוצן אין דער צייט פון א שלאכט קעגן שונא, האבן זיי אויך גע-קענט ברענגען א סך שאדן נאך דער שלאכט. בלויז אין קריג, ווען ס'איז נויטיק געווען צו האבן וואס מער מענטשן, האט מען זיך מיט זיי געקענט פאראייניקן און האבן גרויסע נוצן פון זיי, ווייל זיי זענען אלע געווען מוטיקע גבורים און האבן זיך ניט גע-שראקן פארן טויט. אויסערן שלאכטפעלד אבער האט מען געמוזט מורא האבן אויף זיי זיך צו פארלאזן, ווייל דער וואונטש צו צע-שטערן איז ביי זיי געווען שטארקער ווי דער וואונטש צו בויען, און ס'איז שווער געווען זיי איינצוצוימען, ווארעם ווי נאר ס'איז געווארן א ביסל שטילער, האבן זיי גלייך אנגעהויבן קעמפן קעגן זייערע אייגענע ברידער מיט דער זעלבער עקשנות און מיט דער זעלבער ביטערקייט ווי קעגן די רוימער.

נאך דער שלאכט וואס האט געדויערט זיבן טעג, האבן זיך די חיילות פונעם קעניג אגריפא, אינאיינעם מיט די רוימישע זעל-נער באפעסטיקט אין דעם אנטאניוס-טורעם, און דארט האבן זיך באהאלטן די רייכע און די אלע אנדערע, וואס זענען געשטאנען פאר דער אלטער ארדענונג און קעגן א מלחמה מיט רוים. אבער אין צוויי טעג צייט האט מען זיי פון דארט ארויסגעטריבן און א סך פון אגריפאס חיילות און פון די רוימישע זעלנער זענען געפאלן אין שלאכט. פונעם אנטאניוס-טורעם זענען די זעלנער אינאיינעם מיט די רייכע, אנטלאפן אינעם הורדוס-פאלאץ, וואס איז געווען שטארק ווי א פעסטונג. אהין האבן די קנאים, אונטער דער פי-רערשאפט פון אליעזר בן חנניהו, ניט געקענט אריינקומען, און די

באַלאַגערונג האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוואַנציק טעג און צוואַנציק נעכט. ערשט ווען ער האָט זיך ווידער פאַראייניקט מיט די סי־קאַריער, האָט ער זיך מיט זיינע מחנות אין פּאַלאַץ אַריינגעריסן און פון דאָרט דעם שונא פאַרטריבן.

און דאָ איז ווידער פאָרגעקומען דאָס זעלבע וואָס פריער: גלייך נאָכן נצחון איז שוין ווייטער אוממעגלעך געווען אָנצוהאַלטן די פאַראייניקונג מיט די סיקאַריער, ווייל זיי זענען ווידער אַוועק אין זייערע וועגן און זיי האָבן געשאָכטן רעכטס און לינקס און זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך. און צווישן די מענטשן וואָס זיי האָבן אין יענע טעג דערהרגעט, איז אויך געווען דער כהן גדול חנניהו ,דער פאָטער פון אליעזרן וועלכער איז געווען דער פירער פון די ק נ א י ם . זיי האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון אַ באַהעלטעניש אינעם ה ו ר ד ו ס ־פּ אַ ל אַ ץ , וואוהין ער האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין דער צייט פון דער מהומה, און זיי האָבן אים דאָרט דערהרגעט אויפן אָרט.

***

פון אַלץ וואָס איז צעוואָרפן אין דער געשיכטע פון יענער צייט וועגן דעם טויט פונעם כהן גדול ח נ נ י ה ו און וועגן דער ראָלע וואָס זיין זון א ל י ע ז ר האָט געשפּילט אין דער מלחמה קעגן אים און קעגן די רוימער, איז קלאָר, אַז דער טויט פונעם פאָטער האָט זייער שטאַרק געווירקט אויפן זון, כאָטש זיי זענען ביידע אין צוויי באַזונדערע פיינדלעכע לאַגערן געשטאַנען. און ס'איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז דאָס איז אַוודאי געווען איינע פון די אורזאַכן פאַר וואָס א ל י ע ז ר ב ן ח נ נ י ה ו , וועלכער איז אין דער נאַטור געווען זייער אַן איידעלער מענטש און דערצו נאָך אַ גרויסער געלערנטער אויך, האָט זיך אַזוי שטאַרק צעקריגט מיט דעם פירער פון די סיקאַריער מ נ ח ם ב ן י ה ו ד ה .

מנחם האָט צו הויך דעם קאָפּ פאַרריסן נאָך דעם ווי די ק נ א י ם אין ירושלים האָבן געהאַט אַזאַ נצחון ווען זיי האָבן זיך מיט אים פאַראייניקט. ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווי נאָר א י ם און זיינע ס י ק אַ ר י ע ר קומט דער גאַנצער דאַנק דערפאַר; ער האָט זיך צו די מעסיקע פון די קנאים באַצויגן מיט ביטול; זיי האָט ער ניט געהאַלטן פאַר קיין אמתע גבורים, פאַר קיין עכטע קעמפער פאַר פרייהייט; ער האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל אים איבער־

געבן די גאַנצע פּירערשאַפט פון דער קריג קעגן די רוימער און ער איז געווען זיכער, אַז קיין גרעסערער קריגספירער ווי ער איז נישטאָ און אַז בלויז ער קען ברענגען די ישועה פאַרן גאַנצן פאָלק.

אין אַלץ וואָס מנחם האָט געטאָן, האָט ער אַרויסגעוויזן אַז ער וויל ווערן דער גאַנצער הערשער, דער גאַנצער דיקטאַטאָר, און ער האָט זיך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן פירן ווי אַ הערשער, און אַלע מאָל ווען ער איז געקומען אינעם הייליקן טעמפּל, האָט ער געטראָגן קעניגלעכע קליידער און איז פון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט לייבוועכטער. און דאָס האָט ביי אליעזר בן חנניהו אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן ווידערגעפיל צו אים, און איין מאָל, ווען די ביידע האָבן זיך איבערגעביטן מיט שאַרפע רייד וועגן דעם, וועלכער וועג ס'איז דער ריכטיקער, און מנחם האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער וועג פון די סיקאַריער איז דער ריכטיקער און ניט דער וועג פון די קנאים, האָט אליעזר אים געזאָגט, אַז מיט דעם קאַמף פאַר פרייהייט קעגן די רוימער זענען די קנאים אויסן צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק, אָבער ניט נעמען אויף זיך די הערשאַפט פון אַזאַ בלוטדורשטיקן טיראַן ווי ער, מנחם בן יהודה, איז.

פון דעמאָלט אָן זענען די באַציאונגען צווישן די צוויי געוואָרן אַלץ מער אָנגעצויגן. אָבער מ'דאַרף פונדעסטוועגן ניט דענקען, אַז דאָס איז געווען בלויז איבער פּערזענלעכע סיבות. מנחם און אליעזר האָבן צווישן זיך קיין שלום ניט געקענט האַלטן דער עיקר דערפאַר וואָס אַלס די פירער פון די צוויי וויכטיקסטע פּאַרטייען זענען זיי ביידע אויף באַזונדערע וועגן געגאַנגען; יעדער איינער פון זיי האָט געגלויבט, אַז דער אַנדערער איז אַן אומגליק פאַרן פאָלק און אַ שטערונג צו דעם קאַמף פאַר פרייהייט. און איין מאָל איז איבער דעם אינעם הייליקן טעמפּל פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן די קנאים און די סיקאַריער. מנחם איז אַנטלאָפן אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט און דאָרט האָט מען אים געכאַפּט און דערהרגעט.

נאָך דעם זענען די סיקאַריער זיך צעלאָפן און די גאַנצע מאַכט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די קנאים. און אין יענער צייט האָט אליעזר בן חנניהו ווירקלעך געוויזן,

אז ער איז א גוטער פירער, און אז ער רייסט זיך ניט צו פערזענ־לעכער מאכט, ווי ס׳איז געווען דער פאל מיט מנחמען. אליעזר האט זיך מיט זיינע מחנות קנאים באפעסטיקט אומעטום און אינעם משך פון א קורצער צייט האט זיך אים איינגעגעבן ארויסצעטרייבן די שונאים פון די אלע ערטער, וואו זיי האבן זיך פריער באפעס־טיקט. פון די רוימישע זעלנער וואס זענען געווען צעווארפן איבערן לאנד, איז קיין איינער ניט געבליבן. זיי זענען זיך אלע צעלאפן. און יענער טאג, ווען דאס לאנד איז אפגערייניקט גע־ווארן פון רוימישע זעלנער — דער 17טער טאג אינעם חודש אלול, אינעם 66סטן יאר פונעם ערשטן יארהונדערט — איז בא־שטימט געווארן אלס א יום טוב פארן גאנצן פאלק. און די פרייד איז געווען גרויס, און מ׳האט לכבוד דעם געלאזט אויסגיסן נייע אידישע מטבעות מיט אן אויפשריפט „ל ג א ו ל ת צ י ו ן“, און מ׳האט זיך ווידער אנגעהויבן באנוצן מיט דער ה ע ב ר ע־א י ש ע ר שפראך, אנשטאט דער א ר א מ ע א י ש ע ר וואס איז געווען אנגענומען פריער, און מ׳האט צונויפגערופן דעם גרויסן סנהדרין מיט די איין און זיבעציק געלערנטע ריכטער, און א ל י ע ז ר ב ן ח נ נ י ה ו האט ניט געזוכט קיין נקמה און קיינעם פון די, וואס האבן פריער געקעמפט קעגן אים, ניט אין די מעסיקע, וואס זענען געווען קעגן א מלחמה מיט רוים, און אויך ניט אין די, וואס האבן געשטיצט די סיקאריער.

## קאַפּיטל ניין

### דער רוימישער פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס נעמט נקמה

די פרייד האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. ווארעם ווען געסיוס פלאָרוס האָט דערהערט וועגן דעם גרויסן נצחון פון די קנאים אין ירושלים, האָט ער אָנגעהויבן זוכן נייע מיטלען ווי אַזוי צו נעמען נקמה אין די אידן, און ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ שרעקלעכער זאַך, אויף וואָס נאָר אַזאַ רוצח ווי ער האָט געקענט זיין פעאיק:

אין די אַלע שטעט, וואו די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע און וואו די סיריער און די גריכן זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל, האָט ער דורך זיינע לייט, אָנגעהעצט די ניט-אידישע באַפעלקערונג אויף דער אידישער, און עס האָבן זיך דאָרט אומעטום אָנגעהויבן בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן. די סיריער און די גריכן זענען אוודאי געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס זיי קענען ראַבעווען און הרגענען אונטערן שוץ פון רוים און מיט דער ברכה פונעם פּראָקוראַטאָר, און זיי האָבן אין די אַלע שטעט, וואו זיי זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל, געמאַכט שרעקלעכע שחיטות, און די שרעקלעכסטע שחיטה האָבן זיי געמאַכט אין קיסריה, אין דער שטאָט ,וואו דער פּראָקוראַטאָר האָט געוואוינט.

אין קיסריה אַליין, דערציילט יוסיפוס פלאַוויוס, האָבן די גריכן אויסגעשאָכטן צוואַנציק טויזנט אידן. און די, וואָס מ'האָט ניט אויסגעקוילעט אין יענעם שרעקלעכן טאָג, האָט מען, אויף פלאָרוסעס באַפעל, געשמידט אין קייטן און אויף שיפן זיי אַוועקגעשיקט אין וויטע ערטער אויף צוואַנג-אַרבעט פאַר דער רוימישער אימפּעריע. די אַלע גאַסן וואו די אידן האָבן געוואוינט, האָט מען חרוב געמאַכט, און אַלץ וואָס די אידן האָבן געהאַט האָבן די רוצחים צוגענומען. אַפילו אויף פרויען און

קליינע קינדער האָט מען זיך ניט דערבאַרעמט. מ׳האָט די גאַנצע שטאָט פאַרפלייצט מיט בלוט.

דאָס איז געווען געסיוס פלאָרוסעס נקמה אין די אידן פאַר דעם נצחון פון די קנאים אין ירושלים.

און ווען די אידן איבערן לאַנד האָבן דערהערט וועגן דער בלוטיקער שחיטה אויף זייערע ברידער אין קיסריה און אין די אַנדערע שטעט, האָבן זיך הונדערטער און טויזנטער פון זיי גלייך אָנגעשלאָסן אָן די מחנות, וואָס די ק נ א י ם האָבן אויף שנעל צונויפגעשטעלט, יעדער מחנה איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער פירערשאַפט פון אָן עלטסטן, און דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן איבערפאַלן אויף די שטעט און דערפער, וואָס זענען געווען באַזעצט פון סירער און גריכן און האָבן אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי, און איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך צווישן דער געמישטער באַפעלקערונג צעפלאַקערט אַזאַ קריג, אַז קיינער האָט אין ערגעץ מיטן לעבן ניט געקענט זיין זיכער און אומעטום איז די מורא שטענדיק געהאַנגען איבערן קאָפּ.

עס איז צווישן יענע שטעט ניט געווען קיין איינע, וואו עס זאָל זיך יעדן טאָג ניט גיסן קיין בלוט. גריכן האָבן געקוילעט אידן, און אידן האָבן געשאָכטן גריכן, און אַפילו ווען עס איז אַמאָל אויף אַ קורצער צייט געוואָרן שטיל און מ׳האָט זיך ניט געקוילעט איינע די אַנדערע, האָט מען אויך ניט געקענט זיין רואיק, ווייל יעדערער פון די קריגערישע צדדים איז געווען אין דער מורא, אַז אָט-אָט וועלן די אַנדערע מאַכן אָן אָנפאַל. די מורא איז געווען גרוים ביי טאָג און נאָך גרעסער איז זי געווען ביי נאַכט. מענטשן האָבן מורא געהאַט צו גיין שלאָפן, און מ׳האָט אויף די וועגן און אויף די דעכער געשטעלט וועכטער. און ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז אפילו אין אַזעלכע שטעט וואו אַלע אידן זענען שוין געווען אויסגעהרגעט, האָבן די גריכן און די סירער נאָך אַלץ ניט געקענט זיין רואיק, ווייל חוץ דעם וואָס זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די אידישע מחנות וואָס קומען אָן פון ווייט און פאַלן אָן, האָבן זיי אויך מורא געהאַט פאַר יענע גריכן און סירער, וואָס האָבן דעם אידישן גלויבן אָנגענומען און וואָס זענען שוין מער ניט געווען קיין געצנדינער. און אַזעלכע זענען אין יענער צייט אומעטום געווען אַ סך. באַזונדערס גרוים איז געווען זייער צאָל צווישן די פרויען. און עס זענען געווען פאַלן, ווען די מענער

האָבן זיך געהיט פאַר זייערע ווייבער, ווען זיי האָבן זיך געקליבן מאַכן אַן אָנפאַל אויף אידן.

„אַלע שטעט, דערציילט פלאַוויוס, זענען געווען פול מיט טויטע קערפּערס וואָס קיינער האָט ניט באַגראָבן. עס האָבן זיך געוואַלגערט טויטע זקנים און קליינע קינדער און אויך פרויען, וואָס זענען געלעגן נאַקעט ווי אינעם טאָג פון זייער געבאָרן".

דער היסטאָריקער דערציילט אויך, אַז אומעטום האָט זיך אין יענער צייט געטראָגן אַ יאָמער און אַ קלאָג, און אַז נאָך שרעקלעכער פון די רציחות, וואָס זענען פאָרגעקומען יעדן טאָג, איז געווען די שרעק פון די קלאַנגען וועגן דעם, וואָס ס'וועט ערשט שפּעטער פאָרקומען.

אין די אַלע שטעט וואו די גריכיש־סירישע באַפעלקערונג איז געווען גרויס, איז אידיש בלוט געוואָרן הפקר, און מ'האָט זיך דאָרט געאיילט אויסצוהרגענען די אידן איידער ס'קומען די מחנות פון די ק נ א י ם. אין א ש ק ל ו ן האָט מען אויסגעהרגעט צ ו ו י י ט ו י ז נ ט מ י ט פ י נ ף ה ו נ ד ע ר ט אידן. אין ע כ ו זענען געפאַלן צ ו ו י י ט ו י ז נ ט אידן; אין צ ו ר און ס ו ס י ת א און אין ג ד ר איז די צאָל פון די אידישע קרבנות אויך געווען זייער גרויס, און די וואָס זענען ניט אומגעקומען פון דער שווערד האָט מען געשמידט אין קייטן און זיי פאַרשיקט אויף שווערער אַרבעט. און ווייל ניט אומעטום האָבן די אידן זיך געקענט פאַרלאָזן אַז די מחנות פון די ק נ א י ם וועלן קומען אין צייט זיי צו העלפן, איז אין אייניקע שטעט די מהומה געוואָרן אַזוי גרויס, אַז אידן האָבן פאַר מורא זיך אָפּגעזאָגט פון זייער גלויבן, און עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען אידן זענען אינאיינעם מיט די גריכן און די סירער אַרויסגעגאַנגען מיט שווערדן אין די הענט פאַרטרייבן די מחנות פון די קנאים וואָס זענען געקומען זיי צו באַשיצן. מיט דעם האָבן זיי געוואָלט ווייזן, אַז זיי האַלטן ניט מיט די וואָס זענען אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן רוים. מיט דעם האָבן זיי זיך געוואָלט אָפּזונדערן פון דער רעוואָלוציע וואָס די קנאים האָבן געפירט.

און דער שרעקלעכסטער פאַל איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט ב י ת ש א ן. דאָרטן איז געווען אַ גרויסע אידישע באַפעלקערונג. אָבער די צאָל פון די גריכן איז געווען נאָך גרעסער, און ווען מ'האָט דערהערט, אַז ס'קומט אָן אַ גרויסע מחנה פון

ק נ א י ם , האָבן די גריכן אָפּגעמאַכט מיט זייערע אידישע שכנים, אַז זיי זאָלן צוזאַמען אַרויס קעגן דער מחנה פון די קנאים און זיי פאַרטרייבן פון די טויערן פון דער שטאָט. זיי האָבן זיי איינגערעדט, אַז בלויז דערמיט וועלן זיי אַלעמען באַווייזן, אַז זיי האַלטן ניט מיט יענע, און דאַן וועט זיין שלום און זייער לעבן צווישן די ניט-אידישע שכנים וועט זיין געזיכערט; און די אידן האָבן זיי געגלויבט און זענען אינאיינעם מיט זיי אַרויס זיך שלאָגן מיט זייערע אייגענע ברידער, און צווישן די, וואָס האָבן זיך אין די שלאַכטן מער ווי אַלע אַנדערע אויסגעצייכנט, איז געווען איינער זייער אַ העלדישער יונגערמאַן מיטן נאָמען ש אָ ו ל ב ן שמ ע ו ן ; ער האָט אויסגעהרגעט זייער אַ סך פון די קנאים וואָס האָבן די שטאָט בית-שאָן באַלאַגערט, און די גריכן האָבן אים שטאַרק געלויבט דערפאַר. און נאָך דעם ווי די מחנה פון די קנאים איז שוין געווען פאַרטריבן, האָבן די גריכן איינגערעדט דעם יונגן שאָול בן שמעון, אַז ער זאָל אינאיינעם מיט אַלע אידן פון בית-שאָן אַוועק אין וואַלד און פון דאָרט אַכטונג געבן אויף אַלע וועגן צי עס קומט ניט אָן נאָך אַ מחנה פון קנאים, און שאָול בן שמעון האָט געפאָלגט און איז מיט אַלע אידן אַוועק אין וואַלד.

די אידן פון בית-שאָן האָבן קיין שלעכטס ניט חושד געווען. און ביינאַכט, ווען זיי זענען אַלע אין וואַלד געשלאָפן, זענען די גריכן פון דער שטאָט אָנגעפאַלן אויף זיי און האָבן אויסגעשאָכטן ד ר ײ צ ן ט ו י ז נ ט א י ד ן.

איבער דער פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט די מהומה און די שרעק געמאַכט נאָך גרעסער, האָבן די אידן זיך ניט געקאָנט שטעלן אַנטקעגן, און מ'האָט זיי דעריבער אויסגעקוילעט אַזוי ווי די שאָף. דער גאַנצער וואַלד איז געוואָרן פול מיט דעם קלאַנג פון די שווערדן און מיט די יאָמערלעכע געשרייען פון צעשראָקענע און פאַרצווייפלטע מענטשן. און אין דעם טומל האָט זיך אָפּגע-שפּילט איינע פון די שרעקלעכסטע סצענעס, פון וואָס דאָס בלוט אין די אָדערן קען פאַרגליווערט ווערן.

ווען דער יונגער שאָול בן שמעון האָט געזען ווי די גריכן האָבן אים און זיינע ברידער פאַרראַטן, ווען ער האָט דערזען מיט וואָס פאַר אַ רציחה זיי שעכטן די זעלבע מענטשן, וועלכע האָבן זיך ערשט ניט לאַנג צוריק אינאיינעם מיט זיי געשלאָגן אויפן שלאַכט-פעלד, איז ער געוואָרן שרעקלעך צעמישט און אויסשרייענ-דיק אויפן קול: „איינוואוינער פון בית־שאָן, מיר האָבן פאַרדינט די

שטראָף, וואָס מ׳גיט אונדז!״, האָט ער ביי די האָר געגעבן אַ שלעפּ צו זיך זיין אַלטן פֿאָטער און האָט אים מיטן שווערד דערהרגעט; אויך צו דער מוטער האָט ער דאָס זעלבע געטאָן; נאָך דעם האָט ער דער־הרגעט זיין ווייב און זיינע קינדער. און ווען זיי זענען שוין אַלע געווען טויט, האָט ער זיך אַליין אויך אַריינגעשטאָכן די שווערד אין האַרצן און איז אויך געבליבן ליגן טויט לעבן זיי.

דאָס איז מיט בלוט פֿאַרשריבן אויף די בלעטער פון אונדזער געשיכטע.

איידער פֿאַלן פון דער שווערד פון אַזעלכע פֿאַררעטער, האָט ער בעסער די גאַנצע משפחה און אויך זיך אַליין דערהרגעט!

שולדיק אין די אַלע שחיטות אזי געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס. ער האָט זיי צוגעגרייט נאָך דעם ווי ער האָט פון ירושלים געמוזט אַפּטרעטן. ער האָט די גריכן און די סיריער מיט געווער באַזאָרגט; ער האָט זיי זיין ברכה געגעבן, ער האָט זיי געהייסן דאָס טאָן, און דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם אויסגעפּרואוווטן מיטל: ער האָט איינגערעדט דער ניט־אידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, אַז אידן זע־נען אַ וועלט־מאַכט; זיי האָבן אין אַלע לענדער גרויסע גבירים וואָס שטיצן זיי, און זייער צוועק איז צו באַהערשן דעם גאַנצן מזרח און אויסראָטן אַלע אַנדערע פעלקער, די געצנדינער, וואָס נעמען ניט אָן דעם גלויבן אינעם גאָט יהוה.

דער פּראָקוראַטאָר פלאָרוס האָט זיך באַנוצט מיט דעם זעלבן מיטל, וואָס שונאי־ישראל און פינצטערע כוחות באַנוצן נאָך ביז היינטיקן טאָג. באַקעמפנדיק אַ רעוואָלוציע, וואָס איז אין תוך געווען ניט נאָר קעגן אַ פרעמדער מאַכט, נאָר אויך קעגן דער מאַכט פון די אייגענע רייכע לייט און גרויסע לאַנד־באַזיצער, האָט ער אָנגעוויזן אויף די אידישע גבירים אין לאַנד און אויך אויף די וואָס האָבן געוואוינט אין אַנדערע לענדער, אַז זיי שטיצן די רעוואָ־לוציע מיט געלט און אַז דער צוועק פון דעם איז צו באַהערשן די וועלט.

***

אויך אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע וואָס אין מצרים, איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע שחיטה אויף אידן, און אַ היפּשן חלק אין דעם האָט געהאַט דער איד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, וועמען מיר האָבן שוין פריער עטלעכע מאָל דערמאָנט.

צווישן די גריכן און די אידן פון דער שטאָט אַלעקסאַנדריע איז קיין מאָל קיין גרויסער שלום ניט געווען. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס נאָך אינעם פערטן יאָרהונדערט וואָס פ א ר ן געבורט פון כריסטוסן, ווען אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר מ ו ק ד ו ן האָט די אידן דאָרט געגעבן גלייכע רעכט, כדי זיי צו געווינען אויף זיין זייט אין דער מלחמה קעגן מצרים; די יורשים וואָס זענען געקומען נאָך אים, האָבן אויך באַהאַנדלט די אידן גוט און זיי געגעבן אַלע מעגלעכקייטן אָפּצוהיטן די דינים פון דער תורה און זיך ניט אויסמישן מיט אַנדערע פעלקער. *) שפּעטער, ווען די רוימער האָבן איינגענומען מצרים און דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ טייל פון דער רוימישער אימפּעריע, האָבן זיי דאָרט אָפּגעהיט די רעכט פון די אידן; די צעזאַרס פון רוים, יוליוס, אויגוסטוס און טיבעריוס זענען אין דעם פּרט טיילווייז אין די זעלבע וועגן געגאַנגען; ערשט אונטער ק אַ ל י ג ו ל אַ ן , אין די יאָרן פון 37 ביז 41 פונעם ערשטן יאָרהונדערט נ אָ כ ן געבורט פון כריסטוסן, איז די לאַגע פון די אידן אין אַלעקסאַנדריע געוואָרן ערגער. שפּעטער, אַדאַנק די באַמיאונגען פון אַ ג ר י פּ אַ ד ע ם ע ר ש ט ן , איז די לאַגע דאָרט געוואָרן אַ ביסל בעסער; אָבער אַפילו אין די בעסטע צייטן האָט מען ניט געקאָנט זיין אינגאַנצן זיכער מיט דעם וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען; די באַציאונגען צווישן די גריכן און די אידן אין אַלעקסאַנדריע זענען שטענדיק געווען שטאַרק אָנגעצויגן; עס איז דאָרט אַלע מאָל געווען אַ באָדן פאַר בייזוויליקע העצעס, און מיט דעם האָבן זיך די שונאי־ישראל דאָרטן אויך באַנוצט אין די צייטן ווען געסיוס פלאָרוס האָט אין יהודה אָנגעהעצט די גריכן אויף די אידן.

אַלץ האָט געשטאַמט פון איין קוואַל. און דער פאַקט איז דער, וואָס אין די טיילן פון די מזרח־לענדער, וואָס זענען ניט געווען אונטערגעוואָרפן דער רוימישער מאַכט, זענען קיין פּאָגראָמען אויף אידן דעמאָלט ניט פאָרגעקומען.

די אידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן געוואוסט וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ ישראל; זיי האָבן זיך גענוג אָנגעהערט וועגן די מעשים פון דעם פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס און ווייל זיי

*) גאָר אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן דעם קען דער לעזער געפינען אין פּראָפעסאָר אַביגדור טשעריקאָווערס אויסערגעווייגלעך אינטערעסאַנטן בוך, „היהודים והיונים בתקופה ההלניסטית”.

זענען שוין געווען געניט און האבן פון דערפארונג געוואוסט ווי אזוי נגישות אויף אידן ווארפן זיך אריבער פון איין ארט אין אנדערן, האבן זיי שוין דא אויך אין דער לופט דערשמעקט, אז עפעס ווערט דא אויך צוגעגרייט. זיי האבן דאס געקאנט פילן פון דעם וואס די גריכן הויבן שוין ווידער אן ארויסקומען מיט טענות פאר וואס די אידן אין אלעקסאנדריע האבן ספעציעלע רעכט, און פון דעם וואס זיי הויבן שוין ווידער אן מאכן בלבולים, פונקט ווי אין די צייטן פון די ווילדע צוררי היהודים א פ י א ן, ל א מ־פ ו ן און א י ס י ד א ר ו ס.

די אידן אין אלעקסאנדריע זענען געווען אויף דער וואך. און איין מאל ווען די גריכן פון שטאט האבן אין סטאדיאן צונויפגערופן א גרויסע פארזאמלונג, וואו זיי האבן געשאטן פעך און שוועבל אויף די אידישע בירגער, האט מען מיט אמאל דערזען, אז צווישן די פארזאמלטע געפינען זיך אויך עטלעכע אידן.

די אידן וואס זענען צו יענער פארזאמלונג געקומען זענען געווים גארניט אויסן געווען דערמיט; זיי האבן גלאט געוואלט הערן ווי די שונאים זייערע בילן. א נייגעריקייט, וואס מ'קען ניט בייי־שטיין אויך היינטיקע צייטן. און אפשר איז דאס געווען די אומ־רואיקייט וואס האט יענע עטלעכע אידן אהין, צו יענער גרויסער פארזאמלונג אין אלעקסאנדריע, געטריבן. אבער ווען די גריכן האבן זיי דערזען, האבן זיי דערפון א גרויסן טומל געמאכט; זיי האבן אנגעהויבן שרייען, אז די אידן זענען אהער געקומען אויס־שפירן, אז זיי זענען שפיאנען, און באלד האט מען זיך אויף זיי ארויפגעווארפן און זיי אנגעהויבן שלאגן; צעשראקענע זענען די עטלעכע אידן קוים מיטן לעבן אנטלאפן, אבער דריי פון זיי האט מען געכאפט, און באלד איז צעלייגט געווארן א פייער אין דרויסן און מ'איז שוין געווען גרייט זיי צו פארברענען לעבעדיקערהייט; די דריי אידן האבן זיך געראנגלט, געשריען מיט באנומענע קולות; ס'איז געווארן א געלאף; אומעטום האט מען זיך געשטופט און געשטויסן, אומעטום האבן זיך הענט און צונויפגעביילטע פויסטן געהויבן. און ווען די אידן אין שטאט האבן דערהערט וואס ס'טוט זיך ביים סטאדיאן, זענען זיי אין די הונדערטער און טויזנטער אוועק אהין און זענען געווען גרייט ארויסצעווייזן א ווידערשטאנד, אבער דאן איז געשען אזוינס, אויף וואס קיינער פון די אידן אין אלעקסאנדריע האט זיך פריער ניט גערעכט.

דער רוימישער ל ע ג א ט, אדער בעסער געזאגט, דער רוימישער ש נ י ל מ ל ך פון מצרים, איז דאן געווען דער איד ט י ב ע ר י ו ס א ל ע ק ס א נ ד ע ר, א פלימעניק פון דעם גרויסן אידישן דענקער און געלערנטן פ י ל ו ן ה א ל כ ס נ ד ־ ר ו נ י, וועלכער איז שוין דאן געווען טויט. און ווען טיבעריוס אלעקסאנדער האט דערהערט וואס עס קומט פאר ביים סטאדיאן, איז ער גלייך געקומען צולויפן אהין מיט א גרויסער מחנה פון באוואפנטע רוימישע זעלנער איינצושטעלן ארדענונג.

אין די ערשטע קוואלן פון דער אידישער געשיכטע אין יענער צייט ווערט אנגעגעבן, אז טיבעריוס אלעקסאנדער האט געברכט צום סטאדיאן צ ו ו י י רוימישע לעגיאנען, און דאס מיינט אן ערך פון א צ ו ו ע ל ף ט ו י ז נ ט זעלנער, ווייל א רוימישער לעגיאן איז אין יענער צייט באשטאנען פון א זעקס טויזנט מאן. צו זיי האט ער געבראכט נאך פ י נ ף ט ו י ז נ ט באוואפנטע לייט( אין איין קוואל ווערט די צאל אנגעגעבן צ ו ו י י ט ו י ז נ ט ), אזוי אז ארום און ארום איז ער געקומען מיט אן ארמיי, וואס איז באשטאנען פון ניט ווייניקער ווי פ ע ר צ ן ט ו י ז נ ט מ א ן. און פון דעם אליין קען מען דרינגען, אז ער איז געקומען ניט בלויז „איינשטעלן ארדענונג", נאר עפעס מער ווי דאס.

אויפן באפעל פון טיבעריוס אלעקסאנדער האבן די באוואפנטע רוימישע זעלנער צעטריבן די אידן. אבער ער האט זיך מיט דעם ניט באנוגנט. ער האט נאך דעם ארויסגעגעבן א באפעל, אז די באוואפנטע רוימישע זעלנער זאלן אריין אין דעם אידישן שטאט־פערטל, וואס מ'האט גערופן „דלתא" (דעלטא) און זאלן דארט הרגענען מענטשן און צינדן הייזער און טאן אלץ וואס זייער הארץ גלוסט. די אידן האבן זיך געשטעלט אקעגן. א סך פון זיי זענען געווען באוואפנט און האבן ארויסגעוויזן א שטארקן ווידערשטאנד. זיי האבן זיך געשלאגן ווי גבורים, און עטלעכע מאל האט זיך זיי איינגעגעבן צו צווינגען די רוימישע זעלנער זיך צוריקצוציען. אבער באלד זענען יענע ווידער אנגעלאפן און די שלאכט האט זיך נאך שטארקער צעפלאקערט; אלע הייזער ארום און ארום האבן געברענט; צעשראקענע פרויען, מיט קינדער אויף די הענט, זענען געלאפן זיך ראטעווען, אבער אלע וועגן זענען פאר זיי געווען פארשטעלט; הרוגים און גוססדיקע האבן זיך געוואלגערט אין די גאסן אומעטום, און אין יענעם טאג זענען אויסגעהרגעט געווארן

ע ט ל ע כ ע  ט ו י ז נ ט  אידן און צווישן די קרבנות זענען געווען א סך פרויען און קליינע קינדער.

לויט פלאוויוס זענען אין יענער שחיטה אין אלעקסאנדריע אומגעקומען  פ ו פ צ י ק  ט ו י ז נ ט  אידן. און ער, דער היסטאריקער, וואס איז געווען א פריינד פון טיבעריוס אלעקסאנ־דער און וואס האט אין זיינע ווערק שוין אביסל צו פיל זיך אנ־געשטרענגט אים ארויסצושטעלן אין א שיין ליכט, דערציילט, אז נאך דעם האט טיבעריוס אלעקסאנדער זיך אויף די אידן „דער־בארעמט" און ארויסגעגעבן א באפעל צו די זעלנער, אז ס'זאל שוין זיין גענוג; די רוימישע זעלנער, שרייבט ער, וועלכע האבן געווייגלעך געפאלגט, האבן זיך „צום באפעל צוגעהערט". אבער דער המון פון אלעקסאנדריע „האט זיך ניט געקאנט בארואיקן" און מען האט זיי קוים מיט געוואלד אפגעריסן פון די טויטע קער־פערס". אזוי דערציילט פלאוויוס אין זיין ווערק „תולדות מלחמות היהודים" (ספר ב, פרק י"ח, ח.). און פון דעם קען מען זען, אז אין דער שרעקלעכער שחיטה אויף די אידן אין אלעקסאנדריע זענען די רוימישע זעלנער און דער גריכישער המון געווען גליי־כע שותפים. און דער הויפט שולדיקער אין דעם איז געווען דער אפטריניקער איד, דער ערשטער משומד טיבעריוס אלעקסאנדער. ער האט דאס אוודאי געטאן, כדי דערמיט זיך אויסצעפיינען פאר דער רוימישער מאכט.

***

אויך אין דער שטאט  ד מ ש ק  האבן די גריכן אויסגע־הרגעט אין איין טאג  צ ע ן  ט ו י ז נ ט  אידן. די לייט, וואס דער פראקוראטאר געסיוס פלארוס האט אהין געשיקט, האבן זיי צוגערעדט דאס צו טאן. און די גריכן פון דער שטאט זענען געווען אפגעהיט און האבן וועגן דעם פריער ניט גערעדט אפילו מיט זייע־רע אייגענע ווייבער און שוועסטער, ווייל די מערסטע גריכישע יונגע פרויען פון יענער שטאט זענען איבערגעגאנגען צום אידישן גלויבן, און מ'האט שוין דערפאר אויף זיי אויך געקוקט מיט חשד.

אומעטום זענען דאן פארגעקומען שחיטות. וואו די האנט פון געסיוס פלארוס האט נאר געקענט גרייכן די אידן, האט ער אין זיי גענומען נקמה פאר דעם נצחון פון די קנאים אין ירושלים. אבער אינאיינעם מיט דעם פייער, וואס דער רוימישער פראקוראטאר האט אנגעצונדן אפצעווישן דאס אידישע פאלק פון דער ערד, איז

אויך געוואקסן די באוועגונג פון די קנאים, און אפילו מעסיקע האבן זיך אן זייערע רייען אנגעשלאסן. און די קנאים האבן זיך באוואפנט. די קנאים האבן זיך באפעסטיקט וואו זיי האבן נאר געקאנט. און זיי זענען געווען גרייט מיטן לעבן צו באשיצן די פרייהייט פון זייער פאלק און די זעלבסטשטענדיקייט פון זייער לאנד.

און ווען געסיוס פלארוס האט געזען, אז ער קען די אידן ניט בייקומען און אז דאס פייער פונעם אויפשטאנד פארשפרייט זיך אלץ ווייטער, האט ער זיך געווענדט צו ק ע ס ט י ו ס ג א לוס, דעם רוימישן לעגאט פון סיריען, אז ער זאל אים קומען צו הילף. און קעסטיוס גאלוס האט צונויפגענומען אן ארמיי פון דרייסיק טויזנט מאן און איז געקומען קיין יהודה אונטערדריקן דעם אויפשטאנד. אויך דער אידישער קעניג אגריפא האט אים צוגעשטעלט דריי טויזנט מאן פון זיינע חיילות און צוגעזאגט אים צו העלפן מיט אלץ וואס ער וועט נאר קענען. און דער רוימישער לעגאט, וועלכער איז געווען א געניטער קריגספירער, איז געווען זיכער, אז ס'וועט אים ניט אנקומען שווער דעם אידישן אויפשטאנד צו אונטערדריקן. אבער עס האט לאנג ניט געדויערט און ער האט איינגעזען, אז ער האט אין דעם געהאט א גרויסן טעות.

בלויז אין אנפאנג האט ער אויפן וועג אין ערגעץ קיין ווידערשטאנד ניט באגעגנט, און ער האט געצונדן שטעט, פארברענט דערפער און אויסגעהרגעט אומשולדיקע מענטשן, וועלכע האבן זיך גארנישט געשטעלט אקעגן. אבער ווען ער איז צו די טויערן פון ירושלים צוגעקומען, האט ער זיך אנגעשטויסן אן א שטארקן ווידערשטאנד, אויף וועלכן ער האט זיך אינגאנצן ניט גערעכנט.

דעם ערשטן אנגריף אויף דער שטאט האט קעסטיוס גאלוס געמאכט שבת, ווייל ער האט געמיינט, אז שבת וועלן זיך די אידן ניט שלאגן, כדי דעם הייליקן טאג ניט צו פארשוועכן. אבער די קנאים אין ירושלים זענען אין דעם געגאנגען אין די וועגן פון די חשמונאים, ווען זיי האבן מלחמה געהאלטן מיט די מחנות פון אנטיוכוס עפיפאנעס; דער הייליקער טאג איז פאר זיי נישט געווען קיין שטערונג אין דעם גרויסן קאמף פאר פרייהייט, און זיי האבן פון זיי אויסגעהרגעט פינף הונדערט מאן. נאך דעם זענען פארגעקומען נאך צוזאמענשטויסן, אין וועלכע די אידן האבן ארויסגעוויזן גרויס העלדישקייט, און קעסטיוס גאלוס איז געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען מיט זיין ארמיי קיין בית-חורן. ער

האָט געמיינט, אַז דאָרט וועט זיין זיכערער און ער וועט באַלד מיט פרישע כוחות קענען מאַכן אַ נייעם אָנגריף, אָבער דאָרט איז שמעון בר גיורא, וועלכער האָט זיך נאָך פריער געהאַט אויסגעצייכנט אין אַ סך אַנדערע שלאַכטן, אָנגעפאַלן אויף אים פון הינטן מיט אַ גרויסער מחנה פון קנאים און האָט געמאַכט אַ חורבן אין זיינע רייען. די קנאים פון שמעון בר גיורא האָבן אויסגעהרגעט אַ סך פון די רוימער און צוגענומען ביי זיי דאָס געווער און די פּאַנצערס און פּאַריאַגט די איבעריקע נאָך ווייטער, און ווען זיי האָבן זיך נאָך דעם אומגעקערט צוריק קיין ירושלים מיט אַזאַ גרויסן נצחון, האָט דאָס פאָלק זיי באַגעגנט מיט גרויס פרייד און מיט אַ שאַלן פון שופרות און טרומפּייטן.

עס איז ממש געווען צו באַוואונדערן ווי די אידן האָבן זיך אין אַזאַ קורצער צייט אויסגעלערנט צו פירן מלחמה ניט בלויז ווי בונטאַרן, נאָר ווי געניטע קריגסלייט, און מיט אַזאַ גוט־דיסציפּלינירטער אַרמיי ווי די רוימער האָבן געהאַט. אין די רייען פון די קנאים זענען ווי איבערנאַכט אויסגעוואַקסן גוטע קריגס־פירער, וועלכע זענען אין דעם פרט ניט אָפּגעשטאַנען פון די רוימישע, און אין אַ געווויסן זין קען מען זאָגן, זענען זיי געשטאַנען נאָך העכער פון די רוימישע קריגספירער ווייל זיי האָבן געהאַט מער פייער, מער ברען, און זיי האָבן געוואוסט אַז זיי שלאָגן זיך פאַר אַ גרויסער זאַך — פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק און פון זייער לאַנד.

די רייכע לייט אין ירושלים זענען ניט געווען צופרידן פון דעם וואָס די קנאים האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן נצחון; זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס וועט די רוימער נאָך מער צערייצן און דאַן וועט זיך דאָס פייער פון מלחמה נאָך מער צעברענען און דער סוף וועט זיין, אַז די אידן וועלן פאַרלירן; זיי האָבן ניט געגלויבט אין די כוחות פונעם פאָלק, און איינער פון זייערע פירער, חנן בן יונתן, האָט שטילערהייט געאַרבעט, אַז מען זאָל שיקן שליחים צו קעסטיוס גאַלוס און אים איבערבעטן און אים צוזאָגן, אַז ווען ער וועט זיך אומקערן צוריק מיט זיינע חיילות, וועט מען פאַר אים עפענען די טויערן פון דער שטאָט. און ווען קעסטיוס גאַלוס האָט דערהערט, אַז ער האָט אין ירושלים מענטשן, וואָס זענען מיט אים אין איין בונד, איז ער מיט זיינע חיילות געקומען צוריק, אָבער די קנאים האָבן אויסגעפונען דעם סוד פון די פאַר־רעטער און האָבן זיי אַרויפגעשלעפּט אויף די ווענט פון דער פעס־

טונג און זיי פון דארט ארונטערגעשליידערט, אז די רוימער זאָלן זען וואָס מ'טוט אין ירושלים מיט די לייט, וואָס זענען מיט זיי אין איין בונד. און דאַן האָט קעסטיוס גאַלוס ווידער געפּרואווט שטורעמען די ערשטע פעסטונג, אָבער די קנאים, אונטער דער פירערשאַפט פון אליעזר בן חנניהו, האָבן אים צוריקגעשטויסן. אין איין וואָך צייט האָבן די רוימער פינף מאָל די פעסטונג געשטורעמט, אָבער די קנאים האָבן זיי צוריקגעשטויסן און אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי. און ווען קעסטיוס גאַלוס האָט געזען, אַז זיין לאַגע ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ ערגער און ערגער און אַז באַלד וועלן זיך אָנהויבן די רעגנדיקע טעג, האָט ער זיך מיט זיינע חיילות אינגאַנצן צוריקגעצויגן.

דאַן האָט די מלחמה פון די אידן מיט די רוימער אָנגענומען אַ נייע ווענדונג; די קנאים האָבן זיך שוין מער ניט בלויז באַשיצט, נאָר זיי זענען אָנגעפאַלן; זיי האָבן די רוימער נאָכגעיאָגט, זיי פאַרטריבן אויף די שמאָלע וועגן וואָס האָבן זיך געשניטן צווישן די שפּיציקע פעלדזן; הונדערטער און טויזנטער אידן, אַלע גוט באַוואָפנטע און זייער מוטיקע יונגע לייט, האָבן פון די בערג געהאַגלט מיט פיילן און מיט שטיינער אויף די רוימישע חיילות, וואָס האָבן זיך אונטער דער שווערער משא פון זייערע פאַנצערס און געווער איבער די שמאָלע וועגן געשלעפּט. און דאַן האָט קעסטיוס גאַלוס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די זעלנער זאָלן פון זיך אַרונטערוואַרפן די פאַנצערס און די אַנדערע שווערע משאות, כדי עס זאָל זיי זיין לייכטער צו אַנטלויפן; וואָס אַ מאָל איז די מהומה צווישן די רוימישע חיילות געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער; די אידן האָבן זיי אויפן גאַנצן וועג קיין רו ניט געגעבן, און אַרום און אַרום האָבן די רוימער אין יענער שלאַכט פאַרלאָרן מער ווי זעקס טויזנט מאַן. די איבעריקע זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן, און קעסטיוס גאַלוס אַליין איז אויך אַנטלאָפן.

עס איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין די שלאַכטן קעגן די חיילות פון קעסטיוס גאַלוס האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט צוויי פון די נאָענטע קרובים פונעם קעניג פון אדיעבען, וועלכער האָט נאָך מיט אַ צייט פריער דעם אידישן גלויבן אָנגענומען. זייערע נעמען זענען געווען: מונבאַז און קענעדיוס. אויך שילה הבבלי און ניגעיר פון עבר־הירדן האָבן זיך אין יענע שלאַכטן שטאַרק אויסגעצייכנט. אָבער דעם

גרעסטן טייל אין דעם האָבן געהאַט די צוויי גבורים, אליעזר בן חנניהו און שמעון בר־גיורא. דער ערשטער איז געווען דער פירער פון די מעסיקע קנאים, און דער צווייטער איז געווען דער פירער פון די עקסטרעמע קנאים.

אין יענער צייט זענען ביידע פליגלען, סיי די רעכטע און סיי די לינקע, נאָך געווען פאַראייניקט. און ווען די אידישע חיילות האָבן זיך ווידער צוריק אומגעקערט קיין ירושלים מיט א גרויסן נצחון, איז די פרייד געווען נאָך גרעסער ווי פריער. עס איז פשוט געווען ניט צו גלויבן, אַז אין א האַלב יאָר צייט זאָל דאָס פאָלק ווייזן אַזאַ וואונדער און אינגאַנצן ארויסטרייבן די רוימער פון לאַנד. אין אַלע גאַסן פון דער הייליקער שטאָט האָט זיך געהערט דאָס שאַלן פון שופרות און טרומפּייטן, און קיינער פון די וואָס האָבן פריער געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף איינגיין אויף פשרות מיט רוים, האָט ניט געוואַגט דאָס מויל צו עפענען. א סך פון די רייכע לייט, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון דער רוימישער מאַכט, זענען פון ירושלים אַנטלאָפן, און צווישן זיי זענען אויך געווען די קרובים פונעם קעניג אַגריפּאַ, די צוויי ברידער שאול און קאָסטאָבאַר; זיי זענען שטילערהייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט קעסטיוס גאַלוס, און אויף זיין עצה האָבן זיי לפנים געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי האַלטן מיט די קנאים, אָבער ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וואָס ס׳האָט זיך זיי נאָר געמאַכט, האָבן זיי זיך ארויסגעכאַפּט פון ירושלים און זענען געקומען קיין רוים צום קייזער נירון און אים דערציילט א געשיכטע, אַז דאָס איז א מרידה בלויז פונעם פשוטן המון, פונעם ערב־רב און אַז די „בעסערע פונעם פאָלק״ זענען אויף דער זייט פון דער רוימישער מאַכט. און ס׳איז אויך וויכטיק דאָ צו דערמאָנען, אַז צווישן די וואָס זענען אין יענער צייט אַוועק פון ירושלים, ווייל זיי זענען געווען קעגן דעם אידישן קאַמף פאַר פרייהייט, זענען אויך געווען יענע אידן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז דער געקרייציקטער ישו הנוצרי (יעזוס כריס־טוס) איז געווען דער אמתער משיח.

די ערשטע קריסטן, וועלכע זענען געקומען פון אידן, האָבן זיך אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט ניט געוואָלט באַטייליקן!

און געשען איז דאָס אינעם 8טן טאָג פונעם חודש מרחשון (נאָוועמבער), אינעם 66סטן יאָר פון ערשטן יאָרהונדערט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די קריסטלעכע סעק־טע, וואָס איז ארויסגעקומען פון אידן, האָט זיך אַזוי שאַרף אָפּגעזונ־

דערט פון די אייגענע ברידער. און מ׳קען זאָגן, אַז די האַנדלונג פון די ערשטע תלמידים פון דעם נוצרי האָט, אָן צווייפל, געהאָלפן מאַכן נאָך גרעסער דעם רים אין די רייען פונעם אידישן פאָלק. און דערצו האָט דאָס נאָך געשטערט דער גרויסער באַוועגונג, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען צווישן די אַנדערע פעלקער אָנצונעמען דעם אידישן גלויבן און די אידישע מאָראַל. יענע באַוועגונג האָט געמוזט אַוועק אין אַ נייער ריכטונג, ווייל מ׳האָט אויף די תלמידים פון ישו הנוצרי געקוקט ווי אויף אַ נייער שטרעמונג אין אידנטום, פאַר קיין באַזונדער רעליגיע האָט מען עס נאָך ניט געהאַלטן, און ווייל מ׳האָט זיך אין דעם ניט פונאַנדערגעקליבן, איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז אַנשטאָט אָנצונעמען דאָס עכטע, האָט מען אָנ־גענומען דאָס נאָכגעמאַכטע.

די ערשטע קריסטן האָבן מיט זייער האַנדלונג נאָכן גרויסן נצחון איבער די חיילות פון קעסטיוס גאַלוס געהאָלפן אין דעם, אַז די מאַכט פון פויסט זאָל באַזיגן דעם גייסט פון רעכט — רוים זאָל בייקומען ירושלים.

דאָס קען מען זען קלאָר ווען מ׳שטודירט גרינטלעך די געשיכטע פון יענער צייט.

# קאַפּיטל צען

## ר׳ אליעזר בן חנניהו, רבן שמעון בן גמליאל
## און יוסיפוס פלאַוויוס

נאָך די גרויסע שחיטות אין אַזוי פיל שטעט און נאָך דעם ווי די ערשטע תלמידים פון ישו הנוצרי האָבן זיך אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט אָפּגעזונדערט פונעם אידישן פאָלק, זענען די אידן געקומען צום שלום, אַז זיי מוזן זיך אַרומרינגלען מיט אַן אייזערנער וואַנט — ניט נאָר מיליטעריש, נאָר אויך גייסטיק. און דאַן זענען איינגעפירט געוואָרן די „גזירות פון די אַכטצן זאַכן״, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער גמרא.

כדי זיך צו באַוואָרענען פון אונטערגאַנג באַלד און אויך אין דער צוקונפט, האָט מען נאָך שטאַרקער געמאַכט די פאַרבאָטן וואָס האָבן אָפּגעהיט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך ניט אויסמישן מיט די אַנדערע פעלקער; מ׳האָט נאָך שטרענגער געמאַכט די תקנות וואָס זענען געווען איינגעפירט פון פריער, און אַ פעסטער פאַרבאָט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן „אויף זייער ברויט, אויף זייער בוימל, אויף זייער וויין, אויף זייער שפראַך, אויף זייערע עדות, אויף זייערע זין, אויף זייערע טעכטער״, און נאָך און נאָך.

דעם גרעסטן חלק אין דעם, וואָס די דאָזיקע „גזירות פון די אַכטצן זאַכן״ זענען איינגעפירט געוואָרן, האָט געהאַט אליעזר בן חנניהו, דער פירער פון די קנאים. אַזוי איז די מיינונג פון דעם היסטאָריקער גרעטץ. אַנדערע געלערנטע אָבער, און צווישן זיי אויך אייזיק הירש ווייס, דער מחבר פון „דור דור ודורשיו״, שטימען מיט אים ניט איין אין דעם. *) אָבער דאָס קער זיך ניט אָן מיט אונדזער ענין; וויכטיק איז ניט ווער ס׳האָט די דאָזיקע גזירות איינגעפירט, נאָר דער פאַקט, אַז זיי זענען איינגעפירט געוואָרן, און אַז אינעם אידישן לעבן פון יענער צייט האָבן זיי געהאַט ניט בלויז אַ רעליגיעזע באַדייטונג, נאָר אויך אַ פּאָליטישע. די אידן

*) זע „דור דור ודורשיו״, חלק ראשון, ז. 187.

האָבן איינגעזען, אַז זיי מוזן זיך אויך גייסטיק אָרומרינגלען מיט אַן אייזערנער וואַנט, וואָס זאָל זיין נאָך שטאַרקער ווי די פריער־דיקע, ווייל די גאַנצע וועלט איז אויפגעשטאַנען זיי צו פאַרטיליקן, און ווייל אַ טייל פון זייערע אייגענע ברידער, די תלמידים פון דעם געקרייציקטן אידן ישו פון נצרת האָבן אַריינגעטראָגן אַזאַ צע־מישעניש, אַז עס האָט אָנגעהויבן ווערן שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם וואָס ס'איז די עכטע אידישע מאָראַל און וואָס איז די נאָכגעמאַכטע.

אליעזר בן חנניהו האָט אין יענער צייט געטאָן נאָך אַ סך זאַכן צו שטאַרקן דעם גלויבן ביים פאָלק, אים אונטערצוגעבן מוט און אויפוועקן די האָפענונג, אַז די גרעסטע שונאי־ישראל אין דער וועלט וועלן קיין מאָל ניט קענען בייקומען דאָס אידישע פאָלק און אָפּמעקן זייער געדעכעניש פונעם פנים פון דער ערד; ער האָט געזאַמלט די אַלע געשיכטעס וועגן דער העלדישקייט פון די חשמונאים אין די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וואָס זענען גע־ווען צעשפּרייט און צעוואָרפן צווישן פאָלק, און צונויפגעשטעלט פון זיי דעם ספר „מגילת בית חשמונאים"; ער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך באַקענען מיט זיין געשיכטע פון אַמאָל, און זאָל די העלדישקייט פון יענע גבורים נעמען ווי אַ מוסטער פאַר זיך; ער האָט אויך אַריינגעטראָגן אַ סדר אין די הייליקע שריפטן און אָפּגעטיילט די, וואָס זענען באַקאַנט אַלס „כתבי הקודש" פון די, וואָס מיר רופן איצט אָן „ספרים חיצונים", און ס'איז זייער מעגלעך, אַז ווען ער וואָלט ווייטער געווען געהאַלטן די מאַכט אין זיינע הענט, וואָלטן די שפּעטערדיקע געשעענישן גאָר אינגאַנצן אָן אַנ־דער ווענדונג אָנגענומען און ס'וואָלט אפשר ניט געקומען צו דעם, וואָס ס'איז יאָ געקומען, ווי מיר וועלן דאָס באַלד פרואוון באַווייזן.

נאָך דער גרויסער מפּלה פון קעסטיוס גאַלוס, ווען דאָס לאַנד איז אינגאַנצן אָפּגערייניקט געוואָרן פון די רוימער און דער פּראָ־קוראַטאָר געסיוס פלאָרוס איז שוין געווען פאַרטריבן, האָבן די קנאים אין ירושלים ערשט אָנגעהויבן זיך גוט באַפעסטיקן; זיי האָבן געמאַכט גאַנץ די מויערן וואָס זענען געווען צעבראָכן; זיי האָבן צונויפגעשטעלט מחנות און באַשטימט עלטסטע איבער זיי; אויסגעקליבן די פאַסיקע מענטשן ווער עס זאָל זיין אַן עלטסטער איבער צען, אַן עלטסטער איבער הונדערט און אַן עלטסטער אי־בער טויזנט, און אַלע טאָג האָט מען אויף די גאַסן פון ירושלים

געזען ווי אידישע יונגע לייט לערנען זיך צו זיין זעלנער און ווי אזוי זיך צו באנוצן מיט געווער.

דאס איז געווען נויטיק, ווייל מען האט געוואוסט, אז די רוימישע מאכט וועט אוודאי באלד שיקן נייע לעגיאנען צו אונ־טערדריקן דעם באוואפנטן אויפשטאנד אין יהודה.

און דאן האבן די געשעענישן מיט א מאל אנגענומען אזא ווענדונג, וואס האט געקענט זיין אן איבעררא‏שונג פאר אלעמען.

עס איז פלוצעם באשלאסן געווארן צונויפצורופן אין דעם הייליקן טעמפל א גרויסע פארזאמלונג פון פאלק און דארט אויס־קלייבן א שטענדיקע רעגירונג, וואס זאל פירן די מלחמה קעגן די רוימער, און אויף יענער פארזאמלונג אין דעם הייליקן טעמפל זענען די מערסטע פון די, וואס זענען אריין אין דער רעגירונג, גאר געווען מעסיקע, ניט קיין קנאים, און צווישן זיי זענען אויך גע־ווען אזעלכע, וואס זענען פריער געשטאנען מיט די, וואס האבן געהאלטן ,אז מען דארף איינגיין אויף פשרות מיט רוים.

פון דעם וואס יוסיפוס פלאוויוס דערציילט וועגן דער ענדע־רונג וואס איז פארגעקומען מיט א מאל, איז ניט קלאר ווי אזוי עס האט געקענט קומען דערצו, אז דווקא אין א צייט ווען די קנאים זענען געשטאנען אזוי הויך, דווקא דאן, ווען זיי האבן זיך געמאכט אזוי באליבט ביים פאלק אדאנק זייער גרויסן נצחון איבער די חיילות פון קעסטיוס גאלוס, זאלן זיי פארלירן אין די וואלן וואס מען האט געמאכט אין דעם הייליקן טעמפל און עס זאל אויסגעקליבן ווערן א רעגירונג, וואס באשטייט גאר מייסטנ־טייל פון מעסיקע. פלאוויוס אליין גיט ניט דערויף קיין דערקלע־רונג, און אלע היסטאריקער באדויערן דאס זייער שטארק, ווייל ווען מען שטודירט די אידישע געשיכטע, פילט מען, אז דא פעלט א רינגעלע אין דער קייט.

עס איז שווער צו דערקלערן די סיבה דערפון. אבער ווען מען נעמט אין אכט וואס פאר א מענטש אליעזר בן חנניהו איז געווען, איז פאראן א גרונט צו גלויבן, אז די וואלן אין דעם הייליקן טעמפל זענען געווען זיין וואונטש.

אליעזר בן חנניהו איז אין זיינע באציאונגען מיט אנדערע געווען זייער א מילדער מענטש אין דער נאטור, און דער בעסטער באווייז דערויף איז דער פאקט, וואס אפילו דאן ווען ער האט געהאט די גאנצע מאכט אין זיינע הענט, האט ער זיינע קעגנער ניט פארפאלגט. ער איז ניט געווען קיין מאכט־פארכאפער און

האָט ניט געהאַט קיין דיקטאַטאָרישע נייגונגען, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט מנחם בן יהודה, דעם פירער פון די סיקאַריער. ער איז אין זיינע מעשים געווען אויסגערעכנט. ער האָט שטענדיק געהאַט אַן אויג אויף דעם וואָס עס קען שפּעטער זיין, און עס איז דעריבער זייער מעגלעך, אַז ביים צוגרייטן דאָס פאָלק צו דער ערנסטער מלחמה, וואָס מען האָט זיך גערעכנט צו האָבן מיט די רוימער, האָט ער געוואָלט, אַז עס זאָל ניט הייסן, אַז דאָס לאַנד ווערט געפירט פון בונטאַרן נאָר פון אַ רעגירונג וואָס איז אויס־געקליבן געוואָרן פון פאָלק.

מעגלעך אַז ער האָט געדענקט, אַז אין די וואַלן וועט ער אַוודאי אויסגעקליבן ווערן אַלס דער הויפּט פון דער רעגירונג. און מעגלעך אַז ער האָט געדענקט, אַז פאַרן וואוילזיין פונעם פאָלק וועט איצט אפשר זיין בעסער, אַז דער הויפּט פון דער רעגירונג זאָל זיין דווקא אַזאַ מענטש, אויף וועמען די רוימישע מאַכט, מיט וועלכער עס וועט אפשר גאָר אויסקומען צו פירן אונטערהאַנדלונ־גען, קוקט ניט ווי אויף אַ ווידערשפּעניקן.

עס פעלן, ליידער, אין דער געשיכטע די נויטיקע ידיעות וועגן דעם ווי אַזוי די וואַלן זענען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן. עס שיינט אָבער, אַז זיי זענען צוגעגאַנגען אויף אַ דעמאָקראַטישן שטייגער. איין זאַך אָבער איז יאָ קלאָר, און דאָס איז, אַז די ניי־אויסדערוויילטע רעגירונג איז געווען אַ געמישטע, אַ מין קאָאַלי־ציע, ווי מען רופט דאָס אין היינטיקע צייטן, און עס זענען אין איר געווען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען, מיטן אויסנאַם פון די עקסטרעם־לינקע סיקאַריער. זיי זענען אין דער רעגירונג ניט אַריין, און מען ווייסט ניט צי זיי האָבן זיך אין איר ניט געוואָלט באַטייליקן, אָדער מען האָט זיי ניט געוואָלט אַריינגעמען.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ רעפּובליק, און אַלס פּרעזידענט איז אויסגעקליבן געוואָרן דער גרויסער געלערנטער רבן שמעון בן גמליאל, דער הויפּט־ריכטער פון דעם גרויסן סנהדרין, און דאַן, טאַקע ביי די וואַלן אין טעמפּל, האָט מען פאַר די עלף טאָפּאַרכיעס (געגנטן), וואָס דאָס לאַנד איז געווען צעטיילט אין יענע צייטן, אויסגעקליבן עלטסטע, וואָס זאָלן צוגרייטן דאָס פאָלק צו דער מלחמה קעגן די רוימער.

מיט רבן שמעון בן גמליאל האָט דאָס פאָלק געמאַכט זייער אַ גוטן אויסוואַל, ווייל פון אַלץ וואָס מען ווייסט וועגן אים, אין דער געשיכטע און אויך אין פּרקי אָבות, איז ער געווען פון די

מענטשן וואָס האָבן פיינט צו רעדן אַ סך, נאָר זיי האָבן ליב צו טאָן. ער פלעגט זאָגן: „ניט די רייד זענען דער עיקר, נאָר די מעשים, און ווער עס רעדט אַ סך, דער ברענגט זינד". ער פלעגט אויך זאָגן: „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף אמת, אויף געזעץ און אויף שלום". *)

ער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער געלערנטער, נאָר אויך אַ מענטש, וואָס האַלט, אַז מען דאַרף וואָס ווייניקער רעדן און וואָס מער טאָן. און כאָטש ער איז ניט געווען פון די היציקע קנאים, איז ער אָבער דאָך געשטאַנען פעסט פאַר אַ מלחמה קעגן רוים, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אין דעם היץ פון קאַמף פאַר פרייהייט דאַרף מען זיך ניט פאַרלירן אינגאַנצן און מען דאַרף קענען זיין רואיק און אויסגערעכנט ווען עס איז נויטיק. און אַזאַ מענטש איז אין אַזאַ צייט, אַן צווייפל, געווען דער פּאַסיקסטער צו זיין דער קאָפּ פון אַ רעגירונג, וואָס האָט געדאַרפט זיין פאַר־זיכטיק מיט יעדן שריט וואָס זי האָט געמאַכט. און דאָס פאָלק איז פון אים טאַקע געווען צופרידן, און מען האָט פאַר זיין כבוד וועגן געלאָזט אויסגיסן מטבעות מיטן אויפשריפט „שמעון נשיא ישראל", וואָס עס מיינט — שמעון, דער פּרעזידענט פון די אידן.

וועגן די אַנדערע אָבער, וואָס זענען אריין אין דער רעגירונג, קען מען ניט זאָגן דאָס זעלבע וואָס וועגן רבן שמעון בן גמליאל. מיט זיי, אָדער בעסער געזאָגט, מיט אַ גרויסן טייל פון זיי, האָט דאָס פאָלק ניט געטראָפן.

אַזאַ וויכטיקע אַרבעט ווי צוגרייטן די פאָלקס־שוץ אין ירושלים און האָבן דעם גאַנצן אויפזיכט אויף די פעסטונגען, האָט מען אי־בערגעגעבן אין די הענט פון יוסף בן גוריון און פון דעם געוועזענעם כהן גדול חנן בן חנן, וועלכער איז געווען אַ רייכער צדוקי און אַ קעגנער פון די קנאים.

דעם גרעסטן פירער פון די קנאים, אליעזר בן חנניהון, וועל־כער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכנט אין אַלץ וואָס ער האָט פריער געטאָן און וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דעם נצחון איבער די חיילות פון קעסטיוס גאַלוס — אים האָט מען אויסגעקליבן פאַר אַ ניט וויכטיקן אַמט, מען האָט אים געמאַכט פאַר דעם עלטסטן איבערן געגנט פון אדום, וואָס איז גאָר געווען ווייט פון דעם מלחמה־צענטער, און ווי עס שיינט, האָט מען דערביי

---

*) פּרקי אָבות, פּרק ראשון, י"ז, י"ח.

נאָך מורא געהאַט, אַז ער וועט ניט זיין גענוג צוריקגעהאַלטן אין זיין אַמט, און מען האָט באַשטימט אַ באַזונדער מענטשן, איינעם אַ יוסף בן ספיא, אַ מין קאַמיסאַר, וואָס זאָל אַכטונג געבן און אים האַלטן אין צוים. און דאַ דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, וואָס נאָך דעם איז אליעזר בן חנניהו אינגאַנצן פאַר־שוואונדן געוואָרן. זיין נאָמען ווערט אין דער געשיכטע מער אין גאַנצן ניט דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט די געשעענישן וואָס זע־נען פאָרגעקומען שפּעטער, און מען ווייסט ניט ביז היינטיקן טאָג וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט אין זיי געשפּילט און וואָס פאַר אַ סוף ער האָט געהאַט.

עס איז זייער מעגלעך, אַז אייניקע פון די וואָס זענען אריין אין דער נייער רעגירונג, זענען געווען פון יענע אריבערלויפער, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו די קנאים ערשט נאָך דעם גרויסן נצחון איבער די חיילות פון קעסטיוס גאַלוס. אַזעלכע זענען אין יענער צייט געווען אַ סך. און ווייל זיי זענען געווען אַנגעזעענע מענטשן, האָט דאָס פאָלק זיי געגלויבט און האָט זיי אַזעלכע וויכ־טיקע אַמטן פאַרטרויט. אָבער געטראָפן מיט זיי האָט מען ניט. עס איז געווען אַ שלעכטער אויסוואַל.

***

ערגער ווי מיט אַלע אַנדערע, וואָס זענען אין דער נייער רעגירונג אריין, האָט מען געטראָפן מיט יוסף בן מתתיהו, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן באַרימט אַלס דער היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס. אים האָט מען אויסגעקליבן פאַר דעם עלטסטן איבערן גאַנצן געגנט פון גליל, און דאָס איז געווען דער וויכטיקס־טער אַמט, וואָס מען האָט געקענט געבן אַ קריגס־פירער, ווייל אין גליל האָט מען זיך געקענט ריכטן אויף דער ערשטער אַטאַקע פון דער נייער רוימישער אַרמיי, וואָס וועט אָנקומען קיין ארץ ישראל מלחמה האַלטן מיט די אידן, און נאָר דאָרט האָט מען געקענט אָפּשטעלן דעם מאַרש אויף ירושלים. און צו דעם איז דער גליל גלאַט געווען זייער אַ וויכטיקער צענטער, און אין דער אַלטער אידישער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז עס זענען דאָרט געווען ניט ווייניקער ווי צוויי הונדערט שטעט און דערפער, און אַרום און אַרום האָט די צאָל פון דער באַפעלקערונג דאָרט דערגרייכט ביז דריי הונדערט רבואס, וואָס מיינט אַן ערך פון ד ר י י מ י ל י א ן מ ע נ ט ש ן. אַזאַ צאָל גיט פלאַוויוס אָן אין זיין ווערק „תולדות

מלחמת היהודים עם הרומאים“, און ג ר ע ט ץ נעמט אָן די דאָזיקע צאָל און ווייזט אָן אויף נאָך אַנדערע קוואַלן דאָס צו באַשטעטיקן. *)

איינגאַנצן איז י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו דעמאָלט אַלט געווען נישט מער ווי דרייסיק יאָר. ער האָט געשטאַמט פון אַ גע־הויבענעם יחוס, פון די עלטסטע פון די כהנים; ער איז געווען אַ געלערנטער, אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און טאַלאַנט; קיין קריגספירער אָבער, קיין גענעראַל, איז ער זיכער נישט געווען, ווי עס איז שפּעטער קלאָר באַוויזן געוואָרן. און עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואָס נאָך ביז היינטיקן טאָג קענען היסטאָרי־קער נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס האָט גאָר געקאָנט קומען דערצו, אַז מ׳זאָל אים איבערגעבן אַזאַ וויכטיקן מיליטערישן אַמט. סיידן מ׳זאָל דאָס דערקלערן דערמיט וואָס אין דער צייט פון אַ רעוואָ־לוציע איז דאָס אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, צו נעמען אַ יונגן מענטשן, וואָס איז דווקא נישט אַזאַ שטאַרקער בקי אין מיליטערישע ענינים און אים מאַכן פאַר אַ קריגספירער, פאַר אַ גענעראַל. אַזוי איז געווען אין די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און ס׳איז באַקאַנט דער פאַל מיט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט: ווען ער איז אַלס יונגער גענעראַל, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, גע־קומען אויפן איטאַליענישן פראָנט און געפרעגט איינעם פון די נייע קאָמאַנדירן פאַר וואָס עס פעלן האַרמאַטן, האָט אים יענער געענטפערט, אַז דאָ שיסט מען נישט מיט קיין האַרמאַטן, נאָר מיט פּאַטריאָטישע פראַזן. און אַזוי איז אויך געווען אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דער מאַנגל אין געניטע מיליטערישע פירער האָט געבראַכט דערצו, אַז מ׳זאָל נעמען יונגע לייט, וואָס זענען ווייניק בקי אין מי־ליטערישע ענינים און זיי מאַכן פאַר גענעראַלן און מאַרשאַלן. מער ווי אַלע אַנדערע האָבן זיך צו דעם צוגעשפּאַרט אַזעלכע, וואָס זענען געווען בריות צו שיסן מיט פּאַטריאָטישע פראַזן. און ס׳איז גאָר קיין צווייפל נישט, אַז י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו איז געווען אַ גרויסער בריה אויף דעם, און דאָס איז אַוודאי געווען איינע פון די אורזאַכן פאַרוואָס מ׳האָט אים אַזאַ וויכטיקן אַמט פאַרטרויט. צו דעם האָט אים נאָך אַרויסגעהאָלפן דאָס וואָס דער כהן גדול י ה ו ש ע ב ן ג מ ל א האָט פאַרזיכערט, אַז

*) דברי ימי ישראל, צווייטער טייל, קאַפּ. 4. ז. 97.

ער איז דער פּאַסיקסטער מענטש פאַר אַזאַ וויכטיקן און פאַראַנט־וואָרטלעכן אַמט.

עס איז די מיינונג פון דעם פראַנצויזיש־אידישן היסטאָריקער סאַלוואַדאָר, אַז יוסף בן מתתיהו האָט אַליין שטאַרק גע־אַרבעט דערפאַר, אַז מ׳זאָל אים מאַכן פאַרן קריגספירער אין גליל, כדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרראַטן זיין אייגן פאָלק און לאָזן פריי פאַר די רוימער דעם וועג קיין ירושלים. אָבער אַזאַ מיינונג איז נישט באַגרינדעט, ווייל ווען מ׳שטודירט גרינטלעך די פאַקטן און מ׳שאַצט אָפּ ריכטיק די ווערק וואָס יוסף בן מתתיהו האָט געשריבן שפּעטער, ווען ער האָט שוין געטראָגן דעם נאָמען יוסיפוס פלאַוויוס, איז קלאָר אַז ער איז אין גרונט קיין פאַררעטער נישט געווען.

„מיר צווייפלען אין דעם, צי יוסיפוס איז טאַקע געווען אַ פאַר־רעטער און אַז ער האָט אַלעס פון פריער צוגעגרייט מיט אַ כיוון" — שרייבט דער אַמעריקאַנער־אידישער היסטאָריקער, ד"ר מאָריס דזש. ראַפאַל, וועלכער שאַנעוועט אים גראָד נישט. *) אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט שטייט אויך ד"ר י. נ. שמחוני, דער העברעאישער איבערזעצער פון פלאַוויוסעס ווערק. אויך ד"ר יוסף קלויזנער, קלמן שולמאַן, ד"ר מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און אַנדערע שטייען אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט. און אַפילו פּראָפ. גרעטץ, וועלכער שרייבט וועגן די קנאים מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער וואַרעמקייט, האַלט נישט פלאַוויוסן פאַר קיין פאַררעטער.

אויב דער הויכער אַמט פון אַ קריגספירער אין גליל, וואָס מ׳האָט געגעבן יוסף בן מתתיהו אויף יענער גרויסער פאַרזאַמלונג אינעם הייליקן טעמפּל, איז געווען אַן אומגליק פאַרן אידישן פאָלק — און אין דעם קען קיינער נישט צווייפלען — איז דאָס אָבער פאַר אים אַליין אויך געווען אַ גרויסער אומגליק.

ער איז געווען אַ קרבן פון די אומשטענדן וואָס זענען גע־שאַפן געוואָרן אין יענער אומרואיקער צייט — אומשטענדן, וואָס האָבן מיט געוואַלד אַריינגעשטויסן מענטשן נישט אַהין וואו זיי האָבן זיך געפּאַסט.

---

*) ד"ר מאָריס דזש. ראַפאַל „די נאָכביבלישע געשיכטע פון די אידן" (ענגליש). באַנד 2, ז. 419.

יוסף בן מתתיהו איז געווען אַ געלערנטער, אַ שרייבער. מ'קען אויך זאָגן — אַ קינסטלער. ער איז געווען דאָס, וואָס מ'רופט אָן היינטיקע צייטן אַ „קאַבינעט־מענטש“, און אין דער זעלבער צייט האָט ער, ווי אַ קינסטלער, ליב געהאַט דאָס לעבן און איז געווען אַ ביסל צופיל פאַרטאָן אין זיך.

קיין פעסטע אויסגעהאַלטענע מיינונגען וועגן די גרויסע געשעענישן אין לאַנד האָט ער געוויס ניט געהאַט; ער איז בכלל געווען פון די, וואָס נעמען אויף זאַכן מיטן הארץ מער ווי מיטן קאָפּ. דאָס קען מען זען פון דעם וואָס ער איז פריער געווען מיט די פרושים, נאָך דעם מיט די איסיים, און שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו די קנאים; ווי די מערסטע קינסטלערישע נאַטורן וואָס מיינען דווקא גוט און וואָס בלאָנקען זיך אַרום ווי פאַרלאָרענע אין אומרואיקע צייטן, איז ער אויך געווען אַן איבערלויפער, און אַלע מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז אַן אַנדער גרופּע, אַן אַנדער פּאַרטיי, טוט גראַד דאָס וואָס ער וויל אַז מ'זאָל איצט טאָן. אין רואיקע צייטן וואָלט אַזאַ מענטש געוויס אָן שוועריקייטן זיך צוגעשטויסן צו זיין באַרוף און ער וואָלט מיט זיין טאַלאַנט און מיט זיינע פעאיקייטן אוודאי געבראַכט גרויסע נוצן ניט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך אַנדערע. אָבער איבער דעם וואָס די צייטן זענען געווען זייער ניט קיין רואיקע און דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט אי אַ קריג, אי אַ בירגער־קריג, אי אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין איין און דער זעלבער צייט, איז דער מענטש אַריינגעשטויסן געוואָרן ניט אַהין וואו ער האָט זיך געפּאַסט. און ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַזאַ קנויל, אַז ביים אַרויספּלאָנטערן זיך, האָט ער געמוזט טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אין עצם אים אַליין אויך ניט געווען צום הארצן און וואָס ער וואָלט אין רואיקע צייטן אוודאי ניט געטאָן.

יוסף בן מתתיהו איז געווען צופיל פאַרליבט אין זיך, ווי עס איז געוויינלעך דער שטייגער פון קינסטלער וואָס גלויבן שטאַרק אין זיך, און דאָס אַליין האָט אים געשטערט צו זיין פון יענע קריגספירער, וועלכע קענען ניט בלויז שיקן אַנדערע אויפן שלאַכטפעלד, נאָר אויך אַליין פאַלן ווי אַ העלד. דער טויט פון אַ גיבור אין דער מלחמה האָט אים נישט גערייצט; ער האָט צופיל ליב געהאַט דאָס לעבן, אַז ער זאָל אַפילו אין אַזאַ העלדישן טויט זען גרויסקייט, און זיין טראַגעדיע און אויך די טראַגעדיע פונעם פאָלק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אים, דעם מענטשן

וואָס האָט געקענט ש ר י י בן געשיכטע, האָט אָן אומרואיקע צייט אריינגעשטויסן מיט געוואלד אין אַזאַ לאַגע אַז ער זאָל גאָר דאַרפן ש אַ פ ן געשיכטע.

אָבער צו דעם וועלן מיר זיך נאָך דאַרפן אומקערן שפּעטער, ווען מיר וועלן צוקומען צו דער ראָלע, וואָס יוסף בן מתתיהו האָט געשפּילט און ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעפירט אין די צייטן ווען ער איז געווען דער קריגספירער אין גליל און געפירט דאָס פאָלק אין דער מלחמה קעגן די רוימער.



אַ רוימישע סטאַטוע פון מירמל־שטיין, וואָס שטאַמט נאָך פונעם ערשטן יאָרהונדערט. לויט דער מיינונג פון דעם פאָרשער ד״ר עיסלער איז דאָס אַ סטאַטוע פון דעם אידישן היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו), כאָטש געוויינלעך איז אָנגענומען צו מאָלן פלאַוויוסן מיט אַ באָרד.

# קאַפּיטל עלף

## יוחנן פון גוש־חלב און זיין חשד אַז פלאַוויוס איז אַ פאַררעטער

דער אויפשטאַנד אין יהודה האָט אָנגעהויבן צו צעטרייסלען די זיילן פון דער רוימישער אימפּעריע. וואָרעם ווען די פעלקער פון די אַנדערע לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן שויץ פון רוים, די גערמאַנער, די בריטאַניער און אויך די שפּאַניער, האָבן דערהערט וועגן דעם, האָבן זיי אויך געפּרואווט נאָכטאָן דעם זעלבן ביישפּיל און אומעטום האָט מען אין דער לופט אָנגעהויבן פילן דאָס אָנקומען פון נייע, זייער וויכטיקע געשעענישן, וואָס וועלן אוודאי ברענגען אַן איבערקערעניש ניט נאָר אין די לענדער פונעם מזרח, נאָר אויך אין די לענדער פונעם מערב. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די רעוואָלוציע אין יהודה זאָל זיך אַריבער־וואַרפן אין די אַנדערע לענדער און אינגאַנצן צעברעכן די מאַכט פון רוים.

און אין אַזאַ צייט איז נ י ר ו ן ק י ס ר, דער הערשער פון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע, געווען זייער שטאַרק פאַר־נומען מיט זיין „טאַלאַנט" אַלס אַקטיאָר; ער האָט געפּראָוועט שטיק פון אַ ליץ און איז אויפגעטראָטן אויף דער בינע אַלס אַקטיאָר און אַלס זינגער, און ס'איז געווען אַ מורא אים צו זאָגן אַז ער איז אַ ליץ, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קינסטלער, און ווער ס'האָט מיט אים ניט איינגעשטימט איז מיטן לעבן ניט געווען זיכער.

עס איז שוין ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ ווילדער מענטש וואָס קען זיינע ליידנשאַפטן ניט איינצוימען, איז אויפן טראָן פון דער רוימישער אימפּעריע געזעסן. עס זענען פריער אויך געווען פון דעם מין; אָבער קיינער פון די פריערדיקע האָט זיך צו נירון קיסר ניט געקענט פאַרגלייכן אין ווילדקייט און צעד־לאָזנקייט; ער האָט אַריינגעטראָגן שטיפערישקייט אין זיין אכזריות;

ער האָט אָפן חתונה געהאַט מיט אַ אינגל און געלעבט מיט אים ווי מאַן און ווייב; ער האָט אָן אַ שיעור מענטשן באַשטראָפט מיטן טויט פאַר די מינדסטע קלייניקייטן, פאַר די נישטיקסטע נאַריש־קייטן, און דערביי האָט ער זיך געחכמהט, אַז דאָס איז ביי אים אַזאַ הייל־מיטל זיי אויסצוקורירן פון חסרונות וואָס זיי דאַרפן ניט האָבן; ער האָט אומגעבראַכט די אייגענע מאַמע, דערהרגעט די אייגענע ווייב, פאַרשיקט הונדערטער און טויזנטער מענטשן אויף די וויטע אינדזלען; און וויפל ער האָט ניט געטאָן, איז אים אַלץ געווען ווייניק און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט טאָן נאָך און נאָך, ווייל עס איז גאָר נישטאָ קיין שיעור און קיין ערך צו דעם וואָס אַ געקרוינטער הערשער קען טאָן, און מ׳קען זאָגן, אַז אין די פערצן יאָר וואָס ער איז אויפן טראָן געזעסן — פונעם יאָר 54 ביזן יאָר 68 — האָט די רוימישע אימפּעריע געהאַט איבער זיך אַ לץ וואָס האָט הנאה און קוועלט אָן פון דעם, וואָס ער טאַנצט אין אַ טייך בלוט און שפּרינגט אויף די טויטע קערפּערס פון מענטשן.

ווען נירון־קיסר האָט דערהערט וועגן דעם גרויסן אויפשטאַנד אין יהודה, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס איז פאַרשוואונדן געוואָרן און דער לעגאַט קעסטיוס גאַלוס איז שוין טויט, איז ער שטאַרק צעטומלט געוואָרן; עס האָט אים פריער פון אַלץ פאַרדראָסן פאַר וואָס מ׳צעשטערט אים די שמחה, ווייל גראָד דאַן איז ער געווען צוגאַסט ביי די גריכן און ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן זיי צו ווייזן, אַז ער איז דער גרעסטער אַקטיאָר, דער בעסטער זינגער, אַז קיינער קען ניט שפּילן אויפן פידל אַזוי גוט ווי ער, און קיינער קען זיך צו אים נישט פאַרגלייכן אַלס אַנטרייבער פון פערד אין אַ געיעג פון רייטוועגן.

זיך פונאַנדערקלייבן אין די אורזאַכן פון דעם אויפשטאַנד האָט ער נישט געקענט און נישט געהאַלטן פאַר נויטיק; דערויף איז ער געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך אַלס „קינסטלער" און כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט אומזיסט אויף „נאַרישקייטן", האָט ער אויסגעקליבן דעם אַלטן קריגספירער פלאַוויוס אַספּאַסיאַנוס, ער זאָל שוין אָוועק קיין יהודה מיט אַ גרויסער אַרמיי און דאָרט אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די אידן.

די באַציאונגען צווישן נירון־קיסר און אַספּאַסיאַנוסן זענען דווקא ניט געווען קיין גוטע; דער קיסר האָט דעם אַלטן גענעראַל ניט ליב געהאַט. אָבער אַספּאַסיאַנוס האָט געהאַט אַ נאָמען פון

א זייער גוטן קריגספירער; ער איז געווען דער באזיגער פון די ג ע ר מ א נ ע ר און אויך פון די ב ר י ט א נ י ע ר , און ס'איז דערפאר געפאלן דער גורל אויף אים, אז ער זאל גיין מלחמה האלטן מיט די אידן.

אספאסיאנוס האט זיך געריכט אויף א שווערן קאמף און ער האט צונויפגעשטעלט אן ארמיי פון ז ע כ צ י ק ט ו י ז נ ט מאן, פוסגייער און רייטער. אויך זיין זון ט י ט ו ס , וועלכער איז דאן אינגאנצן אלט געווען זיבן און צוואנציק יאר, האט ער קיין יהודה מיטגענומען, ווייל כאטש ער איז נאך געווען אזוי יונג, האט ער שוין דאך געהאט א נאמען פון א גרויסן העלד און א געוואגטן קריגספירער.

דאס איז געווען אינעם ווינטער פונעם יאר 67, וואס לויט דער קריסטלעכער ציטרעכענונג, און די ערשטע שטאט, וואו אספאסיא־נוס און ט י ט ו ס און די אנדערע עלטסטע פון דער רוימישער ארמיי האבן זיך אפגעשטעלט, איז געווען ע כ ו , אדער פ ט א ל ע מ א ו ס , ווי די גריכן און די רוימער האבן זי גערופן, און וואס שטייט ביים ברעג פונעם מיטל-לענדישן ים. פון דארט האט זיך געדארפט אנהויבן דער מארש אויף גליל, וואו יוסף בן מתתיהו איז געווען דער עלטסטער פון די אידישע חיילות.

קלאנגען האבן זיך אין יענער צייט ארומגעטראגן, אז דער אידישער קעניג אגריפא (דער צווייטער) האלט שטילערהייט מיט די קנאים און ער שטיצט זיי. און כדי צו באווייזן, אז די קלאנגען האבן ניט קיין גרונט, איז אגריפא געקומען קיין ע כ ו אפגעבן כבוד דעם אלטן גענעראל, וואס נירון-קיסר האט געשיקט מלחמה צו האלטן מיט די אידן. ער האט צו אים אויך געבראכט עטלעכע טויזנט מאן פון זיינע חיילות צו העלפן די רוימער אין דער מלחמה קעגן זיין אייגן פאלק.

אגריפא האט קיין עכו אויך מיטגענומען זיין שוועסטער ב ע ר ע נ י ק א , וועלכע האט געהאט די גאנצע דעה אין זיין מלוכה, ווי ס'ווערט דערציילט אין דער אלטער אידישער געשיכטע און אויך אין די „מעשים פון די אפאסטאלן“. אן איר האט דער קעניג קיין מאל ניט געטאן קיין זאך וואס האט געהאט א וויכ־טיקע באדייטונג אין זיינע אויגן. זי איז געווען אן אויסערגעוויינ־לעך שיינע פרוי און אויך זייער א קלוגע, און ווען טיטוס האט זי נאר דערזען, האט ער זיך גלייך פארליבט אין איר, כאטש ער איז שוין דאן געווען פארהייראט, און פון דאן אן האט זיך צווישן די צוויי

אַנגעהויבן אַ הייסע ליבע, וואָס האָט זיך געצויגן אין די אַלע יאָרן, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען די גרויסע מלחמה צווישן די רוימער און די אידן; דער זעלבער מענטש, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש און דערטרונקען אין טייכן בלוט דעם גרויסן קאַמף פאַר פרייהייט וואָס די אידן האָבן געפירט, איז די גאַנצע צייט געווען פאַרליבט ביז משוגעת אין אַ אידישער טאָכטער, די שוועסטער פונעם אידישן קעניג, און אויך נאָכן חורבן האָט די ליבע אָנגעהאַלטן יאָרן.

ב ע ר ע נ י ק אַ איז שוין ניט געווען זייער יונג ווען זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל מיט טיטוסן געטראָפן. זי איז שוין דאַן אַלט געווען אַכט און דרייסיק יאָר — דאָס ניין און דרייסיקסטע, און ער איז געווען מיט אַ עלף-צוועלף יאָר אינגער פון איר. אָבער דער גרויסער אונטערשייד אין יאָרן האָט אים דאָך ניט געשטערט צו זיין אין איר אַזוי שטאַרק פאַרליבט. זי האָט אים מיט איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט באַצויבערט, און זי האָט אין זיך געהאַט אַזאַ רייץ, וואָס זייער ווייניק פרויען פאַרמאָגן. דערצו איז זי נאָך, ווי ס'שיינט, בכלל געווען פון די פרויען וואָס ווייסן דעם סוד ווי אַזוי צו פאַרכשופן און ווי אַזוי אָנצוהאַלטן די ליבע פון אַ מאַן; זי איז געווען אַ פרוי מיט דערפאַרונג אין דעם פרט, און נאָך איידער זי האָט מיט טיטוסן די ליבע פאַרפירט, האָט זי געהאַט אַנדערע ליבעס און איז שוין צוויי מאָל געווען פאַרהייראַט און ביידע מאָל צו געקרוינטע קעניגן. דער ערשטער מאַן אירער איז געווען הורדוס, דער קעניג פון כאַלקיס, וועלכער האָט איר אויך אַנגעקערט אַ פעטער; דער צווייטער מאַן אירער איז געווען פּילימאָן, דער קעניג פון קיליקיה, און ער האָט צוליב איר דעם אידישן גלויבן אָנגענומען, אָבער זי האָט אים נאָך דעם דאָך אוועקגעוואָרפן, און קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אַז איר אייגענער ברודער, דער קעניג אַגריפּאַ, איז אין איר פאַרליבט און אַז ער לעבט מיט איר ווי מאַן און ווייב . . .

אין אַלגעמיין האָט בערעניקאַ מיט איר אויפפירונג ניט געקענט פאַרשאַפן קיין כבוד דעם אידישן פאָלק. זי איז אויך ניט געווען קיין כבוד פאַרן אַנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, אַ ג ר י פּ אַ ד ע ר ע ר ש ט ע ר , וועלכער איז געווען זייער באַליבט ביים פאָלק, ווען ער איז אויפן טראָן געזעסן.

***

אין דער צייט ווען אספאסיאנוס און טיטוס האָבן אין עכו צוגעגרייט אַלץ אַנצוהויבן דעם אַנפאַל אויף גליל, האָט יוסף בן מתתיהו אויך צוגעגרייט אַלץ ארויסצעווייזן אַ ווידערשטאַנד קעגן די רוימער. אָבער פון דעם וואָס ער אַליין דערציילט וועגן דעם מיט גרוים פאַרנעם, קען מען זען, אַז אין דער אמתן האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס עס הייסט מיליטערישע צוגרייטונגען; ער האָט, קענטיק, געמיינט, אַז מיט שכל און קלוגע איינפאַלן קען אַ שוואַכע ארמיי באַזיגן די שטאַרקסטע, און אַנשטאָט צוצוגרייטן זיינע חיילות אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך קענען ניט בלויז באַשיצן, נאָר אויך אָנפאַלן אויפן שונא און אים טרייבן צוריק, האָט ער צוגעטראַכט פאַרשיידנ־ערליי המצאות ווי אַזוי דעם שונא אָפּצונאַרן.

ווי ס'איז געוויינלעך דער שטייגער פון די מענטשן וואָס זענען שטאַרק פאַרגלויבט אין זיך, האָט ער מיט קיינעם קיין עצה זיך ניט געוואָלט האַלטן, ביי קיינעם גאָר ניט געוואָלט פרעגן, און אַוועקגעשיקט צוריק קיין ירושלים די צוויי כהנים, יועזר און יהודה, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אויפצופּאַסן אויף אים און אויף דעם וואָס ער טוט.

ער האָט ניט געוואָלט האָבן קיין אויפזעער איבער זיך, ווי די אַנדערע קריגספירער, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אין די עלף טאָפּאַרכיעס (געגנטן) פונעם לאַנד. ער האָט אַליין גע־וואָלט זיין דער פולער הערשער, כדי ער זאָל זיך נאָך דעם קענען איבערנעמען, אַז ער האָט אַלץ אַליין געטאָן.

אַנשטאָט צו זען, אַז זיינע מחנות זאָלן זיין גוט באַוואָפנט און געלערנט צו קריג, האָט ער גאָר אין זינען געהאַט זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן אים, ווי אַ קריגספירער גאָרניט געדאַרפט אָנגיין; ער האָט אין גליל געשאַפן אַ נייעם סנהדרין פון זיבעציק ריכטער, און צו דעם האָט ער אין יעדער שטאָט נאָך געגרינדעט אַ געריכט פון זיבן, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט קלענערע און נישט וויכטיקע משפטים, און זיין באַפעל איז געווען, אַז ווען ס'וועט זיך האַנדלען וועגן אַ גרויסן פאַרברעכן, פאַר וואָס מ'באַשטראָפט געוויינלעך מיטן טויט, זאָל מען דעם אָנגעקלאָגטן שיקן צו אים.

דאָס האָט אינגאַנצן ניט געדאַרפט אַריינגיין אין זיין רשות; עס איז ניט געווען נויטיק צו שאַפן אין גליל אַ נייעם סנהדרין פון זיבעציק ריכטער ווייל אַזאַ סנהדרין איז דאָך געווען אין ירושלים און דער עלטסטער פון די ריכטער איז געווען רבן

ש מ ע ו ן  ב ן  ג מ ל י א ל , דער פּרעזידענט פון דער ניי־געגרינדעטער רעפּובליק.

די היסטאָריקער וואָס זענען שלעכטס אין אַלץ וואָס  י ו ס ף  ב ן  מ ת ת י ה ו  האָט געטאָן אין יענער צייט, ווילן אין דעם אויך זען אַ באַווייז, אַז זיין כוונה איז געווען אָפּצערייסן גליל פון דער צענטראַלער רעגירונג אין ירושלים. אָבער דאָס לייגט זיך אַבסאָלוט ניט אויפן שכל, ווען מ׳נעמט אין אַכט אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן, און דער עיקר — די עקשנות און דעם מוט וואָס ער האָט דאָך אַרויסגעוויזן ביים פאַרטיידיקן די שטאָט  י ו ד פ ת  ווען די רוימער האָבן זי באַלאַגערט. אַ מענטש, וואָס האָט זיך געקענט האַלטן אַזוי פעסט אַזאַ לאַנגע צייט, איז זיכער נ י ט  קיין פאַררעטער, און אויב ער האָט אין גליל געגרינדעט אַ סנהדרין פון זיבעציק און קלענערע געריכטן פון זיבן, און זיך אַליין געשטעלט איבער אַלץ און אַלעמען, איז דאָס געווים ניט געווען צוליב דעם, אַז ער זאָל דעם געגנט קענען אָפּרייסן פון דער צענטראַלער רעגירונג, נאָר פּשוט צוליב דעם וואָס ער האָט זיך גלאַט געוואָלט מאַכן נאָך וויכטיקער ווי ער איז געווען. ער האָט געהאַט אַזאַ נאַטור. און ער אַליין זאָגט, אַז געטאָן האָט ער דאָס, ווייל ער האָט „געזוכט צו געפינען חן אין די אויגן פון אַלע איינוואוינער, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז דורך דעם וועט זיך אים איינגעבן צו טאָן אַ סך גוטס, אויב אַפילו ער וועט מאַכן פעלערן אין אַנדערע זאַכן״.

ער האָט געוואָלט זיין גרוים אויף אַ געביט וואָס איז אים געווען פרעמד און וואָס ער האָט זייער ווייניק פאַרשטאַנען, און כאָטש ער אַליין דערציילט אַז ער האָט צוגעגרייט די פעסטונגען, איז דאָך קלאָר, אַז די גאַנצע אַרבעט זיינע אַרום דעם, איז געווען מער טומל ווי אַרבעט, און דאָס קען מען זען פון דעם וואָס בלויז די שטאָט  י ו ד פ ת , וואו די פעסטונג איז סיי ווי געווען אַ שטאַרקע, האָט אַ לאַנגע צייט געקענט ביישטיין די אַטאַקעס פונעם שונא.

אויך זיין צוגרייטן די חיילות צו קריג האָט קיין גרויסע ווערט ניט געהאַט, און פון דעם אַליין וואָס ער דערציילט וועגן דעם אין זיינע ווערק מיט ניט ווייניק באַרימערייַ קען מען זען אַז דער גרעסטער טייל פון זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַר זיינע זעלנער געהאַלטן דרשות.

ארום און ארום קומט ארויס קלאר, אז יוסף בן מתתיהו איז געווען א גוטער שרייבער, אבער זייער א שלעכ־טער גענעראל. און ער האט דאס באוויזן מיט אלץ וואס ער האט געטאן אין גליל ביים צוגרייטן די אידישע חיילות צו דער מלחמה קעגן די ארמייען פון אספאסיאנוס און טיטוס.

חוץ דעם איז יוסף בן מתתיהו ניט געווען אויסגעהאלטן אין זיין שטעלונג צו די צוויי פארטייען וואס זענען געווען אין גליל, די קנאים און די מעסיקע; מ'האט קיין מאל ניט געקענט וויסן מיט וועמען ער האלט; אט האט זיך געדוכט אז ער שטייט אויף דער זייט פון די קנאים, וועלכע זענען גרייט זיך צו שלאגן ביזן לעצטן טראפן בלוט קעגן די רוימער, און אט איז ער שוין געווען אויף דער זייט פון די מעסיקע, וואס האבן געהאלטן אז מ'דארף איינגיין אויף פשרות מיטן שונא. ער האט זיך גע־פלאנטערט צווישן די צוויי צדדים, און קיין צד איז מיט אים קיין מאל ניט געווען אינגאנצן זיכער. אט איז ער געווען מיט די ארעמע און אט איז ער געווען מיט די רייכע.

און ווייל ניט־זיכערקייט מוז אין אזא אומרואקיער צייט ארויסרופן א חשד, איז דעריבער געווען ניט מער ווי נאטירלעך, אז אין גליל זאלן זיך געפינען אזעלכע מענטשן, וואס זאלן אויף יוסף בן מתתיהו אנהויבן קוקן קרום. און צווישן די וואס האבן אים מער ווי אלע אנדערע חושד געווען, איז געווען יוחנן פון דער שטאט גוש־חלב. אים איז גלייך איינגעפאלן, אז ס'איז נישט אנדערש נאר דער עלטסטער פון די חיילות איז א פאררעטער.

אנדערש האט יוחנן מגוש־חלב אויף אים ניט געקענט קוקן. אנדערש האט ער זיינע מעשים ניט געקענט פאר־שטיין, ווייל ער אליין איז געווען א מענטש פון פאלק, און אינעם קאמף פאר פרייהייט אזוי ער געווען א פארברענטער קנאי, כאטש ער איז געשטאנען ווייט פון די סיקאריער. ער האט געוואוסט מיט וועמען ער שטייט און פאר וועמען ער האלט. אזא זאך ווי ווארפן זיך אהער און אהין איז אים געווען פרעמד און פריקרע.

נאך גרעסער איז דער חשד געווארן ווען עטלעכע יונגע קנאים וואס האבן די וועגן באוואכט, זענען לעבן עמק יזרעאל אנגעפאלן אויף תלמין, דעם באגלויבטן מענטשן פונעם קעניג אגריפא און זיין שוועסטער בערעניקא, און האבן צוגענומען ביי אים א סך טייערע

צירונג און הונדערט גילדענע רענדלעך, וואָס מ'האָט אים געגעבן אָריבערצופירן ערגעץ. די יונגע קנאים האָבן דאָס געלט און די צירונג געבראַכט צו יוסף בן מתתיהו, ער זאָל דאָס באַנוצן אויף צו באַוואָפּענען די חיילות און פאַרשטאַרקן די מויערן פון די פעסטונגען. אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט איינרייסן מיט זיינע אַמאָליקע פריינד אַגריפּאַ און בערעניקאַ, וועלכע זענען איצט געווען אינעם לאַגער פונעם שונא. חוץ דעם האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ רויבעריי, און אַנשטאָט צו באַנוצן דאָס געלט אויף צו באַוואָפּענען די חיילות, האָט ער עס גאָר איבערגעגעבן אין די הענט פון איינעם זייער אַ רייכן מאַן, וועלכער איז געווען אַ פריינד פונעם קעניג אַגריפּאַ און זיין שוועסטער בערעניקאַ, און קלאַנגען האָבן זיך גלייך פאַרשפּרייט, אַז יוסף בן מתתיהו האָט בדעה דאָס געלט אָפּצוגעבן צוריק.

דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן קעגן אים, און ביי יוחנן פון גוש-חלב איז שוין דער מינדסטער צווייפל ניט געווען אַז יוסף בן מתתיהו איז אַ פאַררעטער. ער האָט שטאַרק געהעצט קעגן אים; ער האָט אַלעמען באַוויזן, אַז דער עלטסטער פון די אידישע חיילות אין גליל איז אַן אומגליק פאַרן פאָלק און אַז איבער אים וועט מען פאַרלירן די מלחמה קעגן די רוימער, און דאַן האָבן זיך גאַנצע שטעט אָנגעהויבן אַרומרייסן צווישן זיך; עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון יוסף בן מתתיהו און זיי האָבן געטענהט, אַז פון דעם וואָס ער האָט געטאָן, קען מען נאָך ניט דרינגען אַז ער איז אַ פאַררעטער, עס באַווייזט בלויז אַז ער איז קעגן רויבערייען. און ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון יוחנן מגוש-חלב און זיי זענען געווען גרייט צו כאַפּן דעם עלטסטן פון די חיילות אין גליל און אים פאַרברענען לעבעדיקערהייט.

און ווען יוסף בן מתתיהו, דער געלערנטער, וואָס איז איבער אומשטענדן מיט אַ מאָל געוואָרן אַ פאָלקספירער און אַ גענעראַל, האָט דערזען אַז זיין לעבן איז אין גרויס סכנה, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, און כדי זיך אַרויסצעדרייען פון דער סכנה, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט ליגנס און שווינדלערישע איינפאַלן, כאָטש ער האָט פריער אַזעלכע זאַכן קיין מאָל ניט געטאָן.

מיט שכלדיקע המצאות, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם אמת, האָט ער זיך דאַן פון דער סכנה אַרויסגעדרייט. אָבער יוחנן פון גוש־חלב האָט ניט גערוט; אין אַלץ וואָס דער עלטסטער פון די אידישע חיילות אין גליל האָט געטאָן, האָט ער געזען פאַרראַט, און ווען עס איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז מיט די אייגענע כוחות וועט ער אים ניט קענען באַזייטיקן, האָט ער אַוועקגעשיקט שליחים קיין ירושלים, זיי זאָלן דאָרט פאַרברענגען דעם גאַנצן ענין פאַרן סנהדרין.

די שליחים האָבן באַוויזן, אַז יוסף בן מתתיהו איז אַן אומגליק פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם לאַנד און פאַר דעם גאַנצן קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס דאָס אידישע פאָלק פירט אָן, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ'זאָל אים פון זיין אַמט אַרונטערזעצן און באַשטימען יוחנן פון גוש־חלב אויף זיין פּלאַץ. צו אַזאַ באַשלוס איז געקומען רבן שמעון בן גמליאל, דער עלטסטער פונעם סנהדרין און דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, און אַפילו דער געוועזענער כהן גדול יהושע בן גמלא, וועלכער איז אַלע מאָל געווען יוסף בן מתתיהוס אַ גוטער פריינד, האָט אים אין דעם געשטיצט.

דאַן האָט מען אויסגעקליבן עטלעכע אָנגעזעענע לייט פון די איינוואוינער פון ירושלים און מ'האָט זיי אַוועקגעשיקט קיין גליל, זיי זאָלן דאָרטן אַרונטערזעצן דעם עלטסטן פון די חיילות און אים ברענגען קיין ירושלים, און אַזוי ווי מ'האָט זיך גערעכנט, אַז דאָס וועט ניט אָנקומען גרינג, האָט מען אינאיינעם מיט די שליחים אויך געשיקט אַ מחנה פון צוויי טויזנט און 500 באַוואָפנטע לייט, און דער באַפעל איז געווען, אַז אויב דער עלטסטער אין גליל וועט ניט וועלן פאָלגן דעם באַשלוס פונעם סנהדרין, זאָל מען אים מיט גוואַלד אַרונטערזעצן.

יוסף בן מתתיהו האָט זיך אָבער פון דעם אויך אַרויסגעדרייט. ווארעם ווען די שליחים פון ירושלים זענען קיין גליל אָנגעקומען, איז שוין דאָרט די לאַגע געווען אַזאַ, אַז אַ גאַנץ היפּשער טייל פון דער באַפעלקערונג איז שוין געשטאַנען אויף יוסף בן מתתיהוס זייט, און ער האָט שוין דעריבער ניט מורא געהאַט זיך אַרויסצודרייען מיט קלוגע תירוצים און ניט ענטפערן אויף די קלאַגעס, וואָס יוחנן פון גוש־חלב האָט קעגן אים אַרויסגעשטעלט. דאַן האָט יוחנן פאָרגעשלאָגן די שליחים פון ירושלים, אַז מ'זאָל אין גליל זאַמלען חתימות אויף אַ שריפטלעכער קלאַגע וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט, און די שליחים האָבן דערויף איינגעשטימט.

די שריפטלעכע קלאָגע איז געווען אַ לאַנגע און אַ דייטלעכע. יוחנן האָט באַשולדיקט דעם עלטסטן פון די אידישע חיילות אין גליל, אַז ער פירט זיך אויף ווי אַ געקרוינטער הערשער, וואָס דאַרף קיינעם פאַר זיינע מעשים קיין דין וחשבון ניט אָפּגעבן; אַז אַנשטאָט צו האַלטן די ס י ק אַ ר י ע ר אין צוים, ווי מ'האָט אים אָנגעזאָגט אין ירושלים, האָט ער מיט זיי גאָר שטילערהייט אַ בונד געשלאָסן און ער קויפט זיי אונטער מיט געלט, זיי זאָלן אים דינען; אַז ער צעפּטרט דאָס געלט ,וואָס מ'דאַרף איצט אַזוי נויטיק האָבן זיך צו באַוואָפענען און באַפעסטיקן, און אַז ער שטערט אין דער אַרבעט צוצוגרייטן די קריגסלייט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין געלערנט צו מלחמה.

דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. אין דער שריפטלעכער קלאָגע האָט מען אויך דערמאָנט, אַז דער עלטסטער פון די אידישע חיילות אין גליל, איז שטאַרק פאַרטאָן אין פרעסן און אין זויפן, און אַז צו דעם פירט ער זיך נאָך אויף אַזוי, אַז ער זאָל געפעלן ווערן ווייבער . . .

אָבער אויך פון דעם האָט זיך דער קלוגער יוסף בן מתתיהו אַרויסגעדרייט מיט שפּיצלעך און המצאות; ער האָט די שליחים מיט די אונטערשריפטן פאַרהאַלטן, און שפּעטער, ווען ער האָט זיי צוריק קיין ירושלים אָפּגעלאָזט, האָט ער גלייך נאָכגעשיקט אַהין אַנדערע שליחים, וואָס האָבן פאַרן סנהדרין עדות געזאָגט, אַז די שריפטלעכע קלאָגע פון יוחנן מגוש-חלב איז אַ בלבול, און אין יע-נער צייט איז שוין די מהומה אין ירושלים געווען אַזוי גרויס, אַז אַ היפשער טייל פונעם פאָלק האָט פאַרלאָרן דעם צוטרויען צו דער רעגירונג, וואָס מ'האָט פריער אויסגעקליבן; עס האָבן זיך גלייך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט אַ געוואַלד, אַז ר ב ן ש מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל און די אַנדערע האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבן אַ באַפעל אַרונטערצוזעצן דעם עלטסטן אין גליל אָן דער צושטימונג פונעם פאָלק, און אַ פאָדערונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן, אַז י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו זאָל בלייבן אויף זיין פּלאַץ.

פון די אַלע פאַקטן, וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן, קען מען זען קלאָר, אַז נאָך דעם ווי ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייע רעגירונג פון די מעסיקע, וואָס האָבן פאַרטראָטן די רייכע, איז די מאַכט פון די קנאים צעבראָכן געוואָרן און זיי האָבן אין דער הויפּטשטאָט שוין מער ניט געקענט שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע

ווי פריער. בלויז דערמיט קען מען דערקלערן דאָס וואָס נאָך די אַלע קלאָגעס, וואָס מ'האָט געבראַכט אויף דעם עלטסטן פון די חיילות אין גליל, האָבן זיך אין ירושלים דאָך געפונען אַזוי פיל מענטשן, וואָס האָבן אים געשטיצט.

די קלאָגעס, וואָס יוחנן פון גוש־חלב האָט קענען אים געבראַכט, האָבן קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען.



אספּאַסיאַנוס

# קאַפּיטל צוועלף

## יוסיפוס פלאַוויוס אין זיין דערהויבנקייט און אין זיין געפאַלנקייט

אספּאַסיאַנוס און טיטוס האָבן זיך ניט גע־איילט. זיי זענען געווען זייער פּאַרזיכטיק מיט יעדן שריט וואָס זיי האָבן געמאַכט און זיי זענען ניט געגאַנ־גען אין די וועגן פון קעסטיוס גאַלוס, וועלכער האָט אַרויסגעשטעלט זיין גאַנצע אַרמיי אין דער ערשטער שלאַכט וואָס ער האָט געהאַט מיט די אידן.

ביידע רוימישע קריגספירער, דער פאָטער און דער זון, האָבן אויסגעאַרבעט אַזאַ פּלאַן, אַז די מלחמה זאָל געדויערן לאַנג, דער־פאַר אָבער זאָל דער נצחון זיין זיכער. זיי האָבן אויף די אינער־לעכע רייסערייען צווישן די אידן געבויט מער ווי אויף דער מאַכט פון זייער אייגענער אַרמיי, און ס'איז זייער מעגלעך, אַז אַ סך נוצן אין דעם האָט זיי געבראַכט דער „אידישער קעניג", אַגריפּאַ דער צווייטער. קיינער האָט די צוויי רוימישע קריגספירער ניט געקענט איבערגעבן אַזוי פיל איינצלהייטן וועגן די אינערלעכע רייסערייען צווישן אידישן פאָלק אַזוי ווי ער האָט דאָס געקענט.

די ערשטע שטאָט וואָס איז אין גליל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוימער, איז געווען די שטאָט ציפּורי. די איינוואוי־נער פון דאָרט זענען פון תמיד אָן געווען פאַר אַ שלום מיט רוים; נאָך אין די צייטן פון קעסטיוס גאַלוס האָבן זיי דאָס אַרויסגעוויזן. און איצט האָבן זיי זיך געווענדט צו אספּאַסיאַנוסן מיט אַ בקשה, ער זאָל קיין ציפּורי אַריינשיקן אַ מחנה פון זיינע באַוואָפנטע לייט זיי צו באַשיצן קעגן די קנאים, און אספּאַסיאַנוס האָט גלייך אַהין אַ מחנה אַריינגעשיקט און איבערגענומען די שטאָט.

דער עלטסטער פון די אידישע חיילות אין גליל האָט אַפילו געפּרוּווט זיך צו שטעלן אַנטקעגן. אָבער זיינע זעלנער זענען ניט געווען צוגעגרייט צו קריג; אין דער ערשטער שלאַכט קעגן די

רוימער, זענען זיי זיך צעלאָפן. זיי האָבן קיין ווידערשטאַנד ניט געקענט אַרויסווייזן.

נאָך דעם זענען די רוימער געגאַנגען ווייטער אין גליל, און בלויז דאָ און דאָרט האָבן זיך די אידן געשטעלט אַנטקעגן און אין איינִיקע ערטער האָבן אַ סך פון זיי גרוים העלדישקייט אַרויסגע־וויזן. אָבער אָפּשטעלן דעם מאַרש פון די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיי ניט געקענט, ווייל יעדער שטאָט האָט זיך געשלאָגן באַזונדער, און אין לויף פון אַ קורצער צייט האָבן די רוימער זיך אַריינגעשניטן וויַיט אינעם הינטערשטן טייל פון גליל.

דאַן האָט יוסף בן מתתיהו זיך געווענדט צו דער רעגירונג אין ירושלים, אַז מען זאָל אים גלייך לאָזן וויסן וואָס ער זאָל וויי־טער טאָן: אויב מען וויל אַז ער זאָל זיך שלאָגן, זאָל מען אים שוין צושיקן נאָך חיילות, און אויב ניט, זאָל מען אים געבן דאָס רעכט צו פאַרהאַנדלען מיטן שונא וועגן אַ שלום.

די דאָזיקע ווענדונג זיינע באַווייזט, אַז אויב אפילו י ו ח נ ן פון ג ו ש ־ ח ל ב א י ז נ י ט געווען גערעכט מיט דער קלאַגע אַז ער איז אַ פאַררעטער, איז ער אָבער זיכער געווען גערעכט, באַשולדיקנדיק אים, אַז ער ט ו ט נ י ט דאָס וואָס ער וואָלט י אָ געדאַרפט טאָן. וואָרעם ווען ער וואָלט ווירקלעך געווען גע־טאָן די אַלע זאַכן מיט וועלכע ער אַליין, דער שלעכטער גענעראַל און גוטער היסטאָריקער באַרימט זיך אַזוי אין זיינע ווערק, וואָלט ער דאָך זיכער ניט געבליבן אַזוי אומבאַהאָלפן גלייך ביים אָנ־פאַנג, וואָרעם ווי ער אַליין דערציילט האָט ער געהאַט אַן ערך פון אַ ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז נ ט באַוואָפנטע לייט ווען ער האָט דעם הויכן אַמט אין גליל איבערגענומען, און מיט אַזאַ גרויסער אַרמיי האָט מען געוויס געקענט אַ סך אויפטאָן — ווען ס'איז אַ געניטער קריגספירער.

די רעגירונג אין ירושלים האָט קיין גליל מער קיין נייע חיילות ניט געשיקט, און ס'איז ניט באַוואוסט צי דאָס איז געווען דער־פאַר וואָס זיי האָבן צו יוסף בן מתתיהו שוין מער קיין צוטרויען ניט געהאַט, אָדער אפשר דערפאַר וואָס זיי זענען געקומען צום שלום, אַז ס'איז איצט נויטיקער אין ירושלים זיך וואָס מער צו באַפעסטיקן. פ ל אַ ו ו י ו ס אַליין גיט ניט אָן די סיבות דער־פון. ער דערציילט אָבער, אַז נאָך דעם ווי ער האָט קיין ירושלים אַזאַ ווענדונג געשיקט, זענען די רוימער אין גליל געגאַנגען ווייטער.

אספאסיאנוס אליין איז מיט א גרויסער מחנה צוגעקומען צו דער שטאט גברה (גאבארא), און דארטן איז אפילו ניט געווען קיין סימן פון קיין אידישע חיילות, וואס זאלן זיך אים שטעלן אקעגן. די רוימער זענען אריין אין שטאט אן א שלאכט און האבן דארט אלעמען אויסגעקוילעט — אלטע און יונגע, ווייבער און קליי־נע קינדער. זיי האבן צו קיינעם קיין ביסל רחמנות ניט ארויס־געוויזן, כאטש מען האט זיך מיט זיי ניט געשלאגן. און ווען ס'איז שוין אין שטאט קיין איין לעבעדיקער מענטש ניט געבליבן, האבן זיי זי אונטערגעצונדן פון אלע זייטן. און דאס זעלבע האבן זיי אויך געטאן צו די אנדערע קלענערע שטעט און דערפער ארום און ארום.

די רוימישע קריגס־פירער זענען געווען נאך גרויזאמער פון די רוימישע פראקוראטארס, און פונקט ווי יענע, האבן זיי מיט זייער גרויזאמקייט נאך מער צעבלאזן דאס פייער פונעם אויפ־שטאנד אין יהודה.

און דא וועט געוויס זיין ניט איבעריק צו דערמאנען, אז אין דער צייט ווען די אידן זענען אין יהודה ארויס אין אן אפענעם קריג קעגן די רוימער און אספאסיאנוס און טיטוס האבן חרוב געמאכט שטעט און דערפער, איז די באפעלקערונג פון ב ר י ־ ט א נ י ע, וואס איז דאן געשטאנען אונטערן שוץ פון דער רוי־מישער מאכט, אויך ארויס אין אן אפענעם אויפשטאנד און זיי האבן אין ל א נ ד א ן, וואס איז דאן געווען א רוימישע קא־לאניע, אויסגעהרגעט ז י ב ע צ י ק ט ו י ז נ ט רוימער, און אנגעפירט דעם אויפשטאנד האט א פרוי, די קעניגין ב א א ־ ד י צ ע א. און פונקט ווי אין יהודה, איז דער אויפשטאנד אין בריטאניע אויך געווען א רעזולטאט פון דעם, וואס די באפעלקערונג דארט האט שוין מער ניט געקענט אריבערטראגן די גרויזאמקייט פון די רוימישע פראקוראטארס. דאס איז קלאר פון דעם וואס דער היסטאריקער ט א צ י ט ו ס דערציילט אין זיינע „אנאלן" (קאפיטל 33), באשרייבנדיק די מעשים פון נירון־קיסר, און דאס זעלבע ווערט אויך ארויסגעבראכט אין די ווערק פון דעם היסטא־ריקער ק א ס י ו ס ד י א (באנד 8. פון זייט 84 ביז זייט 105).ביידע היסטאריקער באלויכטן דעם ענין אויספירלעך, און זיי דער־מאנען דעם פאקט, אז אין בריטאניע איז דאס געווען בלויז א י י ן פארזוך אזא ארונטערצואווארפן דעם יאך פון רוים. ווען מ'האט דעם ערשטן פארזוך אונטערדריקט און די קעניגין באאדיצעא איז

געשטאָרבן, איז מער קיין אויפשטאַנד ניט געמאַכט געוואָרן.*) אַנ־דערש אָבער איז געווען אין יהודה; ווען די רוימער האָבן אונטער־דריקט אַן אויפשטאַנד פון אידן אויף איין אָרט, האָט אַ נייער אויפשטאַנד אויסגעבראָכן אויף אַן אַנדער אָרט. די אידן האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן; קעמפנדיק פאַר פרייהייט, האָבן זיי קיין מאָל דעם מוט ניט פאַרלאָרן.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו די שלאַכטן אין גליל.

ווען אַ היפּשער טייל פון גליל איז שוין געווען אין די הענט פון די רוימער, האָט יוסף בן מתתיהו זיך באַפעסטיקט אין דער שטאָט י ו ד פ ת און אַרום אים האָבן זיך צונויפגעקליבן די אַלע ק נ א י ם, וואָס זענען געווען גרייט דאָס לעבן אַוועקצו־געבן פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק.

די שטאָט י ו ד פ ת איז געשטאַנען אויפן שפּיץ פון אַ הויכן פעלדז, און אין דריי זייטן איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען אַהין, ווייל אַרום און זענען דאָרט געווען אַזעלכע טיפע טאָלן, אַז ס׳איז געווען אַ מורא צוצוקומען נאָענט צו זיי.

בלויז אין איין זייט איז געווען אַ צוגאַנג צו דער שטאָט. דאָס איז געווען אין צפון זייט, לעבן אַ הויכן באַרג. אַהין האָט דער שונא געקענט צוקומען און זיך אַריינרייסן אינעווייניק, אָבער יוסף בן מתתיהו האָט דאָרט אַ שטאַרקע פעסטונג אויסגעבויט און זיך גענומען גרייטן אַרויסצואווייזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

מען מוז צוגעבן, אַז ביים באַשיצן די שטאָט י ו ד פ ת, האָט יוסף בן מתתיהו ווירקלעך אַרויסגעוויזן ניט נאָר חכמה, נאָר אויך גבורה, און דאָס איז אוודאי געווען איבער דעם וואָס אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען אויף אַ שלום צווישן רוים און יהודה און ער האָט איינגעזען, אַז די קנאים זענען גערעכט. עס איז אויך מעגלעך, אַז די רציחות וואָס די חיילות פון ט י ט ו ס און א ס פ א ס י א נ ו ס האָבן אַרויסגעוויזן אין די שטעט וואָס זיי האָבן איינגענומען, האָבן אויף אים זייער אַ שווערן איינדרוק געמאַכט און ער איז געווען גרייט צו שטאַרבן ווי אַ העלד אין דער מלחמה קעגן שונא.

די שטימונגען האָבן זיך ביי יוסף בן מתתיהו, קענטיג, אָפּט געביטן, און אין איינעם מיט די שטימונגען — אויך די מיינונגען.

אונטער זיין פירערשאַפט האָבן די קנאים אין יודפת אַרויס־געוויזן אַזעלכע העלדישקייטן, וואָס ס׳איז שווער צו געפינען זייער

*) Dio's Roman History. Loeb Classical Library.

גלייכן אין דער געשיכטע פון מלחמות; די אידן האָבן זיך גע־שלאָגן מיט די רוימער ניט נאָר פון דער פעסטונג, ווען דער שונא האָט זיי באַלאַגערט, נאָר זיי זענען אויך אַרויס פון די טויערן פון דער שטאָט און האָבן זיך נאָכן שונא געיאָגט און אויסגעהרגעט אַ סך פון די וואָס זענען אין גרויס שרעק אַנטלאָפן, און יוסף בן מתתיהו האָט זיי אונטערגעגעבן מוט; אַפילו אין די צייטן ווען דער הונגער און דער דורשט האָבן אָנגעהויבן פייניקן שרעקלעך, האָבן די אידן דעם מוט ניט פאַרלאָרן, און אַלע מאָל ווען די רוימער זענען צוגעקומען נאָענט צו דער פעסטונג, האָבן די אידן אויף זיי פון אויבן געהאָגלט מיט פיילן, מיט שטיינער און מיט פייער; אויך אין די שלאַכטן, וואו מען האָט זיך געדאַרפט שלאָגן מיט שווערדן און שפּיזן, האָבן די אידן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט און אַרויסגע־וויזן אויסערגעוויינלעכע גבורה, און אספּאַסיאַנוס אַליין איז אין איינער אַזאַ שלאַכט פאַרוואונדעט געוואָרן.

אַלע מאָל, ווען די רוימער האָבן גענומען שטורעמען די פעס־טונג, האָבן די אידן פון אויבן געגאָסן אויף זיי זודיקן בוימל, און דאָס האָט אָנגעצונדן זייערע לייבער און זיי זענען אין די שרעק־לעכסטע אַנגסטן געפאַלן פון די לייטערס און אויך פון די בערג וואָס זיי האָבן אָנגעשאָטן. אַזוי האָט יוסף בן מתתיהו אָנגעזאָגט די אידישע חיילות צו טאָן, און ער האָט געזען, אַז פּונקט דאַן ווען מען הויבט אָן פאַלן פון די לייטערס און פון די בערג און עס ווערט אַ שרעקלעכע מהומה און עס הויבן זיך אָן טראָגן די קולות פון די, ביי וועמען דאָס לייב ברענט ווי אַ פייער, זאָלן די אידן אַרויס פונעם טויער און אָנפאַלן אויף דער נייער מחנה וואָס קומט אָן און זי אַרומרינגלען פון אַלע זייטן.

ווען ער האָט געזען ווי דאָס געוויין פון ווייבער און קינדער ווערט אין שטאָט וואָס אַ מאָל אַלץ גרעסער און גרעסער און ווי אומעטום שטייען רעדלעך און באַוויינען די טויטע, וואָס פאַלן אין דער מלחמה, האָט ער מורא געהאַט, אַז איבער דעם זאָלן די חיילות נאָך דעם מוט ניט פאַרלירן און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל די ווייבער און קינדער אין גאַס ניט אַרויסלאָזן, און ער אַליין איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך און ער אַליין האָט זיך אויך אין די שלאַכטן באַטייליקט.

עס איז גאָרניט אויסצורעכענען די אַלע קלוגע המצאות, אויף וועלכע יוסף בן מתתיהו איז געפאַלן, ווען ער האָט זיך געשלאָגן מיט די רוימער ביי די טויערן פון י ו ד פ ת. אַלע מאָל האָט

ער עפּעם אַנדערש צוגעטראַכט אויף צו צעשטערן די פּלענער פונעם שונא און מאַכן גרעסער די צאָל פון זיינע קרבנות. און אספּאַסיאַנוס און טיטוס האָבן געברענט פון צאָרן; עס האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אַ יונגער אידישער קריגספירער, און דערצו נאָך אַזאַ וואָס איז קיין מאָל ניט געווען קיין מענטש פון מלחמה, קליגערט זיי איבער מיט זיינע מעשים און דרייט אַלץ אוים אַזוי, אַז אַלעם וואָס זיי פאַרטראַכטן ווי אַזוי צו נעמען די שטאָט יודפת זאָל זיין אַ דורכפאַל.

זיבן און פערציק טעג און נעכט זענען אַזוי אַוועק און די אידן פון יודפת האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. יוסף בן מתתיהו האָט אַלע מאָל געפונען אַן אַנדער מיטל ווי אַזוי אָפּצונאַרן די רוימער, אַז זיי זאָלן ניט וויסן דעם אמת, אַז אין שטאָט פאַלן מענטשן שוין ניט נאָר פון די פיילן, וואָס די שונאים וואַרפן אַהין, נאָר אויך פון הונגער און פון דורשט. די קנאים האָבן זיך אַלץ געשלאָגן און היילין געהאַלטן די שבועה, וואָס זיי האָבן געגעבן צו שטאַרבן ווי גבורים פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און פונעם לאַנד. אַפילו די געפאַנגענע וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו די רוימער אין די הענט, האָבן זיך געלאָזט פאַרפייניקן צום טויט און ניט אוים־געזאָגט דעם אמת וועגן דעם הונגער אין שטאָט און וועגן דעם מאַנגל אין וואַסער. ערשט אויפן אַכט און פערציקסטן טאָג איז איינער אַ שרעקעדיקער מענטש פון די איינוואוינער פון יודפת אַריינגעפאַלן צו די רוימער אין די הענט, און ווען מ'האָט אים געבראַכט פאַר אספּאַסיאַנוסן און טיטוסן, האָט ער זיי דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן דעם חורבן און דעם הונגער אין שטאָט, און ער האָט געזאָגט, אַז פאַרטאָג, ווען די אויסגעהונגערטע מענטשן, וואָס שטייען ביים טויער אויף דער וואַך זענען זייער פאַרשלאָפן, איז די בעסטע צייט אַנצופאַלן פּלוצעם, און דאַן וועט מען זיך לייכט קענען אַריינרייסן אינעווייניק.

אספּאַסיאַנוס האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען ער האָט דאָס דערהערט, אָבער דער יונגער טיטוס האָט דעם געפאַנגענעם אידן ניט געגלויבט; ער האָט געדענקט, אַז דאָס האָט יוסף בן מתתיהו שוין אוודאי ווידער צוגעטראַכט עפּעס אַ נייעס ווי אַזוי אַריינצו־נאַרן די רוימישע חיילות אין אַ נעץ. אָבער ער האָט דאָך גע־וואָלט פּרואוון און פאַרטאָג איז ער שטילערהייט צוגעקומען צו די טויערן פון יודפת מיט אַ קליינער מחנה, און פון ווייטנס האָט ער צוגעגרייט עטלעכע גרויסע מחנות. די ערשטע רייען פון דער קליינער מחנה האָבן גלייך דערהרגעט די קנאים וואָס זענען ביים

טויער געשטאַנען אויף דער וואַך, און ווען זיי האָבן דערזען דעם חורבן אין שטאָט, האָבן זיי זיך מיט אַ רעש אַריינגעריסן ווייטער, און באַלד זענען די גרעסערע מחנות אויך אַריינגעקומען מיט נאָך אַ גרעסערן רעש און האָבן דאָרט געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה.

איבער דעם וואָס דער אָנפאַל איז געמאַכט געוואָרן אַזוי פּלוצעם און די בהלה איז געווען אַזוי גרויס, האָבן די באַוואָפנטע לייט פון די אידישע חיילות זיך אַפילו ניט געקענט שטעלן אַקעגן, און אַ סך פון זיי האָבן דעריבער אַליין געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן. און די רוימער, וואָס טיטוס האָט אין שטאָט אַריינגעפירט, האָבן מיט רציחה געשאָכטן יונגע און אַלטע קליינע און גרויסע, און די וואָס זיי האָבן ניט געשאָכטן האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבן דאָרט קיינעם ניט איבערגעלאָזט, און נאָך דעם האָבן זיי די שטאָט פון אַלע פיר זייטן אָנגעצונדן און האָבן זי פאַרברענט. און אַרום און אַרום זענען אין יודפת און אויך אין די אַנדערע שטעט וואָס די רוימער האָבן אין גליל פריער איינגענומען, געפאַלן פערציק טויזנט אידן, און עטלעכע טויזנט זענען אָפּגעפירט געוואָרן אַלס געפאַנגענע. און געשען איז דאָס אינעם ערשטן טאָג אינעם חודש תמוז (יולי), אינעם 67סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

***

אספּאַסיאַנוס און טיטוס זענען אָבער אין אָנפאַנג געווען ניט איינגאַנצן צופרידן פון דעם גרויסן נצחון אין יודפת ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס ס'איז געוואָרן מיטן עלטסטן פון די אידישע חיילות אין גליל. צווישן די טויטע האָט מען אים ניט געפונען, און דאָס האָט די צוויי רוימישע קריגספירער שטאַרק באַאומרואיקט, ווייל זיי זענען געווען זיכער, אַז ס'האָט זיך אים אוודאי איינגעגעבן צו אַנטלויפן און ער וועט זיך געוויס באַלד באַפעסטיקן אין אַן אַנדער שטאָט.

עטלעכע טעג זענען אַזוי אַוועק און מ'האָט ניט געקענט וויסן וואָס ס'איז געשען מיט יוסף בן מתתיהו און וואוהין ער איז אַנטלאָפן. מ'האָט אים געזוכט אין היילן און אין גריבער, אָבער מ'האָט אים אין ערגעץ ניט געפונען. ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער באַהאַלט זיך אין אַ טיפער און גרויסער הייל אונטער דער ערד, און אַז ער וואַרט דאָרט ביז די רוימער וועלן אַוועק און ער וועט קענען אַנטלויפן.

ארויסגעגעבן דעם סוד האט א אידישע פרוי, וועמען די רוי־מער האבן געכאפט אויסער דער שטאט. זי האט אנגעוויזן אויף דער הייל, וואו יוסף בן מתתיהו ליגט באהאלטן. זי האט אויך דערציילט, אז אינאיינעם מיט אים געפינען זיך דארט נאך פערציק אידישע יונגע לייט און אלע זענען באוואפנט.

ווי ס׳איז געוויינלעך געווען דער שטייגער פון די רוימישע קריגספירער אין אזעלכע פאלן, האט אספפאסיאנוס אין דעם פאל אויך געזען א גוטע געלעגנהייט פאר זיך צו ווייזן דעם צעזאר זיין גרויסע העלדישקייט אין דער מלחמה, און ער האט באשלאסן, אז מ׳מוז כאפן דעם אידישן קריגספירער פון גליל לעבעדיקערהייט, און דאן וועט ער אים אוועקשיקן קיין רוים — זאל מען דארט זען דעם העלד, וואס האט אזוי לאנג אויסגעהאלטן די באלאגערונג פון דער שטאט יודפת, און זאל דער צעזאר אליין אים דארט משפטן!

און דא קומען מיר צו צו א פונקט ,וואס רופט ארויס ניט קיין אנגענעמען געפיל און וואס מאכט א שלעכטן איינדרוק אפילו אויף די, וואס זענען געניגט ריינצוואשן יוסף בן מתתיהו אין גאנצן און זען די גוטע זייט אין אלץ וואס ער האט געטאן און אין די פעלערן וואס ער איז באגאנגען די גאנצע צייט, פארן חורבן פון יודפת און אויך נאך דעם. און ביים איבערגעבן די איינצלהייטן וועלן מיר זיך באנוצן מיט דעם, וואס ער אליין האט שפעטער דער־ציילט אין זיין ווערק „מלחמת היהודים עם הרומאים״, וואס ער האט געשריבן אויף גריכיש. קיין אנדערע ערשטע קוואלן זענען, ליידער, ניטא.

כדי צו זיין זיכער, אז דער אידישער קריגספירער פון גליל וועט זיך איבערגעבן א לעבעדיקער און וועט זיך אליין ניט דער־שטעכן מיט זיין שווערד ווען מ׳וועט אים כאפן, האט אספפאסיאנוס געשיקט צו אים דעם רוימישן טריבון ניקאנאר, וועלכער איז געווען באפריינדעט מיט יוסף בן מתתיהו נאך פון יענע צייטן, ווען ער האט זיך מיט אים געקענט אין רוים. ניקאנאר איז מיט א קליינער מחנה פון באוואפנטע לייט צוגעקומען צו דער הייל און האט אנגעהויבן רופן אויפן קול יוסף ער זאל פון דארט ארויסגיין און ער האט פארזיכערט אז מ׳וועט אים קיין שלעכטס ניט טאן; ער דארף זיך בלויז איבערגעבן אין זיינע הענט און זיך לאזן פירן צו אספפאסיאנוסן און צו טיטוסן זיין זון, און זיי וועלן אים שענקען דאס לעבן!

„ער האָט אויך געזאָגט, — דערציילט יוסף בן מתתיהו אַליין וועגן יענער שליחות פון ניקאַנאָרן, — אַז ווען אַספּאַסיאַנוס וואָלט פאַרטראַכט אים צו טאָן שלעכטס, וואָלט ער דאָך ניט געשיקט צו אים זיין פריינד, צו פאַרשווועכן די מידה פון פריינדשאַפט, וואָס איז די שענסטע מידה ביי מענטשן, מיט אַ פאַרראַט וואָס איז דאָס מיאוסטע אין דער וועלט און אַז ער, ניקאַנאָר אַליין, וואָלט ניט דורכגעפירט אַזאַ שליחות ווי אָפּנאַרן אַ פריינד“.

אין דער צייט ווען דער רוימישער טריבון האָט אַזוי גערופן אויפן קול, האָבן זיינע באַוואָפנטע לייט געוואָלט צעלייגן אַ פייער ביים אַריינגאַנג פון דער הייל, אַז אַלע זאָלן דאָרט פאַרברענט ווערן. אָבער ניקאַנאָר האָט זיי דאָס ניט געלאָזט טאָן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ס'איז דער באַפעל פון אַספּאַסיאַנוסן צו ברענגען דעם אידישן קריגספירער אַ לעבעדיקן.

עס שיינט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט האָט פאַר יוסף בן מתתיהו ניט געהאַט אַזאַ רייץ ווי דאָס לעבן. ער איז נאָך געווען יונג און ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. דאָס איז אוודאי געווען דער שטאַרקסטער גרונט פאַר וואָס ער האָט דאַן באַשלאָסן זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די רוימער. דער עיקר איז ביי אים געווען ער זאָל בלייבן לעבן.

ער אַליין אָבער שרייבט אַנדערש וועגן דעם:

„און יוסף, — דערציילט ער, — האָט געהערט דאָס קול פון ניקאַנאָרן ,וואָס האָט גערעדט צו אים ווייכע רייד, און דאָס געשריי פון די באַוואָפנטע לייט, וואָס האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק, און ער האָט זיך דערמאָנט אָן די חלומות פון דער נאַכט, וואָס גאָט האָט אים אין זיי אַנטפּלעקט די אומגליקן וואָס קומען אָן אויף די אידן און די צוקונפט פון די קיסרים פון רוים. ווארעם יוסף האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו פאַרטייטשן חלומות און קלאָר מאַכן די סודות פון גאָטס רייד, וואָס ניט אַלע מאָל קען מען זיי פאַרשטיין. ווארעם ער האָט געלערנט די נבואה וואָס אין די הייליקע ספרים, ווייל ער איז געווען אַ כהן און איז אַרויסגעקומען פונעם שטאַם פון דער כהונה. און אין יענער רגע האָט אויף אים גערוט אַ גייסט פון הימל, און ער האָט שטילערהייט געבעטן צו גאָט אַזוי צו זאָגן: „באַשעפער פון ישראל, עס איז גוט אין דיינע אויגן צו צעברעכן די שטאַרקייט פון דיין פאָלק און באַגליקן אַלע מעשים פון די רוימער, און מיך האָסטו אויסגעקליבן אויפצעדעקן וואָס ס'וועט זיין שפּעטער, דערום שטרעק איך אויס מיין האַנט צו די רוימער פונוועגן דעם ווילן צו בלייבן לעבן, און דו, גאָט, ביסט

מיין עדות אז מיט דעם וואָס איך גיי אַריבער צו זיי, בין איך ניט קיין פאַררעטער, נאָר דיין קנעכט וואָס טוט דיין ווילן". *)

היינטיקע צייטן קלינגען אַזעלכע רייד צו פיל מליצהדיק, און אויף דעם גרונט קען מען דענקען, אַז די כוונה איז דאָ דער עיקר צו פאַרשטעלן די פאַלשקייט. אָבער אַזוי האָט מען געוויינלעך געשריבן אין יענער צייט, און אַוודאי אויך גערעדט אַזוי. אויך די רוימישע היסטאָריקער האָבן אַזוי געשריבן, און זיי האָבן גע־גלויבט אין איבערנאַטירלעכע זאַכן אין וועלכע מ'גלויבט ניט היינטיקע צייטן. דאָס קען מען זען פון דעם, ווי אַזוי ס ו ו ט אָ - נ י ו ס האָט געשריבן וועגן די רוימישע צעזאַרס. און עס קען זיין, אַז לויטן גייסט פון יענער צייט, האָט י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו, וועלכער איז בכלל געווען שטאַרק פאַרגלויבט אין זיך, טאַקע ווירקלעך געגלויבט, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן דורכצופירן זייער אַ גרויסע און וויכטיקע מיסיע און אַז צוליב דעם מוז ער בלייבן לעבן. און אויב די מיסיע איז געווען אָנצושרייבן די געשיכטע פון די אידן אין יענער צייט פאַר די אַלע דורות וואָס וועלן קומען נאָך אים, — ווי ער האָט דאָס טאַקע שפּעטער געטאָן, — מוז מען זאָגן, אַז וואָס פאַר אַן איינדרוק מען זאָל ניט האָבן פון דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך איבערגעגעבן צו די רוימער, איז דאָך גוט וואָס ער איז דאַן געבליבן לעבן; וואָרעם ווען ניט דאָס, וואָלטן מיר אינגאַנצן ניט געהאַט קיין געשריבענע געשיכטע פון יענער צייט, און מיר וואָלטן געבליבן ביי די ל ע ג ע נ ד ע ס , וואָס עס זענען וועגן דעם צעוואָרפן אין דער גמרא — ל ע ג ע נ ד ע ס , אָבער ניט קיין געשיכטע.

נאָך דער שטילער תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל זיין זיין עדות, אַז ער איז נ י ש ט קיין פאַררעטער, איז יוסף בן מתתיהו שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין פון דער הייל און זיך איבערגעבן אין די הענט פון דעם רוימישן טריבון. אָבער ווען די פערציק אידישע גבורים, וואָס זענען דאָרט געווען מיט אים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און אים אָנגעהויבן שטראָפן מיט האַרבע רייד:

„ביטער וועלן וויינען די געזעצן פון אונדזערע אָבות, — האָבן זיי צו אים געזאָגט, — און גאָט אַליין וואָס האָט די געזעצן געגעבן, וועט זיך שעמען. וואָרעם ער האָט באַשאַפן די אידן מיט

*) תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, ספר ג, פרק ח, ג.

אזעלכע נשמות וואָס שפּעטן פון טויט, און דו, יוסף, ביסט גרייט צו ווערן אַ קנעכט, אַבי צו זען די שיין פון דער זון! ווי שנעל דו האָסט זיך אַליין פאַרראַטן! געדענקסטו גאָרניט ווי ערשט ניט לאַנג צוריק האָסטו אַזוי פיל מענטשן צוגערעדט, זיי זאָלן אַוועקגעבן דאָס לעבן פאַר פרייהייט?״

אַזוי האָבן גערעדט צו אים די באַוואָפנטע קנאים, וועלכע האָבן זיך ערשט נישט לאַנג צוריק אונטערגעוואָרפן אַלע זיינע באַפעלן. זיי האָבן אים געמוסרט, זיי האָבן אים געשטראָפט, און אַרויסציענדיק די שווערדן פון די שיידן, האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב ער קען ניט שטאַרבן ווי ס'פּאַסט פאַר אַ אידישן קריגספירער, וועט ער דאָ אויפן אָרט פאַלן טויט ווי אַ פאַררעטער. און זיי האָבן מיט די בלויזע שווערדן אין די הענט, געוואַרט אויף זיין ענטפער.

קיין דראַמאַטורג אין דער וועלט וואָלט ניט געקענט צו־טראַכטן קיין שטאַרקערע דראַמאַטישע סצענע ווי די, וואָס האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אין יענער הייל אונטער דער ערד, ביי דער שטאָט יודפת. דאָס לעבן פון דעם יונגן אידישן קריגספירער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גרעסטער אידישער היסטאָריקער און וועמעס ווערק עס לעבן נאָך ביז היינטיקן טאָג, איז געהאַנגען אויף אַ האָר. ער האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און ער האָט זיי קלוג און שאַרף געענטפערט אויף זייערע שטראָף־רייד; ער האָט זיי באַוויזן, אַז פאַלן טויט אויפן שלאַכטפעלד איז איין זאַך, און זיך אַליין נעמען דאָס לעבן נאָך דעם, ווען די שלאַכט איז שוין געענדיקט, איז אַן אַנדער זאַך: ער האָט זיי באַוויזן, אַז אויסער דעם וואָס ס'איז אַ גרויסע זינד זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן, איז אין דעם אויך פאַראַן פּחדנות, אָבער ניט קיין העלדישקייט, ווי זיי ווילן זיך איינרעדן. ער האָט לאַנג גערעדט, און אַלץ וועגן טויט און לעבן און אויך וועגן דעם וואָס אויב אפילו ער וועט זיך איצטער איבערגעבן אין די הענט פון די רוימער, איז ער נאָך מיטן לעבן ניט זיכער, ווייל עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז זיי וועלן אים פאַרנאַרן אין אַ נעץ; ער האָט געזאָגט, אַז ביי זיך אין האַרצן בעט ער גאָר גאָט אַז זיי זאָלן אים אָפּנאַרן, ווייל דאַן וועט דאָס אויך קענען הייסן, אַז ער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די שונאים און שטאַרבנדיק וועט ער זיך קענען טרייסטן דערמיט וואָס מיט זיין גלויבן האָט ער זיך אויפגעהויבן העכער פון זיי.

אָבער זיינע רייד האָבן אויף די פערציק באַוואָפנטע קנאים ניט געווירקט. זיי האָבן זיך אויף אים שטאַרק געבייזערט ווען ער

האָט געענדיקט, און יעדער איינער פון זיי איז שוין געווען גרייט אים אָפּצעהאַקן דעם קאָפּ מיט דער שווערד.

און אין דרויסן ביי דער הייל, איז דער רוימישער טריבון ניקאַנאָר געשטאַנען און האָט געוואַרט, ווייל דער באַפעל פון אַס־פּאַסיאַנוסן איז געווען צו ברענגען יוסף בן מתתיהו צו אים אַ ל ע ב ע ד י ק ן.

אָן אַנדערער וואָלט זיך געווים ניט אַרויסגעדרייט. „אָבער י ו ס ף, — דערציילט ער אליין וועגן זיך, — האָט איינעם אָנ־געררופן ביים נאָמען, אַ צווייטן האָט ער צוגעוואָרפן אַ שטרענגן בליק ווי אַן עלטסטער פון דער מחנה, אַ דריטן האָט ער אָנגע־כאַפּט ביי דער רעכטער האַנט, און אַ פערטן האָט ער איינגענומען מיט געבעט. וואָרעם ווען ער האָט געזען, אַז ס'האַלט אַזוי שלעכט, האָט ער געפונען פאַרשיידענע וועגן ווי צו דערוועקן ביי זיי רחמנות אויף זיך, און אַזוי האָט ער אויסגעהיט אַז זייערע שווערדן זאָלן ניט פאַרפלעקט ווערן פון בלוט. פּונקט ווי אַ חיה וואָס ווערט אַרומגערינגלט פון יעגער, האָט ער געדרייט דאָס פּנים אַהער און אַהין און געקוקט אין די אויגן יעדן מענטשן וואָס האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו אים".

אַזוי שרייבט יוסף בן מתתיהו אַליין, שילדערנדיק וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין יענער הייל און ווי אַזוי ער האָט זיך געהאַלטן, ווען די 40 באַוואָפנטע גבורים פון זיינע חיילות זענען געווען גרייט אים צו דערהרגענען.

עס איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזן אויף דעם פאַקט, וואָס אין די רייד צו די פערציק באַוואָפנטע קנאים אין דער הייל, האָט ער קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דער ש ל י ח ו ת וואָס ער האָט אין לעבן, און וועגן די „זעאונגען" זיינע „אין די חלומות פון דער נאַכט". בלויז אין די ווערק, וואָס ער האָט געשריבן ערשט שפּעטער, האָט ער וועגן דעם גערעדט, און אויף אַזאַ שטייגער, אַז ס'זאָל אויסקומען, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער גרונט פאַר וואָס ער האָט געהאַנדלט אַזוי און ניט אַנדערש. אָבער דאָס איז בלויז אַ באַמערקונג וואָס מיר מאַכן בדרך אגב, אָנצואווייזן אויף אַ פאַקט, וואָס איז, לויט אונדזער מיינונג, ניט ווייניק וויכטיק צו פאַרשטיין קלאָרער דעם ענין.

דער ווּאונטש צו בלייבן לעבן איז ביי יוסף בן מתתיהו געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז ביי אים געווען רעכט אַלעם צו טאָן, אַבי פונעם טויט זיך אַרויסצוראַטעווען, און ער איז געפאַלן אויף אַ געדאַנק:

גלויבנדיק — ווי ער אַליין פאַרזיכערט — אַז „גאָט וועט אים אויסהיטן פון שלעכטס“, האָט ער פאָרגעשלאָגן די 40 באַוואָפנטע יונגעלייט, אַז אויב זיי ווילן בעסער שטאַרבן איידער זיך איבערגעבן אין די הענט פון שונא, זאָל מען לויט אַ גורל, איינער דעם אַנדערן אויף טויט דערשטעכן; אויף וועמען ס'וועט פאַלן דער גורל, זאָל דער ערשטער דערשטעכן אויף טויט זיין חבר, נאָך דעם זאָלן זיך אָפּטיילן נאָך צוויי, און דער ערשטער פון זיי זאָל שטעכן דעם וואָס איז געבליבן פון די פריערדיקע צוויי און זיך באַלד לאָזן דערשטעכן פונעם צווייטן, און אַזוי זאָל עס גיין ביז ס'וועט אָנקומען צו די לעצטע צוויי, און דער איינער, וואָס וועט פון זיי בלייבן לעבן, זאָל זיך אַליין דערשטעכן מיט זיין אייגענער שווערד.

איינער פון די לעצטע צוויי איז געווען י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו . און כאָטש ער פאַרזיכערט, אַז דאָס איז „אפשר געווען בלויז אַ צופאַל, אָדער אפשר אַ פינגער פון גאָט“, איז דאָך מעגלעך, אַז ער אַליין האָט דאָס אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז ער זאָל בלייבן פון די לעצטע צוויי. מיט איין מענטשן האָט ער זיך לייכטער געקענט פאַרטיק ווערן ווי מיט פערציק. און ער האָט טאַקע ביי יענעם גלייך געפועלט, אַז ער זאָל ניט „פאַרפלעקן זיינע הענט מיטן בלוט פון אַן אייגענעם ברודער“, און דאַן האָט ער איבער־געלאָזט די אַלע טויטע קערפּערס און איז אַרויס צום רוימישן טריבון ניקאַנאָר, וואָס האָט אויף אים געוואַרט אין דרויסן און ער האָט זיך געלאָזט פירן צו אַספּאַסיאַנוסן.

ווען מ'האָט אים געבראַכט אין דעם רוימישן לאַגער איז מען פון אַלע זייטן געלאָפן אים אָנקוקן; זיי זענען געווען נייגעריק צו זען פון דער נאָענט דעם אידישן קריגספירער, וואָס האָט אַזאַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אַרויסגעוויזן און וואָס האָט אַזוי לאַנג די באַלאַגערונג אויסגעהאַלטן; אייניקע האָבן אים באַוואונדערט, און אַנדערע האָבן געשריען, אַז מען זאָל אים שוין באַשטראָפן מיטן טויט, ווייל ער איז שולדיק אין דעם וואָס אַזוי פיל רוימישע זעלנער האָבן זייערע לעבנס פאַרלאָרן. אָבער ט י ט ו ס ן אַליין איז ער גלייך געפעלן געוואָרן; ער האָט פאַר אים גערעדט גוטס צו די אַנדערע עלטסטע פון די חיילות; געזאָגט, אַז פאַר אַ מוטיקן און קלוגן קריגספירער, אויב אַפילו ער איז פונעם שונאס לאַגער, דאַרף מען האָבן אַכטונג. אויך פאַר זיין פאָטער אַספּאַסיאַנוס האָט ער אויף אים גערעדט גוטס. און דאַן האָט אַספּאַסיאַנוס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל דעם געפאַנגענעם שטעלן אונטער אַ שטרענגער וואַך ביז מען וועט אים אָפּשיקן קיין רוים.

און ווען יוסף בן מתתיהו האָט זיך דערוואוסט, אַז מ'וויל אים שיקן קיין רוים, האָט ער זיך ווידער שטאַרק דער־שראָקן, ווייל מיט די מעשים פון דעם ווילדן נירון־קיסר איז ער געווען גוט באַקאַנט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער וועט אים אוודאי גלייך צום טויט פאַרמשפּטן, האָט ער געלאָזט וויסן אַספּאַסיאַנוסן, אַז ער דאַרף אים זייער אַ וויכטיקן סוד פאַרטרויען איידער מען שיקט אים אָפּ קיין רוים.

ווען מען האָט אים ווידער צו אַספּאַסיאַנוסן געבראַכט, האָט ער געבעטן אַז מען זאָל די זייטיקע מענטשן היימן אַרויסגיין. בלויז די גאָר נאָענטע פריינד זאָלן בלייבן. האָט מען אַלע זיי־טיקע מענטשן געהייסן אַרויסגיין. בלויז טיטוס און נאָך צוויי נאָענטע פריינד זענען מיט אַספּאַסיאַנוסן געבליבן. און דאַן האָט דער געפאַנגענער אידישער קריגספירער צו אים געזאָגט:

„דו, אַספּאַסיאַנוס, מיינסט, אַז יוסף, דער זון פון מתתיהו, דער וואָס שטייט איצט פאַר דיר, איז ניט מער ווי אַ קריגסגע־פאַנגענער. אָבער דער אמת איז, אַז איך בין אַ שליח, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו רעדן צו דיר וועגן זייער גרויסע זאַכן. דו ווייסט דאָך, אַז איך קען גוט די געזעצן פון די אידן און ס'איז פון מיר ניט פאַרהוילן וואָס פאַר אַ טויט אַ קריגספירער זאָל פאַר זיך אויסקלייבן, און דערום זאָלסטו וויסן, אַז איך וואָלט צו דיר געוויס ניט געקומען, ווען גאָט וואָלט מיך ניט געשיקט" . . .

עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט גלייך ביים אָנפאַנג געהאַט אויף אַספּאַסיאַנוסן; בפרט נאָך ווען מען נעמט אין אַכט דעם פאַקט, אַז ער האָט בכלל געהאַט אַ שוואַכקייט זיך צוצוהערן זייער שטאַרק צו די רייד פון יענע וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי קענען פאָראויסזען די צוקונפט, ווי עס דערציילט וועגן אים דער רוימישער היסטאָריקער סיוטאָ־ניוס. יוסף, דער זון פון מתתיהו, האָט אוודאי געוואוסט פון דער דאָזיקער שוואַכקייט זיינער, און ער האָט צו אים ווייטער גערעדט:

„איך הער — האָט ער געזאָגט — אַז דו ווילסט מיך שיקן צו נירונען. פרעג איך דיך: צו וואָס? דו מיינסט, אַז נירון און אויך די וואָס ווען ירשענען זיין טראָן נאָך אים, וועלן לאַנג לעבן, אויסער דיר? דו, אַספּאַסיאַנוס, וועסט ווערן קיסר. דו ביסט דער איינציקער הערשער, און מיט דיר אויך טיטוס דיין זון. נישט נאָר איבער מיר וועסטו, קיסר, זיין דער הערשער און

מיך קענען משפטן אליין, נאר אויך איבער דער יבשה און איבער די ימים און איבער אלע מענטשן פון דער וועלט וועסטו זיין דער הערשער. און איך נעם אויף זיך, אז דו זאלסט נאך מער פאר־שטארקן די וואך איבער מיר און מיך משפטן שטרענג און נעמען נקמה אן מיר, ווען עס וועט זיך ארויסווייזן, אז איך האב אין גאטס נאמען גערעדט צו דיר פאלשע רייד". *)

די מערסטע היסטאריקער האבן גרויסע שוועריקייטן ביים דערקלערן די דאזיקע באגעגעניש צווישן יוסף בן מתתיהו און אספאסיאנוסן. אפילו ווען זיי באשליסן, אז דאס איז אוודאי גע־ווען לויטן גייסט פון יענער צייט, ווען נביאות זאגן איז געווען אן אנגענומענע זאך, איז זיי אויך שווער צו פארשטיין ווי אזוי דער געפאנגענער אידישער קריגספירער האט גאר געוואגט אזוי צו רעדן. אייניקע זענען געניגט צו דענקען, אז ער האט אוודאי טאקע געגלויבט אין דער נבואה, וואס ער זאגט און אז ער האט זיך בכלל געהאלטן פאר א נביא, און אנדערע נעמען אן, אז דאס איז אוודאי געווען ניט מער ווי א מיטל זיך ד ע ר ו ו י י ל כאטש ארויסצודרייען און בלייבן לעבן. אבער ווען מען נעמט אין אכט די געשעענישן פון יענער צייט, ניט נאר אין דער אידישער געשיכ־טע, נאר אויך אין דער רוימישער געשיכטע, און ווען מען טראכט זיך גוט אריין אין דעם וואס פאר א מענטש י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו איז געווען בכלל, און ווען מען קלייבט זיך גוט פונאנדער אין דעם וואס ער האט דאן אספאסיאנוסן געזאגט, דאן איז אינגאנצן ניט וויכטיק צי ער האט טאקע געגלויבט אין זיין אייגענער „נביאות", צי ניין.

יוסף בן מתתיהו איז געווען גוט באקאנט מיט די מעשים פון נירון־קיסר און מיט דעם וואס ס'קומט פאר אין הויף ארום דעם טראן פון דער רוימישער אימפעריע. מ'האט ניט געדארפט זיין דווקא א „נביא" צו טרעפן, אז פריער אדער שפעטער וועט מען דעם ווילדן צעזאר נירון דערהרגענען, פונקט אזוי ווי מ'האט דערהרגעט אנדערע צעזארס, ווען עס איז שוין ווייטער אוממעגלעך געווען פון זיי אריבערצוטראגן.

חוץ דעם האט זיך יוסף, ווי מיר זעען פון זיינע רייד, בא־צייטנס באווארנט, און יעדער ווארט איז ביי אים געווען גוט צו־געטראכט און גוט אויסגערעכנט; ער האט ניט געזאגט, אז גלייך נאך נירונס טויט וועט אספאסיאנוס ווערן קיסר; ער האט זיינע

*) תולדות מלחמת היהודים, ספר ג, פרק ח, ט.

ריַיד געוואויגן און געמאָסטן, און אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט געזאָגט, אַז נירון וועט לאַנג ניט לעבן, האָט ער אויך געזאָגט אַז „די וואָס וועלן ירשענען דעם טראָן נאָך אים", וועלן לאַנג ניט לעבן. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ער מיינט ניט צו זאָגן, אַז גלייך נאָך נירונס טויט וועט אספּאַסיאַנוס שוין ווערן קיסר.

ער האָט זיך גוט באַוואָרנט, דער קלוגער יוסף, דער זון פון מתתיהו. ער האָט אַלעם גוט אויסגערעכנט צו געווינען וואָס מער צייט. און חוץ דעם האָט ער דאָס מאָל, ווי אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, אַ סך געשטעלט אויף זיך און אַ סך איינגעשטעלט. דאָס איז געווען אין זיין נאַטור.

און אספּאַסיאַנוס און טיטוס האָבן געגלויבט אין זיין נבואה און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אים דאָך געהאַלטן אונטער אַ וואַך, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, ער זאָל נאָך ניט אַנטלויפן און זיך ווידער באַטייליקן אין דער מלחמה וואָס די אידן פירן קעגן רוים. אינגאַנצן זיכער מיט אים זענען זיי דאָך ניט געווען.



אַ רוימישע מטבע אין די צייטן פון אספּאַסיאַנוס-קיסר



אַ רוימישע מטבע וואָס שטעלט פאָר די „געפאַלענע יהודה".

## קאַפּיטל דרייצן

### די געשיכטע פון אַמאָל איז אויך די געשיכטע פון היינט

אַיבער דעם וואָס יוסף בן מתתיהו איז איבערגעגאַנגען צו די רוימער, האָט זיך דער גאַנצער גאַנג פון די געשעענישן שטאַרק געביטן און דער קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין לאַנד, האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרקירעוועט לינקס מיט אַזאַ שנעלקייט און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אים אָפּצושטעלן און אים צוריק אַרויפפירן אויף אַזאַ וועג, אַז די מענטשן וואָס באַטייליקן זיך אין אים, זאָלן די קעפּ ניט פאַרלירן און קענען אויסרעכענען יעדן שריט וואָס זיי מאַכן.

עס איז אמת, אַז אַפילו נאָך דעם ווי יודפת איז געפאַלן, איז די מאַכט פון די אידישע חיילות אין גליל נאָך ניט געווען אינגאַנצן צעבראָכן, און טיטוס האָט זיך דאָרט געדאַרפט שלאָגן פאַר יעדער שטאָט, פאַר יעדן דאָרף, און די צאָל פון די רוימער וואָס זענען אין יענע שלאַכטן געפאַלן, איז געווען זייער גרויס; אומעטום האָבן זיך געפונען קנאים, וואָס האָבן היילי‌ק געהאַלטן די שבועה צו שטאַרבן אויפן שלאַכטפעלד פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און זיך ניט אונטערגעבן דעם שונא. אָבער דאָס איז שוין ניט געווען קיין מלחמה פון איין גרויסער מחנה, וואָס וואַרפט זיך אונטער די באַפעלן פונעם עלטסטן קריגספירער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער מלוכה, נאָר צעוואָרפענע שלאַכטן פון באַזונדערע, אָפּגעריסענע מחנות וואָס זענען געבליבן אָן אַ פירער, ווי שאָף אָן אַ פאַסטעך.

אויף די איינוואוינער פון ירושלים האָט דאָס איבערגיין פון יוסף בן מתתיהו צו די רוימער זייער אַ שווערן איינדרוק געמאַכט. אַפילו די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער איז ניט אויסן געווען צו פאַרראַטן דאָס פאָלק, האָבן מיט גרויס צאָרן גערעדט וועגן אים.

זיי האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ פּחדן, אַזאַ פייגלינג האָט מען ניט גע־טאָרט מאַכן פאַרן עלטסטן פון די חיילות אין גליל. און אַנדערע זענען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן געזאָגט, אַז ער איז שטענ־דיק געווען אַ פאַררעטער, אַז ער איז שטענדיק געשטאַנען מיט די וואָס זענען די „פריינד פון רוים" און במילא שוין אויך די פיינד פון אידישן פאָלק. און דאַן איז שוין געווען ניט מער ווי נאַטיר־לעך, אַז מ'זאָל מאַכן נאָך אַ שריט ווייטער און וואַרפן די גאַנצע שולד אויף דער רעגירונג פון די מעסיקע, וואָס האָט אַזאַ מענטשן געמאַכט פאַרן עלטסטן פון די חיילות אין גליל.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג קעגן דער רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון רייכע און פון אַריסטאָקראַטן. די אָרעמע האָבן זיי אָפן באַשולדיקט אין פאַרראַט צום פאָלק און צום לאַנד; מ'האָט געזאָגט, אַז זיי שטייען אַלע שטילערהייט אין פאַרבינדונג מיט די רוימער און זיי גרייטן אַלעם צו צו עפענען די טויערן פון דער הויפּטשטאָט פאַרן שונא. און נאָך שטאַרקער איז די באַוועגונג געוואָרן, ווען יוחנן פון גוש־חלב איז אָנגעקומען קיין ירושלים מיט עטלעכע טויזנט פון זיינע חיילות, נאָך דעם ווי ער האָט געמוזט אָפּטרעטן און איבערלאָזן זיין שטאָט אין די הענט פון טיטוסן.

יוחנן אַליין איז אין אָנפאַנג דווקא ניט געווען פון די גאָר עקסטרעמע קנאים. ער איז אין גרונט געווען אַ מעסיקער קנאי און אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון שמעון בר־גיורא, דעם פירער פון די סיקאַריער. ער איז געשטאַנען אין מיטן צווישן די גאָר רעכטע פון איין זייט און די גאָר לינקע פון דער אַנדערער זייט. ער איז אַפילו געווען גענייגט אַרויסצואַווייזן צוטרויען צו אַזעלכע ווי חנן בן חנן און יהושע בן גמלא, די צוויי גרויסע גבירים, די געוועזענע כהנים גדולים, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער רעגירונג, וואָס דאָס פאָלק האָט מיט אַ צייט צוריק אויס־געקליבן אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג אינעם הייליקן טעמפּל. שוין אָפּגערעדט פון רבן שמעון בן גמליאל, דעם עלטסטן פון די סנהדרין און דעם פּרעזידענט פון דער רע־פּובליק. צו אים האָט יוחנן גרויס צוטרויען געהאַט, און ער האָט צו אים שטענדיק גרויס דרך ארץ אַרויסגעוויזן. אָבער נאָך דעם ווי יוסף בן מתתיהו איז איבערגעגאַנגען צו די רוימער האָט יוחנן אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם צוטרויען צו די פירער פון דער רעגי־רונג, און זיין מיינונג איז געווען, אַז דער צאָרן פון פאָלק קעגן זיי איז אַ גערעכטער.

די שטאָט ירושלים איז דאַן געווען פול מיט די קנאים, וואָס זענען זיך צעלאָפן פון גליל נאָך דעם ווי די רוימער זענען אַהין אַריין. טויזנטער און טויזנטער אַזעלכע יונגעלייט זענען זיך אין דער הויפּטשטאָט צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן לאַנד, און זיי האָבן נאָך מער צעבלאָזן דאָס פייער קעגן דער רעגירונג פון די מעסיקע; און אַלע האָבן אָנגעוויזן אויף דעם פאַרראַט אין יודפת און באַשולדיקט אין דעם די פירער פון דער רעגירונג; און דער צאָרן פון די אָרעמע קעגן די רייכע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג; און מ׳האָט מער ניט געגלויבט די ריכטער פונעם סנהדרין, וועלכע זענען געווען פון די חשובסטע לייט אין שטאָט; און אין די גאַסן איז מען אָנגעפאַלן אויף די וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר „פריינד פון רוים" און מ׳האָט זיי געשלאָגן און מיט געוואַלד זיי אין די תפיסות פאַרשפּאַרט, און זיי דאָרט דערנאָך דערשטיקט אויף טויט אָן אַ דין און אָן אַ משפּט; און די מורא איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ווער פון די רייכע לייט עס האָט נאָר געקענט אַנטלויפן, איז אַנטלאָפן פון ירושלים וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן.

אינאיינעם מיט דעם קאַמף קעגן דער רעגירונג, האָט זיך אָנגעהויבן די הערשאַפט פונעם המון, און ווייל די צייט איז געווען אַזאַ אומרואיקע און מ׳האָט מורא געהאַט ניט נאָר פאַר דעם שונא וואָס פון דרויסן, נאָר אויך פאַרן שונא וואָס פון אינעווייניק, איז געוואָרן אַזאַ מהומה, אַז איינער אויפן אַנדערן האָט שטענדיק געקוקט מיט חשד; די גאַנצע לופט איז געווען פול מיט אומצוטרוי און מ׳האָט ניט געוואוסט וועמען מ׳זאָל גלויבן און וועמען ניט; און איבער דעם איז אוממעגלעך געווען צו שטעלן די אַלע קנאים אונטער דער פירערשאַפט פון איין מענטשן אַ שטאַרקן; זיי זענען געווען צעטיילט אין אַ שיעור כתות און גרופּעס; און יעדע כתה האָט זיך געהאַט איר פירער, וואָס היינט האָט מען אים געגלויבט און מאָרגן שוין ניט. און מער ווי די אַנדערע פירער אין יענער צייט האָט זיך אָנגעזען יוחנן פון גוש־חלב. ער האָט אונטער זיך געהאַט די גרעסטע צאָל באַוואָפנטע לייט. אָבער געווינען די אַנדערע אויך אויף זיין זייט האָט ער דאָך ניט געקענט, און דאָס איז אוודאי געווען דערפאַר, וואָס מ׳האָט געוואוסט, אַז ער האָט פריער אָנגעהאַלטן גוטע באַציאונגען מיט די פירער פון דער רעגירונג און איז געווען אַ גוטער פריינד פון רבן שמעון בן גמליאל.

אין יענער צייט האָט דאָס פאָלק מיט געוואַלד אַרונטערגעזעצט דעם כהן גדול מתתיהו בן תיאופיל, וועל־

כער האָט אויך געשטאַמט פון די רייכע, און אויף זיין אָרט האָט מען אַרויפגעזעצט איינעם אַ פ נ ח ס ב ן ש מ ו א ל, וועל־כער איז געווען אַ פּשוטער שטיין־האַקער ביים פאַך. מ׳האָט אים געבראַכט פון אַ דאָרף, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין מלאכה און מ׳האָט אים אַריינגעפירט אינעם הייליקן טעמפּל און אים אָנגעטאָן די קליידער פונעם כהן גדול, און מיט דעם איז מען אויסן געווען צו אונטערשטרייכן, אַז פון איצט אָן און ווייטער הייבט זיך אָן אַ נייע צייט, און דער מענטש וואָס טראָגט ביי אידן די קרוין פון דער כהונה, וועט מער ניט קומען פון די רייכע, נאָר פון די אָרעמע.

דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן די פירער פון דער מעסיקער רע־גירונג, און מער פון אַלע אַנדערע האָבן זיך איבער דעם געקאַכט די צוויי געוועזענע כהנים גדולים, ח נ ן ב ן ח נ ן און י ה ו ש ע ב ן ג מ ל א; זיי, די צוויי רייכע אַריסטאָקראַטן, איז ניט אָנגעשטאַנען וואָס אַ פּשוטער בעל מלאכה פאַרנעמט דאָס פּלאַץ וואָס זיי האָבן אַמאָל פאַרנומען. חוץ דעם האָבן זיי אין דעם אויך געזען אַ פאַרשוועכונג פון דער כהונה גדולה,, און דאַן האָבן זיי, אינאיינעם מיט ר ב ן ש מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל, אָנגעהויבן פירן אַ שטאַרקן קאַמף קעגן די קנאים. זיי האָבן גערופן פאַרזאַמלונגען. און ח נ ן ב ן ח נ ן, וועלכער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, איז דאָרט שאַרף אַרויסגע־טראָטן קעגן די קנאים פון פאַרשיידנערליי שטאַנדפּונקטן און ריכ־טונגען; ער האָט געהעצט קעגן זיי; ער האָט באַוויזן, אַז מיט זייערע מעשים וועלן זיי ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן פאָלק און אויפן גאַנצן לאַנד. און זיינע רייד האָבן געווירקט און אַ סך פון פאָלק האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער מעסיקער רע־גירונג און דאַן האָט זיך אין דער שטאָט ירושלים אָנגעהויבן אַן אמתער בירגער־קריג, וואָס האָט געקאָסט טויזנטער לעבנס.

***

אונטער דער פירערשאַפט פון ח נ ן ב ן ח נ ן האָבן די מעסיקע אַרויסגעשטויסן די קנאים פון די אַלע טיילן פון שטאָט, וואו זיי האָבן זיך געהאַט באַפעסטיקט און זיי פאַרטריבן אין איינעם פון די טויערן, וואָס זענען ביים בית המקדש געשטאַנען. ביי די טויערן פונעם הייליקן טעמפּל האָט זיך געגאָסן בלוט, און ברידער האָבן ברידער געקוילעט. די מעסיקע האָבן די שלאַכט געוואונען און זיי האָבן די קנאים פאַרשפּאַרט אין דעם טויער און

אוועקגעשטעלט א שטארקע וואך ארום זיי. אבער די אנדערע קנאים, וואס זענען נאך געבליבן אין שטאט, האבן ניט גערוט, און ווען ס'האט זיך מיט א מאל פארשפרייט א קלאנג, אז דער געוועזענער כהן גדול חנן בן חנן האט איצטער די גאנצע מאכט אין דער רעגירונג און אז ער, אינאיינעם מיט דעם גרויסן גביר יהושע בן גמלא, האבן זיך שוין געשטעלט אין פארבינדונג מיט אספאסיאנוסן און טיטוסן און זענען שוין גרייט צו פארהאנדלען וועגן א שלום-אפמאך, האט מען גלייך אוועקגעשיקט שלוחים צו די אדומים, אז זיי זאלן שוין קומען העלפן.

די אדומים זענען אויך געווען אידן. נאך אין די צייטן פון יוחנן הורקנוס, דעם חשמונאי, וואס איז געזעסן אויפן טראן פון יהודה פונעם יאר 135 ביזן יאר 104, וואס פארן געבורט פון כריסטוסן האבן זיי דעם אידישן גלויבן אנגענומען און פון זיי איז ארויסגעקומען הורדוס דער ערשטער (דער גרויסער), דער קעניג פון יהודה. זיי זענען שוין געווען אידן פון דור דורות און האבן געהאט א נאמען פון איבערגעגעבענע קנאים, וואס זענען גרייט דאס לעבן אוועקצוגעבן פאר דער פרייהייט פון דעם אידישן פאלק. איז ווען זיי האבן דערהערט, אז דער גרעסטער טייל פון די קנאים אין ירושלים איז פארשפארט אין א פעסטונג, און אז די מעסיקע פון דער רעגירונג זענען שוין גרייט צו עפענען די טויערן פון דער הייליקער שטאט פארן שונא, האבן זיי גלייך אוועקגעשיקט אהין א גרויסע מחנה פון צוואנציק טויזנט באוואפנטע לייט, און די עלטסטע פון דער מחנה זענען געווען: פנחס בן קלוזום, שמעון בן קתלום, יעקב בן סיסא און איינער א יוחנן, וואס דער נאמען פון זיין פאטער ווערט אין דער געשיכטע פון יענער צייט ניט אנגעגעבן.

ווען חנן בן חנן האט דאס דערהערט, איז ער געווארן זייער אומרואיק און האט גלייך ארויסגעגעבן א באפעל, אז מען זאל פארשליסן די טויערן פון דער שטאט ירושלים און דארט אוועקשטעלן א שטארקע וואך און ניט ארייןלאזן די אדומים. אויך יהושע בן גמלא איז געווארן זייער אומרואיק, און ער איז ארויס באגעגענען די אדומים און האט זיי מיט גוטן געבעטן, אז זיי זאלן זיך אומקערן צוריק און ניט ארייןקומען קיין ירושלים.

אבער די עלטסטע פון די אדומים האבן זיך ניט געוואלט אומקערן צוריק; זיי האבן געזאגט, אז קיינער קען קיין איבער-

גענגעבענע, געטרייע אידן ניט שטערן זיך צו שלאָגן פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און באַשיצן די הייליקע שטאָט. זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז אַפילו מיט געוואַלד וועט מען זיי פון דאַנען ניט פאַרטרייבן, ווייל זיי האַלטן דאָס פאַר זייער הייליקן חוב צוריק־צושטעלן די רוימער, וואָס די פאַררעטער פון פאָלק זענען שוין גרייט אויפצונעמען.

ניט מיט שלעכטן און אויך ניט מיט גוטן האָט מען ביי די אדומים געקענט פועלן, אַז זיי זאָלן גיין צוריק. זיי האָבן זיך גע־האַלטן פעסט. און ביינאַכט, ווען ס'האָט מיט אַ מאָל אויסגע־בראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם, און די וועכטער פון די טויערן האָבן זיך אין ביידלעך באַהאַלטן, און אויך די באַוואָפנטע וואָס האָבן די שטאָט באַוואַכט, האָבן אין די גאַסן ניט געקענט איינ־שטיין, זענען איניקע פון די קנאים שטילערהייט צוגעקומען צו די טויערן און האָבן זיי געעפנט, און דאַן זענען די צוואַנציק טויזנט אדומים אַריין אין שטאָט און גלייך אַרויסגעלאָזט אַלע קנאים פון דער פעסטונג, און אינאיינעם האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן, באַפאַלן די הייזער וואו ס'האָבן געוואוינט די רייכע און אויך יענע, וואָס האָבן געהאַלטן מיט דער מעסיקער רע־גירונג און האָבן אויף זיי אַ שרעקלעכע שחיטה געמאַכט, און אין יענער נאַכט האָט מען אויסגעהרגעט אַ כ ט  ט ו י ז נ ט  מ י ט  פ י נ ף  ה ו נ ד ע ר ט מענטשן. עס זענען געפאַלן ניט נאָר אַזעלכע, וואָס זענען געווען שולדיק, נאָר אויך אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען שולדיק. אויף וועמען ס'איז נאָר געפאַלן אַ מינדסטער חשד, אַז ער האַלט מיט די מעסיקע, איז מען אָנגעפאַלן און מ'האָט אים דערהרגעט; אין אָן אַ שיעור הייזער און אויך אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט הרוגים און צווישן די וואָס זענען אין יענער נאַכט דערהרגעט געוואָרן, זענען אויך געווען די צוויי כהנים גדולים, חנן בן חנן און  י ה ו ש ע  ב ן  ג מ ל א. און ס'איז אַ סברא, אַז אויך  ר ב ן  ש מ ע ו ן  ב ן  ג מ ל י א ל, דער פרעזידענט פון דער רעפובליק איז אין יענער נאַכט דערהרגעט געוואָרן. ביי פלאַוויוסן און אין קיין אַנ־דער קוואַל ווערט דאָס ניט דערמאָנט, און מ'קען דאָס דעריבער ניט וויסן באַשטימט. מ'ווייסט אָבער, אַז נאָך יענע בלוטיקע געשעעני־שן איז דער נאָמען פון  ר ב ן  ש מ ע ו ן  ב ן  ג מ ל י א ל מער ניט דערמאָנט געוואָרן אין דער געשיכטע פון יענער צייט.

מיט דעם האָט זיך עס נאָך ניט געענדיקט. די אדומים און די קנאים האָבן נאָך דעם אין ירושלים אויסגעהרגעט נאָך  ד ר י י

טויזנט מיט פינף הונדערט מענטשן. זיי האבן געוואלט אויסראטן ניט נאר די מעסיקע, די גאר ר י י כ ע , נאר אויך די מ י ק א ר י ע ר , די גאר ל י נ ק ע . אויך זיי האבן די קנאים געהאלטן פאר אן אומגליק פארן פאלק. און ווען די גאנצע שטאט איז שוין געווען פארפלייצט פון בלוט, האט מען אפגעשאפט דעם אלטן סנהדרין, וואו די ריכטער זענען געווען פון די רייכע און מ'האט איינגעפירט א נייעם סנהדרין, וואו די ריכטער זענען געווען פון ארעמע פון פאלק און מ'האט אנגעהויבן משפטן און פארמשפטן די אלע מענטשן, וואס זענען געשטאנען אונטער חשד.

עס מוז דא געזאגט ווערן, אז ס'איז שווער צו פארשטיין קלאר די געשעענישן, וואס האבן זיך אפגעשפילט אין ירושלים פארן חורבן פונעם בית המקדש, ווען מ'איז ניט גרינטלעך באקענט מיט דער געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע אינעם אכטצנטן יארהונדערט, און מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואלוציע אינעם צוואנציקסטן יארהונדערט. בלויז אין דער ליכט פון יענע צוויי גרויסע רעוואלוציעס און אויך אין ליכט פון די געשעענישן, וואס שפילן זיך אפ פאר אונדזערע אויגן אין דער הייגטיקער צייט, קען מען זען קלארער און פארשטיין בעסער וואס ס'איז דאן פארגעקומען אין ירושלים מיט קנאפע נייגצן הונדערט יאר צוריק. און ניט אומזיסט איז אנגענומען די מיינונג, אז שרייבן די געשיכטע פון א מ א ל , הייסט אין דער אמתן שרייבן די געשיכטע פון ה י י נ ט . ווארעם אויב די ציוויליזאציע איז אפילו אן אנדערע און דער גייסט איז אן אנדערער, איז דער מין מענטש, א י ן ג ר ו נ ט , געבליבן דער זעלבער. און ס'זענען אמאל געווען קלאסן־אינטערעסן — פונקט ווי היינט; און די פירער פון יעדער פארטיי זענען געווען זיכער, אז זיי און נאר זיי וועלן ברענגען די גאולה פארן פאלק — פונקט ווי היינט; און קיין רעגירונג האט מיט גוטן ניט געוואלט אויפגעבן די מאכט, אפילו דאן ווען ס'האט שוין פאר אלעמען געקענט זיין קלאר, אז זי גייט ניט אויפן ריכטיקן וועג — פונקט ווי היינט. „עס איז נישטא קיין נייעס אונטער דער זון".

אבער לאמיר זיך אומקערן צוריק צו אונדזער ענין.

דער נייער סנהדרין, וואס איז אין דער אמתן געווען א מין רעוואלוציאנערער טריבונאל, האט אנגעהויבן משפטן די אלע מענטשן, קעגן וועמען די נייע הערשער האבן געבראכט קלא־

געם. זיי האָבן געמשפּט די וואָס האָבן פריער אַנדערע געמשפּט און יעדער אורטייל וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, איז געווען דער שטרענגסטער; עס איז ניט געווען נויטיק צו באַווייזן, אַז דער אַנגעקלאָגטער איז טאַקע שולדיק אין אַלץ; די מערסטע פון די אַנגעקלאָגטע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און צווישן די וואָס מ'האָט דאַן אין ירושלים מיטן טויט באַשטראָפט, זענען אויך געווען צוויי פון די גאַר אָנגעזעענע, וועלכע האָבן פריער אינעם קאַמף קעגן די רוימער זייער אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט; איינער איז געווען י ו ס ף ב ן ג ו ר י ו ן, וועמען די פריערדיקע פאָלקס־רעגירונג האָט געהאַט באַשטימט צו באַשיצן די שטאָט ירושלים אין פאַל פון אַ מלחמה, און דער צווייטער איז געווען דער גרויסער העלד נ י ג ע י ר, וועלכער האָט זיך פריער אַ סך מאָל אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן קעגן די רוימער און איז געווען באַקאַנט ווי אַ גוטער און איבערגעגעבענער קנאי.

ס'ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז ווען מ'האָט דעם גיבור ניגעיר געפירט צום טויט און געשלעפּט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, האָט ער „געשריען מיט אַ ביטער געשריי" און האָט אויפגעדעקט די וואונדן, וואָס ער האָט געהאַט אויפן לייב פון די שלאַכטן, וואו ער האָט זיך אַזוי מוטיק געשלאָגן און אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע גבורות אַרויסגעוויזן. ער האָט אין אָנפאַנג געהאָפט, אַז מ'וועט אים דאָך שענקען דאָס לעבן צוליב זיינע גרויסע פאַרדינסטן אינעם קאַמף פאַר פרייהייט. און ווען ער האָט געזען, אַז זיין האָפענונג איז אומזיסט, האָט ער געבעטן, אַז נאָכן טויט זאָל מען אים כאָטש באַגראָבן. אָבער אפילו דאָס האָט מען אים ניט געוואָלט צוזאָגן; מ'האָט דווקא געוואָלט, אַז אין די לעצטע רגעם פון זיין לעבן זאָל ער וויסן, אַז מ'וועט זיין קערפּער וואַרפן פאַר די הינט, און פאַרן טויט האָט דער קנאי ניגעיר אויפגעהויבן זיין קול און האָט מיט ביטערע קללות געשאָלטן זיינע פריערדיקע חברים, אַז זיין בלוט זאָל פאַלן אויף זייערע קעפּ און זיי זאָלן זיך איינע די אַנדערע אויסקוילען.

דערמאָנט דאָס ניט יענע שטאַרקע סצענע אין די צייטן פונעם טעראָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען מ'האָט דאַנטאָנען געפירט צו דער גילאָטינע, און ער האָט אויסגעשריען צו ראָבעספּיערן: „נאָך מיר—קומסטו"?

דערמאָנט דאָס ניט נאָך אַנדערע ענלעכע סצענעס אין דער געשיכטע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ טעראָר, אַז די רעוואָלוציע האָט אירע אייגענע קינדער דערשטיקט?

אָבער צו וואָס זוכן פאַרגלייכונגען? מיר וועלן דאָס בעסער איבערלאָזן פאַר די לעזער, זאָלן זיי דאָס אַליין טאָן, און דאַן וועלן זיי איינזען ווי ווייניק די דורות פון די נייע צייטן האָבן געלערנט פון די דורות פון די אַלטע צייטן, און ווי זיי באַגייען די זעלבע פע־לערן.

⁂

די מורא ,אַז די רייכע און מעסיקע זאָלן נאָך ניט פאַרראַטן, איז אָבער דאָך ניט געווען אינגאַנצן אָן אַ גרונט. עס זענען צווישן זיי ווירקלעך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שטילערהייט טאַקע פאַר־ראַטן און איבער זיי זענען שוין די אַנדערע אויך געווען אונטער חשד, און ס׳האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט אַפילו אַזעלכע וואָס זענען ניט געווען שולדיק. אַ סך רייכע און אָנגעזעענע לייט זענען פון דער הויפּטשטאָט אַנטלאָפן און זענען געקומען צו אספּאַסיאַנוסן און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין ירושלים און אים פאַרזיכערט, אַז בלויז „דער ערב־רב“ איז קעגן דער רוימישער מאַכט און אַז די „בעסערע מענטשן פונעם פאָלק“ זענען ניט צו־פרידן פון „דעם גאַנצן טומל“ און זיי קוקן אַרויס אויף דער שעה ווען די רוימער וועלן מאַכן אַ סוף דערצו.

זיי האָבן געמאַכט צונישט דעם גאַנצן קאַמף פאַר פרייהייט, יענע לייט. מיט די ידיעות וואָס זיי האָבן געבראַכט אספּאַסיאַנוסן און טיטוסן, האָבן זיי געטאָן די אַרבעט פון שפּיאָנען און פּראָוואָ־קאַטאָרס, און ווען די קנאים, וואָס האָבן דאַן געהאַט די מאַכט אין די הענט, האָבן זיך דערוואוסט דערפון, האָבן זיי גלייך אַרויס־געגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז קיינער פון די איינוואוינער פון ירושלים טאָר מער די שטאָט ניט פאַרלאָזן.

אין יענער צייט האָט מען פאַרן געריכט געבראַכט איינעם אַ ז כ ר י ה ב ן ב ר ו ך, פון די אָנגעזעענסטע לייט אין ירושלים. די קלאַגע קעגן אים איז געווען, אַז ער האָט שטילערהייט געשיקט שלוחים צו אספּאַסיאַנוסן און טיטוסן, און אַז ער איז, אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע, אין אַ געהיימער פאַרשווערונג צו עפענען די טויערן פון ירושלים פאַרן שונא. מ׳האָט דאָס אָבער ניט געקענט באַ־ווייזן, און, ווי ס׳שיינט, איז דאָס טאַקע געווען אַ בלבול. צו אַזאַ שלום זענען אויך געקומען די ריכטער פונעם נייעם סנהדרין, און דאָס אַליין איז דער בעסטער באַווייז, אַז דער מענטש איז געווען אומשולדיק, וואָרעם געוויינלעך זענען זיי אין אַזעלכע פאַלן געווען זייער שטרענג. זיי האָבן דעם אָנגעקלאָגטן ז כ ר י ה ב ן

ב ר ו ך באפרייט, און ווען יענער איז שוין געווען גרייט ארויס-צוגיין, האבן צוויי באוואפנטע קנאים אים פארשטעלט דעם וועג, און דערשטעכנדיק אים אויף טויט מיט זייערע שווערדן אינעם הייליקן טעמפל, האבן זיי פון צווישן די ציין ארויסגעברומט:

„דא האסטו אונדזער מיינונג אויך וועגן דעם פסק!״

צום שבח פון י ו ח נ ן מ ג ו ש-ח ל ב דארף דא גע-זאגט ווערן, אז ער האט זיך אין די אלע שרעקלעכע רציחות ניט באטייליקט און ער איז פאר זיי ניט געווען פאראנטווארטלעך. ווען די גאר עקסטרעמע קנאים וואס האבן אין ירושלים פאר-כאפט די מאכט האבן אזוי געוועלטיקט, איז ער געשטאנען אין א זייט און האט זיך ווייניק געמישט, און דאס איז אוודאי געווען דערפאר וואס ער האט געזען, אז ער קען דא גארניט העלפן, און ס׳קען אויך זיין, אז ער האט אפשר געוואלט אז זיי זאלן אפטאן די „אומאנגענעמע ארבעט״, וואס ער אליין וואלט ניט געוואלט האבן אויף זיין געוויסן. ווען ער האט אבער דערזען, אז ס׳ווערט וואס א מאל אלץ ערגער און ערגער, האט ער זיך געווענדט צו די א ד ו מ י ם , אז זיי זאלן פארלאזן די שטאט, און זיי האבן אים געפאלגט און זענען אוועק, און באלד נאך דעם האט זיך די לאגע געביטן צום בעסערן. אן די אדומים, וועלכע זענען געווים אוועק צוריק אהיים דערפאר וואס ס׳איז זיי שוין געווען מיאוס צו זען אזוי פיל רציחות, האבן די גאר עקסטרעמע קנאים ווייטער ניט גע-קענט אנהאלטן די מאכט. און דאן איז י ו ח נ ן פ ו ן ג ו ש-ח ל ב געווארן דער הערשער פון ירושלים, דער ד י ק ט א-ט א ר . און אין דער זעלבער צייט, וואס ער האט געהאלטן אן אויג אויף די, וואס זענען געשטאנען אונטער חשד, האט ער דאך געזען, אז מ׳זאל ניט פארגיסן קיין בלוט אומזיסט. אפילו דעם פאטער פון יוסף בן מתתיהו האט ער ניט געשטעלט צום געריכט, כאטש קלאנגען האבן זיך ארומגעטראגן, אז ער שטייט אין פאר-בינדונג מיט זיין זון. ער האט אים בלויז געהאלטן פארשפארט אין געפענקעניש און אנגעזאגט, אז מ׳זאל אים צו קיינעם ניט לאזן רעדן. אויך די מוטער פון יוסף בן מתתיהו און זיין ווייב האט ער געהאלטן פארשפארט אין געפענקעניש, און ווען ער האט איינ-געפירט א ביסל ארדענונג אין שטאט, האט ער אנגעהויבן טאן אלץ, וואס ער האט נאר געקענט, צוצוגרייטן דאס פאלק און די פעסטונגען פאר א שטארקן ווידערשטאנד קעגן די רוימער.

# קאַפּיטל פערצן

## די פאָלקס־רעוואָלוציע אין ירושלים און די הויף־איבערקערענישן אין רוים

מ'מוז צוגעבן, אַז ס'איז ניט זייער לייכט זיך צו שאַפן אַ קלאָר בילד פון יוחנן מגוש־חלב און פון זיין טעטיקייט אין די צייטן ווען ער איז געווען דער דיקטאַטאָר אין ירושלים. די ווערק פון יוסף בן מתתיהו זענען, ליידער, דער איינציקער ערשטער קוואַל פון וואַנען מ'קען שעפן ידיעות וועגן דעם, און אין דעם פּרט קען מען זיך אויף אים קיין סך ניט פאַרלאָזן, ווייל, ווי ס'איז שוין דערציילט געוואָרן פריער, זענען די באַציאונגען צווישן די צוויי געווען ניט זייער קיין גוטע; יוחנן האָט געהאַלטן יוספן פאַר אַ „פאַררעטער", און יוסף האָט אים גע־האַלטן פאַר אַ „באַנדיט". און אַזוי האָט ער אים אָנגערופן אין זיינע ווערק, און ניט נאָר אים, נאָר אויך די אַלע אַנדערע קנאים, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער רוימישער מאַכט; ער האָט וועגן זיי געשריבן ווי וועגן „באַנדיטן" און „רויבער", כדי דערמיט צו געפינען חן אין די אויגן פון אספּאַסיאַנוס און טיטוס.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז אין די קאַפּיטלען, וווּ יוסף בן מתתיהו באַשרייבט דעם קאַמף וואָס די קנאים האָבן געפירט קעגן די רוימער, און די סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָס איז דאַן פאַר־געקומען אין לאַנד, דערמאָנט ער אָן אַ רוסישן ווייסן־גוואַרדייער, וואָס שרייבט די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אָדער אָן אַ פראַנצויזישן ראָיאַליסט, וואָס שרייבט די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אויך פון דעם ביסל, וואָס טאַציטוס שרייבט וועגן יוחנן פון גוש־חלב, קען מען זיך קיין קלאָר בילד ניט שאַפן; דעם רוימישן היסטאָריקער איז דער קאַמף וואָס די אידן האָבן געפירט, קיין סך ניט אָנגעגאַנגען; ער האָט זיך מיט די פירער פונעם קאַמף ווייניק אינטערעסירט; דערצו איז ער גלאַט געווען צו ווייט פון דעם פּלאַץ וווּ די געשעענישן זענען פאָרגעקומען; ער האָט דערפון געשריבן

בלויז אויפן גרונט פון דעם וואָס ער האָט פון דערוויטנס געהערט, און ווייל ער איז מיט דעם געווען אַזוי ווייניק באַקאַנט, האָט ער אינגאַנצן צעמישט די נעמען, און ביי אים קומט גאָר אויס, אַז יוחנן פון גוש־חלב און בר־גיורא זענעןביידע איין מענטש. *)

אָבער ווען מען טיילט אָפּ די בייזוויליקייט, מיט וועלכער יוסף בן מתתיהו שרייבט וועגן יוחנן פון גוש־חלב, פון די פאַקטן וואָס ער אַליין גיט איבער וועגן אים און זיין טעטיקייט, מוז מען קומען צום שלוס, אַז יוחנן איז געווען אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק, אַן אמת איבערגעגעבער קנאי, אַ פעאיקער פירער, און אַז אין פאַרגלייך מיט אַ סך פון די אַנדערע, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט, איז ער געשטאַנען אַ סך העכער, און ער איז די גאַנצע צייט געווען אויסגעהאַלטן און האָט געוואוסט וואָס ער וויל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווי אַ פירער פון אַ באַוועגונג אין אַזאַ אומרואיקער צייט, האָט ער ניט געקענט ווערן דער „ליבלינג" ביי אַלעמען; די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט ניט געקענט זיין אינגאַנצן ריין פון זינד; דער גאַנג פון די געשעענישן האָט אים פון צייט צו צייט געבראַכט דערצו, אַז זיינע הענט זאָלן אויך פאַרפלעקט ווערן פון בלוט; ווי די מערסטע קנאים אין אַ קאַמף, וואו דער גרונט איז אַ רעליגיעזער, ווי ס'איז בכלל געווען אין יענע אַלטע צייטן, איז ער אויך געווען אַ פאַנאַטיקער, און צו די אַלע זאַכן דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט דעם פאַקט וואָס ער איז גע־ווען אַ קראַנקער און אַ קרענקלעכער מענטש, און דאָס האָט ניט וויי־ניק געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל ניט האָבן קיין געדולד און אַמאָל נישט קענען פאַרטראָגן קיין מיינונג פון אַנדערע.

די ערשטע צייט, גלייך נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן דער דיק־טאַטאָר אין ירושלים און מ'האָט אָפּגעשטעלט די רציחות אין די געריכטן, אָדער די „בלוט־ריניקונגען", די „ליקווידאַציעס", ווי מ'קען זיי אָנרופן לויט דער טערמינאָלאָגיע פון דער היינטיקער צייט, איז יוחנן פון גוש־חלב נאָך ווי ס'איז אויסגעקומען מיט דעם אַנדערן פירער פון די קנאים אין ירושלים, א ל י ע ז ר ב ן ש מ ע ו ן, וועלכער האָט געהאַט זייער גרויסע פאַרדינסטן אינעם קאַמף פאַר פרייהייט. שפּעטער אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומרייסן מיט אים, און ס'קען זיין, אַז דאָס איז טיילווייז געווען

*) Tacitus, History, Book V, XII.

דערפאר וואס יענער, א געבירטיקער אין ירושלים, האט אויף אים געקוקט ווי אויף א פרעמדן, ווייל יוחנן פון גוש-חלב איז דאך געקומען פון גליל.

עס האט זיך אנגעהויבן א מין לאקאלער פאטריאטיזם. די קנאים פון ירושלים האבן געהאלטן מיט א ל י ע ז ר ב ן ש מ ע ו ן, ווייל ער איז געווען א זייעריקער; די קנאים פון גליל זענען געשטאנען שטאל און אייזן פאר י ו ח נ ן פ ו ן ג ו ש - ח ל ב, און אויך דערפאר וואס ער איז געווען א זייעריקער. און עס זענען אויך געווען קנאים פון א ד ו ם, און זיי האבן געשטיצט די צוויי פירער, י ע ק ב ב ן ס ו ס א און ש מ ע ו ן ב ן ק ת ל ו ם, ווייל ביידע זענען געווען זייעריקע.

און ווען די פארשיידנערליי כתות קנאים האבן זיך ווידער גענומען רייסן צווישן זיך, האבן די גאר מעסיקע פון דער באפעלקערונג, די, וואס זענען געווען קעגן דעם קאמף פאר פרייהייט, זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט און שטילערהייט געמאכט א פארשווערונג קעגן די קנאים פון אלע ריכטונגען.

דער פירער פון יענער פארשווערונג איז געווען מ ת ת י ה ו ב ן ת י א ו פ י ל, דער כהן גדול, וועמען די קנאים האבן מיט א צייט צוריק ארונטערגעזעצט און אויף זיין ארט באשטימט אן אייגענעם מענטשן, א בעל מלאכה, דעם שטיין-האקער פ נ ח ס ב ן ש מ ו א ל. דער ארונטערגעזעצטער כהן גדול, וועלכער איז, אגב, געווען דער לעצטער, וועמען דער קעניג אגריפא האט אויסגעקליבן פאר אזא הויכן אמט, איז געווען א רייכער מאן און ער האט ארום זיך צונויפגעקליבן נאך א סך רייכע לייט, פון די וואס האבן פריער פאר מורא געשוויגן; זיי זענען געווען זיכער, אז איצט, נאך די „בלוט-רייניקונגען" אין די אייגענע רייען, איז די מאכט פון די קנאים שוין ניט אזוי שטארק ווי פריער, און זיי זענען דעריבער ארויס אין אן אפענעם קאמף צו ברעכן די מאכט פון יוחנן מגוש-חלב.

די מחנות וואס מתתיהו בן תיאופיל און די אנדערע רייכע לייט האבן צונויפגעשטעלט, זענען געווען באוואפנט, און דאן האבן זיך אין די גאסן פון ירושלים ווידער אנגעהויבן שלאכטן צווישן אייגענע ברידער און בלוט האט זיך ווידער געגאסן אומעטום. א סך פון די קנאים זענען דאן אין די שלאכטן געפאלן, און ס'האט געשיינט, אז דאס מאל וועלן די רייכע ארויסקומען מיט א נצחון און די נייע רעגירונג פון די קנאים וועט פאלן. אבער יוחנן פון גוש-

חלב האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און האָט מיט אַן אייזערנער האַנט דעם אויפשטאַנד אונטערדריקט.

די מעסיקע, אָדער בעסער געזאָגט, די גאָר רעכטע, וואָס זענען אַלע געווען רייכע לייט, האָבן זיך אָבער דאָך ניט געוואָלט אונטער־געבן אײנגאַנצן, און דאָן האָבן זיי אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס מ׳האָט אין אָנפאַנג לחלוטין ניט געקענט פאַרשטיין; זיי, די רייכע לייט, וואָס זענען געווען די שטאַרקסטע קעגנער פונעם קאַמף פאַר פריי־הייט אין יהודה און אַלץ געאַרבעט דערפאַר, אַז מ׳זאָל איינגיין אויף פשרות מיט די רוימער — זיי האָבן זיך געווענדט צו שמעון בר-גיורא, דעם פירער פון די סיקאַריער, אַז ער זאָל מיט זיינע חיילות קומען קיין ירושלים, זיי העלפן אַרונטער־וואַרפן די רעגירונג פון די קנאים, און שמעון בר-גיורא האָט זיי ניט אָפּגעזאָגט און זיך מיט אַ גרויסער מחנה פון צען טויזנט סי־קאַרער געלאָזט גיין אויף ירושלים.

ביידע עקסטרעמען — פון רעכטס און פון לינקס — האָבן זיך באַגעגנט.

שמעון בר-גיורא האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרויסן העלד. ער איז נאָך געווען יונג, אָבער ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצייכנט אין אַ סך שלאַכטן קעגן די רוימער. נאָך אין דער מלחמה קעגן קעסטיוס גאַלוס האָט ער אַרויסגעוויזן אַזעלכע גבורות, וואָס אַלע האָבן באַוואונדערט; ער איז געווען זייער אַ פעאיקער קריגספירער; זיינע חיילות, די סיקאַירער, זענען צו אים געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן, און יעדער באַפעל זיינער איז ביי זיי געווען אַ געזעץ וואָס מ׳טאָר ניט ברעכן; ער האָט אָבער קיין מאָל ניט געקענט איינשטימען מיט די אַנדערע פירער אינעם קאַמף פאַר פרייהייט; אין זיינע אויגן זענען זיי אַלע געווען צו־מעסיק, צו־איינגעהאַלטן, און ער איז געווען גרייט יעדן איינעם פון זיי חושד צו זיין אין פאַרראַט; נאָך דעם ווי ס׳איז אין ירושלים געגרינדעט געוואָרן די צייטווייליקע רעגירונג פון די מעסיקע מיט רבן שמעון בן גמליאל אַלס פּרעזידענט, איז שמעון בר-גיורא אַוועק אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ, וואָס ביים ברעג פון ים המלח, און דאָרט האָט ער אַרום זיך צונויפגעקליבן עטלעכע טויזנט פון זיינע אָנהענגער, און באַ־נוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט, וואָס אספּאַסיאַנוס און טיטוס איילן זיך ניט צו גיין אויף ירושלים, האָט ער מיט זיינע חיילות פאַרכאַפּט נאָך געגנטן אַרום און איז דאָרט געוואָרן

דער גאַנצער הערשער; זיינע באַוואָפנטע לייט האָבן געלויערט אויף אַלע וועגן און זיי האָבן אויסגעהרגעט אַ סך פון די רוימישע זעלנער. אויך אויף אידן, אויף אַזעלכע, וואָס האַלטן ניט מיט די וואָס שלאָגן זיך פאַר פרייהייט, זענען זיי אָנגעפאַלן און האָבן זיי געהרגעט און צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך געפירט. אין אַלגעמיין האָבן זיי זיך באַנוצט מיט טעראָריסטישע מעטאָדן און אַרויפגעוואָרפן אַ מורא אויף אַלעמען. אָבער פאַר שמעון בר-גיורא איז דאָס ניט געווען גענוג, און מיט דער פולער זיכערקייט, אַז יוחנן פון גוש-חלב, דער הויפּט פון דער נייער מאַכט אין ירושלים, איז צו מעסיק און אַז ער פירט דעם קאַמף קעגן די רוימער ניט אַזוי ווי מ׳דאַרף אים פירן, האָט ער אַרויסגעקוקט אויף דער שעה, ווען ער וועט האָבן די מעגלעכקייט איבערצונעמען די גאַנצע מאַכט אין זיינע אייגענע הענט.

דערפאַר איז ער געווען אַזוי צופרידן ווען דער געוועזענער כהן גדול, מתתיהו בן תיאופיל, האָט זיך צו אים געווענדט נאָך הילף און געבעטן ער זאָל מיט זיינע חיילות קומען קיין ירושלים. ער האָט ניט פאַרזאַמט און איז גלייך אוועק אַהין. אָבער ווען ער איז מיט זיינע חיילות צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, האָט יוחנן פון גוש-חלב אים דאָרט באַ-געגנט מיט זיינע באַוואָפנטע לייט, און ביידע צדדים, די קנאים פון איין זייט און די סיקאַריער פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיך לאַנג געשלאָגן, און עס זענען געפאַלן אַ סך קרבנות פון ביידע זייטן.

אין איינער פון יענע שלאַכטן, ביי די טויערן פון דער הויפּט-שטאָט, איז די ווייב פון שמעון בר-גיורא אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קנאים; זיי האָבן זי געכאַפּט ווי אַ לעבעדיקן משכון, ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיין ווייב זייער ליב. מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳וועט זיך מיט דעם באַנוצן ווי מיט אַ מיטל אים צו צווינגען, ער זאָל זיך צוריקציען, אָבער שמעונען האָט דאָס נאָך מער צערייצט און ער האָט זיך געשלאָגן מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז מ׳האָט אים זיין ווייב געמוזט אָפּשיקן צוריק. עטלעכע טעג האָבן די שלאַכטן אָנגעהאַלטן, און דער סוף איז געווען — שמעון בר-גיורא האָט זיך דאָך אַריינגעריסן קיין ירושלים מיט זיינע חיילות. אָבער אינגאַנצן ברעכן די מאַכט פון יוחנן פון גוש-חלב האָט ער דאָך ניט געקענט. און דאַן איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ לאַגע, אַז אַנשטאָט איין דיקטאַטאָר, זענען אין ירושלים שוין געווען צוויי דיקטאַ-טאָרס. שלום מאַכן צווישן זיך האָבן זיי ניט געקענט און ביידע זענען אויף צוויי באַזונדערע וועגן געגאַנגען, און יעדער איינער פון

זיי איז געווען זיכער, אַז ער און נאָר ער גייט אויפן ריכטיקן וועג, און אַז ער און נאָר ער קען ברענגען די אמתע ישועה פאַרן פאָלק.

צו זיין פּינקטלעך, דאַרף מען זאָגן, אַז אין ירושלים זענען אין יענער צייט געווען ניט נאָר צוויי הערשער, נאָר ד ר י י. ווארעם חוץ שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש־חלב, איז געווען נאָך אַ דריטער — א ל י ע ז ר ב ן ש מ ע ו ן, און ער האָט אונטער זיך אויך געהאַט אַ מחנה פון עטלעכע טויזנט מאַן, און כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן נעענטער צו יוחנען, האָט ער אָבער דאָך ניט אַלע מאָל איינגעשטימט מיט אים, און ביידע האָבן זיך גאַנץ אָפט אַרומגעריסן צווישן זיך.

די קנאים און די סיקאַריער האָבן צווישן זיך איינגעטיילט די שטאָט אַזוי ווי זי וואָלט פון צוויי באַזונדערע מדינות באַשטאַנען. יוחנן און אליעזר האָבן פאַרכאַפּט דעם באַרג, וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, און אויך דעם גאַנצן געגנט און אַלע פּעם־טונגען אַרום און אַרום. און שמעון בר־גיורא האָט פאַרכאַפּט דעם אויבערשטן טייל פון דער שטאָט און אַ גרויסן טייל פון דעם אונטערשטן. און גלייך פון אָנהויב אָן האָט ער געוויזן די רייכע לייט, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים ער זאָל זיי קומען העלפן, אַז זיי האָבן זיך גענאַרט אין אים און אַז ער איז ניט איינער פון זייערע; ער האָט אויף די רייכע אַ שווערע האַנט אַרויפגעלייגט; ער האָט צוגענומען זייער פאַרמעגן צו באַוואָפענען זיינע חיילות און צו דעם האָט ער נאָך געלאָזט אויסרופן אין שטאָט, אַז פון איצט אָן און ווייטער, טאָר קיינער ניט האָבן קיין קנעכט, און וועער ס'האָט קנעכט, זאָל זיי אַרויס־לאָזן פריי. אַזוי האָט ער פריער געטאָן אין די געגנטן וואו ער האָט געהערשט, און אַזוי האָט ער אויך איצט געטאָן אין ירושלים, אין די טיילן איבער וועלכע ער האָט געהערשט. און די רייכע וואָס האָבן געמיינט, אַז ער וועט זיי העלפן, זענען געווען ביטער אַנטוישט.

און די רייסערייען צווישן שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש־חלב זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער; די חיילות פון ביידע צדדים האָבן זיך געשלאָגן אין די גאַסן. אויך אינעם הייליקן טעמפּל האָט מען זיך געשלאָגן און בלוט האָט זיך דאָרט געגאָסן. עס איז גאָר אוממעגלעך געווען צו מאַכן אַ שלום צווישן די צוויי צדדים, קיינער פון זיי האָט קיין פּשרות ניט געוואָלט מאַכן, און אין דעם גרויסן ברודער־אומגליק פון אידישן פאָלק, אין די צייטן וואָס פאַרן חורבן, האָבן שמעון בר־גיוראָס באַוואָפנטע

לייט אָנגעהויבן אונטערצינדן די תבואה-שפּייכלערס, וואָס די רע-גירונג פון ר ב ן ש מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל האָט געהאַט צוגעגרייט נאָך מיט אַ צייט צוריק; אויך יוחננס באַוואָפנטע לייט האָבן נאָך דעם געצונדן תבואה-שפּייכלערס, ווען זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די סיקאַריער וועלן זיי אַריינכאַפּן אין זייערע הענט. דאָס גאַנצע ברויט און די אַנדערע שפּייזן וואָס די רעגירונג פון רבן שמעון בן גמליאל האָט צוגעגרייט, זענען פאַרברענט געוואָרן אין דעם פייער, און דאָס האָט שפּעטער געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל אויסברעכן אַזאַ שרעקלעכער הונגער אין די צייטן ווען טיטוס האָט באַלאַגערט ירושלים.

***

עס איז זייער מעגלעך, אַז ווען אספּאַסיאַנוס און טיטוס וואָלטן זיך געאיילט צו גיין אויף ירושלים, וואָלטן די קנאים און די סי-קאַריער זיך אַזוי ניט אַרומגעריסן צווישן זיך. די סכנה וואָלט זיי פאַראייניקט, און דאַן וואָלט זיכער ווייניקער בלוט פאַרגאָסן גע-וואָרן אויף די גאַסן פון ירושלים און די געשעעענישן וואָלטן אפשר אַן אַנדער ווענדונג אָנגענומען. אָבער די צוויי רוימישע קריגס-פירער האָבן זיך געהאַלטן ביי אַזאַ טאַקטיק, וואָס די אַנדערע גענעראַלן פון דער אַרמיי האָבן ניט פאַרשטאַנען. אַלע מאָל ווען זיי האָבן אספּאַסיאַנוסן געזאָגט, אַז איצט, ווען די אידן אין ירושלים רייסן זיך אַזוי אַרום צווישן זיך, איז די בעסטע צייט אָנצופאַלן אויף זיי, האָט ער זיי געענטפערט, אַז זיי זענען ניט גערעכט. זיין מיי-נונג איז געווען, אַז ווען ס'איז ניטאָ קיין איינייקייט אין די רייען פונעם שונא, דאַרף מען דאָס קענען אויסנוצן פאַר זיך, אָבער ניט אויף אַזאַ שטייגער ווי די אַנדערע קריגספירער דענקען. אויב מיר וועלן זיך איצטער איילן צו גיין אויף ירושלם, האָט ער געזאָגט, וועלן די אידן גלייך שליסן שלום צווישן זיך, זיי וועלן זיך אויפ-הערן אַרומרייסן און וועלן זיך מיט אַלע כוחות אַרויפוואַרפן אויף אונדז; זאָלן זיי זיך בעסער אַרומרייסן צווישן זיך וואָס לענגער; זאָל דאָס פייער פון קריג אין די אייגענע רייען פאַרברענען די בעסטע כוחות זייערע, און מיר וועלן שטיין פון דער ווייטנס און זען ווי זיי ווערן אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט, ווי זיי גייען אָפּ מיט בלוט, ווי זיי גרייטן ניט צו גענוג געווער, ווי זיי באַפעסטיקן זיך ניט גענוג, און ווען זיי וועלן שוין זיין זייער אָפּגעשוואַכט, וועלן מיר זיך אויף זיי אַרויפוואַרפן מיט אַמאָל, און דאַן וועט דער נצחון זיין געזיכערט.

אספּאַסיאַנוס, קען מען זאָגן, האָט, אי אויף די קנאים, אי אויף די סיקאַריער, געקוקט ווי אויף זיינע שליחים; ער האָט גע־גלויבט, אַז מיט דעם וואָס זיי רייסן זיך אַרום צווישן זיך, טוען זיי פאַר אים דעם וויכטיקסטן טייל פון דער אַרבעט וואָס ער דאַרף טאָן. און דערפאַר האָט ער זיך נישט געאיילט צו גיין אויף ירושלים נאָך דעם ווי דער גאַנצער געגנט פונעם גליל איז שוין געווען אין זיינע הענט. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט וואָס ער האָט דאָ און דאָרט גענומען אַ שטאָט. נאָך דעם האָט ער די אַרמיי אַריבערגע־פירט אין דעם געגנט פון דעם עבר הירדן. ער האָט מערסטנטייל אויסגעקליבן אַזעלכע שטעט, וואו די צאָל פון דער נ י ט - א י ד י ש ע ר באַפעלקערונג איז געווען גרויס, ווייל דאָרט האָט ער זיך אויף קיין גאָר שטאַרקן ווידערשטאַנד ניט גערעכנט. אויף ירושלים אָבער האָט ער זיך נישט געאיילט צו גיין, כאָטש דער וועג אַהין איז שוין פאַר אים געווען פריי.

די אידן אָבער האָבן ניט פאַרשטאַנען זיין כוונה. אויפן גרונט פון דעם וואָס ער גייט ניט אויף ירושלים, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס איז געווים דערפאַר וואָס ער האָט מורא. אַזוי האָבן זיי גע־גלויבט, און נאָך שטאַרקער איז זייער גלויבן אין דעם געוואָרן, ווען עס זענען קיין ירושלים אָנגעקומען אַ סך פון די קנאים, וואָס זענען פון גליל אַנטלאָפן; דאָס זענען אַלץ געווען באַגייסטערטע יונגע לייט, וועלכע האָב זיך אויסגעצייכנט אויפן שלאַכטפעלד, און זיי האָבן אַלעמען פאַרזיכערט, אַז פון אייגענער דערפאַרונג האָבן זיי געלערנט, אַז די רוימער זענען אויפן שלאַכטפעלד גאָרנישט אַזעלכע גרויסע העלדן ווי מ׳דענקט. און זיי האָבן געבראַכט ביישפּילן דאָס צו באַווייזן.

פון דעם וואָס די אַנגעלאָפענע יונגע קנאים פון גליל און פון עבר הירדן האָבן דערציילט, איז אויסגעקומען, אַז בלויז ביי די ניט באַפעסטיקטע שטעט זענען די רוימער שטאַרק, אָבער אויך ניט אַזוי שטאַרק ווי מ׳האָט געמיינט, ווייל אין אַ סך שלאַכטן מיט די אידן האָבן זיי גאָר אַרויסגעוויזן שוואַכ־קייט און זענען צופיל צעמישט געוואָרן ווען מ׳איז אָנגעפאַלן אויף זיי. אָבער ביי ירושלים, וואו עס זענען פאַראַן אַזעלכע שטאַרקע פעסטונגען, וואָס קיין אַנדער שטאָט אין דער וועלט האָט נישט, וועלן זיי געווים כאַפּן די גרעסטע מפּלה וואָס זיי האָבן ווען עס איז געכאַפּט אין אַ מלחמה; אין דעם דאַרף גאָר קיינער נישט צווייפלען.

אויך די פירער פון די קנאים האָבן אין דעם געגלויבט. און ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז ניט קיין אַנדערער ווי

יוחנן פון גוש-חלב אליין האט ליב געהאט צו זאגן, אז בלויז דאן ווען די רוימער וועלן זיך ארויפזעצן אויף די פליגלען פון אדלערס, וועלן זיי קאנען אריינקומען קיין ירושלים.

אויך שמעון בר-גיורא האט געגלויבט, אז די רוימער וועלן נישט קענען נעמען די שטארקע פעסטונגען פון ירושלים. און ס׳איז געווען אט די זיכערקייט, וואס האט נאך מער פארהארטעוועט די עקשנות פוןביידע צדדים און זיי האבן צווישן זיך קיין שלום נישט געוואלט שליסן. און אנשטאט אפצולייגן די אזוי גערופענע „פארטיפונג פון דער סאציאלער רעוואלוציע" אויף נאך דער מלחמת קעגן די שונאים פון דרויסן, האבן זיי אלע כוחות אוועקגעגעבן אויף דעם קאמף קעגן די שונאים פון אינעווייניק. און צו דעם זענען געווים נאך צוגעקומען פערזענלעכע פניות אויך, וואס האבן צו קיין שלום ניט צוגעלאזט, ווי ס׳פירט זיך געוויינלעך אין אזא פאל, ווייל אפילו די גרעסטע קעמפער פאר אידעאלן, זענען דאך נאך אלעמען אויך ניט מער ווי מענטשן . . .

אזוי איז דאס ניט נאר היינט, נאר אזוי איז דאס אויך געווען אמאל.

און פונקט דאן, ווען אספאסיאנוס האט געווארט אויף דעם מאמענט, ווען ער וועט קענען אנהויבן דעם מארש אויף ירושלים, האט ער פון רוים געקראגן די ידיעה, אז מ׳האט דארט דערהרגעט נירון-קיסר און אז אויף זיין ארט איז געקרוינט געווארן דער אלטער קריגספירער ס ע ר ג י ו ס ג א ל ב א , ווייל אזוי איז געווען דער ווילן פון די רוימישע לעגיאנען אין ג א ל י א (איצטיקע פראנקרייך) און אין שפאניען, וואו ער איז געווען זייער עלטסטער.

דאס איז געווען אינעם מאנאט יוני, פונעם 68סטן יאר פונעם ערשטן יארהונדערט, וואס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. און מ׳קען זיך פארשטעלן ווי אזוי דאס האט אויף אספאסיאנוסן געווירקט און אויף וואס פאר געדאנקען ס׳האט אים ארויפגעפירט, ווייל ס׳איז דאך אויסגעקומען, אז דאס וואס יוסף בן מתתיהו האט פאראויסגעזאגט וועגן נירונס טויט איז געשען נאך ווייניקער ווי אין איין יאר צייט.

דער אלטער רוימישער קריגספירער אספאסיאנוס האט איצטער געהאט נאך מער גרונט צו גלויבן אין דעם אידנס נבואה, אז ער וועט שפעטער ווערן דער הערשער פון דער גאנצער רוימישער אימ-פעריע. ער האט געווארט א קורצע צייט צו הערן נאך א גרעסערע בשורה, אז מ׳האט שוין ג א ל ב א ן אויך דערהרגעט. אבער

ווען ס׳זענען אוועק א פאר חדשים און ער האט אזא בשורה ניט באַ־קומען, האט ער דעם נייעם קיסר געוואלט ווייזן, אז ער איז זיינער א געטרייער דינער. און ער האט קיין רוים אוועקגעשיקט זיין זון ט י ט ו ס אים צו באַגריסן און אויסדריקן אין זיין נאמען דעם וואונטש, ער זאל לאנגע יארן זיצן אויפן טראָן.

אינאיינעם מיט טיטוסן איז קיין רוים אויך געפארן דער אי־דישער קעניג אַגריפּאַ.ביידע האבן זיי דעם נייעם קיסר געדאַרפט איבערגעבן אספּאַסיאַנוסעס ברכה און אים ווינטשן, אז ער זאל לאנג לעבן. אבער ווען זיי האבן זיך אויפן וועג אפּגעשטעלט אין מצרים, האבן זיי זיך דארטן דערוואוסט, אז מען האט שוין ג אַ ל ־ ב אַ ן אויך דערהרגעט, און מ אַ ר ק ו ס אָ ט אָ איז שוין אַרויף אויפן טראָן, און אויך דערפאר וואס די לעגיאָנען, וואס זענען גע־שטאנען אונטער אים, האבן אזוי געוואלט

דאן האט טיטוס זיך אומגעקערט צוריק, ווייל ער האט זייער שטארק געבענקט נאך בערעניקאן און ער האט ניט געקענט זיין לאנג אן איר. אַגריפּאַן, ווידער, האט ער געבעטן, ער זאל אליין פארן קיין רוים, און דארטן זאל ער מיט אפענע אויגן זיך צוקוקן צו אלץ וואס עס קומט פאר ארום טראָן און דאס לאזן וויסן אס־פּאַסיאַנוסן.

און אספּאַסיאַנוס האט געברענט פון אומגעדולד; אין אלץ וואס עס איז פארגעקומען אין רוים, האט ער געזען א צייכן, אז דער טראָן קומט אלץ נעענטער און נעענטער צו אים; עס איז אים שוין מער ניט אנגעגאנגען אזוי שטארק די מלחמה אין יהודה; זיינע אויגן זענען געווען געווענדט קיין רוים און ער האט זיך מער ווי מיט אלע אנדערע זאכן אינטערעסירט מיט די ידיעות, וואס זיין פריינד, דער אידישער קעניג אַגריפּאַ, האט צו אים פון דארטן צוגעשיקט, און יעדער ידיעה האט אין זיך געהאט עפּעס אזוינס, אז ער האט געקענט זען קלאָר, ווי עס הויבט אן ווערן פארווירקלעכט דאס, וואס דער געפאנגענער אידישער קריגספירער פון גליל האט אים פאראויסגעזאגט.

עס זענען אוועק ניט מער ווי פינף און ניינציק טעג זינט מאַ ר ק ו ס אָ ט אָ איז אין רוים געקרוינט געווארן אלס קיסר, און אַגריפּאַ האט פון דארטן צו אספּאַסיאַנוסן צוגעשיקט א ידיעה, אז מען האט אים שוין אויך דערהרגעט, און אז אויף זיין אָרט איז געקרוינט געווארן א ו ל ו ס ו ו י ט ע ל י ו ס , ווייל אזוי איז געווען דער ווילן פון די לעגיאָנען אין ג ע ר מ אַ נ י ע , וואו ער איז געווען זייער עלטסטער.

עס איז פשוט געווען ניט אָנצוזאָגן דעם אימפעט פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אין דער רוימישער אימפעריע מיט אַזאַ שנעלקייט איינס נאָכן אַנדערן געיאָגט. אין פאַרלויף פון אַנדערהאַלבן יאָר האָט מען דריי צעזאַרס דערהרגעט. עס איז געווען — אַ קיסר אַראָפּ און אַ קיסר אַרויף, און אין דער בהלה איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ לאַגע, אַז די אַרמיי האָט די גאַנצע דעה געקראָגן, און וועמען די לעגיאָנען האָבן נאָר געוואָלט מאַכן פאַר אַ קיסר, דער איז אַרויף אויפן טראָן און איז געוואָרן דער הערשער פון דער רוימישער אימפעריע.

און וואָס שנעלער עס איז געווען דער אימפעט פון די געשעענישן אין רוים, אַלץ מער איז יוסף בן מתתיהו דערהויבן געוואָרן ביי אספּאַסיאַנוסן אין די אויגן; ער האָט אין אים נאָך מער אַנגעהויבן גלויבן ווי אין אַ נביא, און נאָך דער ידיעה, וואָס אַגריפּאַ האָט צוגעשיקט, אַז וויטעליום איז שוין אויך טויט, האָט מען גענומען צוגרייטן די רוימישע לעגיאָנען אין יהודה, אַז זיי זאָלן אספּאַסיאַנוסן קרוינען אַלס קיסר. עס האָט געהייסן, אַז אויב די רוימישע לעגיאָנען, וואָס זענען צעוואָרפן אין די לענדער פון מערב, קענען אַרויפצווינגען זייער ווילן און זאָגן אַ דעה ווער עס זאָל זיין דער הערשער פון דער אימפעריע, מעגן דאָך די לעגיאָנען אין די לענדער פון מזרח אויך טאָן דאָס זעלבע.

אספּאַסיאַנוס האָט זיך געריסן צו דער קרוין. דער טראָן פון דער גרויסער אימפעריע האָט אים מער געצייצט ווי דער גרעסטער נצחון איבער יהודה. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז עס זאָל הייסן, אַז מען בעט אים, אַז מ'צווינגט דאָס אַרויף אויף אים, אַז אַזוי איז דער וואונטש פון די לעגיאָנען, וואָס שטייען אונטער אים. און ווען ער אַליין און זיין זון טיטוס זענען שוין געווען זיכער מיט די עלטסטע פון זייערע חיילות, זענען זיי אין דעם געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן געוואונען אויף זייער זייט מוקיאַנוסן, וועלכער איז דאַן געווען דער רוימישער שני למלך אין סיריען. טיטוס אַליין האָט אויף מוקיאַנוסן אַזוי געווירקט, אַז ער איז געקומען צו אספּאַסיאַנוסן און אים געבעטן, ער זאָל זיך דאָ אין יהודה לאָזן קרוינען אַלס רוימישער צעזאַר און גלייך פאַרן איבערנעמען די מאַכט. „די געטער זענען מיט דיר“, — האָט מו-

קיאַנוס געזאָגט צו אספּאַסיאַנוסן, — „און עס איז פאַרן וואוילזיין פון דער מלוכה, וואָס איך בעט דיך צו ווערן קיסר". *)

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלעס. מען האָט נאָך געדאַרפט זיין זיכער מיט די לעגיאָנען אין מצרים, ווייל עס איז געווען אַ סכנה, אַז אויב דער רוימישער שני למלך אין מצרים וועט זיין קעגן דעם, אַז אספּאַסיאַנוס זאָל ווערן קיסר, וועט נאָך קומען צו אַ בירגער־קריג, ווייל ער האָט אַ סך לעגיאָנען אונטער זיך און ער וועט קענען אַרויסווייזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

דער שני למלך אין מצרים איז דאַן געווען דער איד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, וועמען מיר האָבן שוין פריער אַ סך מאָל דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע וויכטיקע געשעענישן, און אַזוי ווי בערעניקאַ איז אַמאָל געווען פאַרקנסט צו זיין ברודער ווען זי איז נאָך אַ יונגע מיידל געווען, איז געבליבן אַז זי זאָל ביי אים פּועלן, אַז ער זאָל אויך איינשטימען דערויף, אַז אספּאַסיאַנוס זאָל ווערן דער הערשער פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. טיטוס האָט איר דאָס געהייסן טאָן, און זי האָט אים געפאָלגט.

פאַר בערעניקאַן האָט דאָס געמיינט זייער אַ סך; זי איז דאָך געווען זיכער, אַז טיטוס וועט מיט איר סוף כל סוף חתונה האָבן, און זי האָט געוואוסט, אַז אויב זיין פאָטער וועט איצטער געקרוינט ווערן אַלס קיסר, וועט טיטוס דאָך נאָך זיין טויט ירשענען דעם טראָן און דאַן וועט זי זיין די קיסרין. האָט זי דעריבער געפּועלט ביי טיבעריוס אַלעקסאַנדער, אַז ער זאָל אויך איינשטימען דערויף, און אין דעם טאָג פון ערשטן יולי, פון 69סטן יאָר וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, איז אספּאַסיאַנוס געקרוינט געוואָרן אַלס קיסר. ער איז אָבער נישט געפאָרן באַלד קיין רוים איבערנעמען די מלוכה; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס אין מצרים, און דאָרטן איז ער געבליבן ביז די ערשטע וואָכן אין זומער פון יאָר 70, און נאָך דעם איז ער אַוועק קיין רוים, און טיטוסן האָט ער איבערגעלאָזט אויף זיין אָרט צו פירן ווייטער די מלחמה קעגן די אידן.

ווי מיר זעען, האָבן פיר אידן אין יענער אומרואיקער צייט געשאַפן רוימישע געשיכטע און געהאָלפן אין דעם, אַז אספּאַסיאַנוס זאָל ווערן דער הערשער פון דער גרויסער אימפּעריע. יוסף

---

*) טאַציטוס, געשיכטע, בוך 2, קאַפּ. 76.

ב ן מ ת ת י ה ו האָט דאָס אים פאָראויסגעזאָגט און דערמיט אים אונטערגעגעבן מוט צו אַרבעטן דערפאַר; אַ ג ר י פּ אַ האָט אים פון רוים וויכטיקע ידיעות צוגעשיקט און דערמיט זיינע העגט געשטאַרקט; ב ע ר ע נ י ק אַ האָט אין דעם אַריינגעצויגן ט י ב ע ר י ו ס אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר, און ער, דער רוימישער שני למלך אין מצרים, וואָס האָט געהאַט אַ סך מאַכט, האָט דעם לעצטן שטעמפּל געלייגט און אָפּגעשאַפט די גרעסטע שטערונגען, וואָס זענען געלעגן אין וועג.

ריידנדיק וועגן דער ראָלע וואָס בערעניקאַ האָט געשפּילט דערביי, דריקט ג ר ע ט ץ אויס די מיינונג, אַז זי האָט עס גע-האַלטן פאַר אַ גערעכטער זאַך צו זיין די געליבטע פון טיטוסן; ער זאָגט, אַז זי האָט געהאָפט צו האָבן די מעגלעכקייט צו טאָן די אידן אַ סך גוטס, ווען זי וועט ווערן זיין געזעצלעכע ווייב און די ק י ס ר י ן אין רוים. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט מער ווי אַן השערה; עס קען זיין, אַז יאָ, און עס קען זיין, אַז דאָס איז איר גאָר אין זינען ניט געלעגן. אויב אָבער אַפילו זי האָט געהאָפט צו האָבן דורך דעם די מעגלעכקייט צו טאָן גוטס די אידן, איז איר האָפענונג געווען אומזיסט, ווי ס'וועט דערציילט ווערן שפּעטער, און זי איז אַריין אין דער געשיכטע ווי די אידישע געליבטע פון דעם רוימער, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש און אוים-געקוילעט הונדערטער טויזנטער אידן.

אויך ט י ב ע ר י ו ס אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַזאַ אָנגעזעענער אידישער משפּחה ווי דער בעלערנטער און דענקער פ י ל ו ן, איז אַריין אין דער אידישער געשיכטע ווי אַן אַפּטריניקער; ער איז אינגאַנצן אַוועק פון זיין פאָלק און איז געוואָרן אַן עכטער רוימער. און ביים באַלאַגערן די שטאָט ירושלים, איז ער געווען ט י ט ו ס ע ס ערשטער ראַט-געבער. פון קיינעם פון די פיר, וואָס האָבן אין יענער אומרואיקער צייט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער רוי-מישער אימפּעריע — ניט פון יוסף בן מתתיהו, ניט פון אַגריפּאַן דעם צווייטן, ניט פון בערעניקאַן און ניט פון טיבעריוס אַלעקסאַנ-דער — האָבן די אידן געהאַט נחת.

# קאַפּיטל פּופּצן

## דאָס בית־המקדש אין פלאַמען

שילדערנדיק די לאַגע אין לאַנד אין די צייטן פון פאַרן חורבן, זאָגט דער היסטאָריקער גרעטץ, אַז מ׳קען דאָס פאַרגלייכן מיט אַ קראַנקן, ביי וועמען אַלע אברים זענען שוין אָפּגע-שטאָרבן און בלויז דאָס האַרץ צאַפּלט זיך נאָך ביי אים, און דאָס האַרץ, — שרייבט ער, — איז געווען ירושלים. *)

מ׳מוז אָבער זאָגן, אַז אויך דאָס האַרץ איז געווען זייער קראַנק, און שולדיק אין דעם זענען געווען די רייסערייען צווישן יוחנן פון גוש-חלב און שמעון בר-גיורא.

זיי ביידע, דער פירער פון די קנאים און דער פירער פון די סיקאַריער, האָבן צווישן זיך קיין שלום נישט געקענט שליסן און זענען אַלץ אויף צוויי באַזונדערע וועגן געגאַנגען, כאָטש זיי האָבן ביידע געהאַט איין ציל. ערשט ווען זיי האָבן דערזען, אַז טיטוס שטייט שוין מיט זיין אַרמיי נית ווייט פון די טויערן פון ירושלים, האָבן זיי זיך פאַראייניקט, כדי צו קענען אַרויסווייזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן שונא.

געווען איז דאָס אין חודש ניסן, עטלעכע טעג פאַר פּסח, אינעם 70-סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. און מ׳מוז צוגעבן, אַז איידער טיטוס האָט אָנגעהויבן די מלחמה קעגן די איינוואוינער פון ירושלים, האָט ער געשיקט שלוחים אָנצובאָטן שלום; ער האָט דורך די שלוחים געלאָזט וויסן, אַז אויב די אידן וועלן זיך נישט שטעלן אַנטקעגן, וועט ער נישט באַשטראָפן קיינעם פון די וואָס האָבן אָנ-געפירט דעם אויפשטאַנד און אַלעם וועט זיין אַזוי ווי פריער, איי-דער דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

אויף דעם גרונט זענען אייניקע היסטאָריקער גענויגט צו דענ-קען, אַז טיטוס האָט דאָס געטאָן, כדי דערמיט אויסצונעמען ביי

---

*) ה. גרעטץ, דברי ימי ישראל, חלק שני, פרק חמישי, ז. 116.

זיין אידישער געליבטער בערעניקא, און אז בכלל איז ער שוין געווען מיד פון דער מלחמה און ער האָט געוואָלט שלום, כדי ער זאָל זיך קענען אומקערן צוריק קיין רוים, וואו ער וועט איצט קענען לעבן ווי דער יורש פונעם טראָן.

אָבער ס׳איז גאָרנישט אַזוי וויכטיק פעסטצושטעלן וואָס פאַר כוונות טיטוס האָט דערביי געהאַט און ביי וועמען ער האָט דערמיט געוואָלט אויסנעמען. וואָס ס׳איז יאָ וויכטיק אין דעם פאַל איז, אַז די אידן האָבן אויף אַזאַ שלום ניט געקענט איינגיין, ווייל זיי האָבן געוואוסט וואָס ס׳מיינט ווען „אַלעס וועט בלייבן אַזוי ווי פריער״.

אין קלאָרערע ווערטער האָט דאָס געמיינט, אַז דאָס לאַנד פון די אידן וועט ווידער ווערן אַ רוימישע פּראָווינץ, און עס וועלן ווידער הערשן אַזעלכע פּראָקוראַטאָרס ווי געסיוס פלאָרוס און די אַנדערע פון זיין גלייכן, און זיי וועלן אָן רחמנות שינדן די הויט און ראַבעווען, און זיי וועלן פאַרמשפּטן צום טויט און קרייציקן צענדליקער און הונדערטער אידן און דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיין פאַרשקלאַפט און וועט נישט קענען אָטעמען פריי.

די אידן האָבן שוין גוט געוואוסט דעם טעם פון רוימישן „שוץ״.

חוץ דעם האָבן זיי צו טיטוסן בכלל קיין צוטרויען נישט גע-קענט האָבן, ווייל נאָך פריער, אין די מלחמות וואָס מ׳האָט מיט אים געהאַט אין גליל, האָט ער ניט איין מאָל אָפּגענאַרט; ער האָט ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויך געהאַט צוגעזאַגט, אַז אויב מ׳וועט זיך אונטערגעבן מיט גוטן וועט ער קיינעם נישט באַשטראָפן, אָבער ער האָט קיין מאָל קיין וואָרט נישט געהאַלטן, און ווען ער איז מיט זיינע חיילות אין אַ שטאָט אריינגעקומען, האָט ער גע-לאָזט שעכטן אַלט און יונג און צו קיינעם קיין רחמנות נישט ארויסגעוויזן.

עס איז אויך מעגלעך, אַז מיט דעם שלום-אָנבאָט איז טיטוס אויסן געווען צו צערייסן די איינקייט, וואָס איז דאַן גע-שאַפן געוואָרן אין ירושלים; ער האָט דאָך געוואוסט, אַז דאָרטן גע-פינען זיך אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען קעגן אַ מלחמה מיט די רוי-מער. און ער האָט געהאָפט, אַז מיט דעם אָנבאָט וועט ער שטאַרקן זייערע הענט און זיי וועלן פרואוון אריבערציען נאָך אַנדערע אויף זייער זייט.

פון בלויזער גוטסקייט איז דאָס געווים נישט גע־קומען; דער „נחת פון דער מענטשהייט“, ווי די רוימישע היסטאָ־ריקער רופן אָן טיטוסן, איז אין דער אמתן גאָר ניט געווען אַזאַ גוטער. ער איז אויך גאָרניט געווען אַזאַ פריינד פון אידן, ווי פלאַוויוס פּרוואוט אים פאָרשטעלן, כאָטש ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין אַ אידישער טאָכטער . . .

ווען די קנאים האָבן זיין שלום־אָנבאָט צוריקגעוויזן, איז ער מיט זיינע חיילות צוגעקומען נעענטער צו דער שטאָט און אָנגע־הויבן אויסשטעלן די לעגיאָנען אַזוי, אַז די ערשטע אַטאַקע זאָל מען מאַכן אויף צפון זייט, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען די ניט־דערענדיקטע פעסטונג, וואָס אַגריפּאַ דער ערשטער האָט אָנגעהויבן בויען, ווען ער האָט פאָראויסגעזען אַז ס׳וועט אַמאָל מוזן קומען צו אַ מלחמה צווישן רוים און ירושלים. דאָס איז געווען דאָס שוואַכסטע אָרט פון דער באַפעסטיקונג, און טיטוס האָט עס אויסגעקליבן פון דאָרט אָנצוהויבן די מלחמה.

צווישן די ערשטע באַפעלן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, איז אויך געווען דער באַפעל, אַז מ׳זאָל אויסהאַקן אַלע בוימער און חרוב מאַכן אַלע גערטנער וואָס געפינען זיך אַרום דער שטאָט. ער אַליין האָט אַכטונג געגעבן דערויף, אַז די אַרבעט זאָל געטאָן ווערן פּינקטלעך. און ווען ער האָט געזען, אַז די אידן שטערן ניט אין דעם און שיסן נישט אַראָפּ קיין פיילן פון דער פעסטונג, האָט ער געדענקט, אַז דאָס איז אוודאי פאַר מורא זיך צו פאַרמעסטן אין כוחות מיט זיינע לעגיאָנען. אַ שטאָלצער און אַ צופרידענער האָט ער זיך אַרומגעשפּאַנט דאָרט, וואו מ׳האָט די בוימער געהאַקט. אָבער באַלד זענען די קנאים אין מחנות אַרויס פון דעם טויער און האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די רוימישע זעלנער מיט שווערדן און מיט שפּיזן און האָבן אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי. און טיטוס אַליין איז אויך שיעור ניט אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט; פאַר שרעק האָט ער אָנגעהויבן שרייען און זיינע באַוואָפנטע לייט זענען אים געקומען צו הילף און האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט. און אין יענער שלאַכט, וואָס איז געווען די ערשטע ביי די טויערן פון ירושלים, איז שיעור ניט אומגעקומען, ווי פלאַוויוס דערציילט, אַ גאַנצער רוימישער לעגיאָן.

דאָס האָט די אידן אונטערגעגעבן מוט. זיי האָבן ווירקלעך איינגעזען, אַז אין דער אמתן זענען די רוימער גאָרנישט אַזעלכע גבורים ווי מ׳מיינט און אַז זיי ווערן צופיל צעמישט ווען מ׳פאַלט אָן אויף זיי. און אויף מאָרגן זענען די קנאים ווידער אַרויס פון די

טויערן און האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די רוימער און ווידער אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי.

עטלעכע מאָל זענען אַזעלכע צוזאַמענשטויסן פאָרגעקומען ביי די טויערן. אַלע מאָל, ווען די רוימער האָבן אָנגעהויבן אָנ־וואַרפן גאַנצע בערג מיט ערד ביי די דרויסנדיקע ווענט פון דער פעסטונג און אַרויפפירן אַהין די שטורעם־מכשירים וואָס זיי האָבן געבראַכט, זענען די אידן, אין גרויסע מחנות אַרויס פונעם טויער און האָבן זיי פון דאָרט פאַרטריבן, און נאָכיאָגנדיק זיך האָבן זיי אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי. אַזוי זענען אַוועק טעג און טעג. און ווען טיטוס האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ פייער די אידן שלאָגן זיך און ווי קיין זאַך אין דער וועלט שרעקט זיי נישט אָפּ, האָט ער אויפגעגעבן דעם געדאַנק זיי אַרויסצונאַרן אויפן אָפענעם שלאַכט־פעלד, און אַנשטאָט דעם האָט ער אָנגעהויבן צוגרייטן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר געווען נויטיג צו באַלאַגערן די שטאָט ירושלים אַזוי לאַנג ביז ס׳וועט דאָרט אויסברעכן אַ הונגער, און מ׳וועט זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן.

דאָס איז, לויט די באַגריפן פון יענער צייט, געווען אַ דער־נידערונג פאַר אַ רוימישן קריגספירער. אַן אמתער נצחון האָט געהייסן שלאָגן דעם שונא אויפן שלאַכטפעלד, אָבער ניט אים צווינגען דורך הונגער זיך אונטערצוגעבן. אַזוי דערציילט דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס אין זיין „געשיכטע״. אָבער ט י ט ו ס האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. *) די שטאַרקע פעסטונגען פון ירושלים, וואָס זענען געווען געבויט פון זייער גע־ניטע הענט; די הויכע בערג אַרום דער שטאָט און אויך דער מוט פון די קנאים, האָבן אויף אים אַ מורא אַרויפגעוואָרפן; ער האָט געצווייפלט אין דעם, צי ער וועט קענען נעמען די שטאָט און ברעכן דעם מוט פון די אידן, און ער האָט דעריבער געמוזט באַשליסן אָנצונעמען אַזאַ מיטל, וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ דערנידע־רונג פאַר אַ רוימישן העלד.

אָבער אויך דאָס באַלאַגערן די שטאָט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות פאַר די רוימישע לעגיאָנען. י ו ח נ ן פ ו ן ג ו ש - ח ל ב און ש מ ע ו ן ב ר - ג י ו ר אַ האָבן זיך איינ־געטיילט מיט דער אויפגאַבע צו באַשיצן ירושלים און זיי האָבן אויסגעשטעלט זייערע חיילות אויף די מויערן פון דער דרויסנדיקער

*) Tacitus, History, Book V chap. XI.

פעסטונג און פון דאָרט האָבן זיי געשאָסן מיט פיילן און געוואָרפן אָנגעגליטע שטיינער און אָנגעצונדענע שטיקער האָלץ אויף די רוימער וואָס זענען צוגעקומען נאָענט צו דער פעסטונג. די גאַנצע שטאָט איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פייער, וואָס די פאַר־אייניקטע קנאים האָבן אָנגעצונדן מיט דעם רוף צום קאַמף פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און פונעם לאַנד; און ניט נאָר מאַנס־פאַרשווינען, נאָר אויך ווייבער זענען אין דעם אַריינגעצויגן געוואָרן; אינאיינעם מיט זייערע מענער זענען זיי געשטאַנען אויף די מויערן פון דער פעסטונג, און ווי זיי האָבן נאָר דערזען ווי טיטוסעס חיילות הויבן אָן קלעטערן אויף די בערג וואָס זיי האָבן פון דער אַנדערער זייט פעסטונג אָנגעשאָטן, האָבן זיי פון טעפּ און קריגלעך געגאָסן אויף זיי זודיקן בוימל.

***

אַרום און אַרום האָט די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין ירושלים דעמאָלט דערגרייכט ביז אַ זעקס הונדערט טויזנט מענטשן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון יונגע קנאים, וואָס זענען זיך אַהין אָנגעלאָפן פון אַנדערע שטעט, און יעדער איינער פון זיי איז געווען גרייט דאָס לעבן אָוועקצוגעבן אין דער מלחמה פאַר דער פרייהייט פון פאָלק. אָבער נאָך אַ סך שלאַכטן האָט זיך די רוימער דאָך איינגעגעבן אַרונטער־צעטרייבן די אידן פון די מויערן פון דער ערשטער דרויסנדיקער פעסטונג, און דאַן האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן פיר טעג נאָכאַנאַנד, און אָן אַ שיעור קרבנות זענען גע־פאַלן פון ביידע זייטן; די רוימער האָבן נישט געקענט אָפּטרעטן צוריק, ווייל די פעסטונג וואָס זיי האָבן שוין געהאַט איינגענומען, האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג, און גיין ווייטער האָבן זיי אויך נישט געקענט, ווייל דאָרטן איז שוין געשטאַנען אַ נייע פעסטונג, וואָס מען האָט אויסגעבויט אויף שנעל. ערשט אויפן פינפטן טאָג האָבן די רוימער זיך אין דער נייער פעסטונג אַריינגעריסן. דאָס איז געווען אין יענעם טייל, וואָס אַגריפּאַ דער ערשטער האָט אָנ־געהויבן באַפעסטיקן און מ'האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן. אָבער גיין ווייטער פון דאָרט האָבן די רוימער נישט געקענט.

גאַנצע נעכט זענען די אידן געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן געהיט די פעסטונגען. אפילו די וואָס זענען אויף דער וואַך ניט געשטאַנען, האָבן זיך ביינאַכט קיינמאָל נישט אויסגעטאָן צו גיין שלאָפן; זיי זענען געשלאָפן אין די קליידער און מיט געווער

און זענען שטענדיק געווען גרייט צו ענטפערן אויף דעם רוף שוין אַרויסצוגיין אויף דעם שלאַכטפעלד.

און די צוויי פירער, שמעון בר-גיורא און יוחנן פון גוש-חלב, האָבן געוויזן אַזעלכע גבורות, וואָס האָבן די רוימער שטאַרק צע-מישט; עטלעכע מאָל זענען זיי דורך די היילן, וואָס זענען געווען אונטער דער ערד, אַרויס פון שטאָט מיט זייערע חיילות, און דאָרט זענען זיי אָנגעפאַלן פּלוצעם אויף טיטוסעס מחנות און אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי און צעבראָכן די רוימישע שטורעם-מכשירים וואָס זענען ביי דער פעסטונג געווען אויסגעשטעלט; עס איז אוממעגלעך געווען זיך אויסצוהיטן פון די פּלוצעמדיקע אָנפאַלן וואָס די קנאים האָבן געמאַכט, און טיטוס האָט וואָס אַ מאָל אַלץ מער און מער אָנגעהויבן איינזען קלאָר, אַז די באַלאַגערונג וועט מוזן געדויערן אַ לאַנגע צייט.

כדי צו צעברעכן דעם מוט פון די אידן און ווידער אַריינ-טראָגן צעריסנקייט, האָט טיטוס עטלעכע מאָל געשיקט יוסף בן מתתיהון, ער זאָל זיך אַוועקשטעלן ביי די ווענט פון דער פעסטונג און אַרויפשרייען צו די אידן, אַז זיי זאָלן זיך בעסער אונטערגעבן. און יוסף האָט דאָס געמוזט טאָן; ער האָט ביי די ווענט פון דער פעסטונג געהאַלטן לאַנגע רעדעס אַזוי ווי ער האָט געקענט און ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אויפגעבן די מלחמה און בעסער שליסן שלום מיט די רוימער און דערמיט ראַטעווען די שטאָט און דעם הייליקן טעמפּל. און ס׳זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. אָבער אַלע מאָל, ווען די איבערגעגעבענע קנאים פון יוחנן פון גוש-חלב און פון שמעון בר-גיורא האָבן אים דערזען, ווי ער שטייט און רעדט, אָדער ווי ער דרייט זיך אַרום דער פעסטונג און רעדט, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אויף אים, און איין מאָל האָבן זיי אים מיט אַ שטיין געטראָפן אין קאָפּ און ער איז אומגעפאַלן און האָט געחלשט.

מ׳האָט דעמאָלט געמיינט, אַז ער איז שוין טויט און דאָס האָט אין שטאָט אַרויסגערופן גרויס פרייד. און ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע פון יענער צייט, אַז ווען מען האָט דאָס אָנגעזאָגט זיין מוטער, וועלכע איז דאַן אין תפיסה געווען פאַרשפּאַרט, האָט זי דעם באַוואָפנטן וועכטער געענטפערט, אַז פאַר איר איז ער שוין געווען טויט נאָך דאַן ווען ער האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוימער. אָבער נאָך דעם ווי זי איז געבליבן אַליין האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט.

אויף מאָרגן האָט מען ווידער דערזען יוסף בן מתתיהון פון דער אַנדערער זייט פון דער פעסטונג; ער האָט דאָרט ווידער געשריען אויפן קול, אַז מ׳זאָל אויפגעבן די מלחמה, און די קנאים האָבן ווי־דער געוואָרפן שטיינער אויף אים.

אָבער וואָס לענגער ס׳האָט זיך געצויגן די באַלאַגערונג, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער הונגער אין שטאָט. מ׳האָט פון ערגעץ קיין עסנוואַרג נישט געקענט אַריינפירן, ווייל די רוימער אַרום און אַרום האָבן אַלע וועגן פאַרשטעלט. קיין זאַפּאַסן זענען מער נישט געווען, ווייל אין די צייטן ווען שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש־חלב האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך, האָבן זיי אַליין פאַר־ברענט די אַלע תבואה־שפּייכלערס וואָס די רעגירונג פון ד ב ן ש מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל האָט געהאַט צוגעגרייט; און ווען דער הונגער אין שטאָט איז געוואָרן גאָר שטאַרק, האָט מען אָנ־געהויבן זען ווי איבער די גאַסן דרייען זיך אַרום מענטשן ווי שאָטנס און זיי פאַלן און חלשן.

ניט נאָר די גאַסן, נאָר אויך די דעכער זענען געווען פול מיט אויסגעהונגערטע און פאַרשמאַכטע מענטשן וואָס גייען אויס נאָך אַ שטיקל ברויט. אַלטע לייט, פרויען און קליינע קינדער זענען געפאַלן טויט, אַרומשלעפנדיק זיך אומעטום צו געפינען אין מיסט עפּעס, מיט וואָס דעם שרעקלעכן הונגער צו שטילן. און ערגער ווי אַלעמען איז געווען די אָרעמע לייט, וועלכע האָבן פריער אויך זייער ווייניק ברויט געהאַט; זיי האָט דער הונגער אין שטאָט איצט שטאַרקער ווי אַלעמען געטראָפן; און וואָס גרעסער עס איז געוואָרן דער הונגער, אַלץ ערגער זענען געוואָרן די מענטשן. ווײ־בער האָבן אַרויסגעריסן דעם לעצטן ביסן ביי זייערע מענער פונעם מויל; מאַמעס זענען אָנגעפאַלן אויף זייערע קינדער און אויסגע־כאַפּט ביי זיי די ברעקלעך, וואָס זיי האָבן ערגעץ צונויפגעקליבן; און אין גאַס איז געווען אַ מורא צו גיין מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט, ווייל ווי מ׳האָט נאָר ערגעץ דערזען אַזאַ מענטשן, איז מען אים באַפאַלן פון אַלע זייטן און מ׳האָט ביי אים דאָס שטיקל ברויט אויסגעכאַפּט, און ווען ער האָט זיך געשטעלט אַקעגן, האָט מען אים דערהרגעט.

אָבער ניט נאָר אָרעמע, אויך רייכע האָבן פון דעם שרעקלעכן הונגער געליטן. גאָלד און זילבער האָט מער קיין ווערט נישט געהאַט, ווייל מען האָט פאַר דעם גאָרנישט געקענט קויפן. און ווי ס׳ווערט דערציילט אין דער גמרא (גיטין, דף נ״ו) האָט די גרויסע נגידיתטע מ ר ת א ב ת ב י ת ו ס , די אַלמנה פון

דעם כהן גדול יהושע בן גמלא, זיך ארומגעשלעפּט איבער די גאַסן פון ירושלים און אין מיטן געזוכט עפּעס מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן.

די צאָל פון די וואָס זענען געפאַלן פון הונגער, איז געווען גרעסער ווי די צאָל פון די וואָס זענען געפאַלן פון דער שווערד. און מענטשן האָבן אינגאַנצן דעם געפיל פון רחמנות פאַרלאָרן; מ׳האָט אויפגעהערט באַווײנען די טויטע; מ׳האָט גלײכגילטיק געקוקט ווי אַנדערע פאַלן אין די גאַסן און גייען אויס. און ס׳איז שוין געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך זיך ארויפצוואַרפן אויף די טויטע קערפּערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט און זוכן אין זייערע קליידער, אפשר וועט מען געפינען אַ שטיקל ברויט, אָדער עפּעס אַ שטיקל פון אַ פּרי, מיט וואָס דעם שרעקלעכן הונגער צו שטילן.

די ערשטע צייט האָט מען נאָך באַגראָבן די טויטע אויפן חשבון פון דער מלוכה, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל נאָך נישט אויסברעכן אַ מגפה אין שטאָט. אָבער ווען די צאָל פון די וואָס זענען אויסגעשטאָרבן איז געוואָרן צו גרויס, האָט מען די טויטע קערפּערס אָנגעהויבן וואַרפן אין די טאָלן, וואָס פון דער אַנדערער זייט מויער, און דאַן האָבן אַ סך הונגעריקע מענטשן מיט די לעצטע כוחות זיך קוים פאַרשלעפּט אויפן בית-עלמין און דאָרטן האָבן זיי פאַר זיך אַליין קברים אויסגעגראָבן און געוואַרט ביז זיי וועלן אויסגיין.

איבער דעם שרעקלעכן הונגער האָבן אַ סך איינוואוינער פון ירושלים אָנגעהויבן אַנטלויפן פון שטאָט שטילערהייט און זיך איבערגעבן אין די הענט פון די רוימער. אויך צווישן די באַוואָפנטע לייט פון שמעון בר-גיורא האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען צו די רוימער אַנטלאָפן; מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ פאַר-שווערונג וואָס ווערט צוגעגרייט שטילערהייט צו צווינגען די קנאים אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן; מען האָט גערעדט, אַז די פאַרשווערער אין דער מחנה האָבן אין געהיים געשלאָסן אַ בונד מיט די רייכע, וועלכע זענען אַלע מאָל געווען די פריינד פון רוים. און דאַן האָט שמעון בר-גיורא מיט אַן אייזערנער האַנט די פאַר-שווערונג אונטערדריקט; ער האָט עטלעכע פון זיינע באַוואָפנטע לייט פאַרמשפּט צום טויט. און אויך דעם געוועזענעם כהן גדול מתתיהו בן תיאופיל, דעם זעלבן וואָס האָט אים פריער קיין ירושלים געבראַכט, האָט ער פאַרמשפּט צום טויט, ווייל עס האָט זיך אַרויס-געוויזן, אַז ער האָט געאַרבעט דערפאַר, אַז מ׳זאָל עפענען די טויערן פון דער שטאָט פאַר די רוימער; אויף שמעונס באַפעל האָט מען

דעם געוועזענעם כהן גדול און נאָך פּופּצן פון די רייכע לייט אין שטאָט אָפּגעהאַקט די קעפּ אויף די ווענט פון דער פעסטונג, כדי טיטוס און זיינע לייט זאָלן זען וואָס מ׳טוט אין ירושלים צו די, וואָס ווילן איבערגעבן די הייליקע שטאָט אין די הענט פונעם שונא.

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז צו די אידן וואָס זענען אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג אַריבערגעלאָפן צום שונא האָט טיטוס אַרויסגעוויזן אַ סך רשעות; ער האָט זיך מיט זיי באַנוצט ווי מיט אַ מיטל אָנצושרעקן די באַלאַגערטע, און אויף זיין באַפעל האָט מען זיי געפּייניקט און נאָך דעם האָט מען זיי געקרייציקט און זיי אַזוי געלאָזט הענגען לאַנג אויף די הילצערנע שטאַנגען, כדי מ׳זאָל זיי פון דער הויך פון דער פעסטונג קענען זען. די וואָס מ׳האָט ניט געקרייציקט, האָט מען ביי זיי אָפּגעשניטן די הענט אָדער אַנדערע אברים און זיי אין די שרעקלעכסטע אַנגסטן געלאָזט גיין צוריק. אַזוי האָט געטאָן דער „נחת פון דער מענטשהייט״, און ער האָט אַוודאי גרויס הנאה געהאַט דערפון.

ווען די „רוימישע פריינד״ צווישן די איינוואוינער אין ירושלים האָבן געזען וואָס טיטוס טוט צו די אידן וואָס ווערן געפאַנגען און אויך צו די וואָס לויפן אַריבער צו אים, האָבן זיי דאָך געפּרואווט געפינען אַ זכות אין דעם וואָס ער טוט; זיי האָבן געדענקט, אַז גרויזאַם איז ער אַוודאי בלויז אין דער מלחמה, עס פאַרדריסט אים שטאַרק וואָס די אידן גיבן זיך נישט אונטער, און דערפאַר באַגייט ער אַזעלכע אַכזריותן, אָבער ווען ער וועט אַריינקומען אין שטאָט, וועט ער אַוודאי זיין גוט און גנעדיק. וואָרעם ער איז דאָך אַוודאי אין דער אמתן אַ פריינד פון אידן, אַ סימן — ער איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין אַ אידישער טאָכטער און מ׳זאָגט, אַז ער וועט זי מאַכן פאַר זיין ווייב. און ווייל זיי זענען געווען אַזוי זיכער אין דעם, יענע לייט, די פריינד פון רוים, האָבן זיי טיטוסן געדינט, און ווען זיי האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָבן זיי מיט פיילן אַרויסגעשאָסן צעטעלעך צו די רוימער און אין די צעטעלעך האָבן זיי איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין שטאָט.

עס האָבן נישט אויסגעפעלט קיין פאַררעטער, און עס זענען געווען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן דעם מוט פאַרלאָרן.

אין דער זעלבער צייט אָבער זענען צווישן די רוימישע חילות געווען אַ סך אַזעלכע, אויף וועמען די העלדישקייט און אויך דער טיפער גלויבן פון די אידישע קנאים אין ירושלים האָבן געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון טיטוסן און האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן און אינאיינעם מיט די קנאים זיך

געשלאָגן קעגן די רוימער פאַר דער פרייהייט פונעם אידישן פאָלק; זיי האָבן אויסגעלערנט די אידן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די מלחמה-מכשירים, וואָס זיי האָבן ביי די רוימער פאַרכאַפּט; זיי האָבן געטאָן אַלץ אונטערצוגעבן די אידן נאָך מער מוט אין דער מלחמה, און די אידן האָבן אויף יעדן איינעם פון זיי געקוקט ווי אויף אַ גר צדק. און כאָטש דער הונגער איז געווען אַזוי גרויס, האָבן זיי געזען, אַז די גרים זאָלן דאָך האָבן וואָס צו עסן.

***

קיין זאַך אין דער וועלט האָט ניט געקענט ברעכן דעם מוט פון די קנאים. אויסגעהונגערטע און פאַרשמאַכטע האָבן זיי זיך געשלאָגן מיטן שונא און האָבן טיף געגלויבט אַז דער גאָט פון ישראל וועט זיי קומען צו הילף און זיי וועלן דאָך אַרויס מיט אַ נצחון און וועלן זיין פריי, און דאַן וועלן די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זיין געווענדט צו י ר ו ש ל י ם און דאָס אידישע פאָלק וועט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע פעלקער.

זיי האָבן געגלויבט, אַז דער גייסט פון ירושלים וועט באַזיגן דעם גייסט פון רוים און אַז גערעכטיקייט וועט סוף כל סוף קריגן די אויבערהאַנט און וועט בייקומען די מאַכט פון דער שווערד, ווי די נביאים האָבן דאָס געפּרעדיקט פאַרן „סוף פון די טעג".

דאָס איז געווען אַ מלחמה ניט נאָר צווישן צוויי פעלקער, נאָר אויך צווישן צוויי ק ו ל ט ו ר ן וואָס זענען געווען פונקט דער היפּוך איינע פון די אַנדערע — דער גייסט פון רוים און דער גייסט פון ירושלים. אויף דער וואָגשאָל איז געלעגן דער ווייטער-דיקער שיקזאַל ניט נאָר פונעם אידישן פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אַפילו דאַן ווען די רוימער האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט דעם אַ נ ט אָ נ י אַ - ט ו ר ע ם און אין די הענט פון די אידן איז בלויז געבליבן דער הייליקער טעמפּל און די אַנדערע פעסטונגען אַרום און אַרום, האָבן די קנאים דעם מוט נישט פאַרלאָרן; יוחנן פון גוש-חלב און שמעון בר-גיורא האָבן זיך איינגעטיילט מיטן באַשיצן דעם טעמפּל ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, און זיי און זייערע חיילות האָבן פון די מויערן געהאַגלט מיט פיילן, מיט שטיינער און מיט פייער אויף די רוימער, וואָס האָבן די פעסטונגען גע-שטורעמט.

אינעם זיבעצענטן טאָג פון חודש ת מ ו ז , אויפן פערטן חודש פון דער באַלאַגערונג, איז שוין דער מאַנגל אין עסנווארג

געווען אזוי גרוים, אז מ׳האָט אינגאַנצן אויפגעהערט שעכטן די טעגלעכע קרבנות אויפן מזבח פונעם הייליקן טעמפּל. עס זענען שוין אין שטאָט מער ניט געווען קיין שאָף און רינדער. און נאָך ביז היינטיקן טאָג איז דער טאָג פון שבעה עשר בתמוז געבליבן ווי אַ טאָג פון טרויער און פון פאַסטן ביי אידן. *)

טיטוס האָט דאַן ווידער געשיקט „זיין אידן" יוסף בן מתתיהו זיך אַוועקשטעלן אויף אַזאַ אָרט, וואו מ׳זאָל קענען הערן זיין קול און פון דאָרט זאָל ער אויסרופן, אַז אויב מ׳וועט זיך אונטערגעבן, וועט ער דעם הייליקן טעמפּל נישט אָנרירן און וועט אים לאָזן גאַנץ. אָבער יוחנן פון גוש-חלב האָט אים פון דאָרט פאַרטריבן און ער האָט אים געהייסן איבערגעבן טיטוסן, אַז די קנאים האַלטן הייליק די שבועה וואָס זיי האָבן געגעבן און זיי ווילן דאָס פאָלק ניט פאַרראַטן, און דער גאָט פון ישראל וועט ניט איבערגעבן זיין הייליקע שטאָט אין די הענט פון די געצנדינער.

און פון זיינע דייך האָט מיט טיפן גלויבן געשלאָגן. און אין דער זעלבער צייט וואָס ער איז געווען גרייט זיין לעבן אַוועקצוגעבן פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און פונעם לאַנד, האָט ער אַרויסגעקוקט אויף אַ נס פון הימל און געהאָפט, אַז אין דער לעצטער שעה, וועט דער באַשעפער פון אַלע וועלטן דאָך דערשלאָגן די שונאים פון די אידן און ניט לאָזן פאַרשוועכן די הייליקייט פון זיין טעמפּל.

כדי צו באַשיצן דעם בית המקדש מיט די אַלע פעסטונגען וואָס אַרום, האָבן די אידן פאַרברענט און צעוואָרפן די זיילן, וואָס האָבן פאַראייניקט דעם אַנטאָניאַ-טורעם מיטן הייליקן טעמפּל און דערביי זענען אַ סך פון די רוימישע זעלנער געפאַלן טויט. דאָס איז געווען אינעם אַכט און צוואַנציקסטן טאָג פונעם חודש תמוז. און ווען די רוימער האָבן געזען, אַז די אידן באַנוצן זיך מיט פייער, כדי צו צעשטערן טיילן פון זייער אייגענעם טעמפּל, האָבן זיי זיך אויך אָנגעהויבן באַנוצן מיט פייער, און אויף מאָרגן האָבן זיי אונטערגעצונדן די גרויסע זיילן, וואָס זענען געשטאַנען אינעם טייל פון צפון זייט, און וואָס האָבן געשמט איבער דער גאַנצער וועלט מיט זייער שיינקייט און רייכקייט. און דאָס פייער האָט זיך פאַרשפרייט און האָט פאַרכאַפּט אַנדערע טיילן אויך, און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט עס אויסגעלאָשן.

---

*) „בשבעה עשר בתמוז בטל התמיד" (תענית, פרק ד.) דאָס זעלבע אויך אין יוסיפוס פלאַוויוסעס „מלחמות", ספר ששי, פרק שני, א.

צווישן די פעסטונגען פונעם טעמפל האָבן זיך די רוימער געפילט ווי פאַרלאָרענע; וואו זיי זענען געשטאַנען, האָבן זיי מורא געהאַט צו גיין ווייטער זיי זאָלן נאָך ניט אַריינפאַלן אין אַ נעץ. די אידן אָבער האָבן דאָרט אַלע ווענן און שטעגן געוואוסט, און דאָס איז זיי גוט צונוץ געקומען און זיי האָבן אַ סך רוימער אויסגע- הרגעט און אַריינגעטראָגן אַ צעמישעניש אין זייערע מחנות. אַלע מאָל, ווען ס׳האָט ערגעץ אַ פייער אויסגעבראָכן און די רוימער האָבן אָנגעהויבן לויפן צעשראָקענע אַהין און אַהער און קלעטערן אויף לייטערס, זענען די אידן ווי פון אונטער דער ערד אויס- געוואַקסן ערגעץ אויף אַ מויער אַרום די ווענט, און פון דאָרט האָבן זיי אומגעוואָרפן די לייטערס, אויף וועלכע די רוימער האָבן געקלעטערט און אַ סך פון זיי זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדי- קערהייט. אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און טעג, און די אידן האָבן געגלויבט, אַז צווישן די ווענט פון די שטאַרקע פעסטונגען ביים הייליקן טעמפל, וועלן די רוימער כאַפּן די לעצטע מפּלה און דאָס אידישע פאָלק וועט אַרויסקומען מיט אַ גרויסן נצחון, וואָס וועט ברענגען אַ דערלייזונג פאַר דער גאַנצער וועלט.

אָבער דער הונגער אין שטאָט איז דאַן געוואָרן נאָך שטאַר- קער ווי ער איז געווען פריער. מענטשן זענען געפאַלן אין די גאַסן ווי די פליגן, און פלאַוויוס דערציילט, אַז די הונגעריקע האָבן גע- געסן אַזעלכע זאַכן, וואָס אפילו בהמות און חיות מיאוסן זיך צו עסן; מ׳האָט געגריזשעט און געקייט שטיקלעך פעל, מ׳האָט זיך גע- שטאָפּט מיט גראָז, מיט פאַרטריקנטע אָדערן, און מיט אַלץ וואָס מ׳האָט נאָר געקענט געפינען אין מיסט. און אַ סך מענטשן האָט דער הונגער און אויך די שטענדיקע מורא אין שטאָט געטריבן צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז זיי זענען אַרונטער פון זינען און אָפּגעטאָן די שרעקלעכסטע זאַכן, און צווישן די וואָס זענען אין יענער צייט פון זינען אַרונטער, איז אויך געווען איינע אַ געוויסע מ ד י ם, די טאָכטער פון איינעם אַן אליעזר, וואָס איז געקומען פונעם דאָרף בית-אזוב, און זי האָט איר אייגן קינד געקוילעט און אָפּגעבראָטן און געגעסן דאָס פלייש.

די דאָזיקע געשיכטע דערציילט פלאַוויוס מיט אַ סך איינצל- הייטן וואָס זענען צו שרעקלעך, אַז מיר זאָלן זיי דאָ איבערגעבן. ער שטעלט זיך אָפּ דערויף אין זיין ווערק „תולדות מלחמות היהודים עם הרומאים“ (ספר ו, פרק ג, ד.) און ער פאַרזיכערט אַז ער האָט דאָס פעסטגעשטעלט מיט עדות. ער פאַרזיכערט אויך,

אז ס׳וואלט אים געווען א סך אנגענעמער ווען ער וואלט דאס ניט דערציילט.

טיטוס האט דאן גענומען אנשטרענגען אלע כוחות צו פאר־כאפן דעם הייליקן טעמפל, ווייל ער האט געוואוסט, אז אנדערש וועט ער ניט קענען נעמען די שטאט. און זעקס טעג נאכאנאנד האט ער געשטורעמט די פעסטונג וואס ארום בית המקדש, אבער די אידן האבן אונטער דער פירערשאפט פון שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש־חלב ארויסגעוויזן זייער א שטארקן ווידער־שטאנד, און מ׳האט די פעסטונג ניט געקענט נעמען. גאנצע מחנות רוימישע זעלנער האבן געקלעטערט ארויף, מיט די בלויזע שווערדן אין די הענט, אבער די אידן האבן זיי פון דער הויך גע־שליידערט אראפ און זייערע טויטע קערפערס זענען אין טיפע אפגרונטן געפאלן. שמעון בר־גיורא און יוחנן האבן ארויסגעוויזן אזעלכע גבורות, אז אפילו די שונאים האבן זיי געמוזט באוואונ־דערן; פון די גרעסטע סכנות האבן זיי זיך ארויסגעדרייט און גע־יאגט די רוימער פון דער פעסטונג. אויך די אייזערנע מויער־ברע־כער, מיט וועלכע מ׳האט די פעסטונג געשטורעמט, האבן טיטוסן קיין סך ניט געהאלפן; די ווענט זענען געווען אזוי שטארק, אז קיין מויער־ברעכער האבן זיי ניט געקענט צעטרייסלען. און דאן האט טיטוס ארויסגעגעבן א באפעל, אז מ׳זאל אונטערצינדן אלע גע־ביידעס, וואס געפינען זיך אויף דעם בארג וואו דאס בית המקדש שטייט.

ד א ס א י ז ג ע ו ו ע ן א י נ ע ם א כ ט ן ט א ג פ ו נ ע ם ח ו ד ש א ב.

פון די געביידעס וואס מ׳האט אנגעצונדן ארום און ארום, האט זיך דאס פייער פארשפרייט ווייטער און איז צוגעקומען ביז צו די טויערן פונעם טעמפל, און פון דארט האט זיך עס אריבער־געווארפן צו די גרויסע זאלן; דאס גאלד וואס האט באדעקט די טירן, האט אנגעהויבן צעשמאלצן ווערן און די ברעטער האבן אנגעהויבן ברענען. און ווען די אידן האבן דערזען דאס בית המקדש אין פלאמען, זענען זיי געבליבן שטיין ווי פארשטיינערטע. עס איז אויף זיי אנגעפאלן אזא שרעק, אזא אימה, אז קיינער האט זיך פון ארט ניט געקענט רירן און ס׳האט זיך ביי קיינעם קיין האנט ניט געהויבן צו לעשן דאס פייער.

גאטס הויז האט געברענט! און דאס האט געהייסן אז אלע האפענונגען זענען פארלוירן. קיין נס פון הימל וועט ניט געשען.

די מלחמה איז פאַרשפּילט, און דער גורל פונעם פאָלק איז פאַרחתמעט.

דאָס האָט אויך געהייסן, אַז אין דער מלחמה וואָס גאָט האָט דורך זיין אויסדערוויילט פאָלק געפירט מיט די אָפּגעטער, האָט ער פאַרלוירן.

אַזוי האָבן די אידן דעמאָלט דאָס אויסגעטייטשט, און דערפאַר זענען זיי געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערטע און ס'האָט זיך ביי קיינעם ניט געהויבן די האַנט דאָס פייער צו לעשן.

לאַנג האָט דאָס פייער אַזוי געברענט, און נאָך דעם האָט טיטוס מיט אַ מאָל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל דאָס פייער אויסלעשן. און ער האָט גלייך צונויפגערופן זעקס פון זיינע נאָענטע ראַטגעבער, זיך צו האַלטן מיט זיי אַן עצה וואָס מ'זאָל טאָן מיט דעם הייליקן טעמפּל, און צווישן יענע זעקס ראַטגעבער איז אויך געווען טיבעריוס אַלעקסאַנדער.

פלאַוויוס דערציילט, אַז אויף יענער באַראַטונג האָט טיטוס אויסגעדריקט די מיינונג, אַז מ'דאַרף דעם בית המקדש ניט פאַרברענען. אויך טיבעריוס אַלעקסאַנדער, וועלכער איז געווען דער הויפּט פונעם קריגס-שטאַב, האָט די זעלבע מיינונג אויסגעדריקט. און אויף דעם גרונט איז גרעטץ גענייגט צו גלויבן, אַז מיט דעם האָט טיטוס געוואָלט אויסנעמען ביי זיין אידישער געליבטער בערעניקאַ. אַנדערש געשריבן וועגן דעם האָט אָבער דער קריסטלעכער געלערנטער היסטאָריקער סולפּיציוס סעווערוס, וועלכער האָט געלעבט ביים אָנפאַנג פונעם פינפטן יאָרהונדערט. ער שרייבט, אַז טיטוס האָט באַשלאָסן צו פאַרברענען דאָס בית המקדש, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז מיט דעם וועט ער מיטן וואָרצל אויסראָטן דעם אידישן גלויבן און אויך דעם קריסטלעכן וואָס איז אַ צווייג פון אידישן. פון וואַנען סעווערוס האָט געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דעם, קען מען ניט וויסן, און עס איז מעגלעך, אַז ער האָט זיי גענומען פון קוואַלן וואָס זענען צו די דורות פון אונדזערע צייטן ניט דערגאַנגען.

אויף מאָרגן נאָך דער באַראַטונג, אינעם ניינטן טאָג פון דעם חודש אָב (תשעה באב), זענען ווידער פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן ביי דער פעסטונג פונעם טעמפּל. אָנגעהויבן האָבן זיך די שלאַכטן אין דער פרי, און מ'האָט זיך געשלאָגן אַ גאַנצן טאָג. און פאַרנאַכט, ווען די חילות פון ביידע

זייטן זענען שוין געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט און האָבן אַלץ איינע די אַנדערע ניט געקענט בייקומען, האָט איינער פון די רוי־מישע זעלנער געכאַפּט אַן אַנגעצונדענעם פאַקל און האָט אים מיט אַלע כוחות געגעבן אַ וואָרף דורך דעם גילדענעם פענצטער פונעם הייליקן טעמפּל, און באַלד האָבן פון אַלע פיר זייטן אָנגעהויבן זעצן רויטע פלאַמען און וואָלקנס רויך; דאָס פייער האָט דעם גאַנצן טעמפּל אַרומגעכאַפּט, און וואָס אַ מאָל איז דער רויך געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער און ער האָט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט פאַרשפּרייט.

דער הייליקער טעמפּל איז פון אַלע זייטן געווען אין פלאַמען איינגעהילט.

ווען טיטוס איז געקומען און האָט דערזען אַז דאָס בית המקדש ברענט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען, אַז מ׳זאָל לעשן דאָס פייער. אויך די אַנדערע עלטסטע פון די חיילות וואָס זענען געקומען צו־לויפן אינאיינעם מיט אים, האָבן געשריען אַז מ׳זאָל לעשן דאָס פייער. אָבער דער טומל אַרום און אַרום איז שוין געווען אַזוי גרויס, און די רוימישע זעלנער זענען שוין געווען אַזוי ווילד, אַז זיי האָבן זיך אויף טיטוסעס קולות שוין ניט אָפּגערופן און צו זיינע באַפעלן זיך ניט צוגעהערט; שטופּנדיק איינע די אַנדערע און טרעטנדיק איינע אויף די אַנדערע, האָבן זיי זיך מיט אַלע כוחות געשפּאַרט צום הייליקן טעמפּל און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער צוגעוואָרפן נאָך אַ ברענענדיקן פאַקל, און דאָס פייער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַמט; און ווער ס׳איז זיי נאָר אונטער דער האַנט געקומען, האָבן זיי אים מיט די שווערדן דערהרגעט, און פון אַלע טרעפּ האָבן זיך הרוגים געקייקלט און מ׳האָט זיי מיט די פיס געטראָטן, און אַרום מזבח זענען געלעגן גאַנצע הויפנס מיט טויטע מענטשן, אַלטע און יונגע און פון אַלע זייטן האָט זיך געגאָסן בלוט.

און דאַן איז ט י ט ו ס אַריינגעקומען אינעם ק ד ש י - ק ד ש י ם , וואוהין קיין אַנדערער חוץ דעם כהן גדול האָט קיין מאָל ניט געטאָרט אַריינקומען. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געוואָלט זען דעם ק ד ש י - ק ד ש י ם פונעם אידישן הייליקן טעמפּל. אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אַהין און איז גע־בליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער פון דער שיינקייט און פון דער איינ־פאַכקייט, וואָס ער האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, האָט אַ געדיכטער רויך אָנגעהויבן זעצן פון אַלע זייטן. דאָס פייער איז שוין אַהין אויך צוגעקומען, און דאַן איז טיטוס אַרויס פון דאָרט מיט זיינע באַגלייטער, און ווען ער איז שוין געווען

אין דרויסן און האָט געזען ווי די פלאַמען שפּאַרן זיך פון אינעווייניק, האָט ער איבערגעלאָזט זיינע חיילות זיי זאָלן שוין דאָרטן טאָן וואָס זיי ווילן און אַליין איז ער אַוועק. „און אַזוי — זאָגט יופיסוס פלאַוויוס, איז דאָס בית המקדש פאַרברענט געוואָרן, כאָטש דער קיסר (טיטוס) האָט דאָס זייער ניט געוואָלט".

*
**

עס איז שווער זיך אָפּצוהאַלטן און ניט איבערגעבן וואָרט אין וואָרט דאָס וואָס י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו (פלאַוויוס) אַליין שרייבט וועגן דעם חורבן. ער האָט דאָך אַלץ מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, און קיינער האָט דאָס ניט געקענט שילדערן אַזוי ווי ער.

„און אין דער צייט, ווען דער הייליקער טעמפּל האָט געברענט אין פייער, — שרייבט יוסף בן מתתיהו, — האָבן די רוימער גע־גזלט יעדע זאַך וואָס ס׳איז זיי געקומען אין דער האַנט אריין, און זיי האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה אויף אַלע אידן וואָס זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן, און זיי האָבן זיך ניט דערבאַרעמט אויף יונגע און אַלטע, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין אָפּשיי פאַר די וואָס האָבן געדינט אין הייליקייט, נאָר זיי האָבן געשאָכטן זקנים און קליינע קינדער, פּשוטע מענטשן און כהנים אינאיינעם, און די שווערד פונעם פיינד האָט געטאָן פאַרדאַרבן אַלע משפחות פונעם גאַנצן פאָלק אָרום און אָרום, און סיי די וואָס האָבן געבעטן אַז מ׳זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיי, און סיי די וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, זענען געשאָכטן געוואָרן אָן רחמנות.

„און דער רעש פון די פלאַמען וואָס האָבן זיך צום הימל גע־הויבן, האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם יאָמער פון די וואָס זענען פון דער שווערד געפאַלן; און ווייל דער באַרג וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, איז געווען אַזוי הויך, און דער בנין וואָס איז געווען איינגעהילט אין פלאַמען איז געווען אַזוי גרויס, האָט זיך דעם אויג וואָס האָט געקוקט, אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע שטאָט ברענט.

„און קיינער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן קיין שרעק־לעכערע זאַך ווי די געשרייען אָרום און אָרום. וואָרעם די קולות פון די רוימער וואָס האָבן זיך שטראָמענווייז געשפּאַרט, און די געשרייען פון די אידן, וועמען די פלאַמען פונעם פייער און די שווערדן פונעם שונא האָבן מיט אַ מאָל אַרומגערינגלט, און דאָס יאָמערן פון די אומגליקלעכע מענטשן וואָס זענען געשטאַנען

אויבן און וואָס זענען אין דער צעמישעניש געשטויסן געוואָרן אראָפּ אין די הענט פון די פיינד אויף אַ זיכערן טויט, און דאָס קלאָגן אויף דעם בראַך — די אַלע זאַכן האָבן זיך צונויפגעמישט אינאיינעם.

„און צו די געשרייען וואָס זענען געקומען פון דעם באַרג וואו דאָס בית המקדש אזוי געשטאַנען, זענען צוגעקומען די געשרייען פון די מענטשן אין שטאָט. וואָרעם ווען אַ סך פון די וואָס דער הונגער האָט ביי זיי פאַרלענדט די כוחות און ביי ווען די צונגען זענען שוין געווען צוגעקלעפּט צום גומען האָבן דערזען דאָס פייער וואָס האָט געברענט אַרום דעם הייליקן טעמפּל, האָבן זיי דאָך געפונען כוח אין זייערע לייבער צו וויינען און צו קלאָגן און אויפהויבן אַ ביטער געשריי.

„און דאָס ווידערקול, וואָס איז געקומען פון דער אַנדערער זייט פונעם טייך קידרון און פון די בערג וואָס אַרום שטאָט, האָט נאָך מער שטאַרקייט צוגעגעבן די ווילדע געשרייען. אָבער נאָך שרעקלעכער ווי די געשרייען איז געווען דער ווייטיק. און ס׳האָט זיך געדוכט אַז דער גאַנצער באַרג ברענט אינאיינעם מיט זיינע טיפסטע אינעווייניקייטן, מיט אַלע וואָרצלען וואָס ער האָט, און אַז פון אַלע זייטן קומען אַרויס פלאַמען פייער.

„אָבער די טייכן בלוט זענען געווען נאָך גרעסער ווי די פלאַמען פייער. און די צאָל פון די געשאָכטענע איז געווען פיל גרעסער ווי די צאָל פון די וואָס האָבן געשאָכטן. און אומעטום זענען געלעגן אַזוי פיל הרוגים, אַז מ׳האָט קיין שטיקל ערד ניט געקענט אָנזען. און יאָגנדיק זיך נאָך די, וואָס אַנטלויפן, האָבן די זעלנער געטראָטן אויף די הויפנס הרוגים“.

אַזוי שילדערט פלאַוויוס דאָס וואָס ער האָט געזען אין די שעהן ווען דאָס בית המקדש האָט געברענט און די רוימער האָבן געשאָכטן. און אין דעם זעלבן אָרט דערציילט ער אויך, אַז כהנים האָבן זיך אַליין אין די פלאַמען געוואָרפן און זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. *)

און געשען איז דאָס אינעם ניינטן און אויך אינעם צענטן טאָג פונעם חודש אָב, אינעם 70סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

*) תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, ספר ו, פרק ה, א.

## קאַפּיטל זעכצן

### דער גרויסער אויפטו פון רבן יוחנן בן זכאַי נאָכן חורבן

ד ויט די ציפערן וואָס פ ל אַ ו י ו ס גיט אָן, איז די צאָל פון די וואָס זענען געפאַלן אין דער מלחמה, געווען אַ מ י ל י אָ ן מ י ט ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז נ ט מענטשן. און כאָטש ס׳איז ביי פלאַוויוסן ניט קלאָר צי אין דעם גייט שוין אויך אַריין די צאָל פון די רוימער וואָס זענען געפאַלן אין די פיר יאָר וואָס די מלחמה האָט געדויערט, נעמט ג ר ע ט ץ אָן, אַז דאָס באַציט זיך בלויז אויף דער צאָל אידן, און אין דעם גייען אַריין ניט נאָר די וואָס זענען אומגעקומען פון דער שווערד, נאָר אויך די וואָס זענען געשטאָרבן פון הונגער און פון די מגפות וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט.

אין ירושלים אַליין זענען אין די פינף חדשים פון דער באַלאַגערונג געווען אַ סך מער אידן ווי אין געוויינלעכע ציטן. און אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז די צאָל פון זעקס הונדערט טויזנט וואָס דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס דערמאָנט, באַציט זיך אפשר אויף געוויינלעכע ציטן, קען מען אָננעמען, אַז אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג, ווען ס׳זענען זיך אָנגעלאָפן אַ סך אידן פון אַנדערע שטעט, איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין דער הייליקער שטאָט געווען צוויי מאָל אַזוי פיל, און נאָך דעם ווי די רוימער האָבן שוין געהאַט די שטאָט ביי זיך אין די הענט, האָט מען אין גריבער און אין היילן געפונען הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס זענען דאָרט פון הונגער געשטאָרבן, אָדער אַליין געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן, אַבי ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פונעם שונא.

אויך די צאָל פון די וואָס מ׳האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט, איז געווען זייער גרויס; אַרום און אַרום האָבן די רוימער דעמאָלט געפאַנגען מער ווי נ י י ן ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז נ ט אידן, און אַ גרויסן טייל פון זיי האָט מען געשמידט אין קייטן און זיי

פאַרשיקט אויף שווערער אַרבעט קיין מצרים און אויף די ווייטע אינדזלען. אַ סך האָט מען פאַרקויפט פאַר קנעכט און דינסטן, און אַנדערע האָט מען געהאַלטן פאַרשפּאַרט, כדי שפּעטער זיי צו צואוואַרפן אַלס שפּייז צו די ווילדע חיות אין די אַרענעס. בלויז זיבן הונדערט פון די געוויקסיקסטע, שענסטע, געזינדסטע און שטאַרקסטע אידישע יונגעליט האָט מען איבערגעלאָזט, זיי צו פירן קיין רוים אין דעם טריאומף-מאַרש, וואָס טיטוס האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט, כדי זיך צו באַרימען אין דער הויפּט-שטאָט מיט זיין גרויסן נצחון איבערן אידישן פאָלק.

צווישן די וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די היילן און אין די גריבער, איז אויך געווען יוחנן פון גוש-חלב. אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אין דער צייט ווען טיטוסעס חיילות האָבן זיך אין הייליקן טעמפּל אַריינגעריסן, און נאָך דעם ווי דאָס בית המקדש איז שוין געווען פאַרברענט, האָט ער נאָך אינאיינעם מיט שמעון בר-גיורא, געפּרואווט ווייטער פאַרצוזעצן די מלחמה קעגן די פרעמדע אַריינדרינגער. דער קאַמף איז שוין אָבער געווען אַ פאַרלאָרענער, און נאָך דעם ווי די צוויי העלדישע פירער און זייערע באַוואָפנטע לייט האָבן אַ קורצע צייט נאָך געהאַלטן אין זייערע הענט אייניקע טיילן פון דער שטאָט, האָט יוחנן פון גוש-חלב זיך דאָך אונטערגעגעבן; אַליין אַ קראַנקער מענטש, האָט ער מער דעם הונגער ניט געקענט אַריבערטראָגן, און ער איז מיט אַ צעבראָכן געמיט אַוועק צו די רוימער און האָט זיך איבערגעגעבן אין זייערע הענט. און צו אים האָט טיטוס אַרויסגעוויזן זיין „גרויס גנאָד“, ער האָט אים ניט באַשטראָפט מיטן טויט באַלד, נאָר ער האָט אים איבערגעלאָזט פאַר דעם גרויסן טריאומף-מאַרש וואָס מען וועט מאַכן אין רוים.

דער „נחת פון דער מענטשהייט“ איז געווען „גנעדיק“.

שמעון בר-גיורא אָבער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן אַפילו דאַן ווען ער האָט שוין געקענט זען קלאָר, אַז דער קאַמף איז אַ פאַרלאָרענער. מיט דער קליינער צאָל פון באַוואָפנטע לייט וואָס ער האָט נאָך געהאַט, האָט ער מיט די לעצטע כוחות באַשיצט דעם אויבערשטן טייל פון דער שטאָט, און ווען די רוימישע חיילות זענען אַהין אויך אַריין, האָט שמעון בר-גיורא אינאיינעם מיט נאָך עטלעכע קריגסלייט, זיך באַהאַלטן אין אַ הייל; זיי האָבן דאָרט לאַנג די ערד געגראָבן מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבן צו קריכן אין דער הייל אַזוי לאַנג,

ביז זיי וועלן זיך שטילערהייט קענען אַרויסכאַפּן אויף אַ זיכער אָרט און אַנטלויפן ווייט אין דער מדבר, אָבער אין דער הייל האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אָן האַרטע שטיינער וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג; דאָס עסנוואַרג וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט, איז אויסגעגאַנגען, און ווען עס איז שוין אוממעגלעך געווען ווייטער דעם הונגער אַריבערצוטראָגן, איז שמעון בר-גיורא אַרויס פון דער הייל.

ווי עס שיינט, האָט ער אַפילו דאַן אויך ניט געהאַט אין זינען זיך אונטערצוגעבן. זיין כוונה איז קענטיק געווען אָפּצונאַרן די רוימער און זיך פאַרשטעלן פאַר אַ משוגענעם. דאָס קען מען זען פון דעם, וואָס איידער ער איז פון דער הייל אַרויס, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַזוי, אַז די וואָס וועלן אים דערזען, זאָלן מיינען אַז ער איז אַ פאַרריקטער, אָדער זיי זאָלן זיך גאָר דערשרעקן פאַר אים.

אָנגעטאָן אין ווייסע הויזן און אין אַ העמדל פון פורפור-רויטן וואָל, איז ער אַרויס פון אונטער דער ערד, פונקט אויף דעם אָרט וואו דער הייליקער טעמפּל איז פריער געשטאַנען. דאָס איז געווען ביינאַכט, און די רוימישע זעלנער האָבן זיך טאַקע דערשראָקן ווען זיי האָבן אים דערזען. זיי האָבן זיך אָבער דאָך אָנגענומען מיט מוט און אים אָפּגעשטעלט; ווען זיי האָבן אים געפרעגט ווער ער איז, האָט ער זיין נאָמען ניט געוואָלט זאָגן. „פירט מיך צו אייער עלטסטן" — האָט ער צו זיי געזאָגט.

טיטוס אַליין איז שוין דאַן אין ירושלים ניט געווען. אויף זיין אָרט האָט דעמאָלט געוועלטיקט דער רוימישער קריגספירער טערענטיוס רופוס, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ ווילדן אכזר; צו אים האָבן די זעלנער דעם געפאַנגענעם געבראַכט, און נאָך איידער יענער האָט אים געפרעגט ווער ער איז, האָט ער אַליין צו אים געזאָגט: „איך בין שמעון בר-גיורא!"

דאַן האָט מען דעם געפאַנגענעם אידישן גבור גלייך געשמידט אין קייטן און אים אַוועקגעשיקט צו טיטוסן, וועלכער איז שוין געווען אין דער שטאָט קיסריה. און אויך צו אים, ווי צו יוחנן פון גוש-חלב, איז דער „נחת פון דער מענטשהייט" געווען „גנעדיק"; ער האָט אים ניט באַשטראָפט מיטן טויט גלייך אויפן אָרט, נאָר אים איבערגעלאָזן פאַר דעם גרויסן טריאומף-מאַרש וואָס וועט פאָרקומען אין רוים.

⁂

אין זיין ריכטיק געשטאַלט האָט זיך טיטוס געוויזן ערשט נאָך דעם ווי די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט. ערשט דאַן האָט מען אין אים געקענט דערזען דעם אמתן אכזר וואָס ווערט אין גאַנצן פאַרשיכורט פון בלוט. און אומזיסט זענען די שבחים וואָס זיין פריינד פלאַוויוס האָט אים געגעבן, אַנשטרענגענדיק זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרדעקן זיינע חטאים; אומזיסט איז אויך די מי פון די אַנדערע היסטאָריקער, וועלכע האָבן אים דווקא געוואָלט פאַרשטעלן אינעם געשטאַלט פון אַ גוטן מלאך. טיטוס האָט ערשט נאָך דער מלחמה באַוויזן מיט זיינע מעשים אַז ער איז געווען אַן אכזר און אַ רשע. און בלויז איינציקע ביישפּילן וועלן דאָס באַשטעטיקן:

ווען עטלעכע פון די כהנים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם פייער אינעם הייליקן טעמפּל, זענען געקומען צו אים בעטן ער זאָל אַרויסווייזן צו זיי זיין גנאָד און זיי שענקען דאָס לעבן, האָט ער מיט חוזק צו זיי געזאָגט, אַז פאַר כהנים פּאַסט זיך מער אומצוקומען אינאיינעם מיטן טעמפּל, און ער האָט געהייסן מ׳זאָל זיי טויטן.

אַ סך פון די געפאַנגענע וואָס מ׳האָט אין פעסטונגען פאַרשפּאַרט, האָט מען אויף זיין באַפעל אויסגעהרגעט, און עלף טויזנט פון זיי זענען געשטאָרבן פון הונגער, ווייל מ׳האָט זיי ניט געגעבן גענוג צו עסן.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט קיסריה, האָט ער דאָרט געפייערט דעם אכטצענטן געבורטסטאָג פון זיין ברודער ד אָ מ י ט י אַ ן מיט דעם וואָס ער האָט אַ סך פון די געפאַנגענע אידן פאַרברענט לעבעדיקערהייט, און צו דעם האָט ער זיך נאָך געלאָזט וואוילגיין, און אין די „פאָלקס־שפּילן“ וואָס ער האָט דאַן געמאַכט לכבוד דעם געבורטסטאָג פון זיין אינגערן ברודער, האָט ער געהייסן נעמען געפאַנגענע אידן און זיי וואַרפן אין די שטייגן פון אויסגעהונגערטע ווילדע חיות, און די צאָל פון די וואָס זענען אומגעקומען אויף אַזאַ שטייגער, איז געווען צ וו ו י י ט ו י ז נ ט מ י ט פ י נ ף ה ו נ ד ע ר ט.

אַזוי האָט דער „נחת פון דער מענטשהייט“ געפייערט דעם געבורטסטאָג פון זיין ברודער.

שפּעטער — און דאָס איז געווען אינעם חודש חשון, אָדער נאָוועמבער — האָט ער אין דער שטאָט ב א ר ו ת געפייערט דעם איין און זעכציקסטן געבורטסטאָג פון זיין פאָטער א ס פ אַ-

ס י אַ נ ו ס , אויך אויף דעם זעלבן שטייגער, און דאַן איז די צאָל פון די קרבנות געווען נאָך גרעסער.

אויך אין די אַנדערע שטעט, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דעם ווי די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט, האָט ער געפייערט דעם גרויסן נצחון מיט אַזעלכע „אַטלעטישע שפּילן", וואו מ׳האָט אויף זיין באַפעל אַרויסגעלאָזט אידישע יונגע לייט אויף דער אַרע־נע, זיי זאָלן זיך איינע מיט די אַנדערע ראַנגלען אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן פאַלן טויט.

פאַרברענען אידן לעבעדיקערהייט, זיי אַריינוואַרפן אין די שטייגן פון ווילדע חיות, אָדער זיי צווינגען זיי זאָלן זיך מיט שפּיזן איינע די אַנדערע אויף טויט דערשטעכן, ראַנגלענדיק זיך פאַר דעם פאַרגעניגן פון בלוטדורשטיקע צושויער — דאָס איז ביי דעם „נחת פון דער מענטשהייט" געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך; דאָס האָט אים גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפט. און געטאָן האָט ער דאָס ש ו י ן נ אָ ך ד ע ם ו ו י ד י מ ל ח מ ה א י ז ג ע ו ו ע ן ג ע ע נ ד י ק ט , און ס׳איז מער קיין באַרעכטיקונג ניט געווען פאַר אַזעלכע ווילדע רציחות.

איבערגעבנדיק די דאָזיקע שרעקלעכע פאַקטן וואָס באַווייזן וואָס פאַר אַן אכזר און וואָס פאַר אַ רשע ט י ט ו ס איז געווען, מאַכט פלאַוויוס אַ באַמערקונג, אַז ביי די רוימער איז דאָס געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, אַז זיי האָבן „אויף די אַלע מיתות משונות וואָס מ׳האָט אָנגעטאָן די אידן, געקוקט ווי אויף אַ לייכטער שטראָף". מיט דעם איז דער מחבר, ווי עס שיינט, אויסן געווען צו פאַרענטפערן טיטוסן; עס דאַרף הייסן, אַז דאָס איז געווען לויטן גייסט פון דער צייט. ער האָט אָבער קענטיק אַליין געפילט, אַז דאָס פאַרענטפערט גאָרניט, און ער האָט דעריבער גלייך טאַקע אין דעם זעלבן קאַפּיטל און אויך ווייטער, דערציילט אויספירלעך די געשיכטע וועגן א נ ט י ו כ י ה , וואו די איינוואוינער האָבן זיך געווענדט צו טיטוסן, ער זאָל זיי לאָזן אַרויסטרייבן די אידן פון דער שטאָט, און ער האָט זיי דאָס אָפּגעזאָגט און דערביי גע־מאַכט די באַמערקונג „זייער לאַנד איז דאָך שוין וויסט און מ׳קען זיי אַהין ניט טרייבן, איז ווייזט מיר אַן אַנדער אָרט, וואו מ׳זאָל זיי אַריינלאָזן". *)

עס איז די מיינונג פון ג ר ע ט צ ן , אַז פאַר דעם רחמנות וואָס ט י ט ו ס האָט אַרויסגעוויזן צו די אידן אין אַנטיוכיה,

---

*) תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, ספר ז. פרק ה, ב.

האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אידישער געליבטער ב ע ־ ר ע נ י ק אַ. זי, הייסט עס, האָט ביי אים געפּועלט, אַז ער זאָל די שונאי־ישראל אין אנטיוכיה ניט לאָזן אַרויסטרייבן די אידן. אָבער ווען מ׳זאָל אפילו אָננעמען, אַז קיינער האָט דאָס ביי אים ניט געדאַרפט פּועלן און אַז ס׳איז געקומען פון זיין אייגענער „גוטס־קייט״, איז דאָס פּונקט דאָס זעלבע ווי אַ מערדער וואָס האָט דער־הרגעט אַ מוטער פון קינדער, וואָלט זיך איינגעשטעלט פאַר די „אָרעמע יתומים, נעבעך״, ווען אַן אַנדער מערדער וויל זיי טאָן שלעכטס.

אַן אַנדער פאַרגלייך איז שווער צו געפינען.

כאָטש טיטוס האָט אַלעס צוגעגרייט פאַר אַ פייערלעכן טריאומף־מאַרש אין רוים, האָט ער זיך דאָך ניט געאיילט צו פאָרן אַהין, און אויף דעם גרונט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן קלאַנ־גען, אַז ער מאַכט שטילערהייט אַ פאַרשווערונג אַרונטערצוזעצן דעם פאָטער פונעם טראָן און אַליין ווערן דער הערשער פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. מ׳האָט דאָס אויך געדרונגען פון דעם, וואָס די זעלנער פון זיינע לעגיאָנען האָבן אים שוין באַצייטנס גערופן קיסר, און אויך פון דעם וואָס ווען ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע וואָס אין מצרים, האָט ער דאָרט שוין געטראָגן אַ קעניגלעכן שטערן־באַנד, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער פון געקרוינטע הערשער.

אַז ט י ט ו ס איז געווען פּעאיק אויף אַזאַ זאַך ווי אָפּ־ראַמען פונעם וועג זיין אייגענעם פאָטער — אין דעם קען גאָר קיין צווייפל ניט זיין; דער נצחון איבער יהודה איז אים אַריין אין קאָפּ; ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט און ער האָט אוודאי געגלויבט, אַז איצט האָט ער מער רעכט ווי זיין פאָטער צו זיין קיסר. אָבער עס שיינט, אַז ס׳איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים געצוואונגען צו בייטן זיין באַשלוס, און פון דעם וואָס ס׳ווערט דערציילט אין דער רוימישער געשיכטע, קען מען זען, אַז ווען ער איז אָנגעקומען קיין רוים, האָט ער זיך געפילט שולדיק, און ווען ער האָט זיך מיט אספּאַסיאַנוסן געטראָפן, האָט ער צוויי מאָל דאָס זעלבע איבערגעחזרט: „איך בין געקומען, פאָ־טער. איך בין געקומען״. *)

*) סיוטאָניוס, דאָס לעבן פון די צוועלף צעזאַרס, טיטוס, קאַפּ. 4.

מיט דעם האָט ער געוואָלט אָפּווישן דעם איינדרוק וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די קלאַנגען, אַז ער האָט זיך ניט געאײַלט צו קומען קיין רוים, ווײַל פון דער ווײַטנס האָט ער שטילערהייט צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג דעם אייגענעם פאָטער אַראָפּצוזעצן פון טראָן.

עס איז געווען כמעט אַ יאָר נאָכן פאַלן פון ירושלים ווען ט י ט ו ס איז קיין רוים אָנגעקומען, און מ׳האָט אים דאָרט אויפגענומען מיט אַזאַ פּאַראַד און אים אָפּגעגעבן אַזוי פיל כבוד, אַז פון דעם אַליין קען מען זען ווי וויכטיק עס איז געווען פאַר דער מאכט פון רוים בייצוקומען די מאכט פון ירושלים. מ׳האָט זיך מיט דעם געפרייט מער ווי מיט אַ נצחון איבער אַ לאַנד אָדער איבער אַ פאָלק, נאָר ווי מיט עפּעס וואָס האָט נאָך אַ פיל גרעסערע באַדײַטונג, מיט עפּעס וואָס איז נאָך מער ווי דאָס. און ס׳איז טאַקע געווען מער, ווײַל דער נצחון פון רוים איבער ירושלים האָט געלייגט אַ שאַרפן שטעמפּל ניט נאָר אויפן שיקזאַל פונעם אידישן פאָלק, נאָר אויך אויפן שיקזאַל פון דער גאַנצער וועלט. עס האָט געמיינט, אַז דער כוח פון דער שווערד איז גרעסער ווי דער כוח פונעם וואָרט, און אַז דער גייסט פון אידישער עטיק, פון אידישער מאָראַל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן די אַנדערע פעלקער, איז געשלאָגן, און ער וועט זיך מער ניט קענען פאַר-שפּרייטן. עס האָט געהייסן, אַז די רוימישע אָרדענונג, וואָס איז פּונקט דער היפוך פון דער אידישער, איז אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון.

דערפאַר האָבן זיך די מעכטיקע פון רוים אַזוי געפרייט מיט דעם נצחון איבער יהודה.

אין דעם טריאומף-צוג, וואָס מ׳האָט דעמאָלט געמאַכט אין רוים, און אין וועלכן די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַטייליקט, האָט מען געטראָגן די אַלע טייערע כלים, וואָס מ׳האָט פונעם בית המקדש אַרויסגענומען — די גרויסע גילדענע מנורה מיט די זיבן רערן, דעם גילדענעם טיש, אויף וועלכן מ׳האָט געהאַלטן דעם לחם הפנים, אַ ספר תורה, די קליידער פונעם כהן גדול, און נאָך און נאָך זאַכן וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער שיינקייט און גלאַנץ. און אין דער פּראָצעסיע זענען געגאַנגען די זיבן הונ-דערט אידישע געפאַנגענע, וואָס מ׳האָט נאָך פריער אויסגעקליבן, און כדי נאָך גרעסער צו מאַכן דעם טיפן ווייטיק אין זייערע הערצער, האָט מען זיי אויסגעפּוצט אין צירונג און אָנגעטאָן אין שיינע קליידער פון ראַשיקע קאָלירן. און אינאיינעם מיט די גע-

פאַנגענע קנאים, וואָס האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק און לאַנד און וועלכע האָבן זיך איצטער געפילט אַזוי געפאַלן און באַליידיקט, איז אויך געגאַנגען דער קריגספירער — ש מ ע ו ן ב ר - ג י ו ר אַ.

דער נאָמען פון י ו ח נ ן פ ו ן ג ו ש - ח ל ב ווערט ניט דערמאָנט אין פלאַוויוסעס באַשרייבונג פון יענעם טריאומף-מאַרש אין רוים, און אויף דעם גרונט דרינגט מען אַז ער איז אפשר נאָך פריער געשטאָרבן אין געפענקעניש.

לאַנג האָט זיך די פּראָצעסיע געצויגן און אָפּגעשטעלט האָט מען זיך ביים יופּיטער-טעמפּל, און דאָן האָט מען דעם אידישן גבור ש מ ע ו ן ב ר - ג י ו ר אַ אַרויסגענומען פון די רייען, וואו ער איז געשטאַנען מיט די אַנדערע אידישע קריגס-געפאַנגענע, און מ׳האָט אים אָנגעטאָן אַ שטריק אויפן האַלדז און מ׳האָט אים געשלעפּט איבערן מאַרק און אויפן וועג האָט מען אים די גאַנצע צייט מיט ריטער געשמיסן, און נאָך דעם האָט מען אים אויפן דוימישן שטייגער, געגעבן דעם טויט — מ׳האָט אים אַרונטער-געוואָרפן פון אַ הויכן פעלדז און מ׳האָט אים פאַרשטיינט, און ווען מ׳האָט אויסגערופן אַז דער אידישער קריגספירער איז שוין טויט, האָט דער גאַנצער גרויסער עולם אַרום און אַרום געשאַלט און געיובלט פאַר פרייד, און דאָן האָבן ט י ט ו ס און אַ ס - פּ אַ ס י אַ נ ו ס געשאָכטן קרבנות צו די אָפּגעטער, און נאָך דעם האָבן זיי אין הויף געמאַכט אַ גרויסע סעודה און מ׳האָט זיך שטאַרק געפרייט.

צו פאַראייביקן דעם גרויסן נצחון פון רוים איבער ירושלים, האָט מען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אויסגעבויט דעם טיטוס-טויער (Arco di Tito) וואָס שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג, און וואו עס זענען אין שטיין אויסגעקריצט די געשטאַלטן פון די אידישע גע-פאַנגענע און פון די טייערע כלים פונעם בית המקדש וואָס זיי האָבן געטראָגן. און עטלעכע הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד האָבן אידן יענעם טויער אויסגעמיידט און זיינען קיין מאָל דאָרט ניט דורכגעגאַנגען. דורות און דורות האָבן אידן אָנגעזאָגט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן דורך יענעם טויער ניט גיין און ניט קוקן אויף אים.

אויך באַזונדערע מטבעות האָט מען אויסגעגאָסן צו פאַראייביקן דעם גרויסן נצחון. אויף איין מטבע איז געווען אויסגעקריצט דאָס געשטאַלט פון אַ אידישער פרוי וואָס זיצט אויף דער ערד און לעבן איר שטייט אַ רוימישער זעלנער, און דער אויפשריפט אויף דער מטבע איז געווען „יודעאַ קאַפּטאַ“, וואָס ס׳מיינט „די

געפאנגענע יהודה״. אויף א צווייטער מטבע, וואו עס איז געווען אויסגעקריצט דאס געשטאלט פון א אידישער פרוי וואס שטייט ביי א בוים, איז געמאכט געווארן אן אויפשריפט „יודעא דעוויקטא״, וואס ס׳מיינט „די באזיגטע יהודה״.

און אין דער צייט ווען דאס גאנצע אידישע פאלק, וואס איז דאן געווארן נאך מער צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנ-צער וועלט, האט באקלאגט דעם גרויסן אידישן חורבן, איז דער אפטריניקער איד ט י ב ע ר י ו ס א ל ע ק ס א נ ד ע ר אלץ העכער און העכער געשטיגן אין רוים, און מ׳האט זיין געשטאלט אויסגעהאקט פון שטיין, אוועקגעשטעלט אויף איינעם פון די אנ-געזעענסטע ערטער אין שטאט. אזוי האט באשלאסן דער סע-נאט. אויך א סטאטוע פון ב ע ר ע נ י ק א ן, מיט אן אויס-געקריצטן אויפשריפט „ד י ג ר ו י ס ע ק ע נ י ג י ן, ד י ט א כ ט ע ר פ ו ן ד ע ם ג ר ו י ס ן ק ע נ י ג י ו ל י ו ס א ג ר י פ א״, האט דער סענאט באשלאסן אוועק-צושטעלן אין רוים, און מיט דעם איז מען אויסן געווען זיך צו-צושמייכלען צו טיטוסן און אים פארשאפן פארגעניגן. בערעניקא האט פראנק און פריי געלעבט ביי טיטוסן אין הויף, און מ׳האט אפן גערעדט וועגן דעם אז ער וועט זי מאכן פאר זיין ווייב, און מ׳האט שוין אויף איר געקוקט ווי אויף דער צוקונפטיקער קיסרין, ווייל טיטוס איז דאך געווען דער יורש פונעם טראן, און אפילו דאן, ווען זיין פאטער האט נאך געלעבט, האט ער שוין מיט אים געטיילט די מאכט אין דער מלוכה. בערעניקא אליין האט אויך קיינמאל ניט געצווייפלט אין דעם, אז זי וועט זיין א רוימישע קיסרין, ווייל וואס לענגער זי האט מיט טיטוסן געלעבט, אלץ שטארקער איז געווארן זיין ליבע צו איר, און ער איז געווען אזוי אייפערזיכטיק, אז ווען ס׳האט זיך אים איין מאל אויסגעוויזן, אז זיינער א נאענטער פריינד קוקט אויף איר מיט גלוסטונג, האט ער אים פארבעטן צו זיך אויף א סעודה און ארויסגעגעבן א בא-פעל אז מ׳זאל אים דערשטעכן אויף טויט; צוליב איר האט ער זיך מיט זיין ווייב געגט, און ער האט זי אלץ פארזיכערט, אז ווען די ריכטיקע צייט וועט קומען, וועט ער מיט איר חתונה האבן.

בערעניקא האט אים געגלויבט.

עטלעכע יאר זענען אזוי אוועק, און אין רוים האט מען אנ-געהויבן קוקן קרום דערויף וואס דער יורש פונעם טראן קלייבט זיך צו נעמען א אידישע טאכטער פאר א ווייב. אין די הויכע קרייזן

האָט מען דאָס באַטראַכט ניט נאָר ווי אַ באַליידיקונג, נאָר אויך ווי אַ גרויסע סכנה פאַר דער רוימישער אימפעריע. אַלע מאָל ווען מען האָט גערעדט דערפון, האָט מען דערמאָנט יענע צייטן, ווען י ו ל י ו ס צעזאַר איז געווען פאַרליבט אין דער שיינער קעניגין פון מצרים קלעאָפּאַטראַ און האָט זי געבראַכט קיין רוים. מ׳האָט אויך דערמאָנט די צייטן ווען מ אַ ר ק אַ נ ט אָ נ י איז געווען פאַרליבט אין דער זעלבער קלעאָפּאַטראַ און ווי דאָס איז ניט ווייניק געווען די שולד פון דעם, וואָס אין לאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ בירגער-קריג. מ׳האָט פשוט מורא געהאַט, אַז אויב טיטוס וועט מאַכן בערעניקאַן פאַר זיין ווייב און ער וועט אַרויף אויפן טראָן, וועט ער פון גרוים ליבע צו איר, נאָך צוריק מאַכן פון יהודה אַ זעלבסטשטענדיקע קעניגרייך, דאַן וועט דער גרויסער נצחון פון רוים איבער ירושלים זיין אינגאַנצן אָפּגעווישט.

עס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן צי בערעניקאַ האָט זיך טאַקע אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע געדאַנקען און צי זי האָט ווירקלעך געטרוימט אויף אַזאַ שטייגער אָפּצעווישן דעם גרויסן נצחון פון רוים איבער ירושלים. וואָס מ׳ווייסט יאָ באַשטימט איז, אַז ניט קוקנדיק אויף איר ליבע צו דעם מאַן וואָס האָט חרוב געמאַכט איר לאַנד און פאַרברענט דעם הייליקן טעמפּל, איז זי דאָך געווען געטריי איר פאָלק; זי האָט איר גלויבן ניט געביטן, און ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָט זי אויסגענוצט איר איינפלוס צו טאָן אַ גוטע זאַך פאַר די אידן. און ווייל מ׳האָט אינעם רוימישן הויף דאָס גוט געוואוסט, איז איבער דעם די מורא געוואָרן נאָך גרעסער.

און ווען טיטוס האָט געזען, אַז זיין ליבע פאַר בערעניקאַן שטעלט פאַר אים אין גרוים סכנה די מעגלעכקייט צו ירשענען דעם טראָן, האָט ער ביי איר געפועלט, אַז זי זאָל דערווייל אוועקפאָרן פון רוים, כדי דערמיט צו שאַפן דעם איינדרוק אַז ער האָט זיך מיט איר געשיידט. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ווי ער וועט נאָר אַרויף אויפן טראָן נאָך זיין פאָטערס טויט וועט ער זי מאַכן פאַר זיין ווייב, ווייל דאַן וועט ער דאָך שוין האָבן די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט, און ער וועט קענען טאָן וואָס ער וויל. ער וועט זיך דעמאָלט ניט דאַרפן רעכענען דערמיט וואָס מ׳רעדט וועגן דעם אין די הויכע קרייזן.

מיט דער פולער זיכערקייט אַז איר געליבטער וועט האַלטן וואָרט, איז בערעניקאַ אַוועק פון רוים, און געקומען צוריק אין זי

ערשט דאַן ווען דער אַלטער אספּאַסיאַנוס איז געשטאָרבן און טיטוס איז אַרויף אויפן טראָן.

דאָס איז געווען אין 79סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, און ניין יאָר נאָכן חורבן פונעם בית המקדש. טיטוס איז שוין דאַן אַלט געווען ניין און דרייסיק יאָר, און בערעניקאַ איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פופ-ציק. אָבער זי איז נאָך געווען זייער שיין און רייצנד. און ווי ס׳פאַרזיכערן די רוימישע היסטאָריקער פון יענער צייט, איז די ליבע פון טיטוסן צו איר דאַן נאָך געווען פונקט אַזוי שטאַרק ווי אין אָנפאַנג. ער האָט זיך זייער דערפרייט איבער איר ווען זי איז צוריק קיין רוים אָנגעקומען, און ער איז געווען גרייט זי צו מאַכן פאַר זיין ווייב. ער האָט אָבער דאָך מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל נאָך ניט אַרויסרופן אַ שטאַרקן צאָרן קעגן אים, און ער האָט איר דעריבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַרן וואוילזיין פון דער רוימישער אימפּעריע מוז ער זיך מיט איר איצט שיידן אויף אייביק, און ער האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל גלייך פאַרלאָזן רוים און זיך מער קיינמאָל ניט אומקערן אַהין.

בערעניקאַ האָט צו אים דאַן גערעדט זייער האַרבע רייד; זי האָט אים געזאָגט מוסר, זי האָט אים געשטראָפט. אָבער זי האָט דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. און זי איז אַוועק פון רוים און האָט זיך מער קיינמאָל ניט אומגעקערט אַהין צוריק. און וואָס ס׳איז מיט איר שפּעטער געוואָרן ווייסט מען ניט. איר נאָמען ווערט נאָך דעם אין דער געשיכטע פון יענער צייט מער ניט דערמאָנט. זי איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן און מ׳ווייסט ניט וואָס ס׳איז מיט איר געשען און ווי לאַנג זי האָט געלעבט. איר סוף, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טיפע טראַגעדיע פון אַן אָפּגענאַרטער פרוי, איז געבליבן איינגעהילט אין אַ געהיימניש, און ס׳איז מער ווי זיכער, אַז זי האָט שטאַרק חרטה געהאַט דע-רויף וואָס זי האָט געהאַט אַזוי פיל צוטרויען צו דעם מענטשן וואָס האָט זי אָפּגענאַרט און וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד פון איר פאָלק.

**

נאָך דעם איז טיטוס לאַנג אויפן טראָן ניט געזעסן. בלויז צוויי יאָר מיט צוויי חדשים און צוואַנציק טעג איז ער געווען דער הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע, און די גאַנצע צייט האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ בעל תשובה, ווי ער וואָלט מיט די מעשים פון איצט געוואָלט אָפּמעקן די מעשים פון אַמאָל.

געשטאָרבן איז ער פּלוצעם, און פון די איינצלהייטן וואָס די רוימישע היסטאָריקער גיבן איבער וועגן די לעצטע טעג פון זיין לעבן, שאַפט זיך דער איינדרוק אַז אין דער קורצער צייט וואָס ער איז געווען דער קיסר, האָט ער זיך ניט געפילט גליקלעך און אַז ער האָט ביזן לעצטן טאָג באַהאַלטן אין זיך אַ סוד, וואָס האָט אים געפּייניקט און וואָס ער האָט אפשר קיינעם ניט געקענט דער־ציילן; ער איז שטענדיק געווען אומעטיק און פאַרזאָרגט; אַ שווע־רער טרויער האָט אים שטענדיק געדריקט. און אין דעם טאָג ווען ער איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן און ס׳האָט אים מיט אַ מאָל גע־נומען וואַרפן אין היץ און אין קעלט, איז ער פון אין דער פרי אָן געווען נאָך אומעטיקער ווי געוויינלעך. ביי די פאָלקס־שפּילן וואָס זענען אין יענעם טאָג פאָרגעקומען, האָט ער אַ סך געוויינט, און קיינער האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס; שפּעטער, ווען ער האָט געהאַלטן אין ברענגען אַ קרבן צו די אָפּגעטער, האָט זיך די בהמה אַרויסגעריסן פון די הענט און איז אַנטלאָפן, און דאָס האָט טיטוסן אַריינגעטריבן נאָך אין אַ גרעסערן טרויער, ווייל ער האָט אין דעם געזען אַ צייכן פון הימל אַז זיין סוף איז שוין נאָענט; באַלד האָט אָנגעהויבן דונערן, כאָטש דער הימל איז ניט געווען פאַרוואָלקנט, און דאָס האָט אויך געדינט דעם קיסר ווי אַ צייכן וואָס זאָגט אָן שלעכטס; ער איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער און אַ צעטומלטער און טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן; און דאַן האָט ער מיט אַ מאָל דערפילט שטאַרקע ווייטיקן אינע־ווייניק, און ווען מ׳האָט אים אַרויפגעזעצט אויף דעם טראָג־שטול, האָט ער אויפן וועג פונאַנדערגערוקט די פאָרהענגלעך און קוקנדיק אַרויף צום הימל, האָט ער זיך געקלאָגט דערויף וואָס ער דאַרף שטאַרבן אַזוי יונג, און דערביי האָט ער געזאָגט, אַז פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין זיין לעבן, האָט ער חרטה ב ל ו י ז אוי ף א י י ן ז א ך.

ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אויף קיינעם ניט געקוקט. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן די אויגן פאַרריסן צום הימל און גערעדט צו זיך אַליין. און ווייל ער האָט ניט געזאָגט וואָס די א י י נ ע ז א ך איז אויף וועלכער ער האָט חרטה און ס׳איז געבליבן אַ סוד וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען אין קבר אַריין, זענען אויף דעם גרונט געשאַפן געוואָרן פאַרשיידנערליי השערות; מ׳האָט געמיינט אַז ער האָט מיט דעם געמיינט צו זאָגן, אַז ער האָט חרטה דערויף וואָס ער האָט געזינדיקט מיט דער ווייב פון זיין אייגענעם ברודער דאָמיטיאַן; אָבער זי האָט שפּעטער גע־

לייקנט אַז זי האָט מיט אים אַזעלכע נאָענטע באַציאונגען געהאַט, און ווייל זי איז געווען פון די וואָס נעמען זיך דווקא איבער מיט אַזעלכע זאַכן, דרינגט מען אַז ניט דאָס האָט ער געמיינט. מ׳קען אויך אַרויסזאָגן די השערה, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ס׳טוט אים באַנג פאַר וואָס ער האָט בערעניקאַן ניט געמאַכט פאַר זיין ווייב. דאָס לייגט זיך גיכער אויפן שכל, ווייל פון אַלץ וואָס ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע וועגן זיינע באַציאונגען צו איר איז קלאָר, אַז ער האָט זי ווירקלעך אַלע יאָרן זייער שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט אָבער דאָך ניט געקענט באַשליסן צו טאָן אַזאַ זאַך ווי אויפגעבן אַ טראָן צוליב איר, און אפשר האָט ער טאַקע מורא געהאַט, אַז אונטער איר איינפלוס וועט ער פון יהודה צוריק מאַכן אַ קעניגרייך און דערמיט אָפּמעקן דעם גאַנצן נצחון פון רוים איבער ירושלים.

געשטאָרבן איז טיטוס אין דער עלטער פון איין און פערציק יאָר, און גראַד אין חודש אָב — אין דעם זעלבן חודש וועו ער האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש. פונקט עלף יאָר נאָכן חורבן. און אויסגעפאַלן איז דאָס אינעם דרייצענטן טאָג פונעם מאָנאַט סעפּטעמבער, אינעם יאָר 81, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג.

דער חוש פאַר גערעכטיקייט ביים פאָלק, דער טיפער גלויבן ביי אידן אַז פאַר רשעות מוז מען באַשטראָפט ווערן, האָט ניט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק אַז ט י ט ו ס ה ר ש ע , דער מענטש וואָס האָט פאַרברענט דעם בית המקדש און חרוב געמאַכט דאָס לאַנד פון די אידן זאָל ניט באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע זינד, און איבער דעם איז געשאַפן געוואָרן די לעגענדע וועגן דער פליג, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא גיטין (דף נ״ז). די לעגענדע איז גוט באַקאַנט, און אין דער גמרא זענען וועגן דעם אַ היפּש ביסל גוזמאות פאַראַן; רבי פּנחס בן ערובא האָט געזאָגט, אַז ווען מ׳האָט טיטוסן נאָכן טויט געעפנט דעם מוח, האָט מען דאָרט גע-פונען אַ פליג וואָס איז געווען גרויס ווי אַ טייבעלע, וואָס איז אַלט אַ יאָר, און אַז דאָס טייבעלע האָט געהאַט אַ פּיסקל פון קופּער און נעגל פון אייזן. און נאָך און נאָך גוזמאות ווערן דאָרטן דער-ציילט וועגן דער פליג ביי טיטוסן אין מוח. אָבער מיר וועלן דאָ בעסער איבערגעבן דעם נוסח ווי ער איז פאַרשריבן אין אַן אַלטן טייטש-חומש, אינעם קאַפּיטל „חורבן בית המקדש״, ווייל דאָרט ווערט דאָס דערציילט זייער פאָלקסטימלעך.

„און דער קיסר, — זאָגט זיך דאָרט, — איז געגאַנגען קיין רוים און האָט געשיקט טיטוסן, און אז ער איז געגאַנגען, האָט ער די שטאָט איינגענומען און האָט געזאָגט: „וואו איז דער גאָט פון ישראל וואָס זיי פאַרזיכערן זיך אין אים? וואָרום קומט ער זיי נים העלפן?" און ער איז אַריינגעגאַנגען אין קדשי קדשים וואָס קיינער האָט נים געטאָרט אַריינגיין חוץ דער כהן גדול אום יום-כפור, און האָט גענומען אַ ספר תורה און האָט דאָרט שלעכטס געטאָן. ער האָט געמאַכט פון דעם פּרוכת אַזוי ווי אַ קאָרב און דרײַנען אַריינגעלייגט אַלע כלים פון דעם בית המקדש, און האָט דאָס געלייגט אויף אַ שיף און איז געפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער און האָט זיך דערמיט באַרימט דאָס ער איז שטאַרק, דען ער האָט דאָס בית המקדש חרוב געמאַכט.

„און ווי ער איז געפאָרן אויף דעם ים, איז געקומען אַ ווינט און האָט געוואָלט די שיף דערטרינקען. האָט טיטוס געזאָגט: „איך זע, דאָס דער גאָט פון יהודה האָט זיין שטאַרקייט נאָר אויף דעם וואַסער; ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט פּרעה, האָט ער אים דערטרענקט אין וואַסער; אויב ער איז שטאַרק, לאָז ער גיין אויף דער טריקעניש מיט מיר מלחמה האַלטן". אַזוי איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת-קול פון הימל און געזאָגט: „דו רשע בן רשע, איך האָב אַ קליין באַשעפעניש וואָס איז קלענער פון אַלע באַשעפענישן. דאָס איז אַ מין פליג. קום אויף דער טריקעניש און מאַך מיט איר מלחמה".

„אַזוי איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דער טריקעניש, איז אים די פליג אין דער נאָז אַריינגעפלויגן און האָט אים דעם מוח זיבן יאָר געלעכערט.

„איין טאָג איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ קאָוואַל, האָט די פליג געהערט דעם קלאַפּ פון דעם האַמער, האָט זי זיך דערשראָקן און איז שטיל געבליבן פון צו לעכערן, האָט טיטוס געזאָגט אַז ס'איז דאָ אַ הילף, אַזוי האָט ער אַלע טאָג געדונגען אַ קאָוואַל ער זאָל פאַר אים קלאַפּן, כדי די פליג זאָל שטיל זיין. איין עכו"ם אַ קאָוואַל האָט ער אַלע טאָג פיר גילדן געגעבן, און אַ איד אַ קאָוואַל האָט ער גאָרנים געגעבן. ער האָט געזאָגט: „ס'איז גענוג אַז דו זעסט אַ נקמה אין דיין שונא, דאַרף איך דיר גאָרנים געבן". ביז דרייסיק טאָג איז די פליג שטיל געבליבן פאַר דעם קול פון דעם האַמער, און דערנאָך איז די פליג געוואוינט געוואָרן און איז נים שטיל געבליבן פאַר דעם קול פון דעם האַמער ביז ער איז געשטאָרבן".

אזוי ווערט אין אלטן טייטש-חומש, אויף אַן עכט פאָלקסטימ־לעכן שטייגער איבערגעגעבן די לעגענדע וועגן דער פליג וואָס ווערט דערציילט אין דער גמרא.

עס איז אָבער דאָך פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז טיטוס האָט טאַקע געליטן פון אַזאַ קראַנקהייט וואָס מ׳האָט אין יענע צייטן ניט געקענט היילן, אַז עס האָט אים ווירקלעך געזשומעט אין די אויערן און אין מוח, און אַז מ׳האָט דאָס אַנדערש ניט פאַרשטאַנען, נאָר אַז ס׳איז אים אַריינגעפלויגן אַ פליג אין דער נאָז און האָט אים „דעם מוח געלעכערט זיבן יאָר". אַן אָנצוהערעניש דערויף קען מען געפינען ביים דוימישן היסטאָריקער סיוטאָניוס. ער דערציילט, אַז ווען טיטוסעס ברודער דאָמיטיאַן איז אַרויף אויפן טראָן, פלעגט ער יעדן טאָג פאַרשוואונדן ווערן אויף אַ שטונדע און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז און וואָס ער טוט, און נאָך דעם האָט מען אויסגעפונען, אַז דער קיסר פאַרשליסט זיך אין אַ באַזונדער חדר, און דאָרט טוט ער ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר ער כאַפּט פליגן און שטעכט זיי אַרויף אויף שאַרפע שפּיזלעך. צוליב דעם האָט מען געמאַכט אַ באַזונדער ווענדקע, וואָס איז געווען געדיכט געפלאָכטן און מיט אַ הענטל, און בשעת ער האָט די פליגן געכאַפּט, איז ער געווען זייער פּאַרזיכטיק און ער האָט זיך אויף זיי פאַרלייגט ווי אויף ביטערע שונאים, און ער האָט יעדער געכאַפּטע פליג פּינקטלעך אַרויפגעשטאָכן אויפן שפּיזל צו זיין זיכער אַז זי איז שוין טויט.

פון דעם קען מען דרינגען, אַז ער האָט געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן פאַר פליגן; ער האָט זיך געשראָקן, אַז ס׳זאָל מיט אים נאָך ניט געשען דאָס זעלבע וואָס מיט זיין ברודער.

און נאָך אַ לעגענדע איז געשאַפן געוואָרן וועגן טיטוסן און זי איז איבערגעגעבן אין דער גמרא גיטין (דף נו-נז). דאָרט ווערט דערציילט, אַז איידער טיטוס איז געשטאָרבן, האָט ער אָנגעזאָגט אַז מ׳זאָל אים פאַרברענען און צעשפּרייטן דאָס אַש אויף זיבן ימים, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אַנדערש וועט דער גאָט פון די אידן אים געפינען און אים שווער באַשטראָפן דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות צו זיין פאָלק. אָבער אפילו דאָס האָט אים ניט געהאָלפן, און ווען איינער אַ אונקולוס בר קלוניקוס, אַ זון פון זיין שוועסטער, האָט געוואָלט אָננעמען דעם אידישן גלויבן און האָט דורך כשוף אַרויסגעבראַכט טיטוסעס גייסט און געפרעגט ביי אים ווער ס׳איז חשובער פון אַלע אַנדערע אויף יענער וועלט, האָט טיטוס געענטפערט, אַז אויף יענער וועלט איז דאָס פאָלק ישראל חשובער פון אַלע אַנדערע פעלקער. און ווען ער האָט אים

געפּרעגט וואָס פאַר אַ שטראָף מ׳גיט אים דאָרט דערפאַר וואָס ער האָט דעם אידישן פאָלק אַזוי פיל צרות אָנגעטאָן, האָט ער געענט־פערט, אַז יעדן טאָג נעמט מען צונויף דאָס אַש פון זיין פאַרברענטן קערפּער און מ׳משפּט אים און מ׳פאַרברענט אים נאָך אַ מאָל און מ׳צעשפּרייט ווידער דאָס אַש איבער אַלע זיבן ימים.

דער גלויבן אין גערעכטיקייט, וואָס איז פון תמיד אָן געווען אַזוי טיף איינגעוואָרצלט ביים אידישן פאָלק, האָט ניט געקענט דערלאָזן אַז טיטוס הרשע זאָל ניט באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע זינד — ניט נאָר אויף דער וועלט, נאָר אויך אויף יענער וועלט.

אָבער אַפילו ווען מ׳לייגט אַוועק די לעגענדעס אין אַ זייט, איז טיטוסעס נצחון איבער יהודה דאָך ניט געווען קיין נצחון פון רוים איבער ירושלים. דער טרוים פון די רוימישע הערשער איננאַגצן אויסצעראָטן דעם אידישן גייסט, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן פאַר־שפּרייטן אַזוי שטאַרק, איז דאָך ניט מקוים געוואָרן און דעם גרעס־טן פאַרדינסט אין דעם האָט געהאַט דווקא אַזאַ איד, וואָס איז גע־שטאַנען קעגן די קנאים און די סיקאַריער און גע־האַלטן, אַז אידן דאַרפן ניט אַרויסווייזן קיין ווידערשטאַנד קעגן רוים מיט אַ שווערד אין דער האַנט. דאָס איז געווען דער גרויסער אידישער געלערנטער רבן יוחנן בן זכאי, אַ תלמיד פון הלל הזקן.

די גאַנצע צייט וואָס די מלחמה איז אָנגעגאַנגען איז רבן יוחנן בן זכאי געווען קעגן איר. און ניט דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ „פריינד פון די רוימער", ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געגלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז צו שוואַך זיך צו פאַרמעסטן אין כוחות מיט דער רוימישער מאַכט; ער האָט געהאַלטן, אַז ניט אין דער שווערד ליגט די מאַכט, נאָר אין גייסט; ס׳איז פאַר אים פון אָנפאַנג אָן געווען קלאָר, אַז דאָס איז ניט סתם אַ מלחמה צווישן צוויי פעלקער, נאָר צווישן צוויי קולטורן וואָס ווידער־שפּרעכן איינע די אַנדערע, צווישן צוויי מאָראַלן וואָס זענען זייער וויט איינע פון די אַנדערע. און ווען ער האָט געזען אַז ס׳איז שוין מער גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז אין דער מלחמה מיט דער שווערד וועט רוים געווינען, ווייל זי איז אין דעם שטאַרקער, האָט ער געגומען זוכן וועגן ווי אַזוי אויף וויטער צו באַוואָפענען דאָס אידישע פאָלק גייסטיק, אַז נאָך דעם ווי דאָס

ל א נ ד וועט שוין זיין חרוב, זאָל דאָס פּ אָ ל ק דאָך ניט אונטערגיין און זאָל ווייטער בלייבן לעבן.

און ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ גרויסן געדאַנק וואָס האָט אין אָנפאַנג, אין די אויגן פון אַ סך אַנדערע, אויסגעזען גאַנץ קליין ווי אַ פשרה פון איינעם וואָס האָט ניט קיין גאָר גרויסע השגות.

ר ב ן י ו ח נ ן ב ן ז כ א י האָט באַצייטנס פאַרטראַכט צו גרינדן אַזאַ ג י י ס ט י ק ן צ ע נ ט ע ר וואָס זאָל פאַר אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט פאַרבייטן ירושלים. און ער האָט אין דער שטאָט י ב נ ה , וואָס שטייט ניט ווייט פונעם מיטל־לענדישן ים געגרינדעט אַ נייעם ס נ ה ד ר י ן , אָדער אַ גרויסן ב י ת ד י ן , ווי ס׳האָט געהייסן, און ער האָט דאָרט צונויפגעקליבן אַרום זיך די גרעסטע אידישע געלערנטע פון יענער צייט און ער האָט פאַראייניקט אַלע גייסטיקע כוחות פון פאָלק, וואָס איז נאָכן חורבן געבליבן אָן אַ לאַנד.

דער גרויסער בית דין אין דער שטאָט יבנה איז געווען די אַ ק אַ ד ע מ י ע וואו ס׳איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אַ נייער ווינקלשטיין פאַר אַ פעסטונג, וואָס זאָל ג י י ס ט י ק אויפהאַלטן דעם קיום פון דעם פאָלק וואָס האָט פּאָליטיש פאַרלאָרן אינעם קאַמף קעגן שונא. יבנה האָט איבערגענומען די מיסיע, וואָס ירושלים האָט אויף זיך פריער געהאַט. און זי האָט די מיסיע גלענצנד דורכגעפירט.

דער נשיא, דער עלטסטער פונעם גרויסן בית דין, איז געווען רבן יוחנן בן זכאי אַליין, און דאָס וואָס ער האָט נאָכן חורבן אויפגעטאָן פאַרן ווייטערדיקן קיום פונעם גאַנצן אידישן פאָלק, איז שטאַרק אָפּגעשעצט געוואָרן, און מ׳האָט אים גערופן „דאָס ליכט פונעם פאָלק ישראל“.

דווקא ער, וועמען טיטוס אַליין האָט אויפגענומען מיט כבוד נאָך פאַרן חורבן פונעם בית המקדש, ווייל ער האָט געמיינט אַז דערמיט וואָס ער איז קעגן דער מלחמה איז ער אַ פריינד פון רוים, און ער האָט אים געגעבן די רעכט צו גרינדן אַ ב י ת ד י ן אין דער שטאָט יבנה — דווקא ער האָט שפּעטער געמאַכט צו נישט דעם נצחון פון ר ו י ם איבער י ר ו ש ל י ם , ווייל ווען ניט דער ווייט־זעענדיקער בליק פון יוחנן בן זכאי וואָלט דאָס אי־דישע פאָלק דעמאָלט נאָכן חורבן, אפשר אינגאַנצן געווען אונטער־געגאַנגען, ווייל די פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס, און אַ סך פון די וואָס האָבן געמיינט אַז ווען ס׳איז שוין נישטאָ קיין בית המקדש און קיין מזבח, ווערן שוין אָפּגעשאַפט די מצוות און די דינים פון דער תורה, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ערשטער קריסט־

לעכער סעקטע, אָן די תלמידים פון ישו הנוצרי, וועלכע זענען נאָכן חורבן פונעם בית המקדש געוואָרן נאָך טעטיקער ווי פריער.

עס איז מעגלעך אַז טיטוס האָט ביי זיך אין הארצן געלאַכט פון דעם אידישן געלערנטן וואָס איז אין אַזאַ צייט געקומען צו אים בעטן ער זאָל אים אין דער שטאָט יבנה לאָזן צונויפנעמען ארום זיך נאָך אַזעלכע אידן וואָס זאָלן זיצן און לער־נען תורה און פאַרשטעלן מיט זיך אַ בית דין. אין זיינע אויגן האָט דאָס אוודאי אויסגעזען נאַריש און נישטיק; ער, דער מענטש וואָס האָט קיין אַנדער כוח ניט אַנערקענט, נאָר דעם כוח פון דער שווערד, האָט דאָס געוויס ניט געקענט פאַרשטיין. ער האָט ניט געוואוסט, אַז די מעשים פון דעם אידן וואָס שטייט איצט פאַר אים, וועלן שפעטער אינגאַנצן אָפּמעקן זיין נצחון איבער דעם גייסט פונעם פאָלק וואָס ער האָט באַזיגט, און אַז דער דאָזי־קער גייסט וועט אייביק לעבן און וועט שטענדיק פירן אַ קאַמף פאַר גערעכטיקייט צו שוואַכע און אונטערדריקטע.

רבן יוחנן בן זכאי האָט מיט זיין אַרבעט אין יבנה פאַראייניקט די צעריסענע טיילן פונעם אידישן פאָלק וואָס האָט זיך נאָכן חורבן אינגאַנצן פאַרלאָרן. ער האָט פון יבנה פאַרשפּרייט די אידישע תורה אומעטום, וואו אידן זענען נאָר גע־ווען צעוואָרפן; ער איז ווירקלעך געווען, ווי מ׳האָט אים גערופן, דאָס „ליכט פונעם אידישן פאָלק״, און ער איז אויך געווען „דער פאָטער פאַר די שפּעטערדיקע דורות״, ווי זיין גרויסער רבי, הלל הזקן, האָט אים נאָך פריער אָנגערופן.

ווען ניט רבן יוחנן בן זכאי, וואָלט דאָס אידישע פאָלק נאָכן חורבן פונעם צווייטן בית המקדש, אפשר אינגאַנצן אונטערגע־גאַנגען ביסלעכווייז. די סכנה, אַז אַזוינס זאָל געשען איז געווען זייער גרויס — ניט נאָר דערפאַר וואָס די אידן האָבן פאַרלאָרן זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, נאָר אויך דערפאַר וואָס דער חורבן האָט געשאַפן אַ בעסערן באָדן פאַר דער טעטיקייט פון יענע אַפּטריניקע אידן פון דער קריסטלעכער סעקטע, וואָס האָט גע־פּרעדיקט צווישן פאָלק, אַז מ׳דאַרף אָפּשאַפן אַלע מצוות פון דער תורה און גלויבן אַז ישו הנוצרי איז געווען דער משיח. רבן יוחנן בן זכאי האָט איינגעזען די סכנה באַצייטנס, און ער האָט דאָס פאַרהיט. דערפאַר זענען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער געשיכטע זייער גרויס — ניט נאָר ווי איינער פון די גרעסטע אי־דישע תנאים, נאָר אויך ווי איינער פון די גרעסטע ווייט־זעענדיקע

אידישע פּאָליטיקער; ער האָט פאַרדינט דעם נאָמען, וואָס הלל הזקן האָט אים געגעבן — „אָב לדורות“.

עס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן ווי לאַנג רבן יוחנן בן זכאי האָט געלעבט נאָכן חורבן פונעם בית המקדש. מ׳גלויבט, אַז ער האָט אַריבערגעלעבט טיטוסן. לויט אַ לעגענדע האָט ער געלעבט פונקט אַזוי פיל יאָרן ווי משה רבינו, דאָס הייסט, הונדערט און צוואַנציק יאָר.

געשטאָרבן איז ער לערנענדיק מיט זיינע תלמידים, און פאַרן טויט האָט ער צו זיי געזאָגט: „הלוואי זאָלט איר מורא האָבן פאַר גאָט אַזוי ווי איר האָט מורא פאַר מענטשן“. און נאָך זיין טויט האָט מען געזאָגט, אַז „זינט רבן יוחנן בן זכאי איז געשטאָרבן, האָט זיך אָפּגעטאָן די לויטערקייט פון דער חכמה“.

דאָס איז געווען אַ גרויסער גייסטיקער פירער, וואָס איז אַ ברכה ניט נאָר פאַר זיין דור, נאָר אויך פאַר די דורות וואָס קומען נאָך אים. זיין אויג האָט געזען וויים, זיין מוח האָט געגראָבן טיף; ער האָט קלוג און מיט אַ שטאַרקן ווילן איינגעפירט אַזוי, אַז נאָכן חורבן זאָל יבנה פאַרבייטן ירושלים און דינען ווי אַ גייסטיקער צענטער פאַרן אידישן פאָלק אומעטום, און מיט זיין אַרבעט האָט ער געמאַכט צו נישט טיטוסעס נצחון איבער יהודה, און ס׳איז דאָך אַרויסגעקומען אַזוי, אַז דער גייסט פון ירושלים האָט באַזיגט די מאַכט פון רוים.




געפאַנגענע אידישע גבורים אין דעם „טריאומף־מאַרש" אין רוים נאָכן
חורבן פון דעם בית־המקדש.

# אַדריאַנוּס און בר־כוכבא

בוך פיר

# אדריאַנוס און בר־כוכבא

## אינהאלט:


ערשטער קאַפּיטל

דער גרויסער קידוש־השם אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ — 397—414

צווייטער קאַפּיטל

דער רוימישער קיסר דאָמיטיאַן און די ערשטע פאַרקריסטלטע אידן — — — — — — — — — — — — 415—423

דריטער קאַפּיטל

טריאַנוס—אַ זעלנער אויף אַ טראָן — — — — — — — — — — 424—430

פערטער קאַפּיטל

ווען אידן זענען געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט — — — — — — — — — — 431—441

פינפטער קאַפּיטל

אַזאַ מענטש איז געווען דער קיסר אַדריאַנוס — — — — — — — — 442—453

זעקסטער קאַפּיטל

די צוגרייטונגען צום בר־כוכבא־אויפשטאַנד און די ראָלע וואָס די ערשטע פאַרקריסטלטע אידן האָבן געשפּילט דערביי — 454—468

זיבעטער קאַפּיטל

רבי עקיבא און בר־כוכבא — — — — — — — — — — — 469—482

אכטער קאַפּיטל

דער אויפשטאַנד וואָס האָט צעטרייסלט די זיילן פון דער רוימישער אימפּעריע — — — — — — — — — — — 483—494

ניינטער קאַפּיטל

די באַלאַגערונג און דאָס פאַלן פון דער שטאָט ביתר — — 495—508

צענטער קאַפּיטל

רוים האָט געקענט באַזיגן בר־כוכבאן אָבער ניט רבי עקיבאן — 509—526

# קאַפּיטל איינס

## דער גרויסער קידוש־השם אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ

מיטן חורבן פונעם בית המקדש אין ירושלים איז ניט געקומען קיין סוף צו די האָפענונגען פונעם אידישן פאָלק אַרונטער־צעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דער רוימישער הערשאַפט און צוריק ווידער ווערן פריי.

טיטוסעס חיילות האָבן בלויז דאָס לאַנד חרוב געמאַכט. דאָס פאָלק אָבער איז דאָך ניט געווען באַזיגט. און ניט נאָר אין ארץ ישראל, וואו די שפּורן פון דער מלחמה וואָס האָט געדויערט עט־לעכע יאָר, האָבן זיך אַזוי שאַרף אָנגעזען אומעטום, נאָר אויך אין די אַנדערע לענדער פון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע, וואוהין דער בייזער שיקזאַל האָט פאַרוואָרפן די איבערגעבליבענע קנאים, האָבן זיך אַרומגעדרייט טויזנטער און טויזנטער אידישע יונגע לייט, וועלכע האָבן ניט בלויז געטרוימט וועגן דער מעגלעכקייט צוריק אויפצובויען דעם חורבן פון זייער לאַנד, נאָר אויך אַרויסגעקוקט אויף דער גוטער שעה, ווען זיי וועלן ווידער קענען אַרויסקומען קעגן דער הערשאַפט פון רוים מיט שווערדן אין די הענט.

אַפילו דאַן ווען אַספּאַסיאַנוס און טיטוס האָבן אין רוים מיט אַזוי פיל פּאַראַד שוין געפייערט דעם גרויסן נצחון, איז יהודה דאָך נאָך נישט געווען איינגאַנצן אין די הענט פונעם שונא. טיטוס האָט זיך צו שטאַרק געאיילט; ער איז שוין געווען מיד פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך געצויגן פיר יאָר; ער האָט געוואָלט, אַז מ׳זאָל אים אין רוים שוין אויפנעמען ווי דעם גרויסן זיגער, און מיט דעם איז ער אוודאי אויסן געווען צו פאַר־טונקעלן זיין פאָטער, דעם קיסר אספּאַסיאַנוס; ער האָט שטילער־הייט געטרוימט וועגן דער מעגלעכקייט איבערצונעמען די מאַכט ביי אים און אַליין ווערן דער הערשער פון דער גרויסער אימפּעריע. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי געיאָגט, איבער דעם האָט ער זיך אַזוי געאיילט, ווייל קיין בעסערע געלעגנהייט האָט ער זיך ניט געקענט

פארשטעלן, ווי אנצוקומען צוריק קיין רוים גלייך נאך דעם ווי ער האט חרוב געמאכט ירושלים און פארברענט דעם הייליקן טעמפל פון די אידן, און דערפאר איז ער אין אזא איילעניש אוועק פון יהודה נאך איידער די מלחמה מיט די אידן איז געווען איינגאנצן געענדיקט.

דריי זייער וויכטיקע פעסטונגען זענען נאך געווען אין די הענט פון די ק נ א י ם, ווען ט י ט ו ס איז פון יהודה אוועק. דאס זענען געווען די פעסטונגען ה ע ר א ד י א ן, מ א כ ע ר ו ס און מ א ס א ד א. אלע דריי, באזונדערס די לעצטע צוויי, מ א כ ע ר ו ס און מ א ס א ד א, זענען געשטאנען אויף אזעלכע ערטער, אז ס׳איז געווען זייער שווער צוצוקומען אהין. דערצו זענען זיי נאך געווען געבויט אזוי שטארק, אז די באלאגערטע האבן זיך דארט לאנג גע-קאנט האלטן, און אהין האבן זיך פארקליבן די איבערגעבליבענע מחנות פון די קנאים און פון דארט האבן זיי ווייטער געפירט די מלחמה קעגן שונא.

געבויט די דריי פעסטונגען האט הורדוס דער ערשטער, דער אידישער קעניג, וועלכער איז געשטארבן פיר יאר נאך פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, און דאס מיינט — פ י ר א ו ן ז י ב ע-צ י ק י א ר פארן חורבן פונעם בית המקדש. ווי אלץ וואס הורדוס דער גרויסער האט געבויט, זענען די דריי פעסטונגען אויך געווען אויסערגעוויינלעך שטארק, און צו דעם איז אלצדינג געווען געמאכט מיט מיליטערישער אויסרעכענונג, מ׳זאל זיך דארט קאנען באשיצן אין פאל פון א מלחמה קעגן א פרעמדן שונא. און דאס גיט ווידער א גרונט צו באשטעטיקן די מיינונג וואס מיר האבן שוין אמאל אויסגעדריקט ביי אן אנדער געלעגנהייט, אז ה ו ר-ד ו ס ד ע ר ג ר ו י ס ע ר איז אין דער אמתן גאר ניט געווען אזא „קנעכט פון רוים״, ווי די מערסטע אידישע היסטאריקער האבן געפרואווט אים פארשטעלן; ער האט פשוט פארשטאנען די לאגע אין וועלכער ס׳האט זיך געפונען דאס לאנד יהודה איבער וועלכן ער האט געקיניגט; בויגנדיק זיך פאר די רוימישע צעזארס, מיט וועמען קיינער האט ניט געקאנט אויסקומען אזוי גוט ווי ער, האט ער אין דער זעלבער צייט פריער פון אלץ אין זינען געהאט די נוצן פון זיין פאלק און פון זיין לאנד, און ער האט מיט זיין געזונטן שכל פארשטאנען, אז ארויסגיין אין אן אפענער מלחמה קעגן דער ריזיקער מאכט פון רוים א י צ ט , ווען דאס אידישע פאלק איז נאך אזוי שוואך, וואלט פשוט געמיינט באגיין זעלבסטמארד, האט ער די

גאַנצע צייט אַנגעהאַלטן דעם שלום מיט רוים און אויף אַ פרידלעכן אופן געקראַגן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, צו פאַרשפרייטן ווייטער די גרענעצן פון זיין קעניגרייך; ער האָט מיט אויסגע־רעכנטער דיפּלאָמאַטיע געקראָגן מער ווי אַן אנדערער דורך קריג; ער האָט אָבער שטענדיק געקוקט מיט אָפענע אויגן אויף די גע־שעענישן אין רוים, און ווייל ער האָט געגלויבט אַז סוף כל סוף וועט קומען אַ צייט ווען די מאַכט פון דער רוימישער אימפּעריע וועט מוזן ווערן שוואַכער — איבער די רייסערייען אינעווייניק און אויך איבער דער אומצופרידנקייט אין דרויסן — האָט ער באַ־צייטנס צוגעגרייט דאָס לאַנד יהודה מיליטעריש; און ער האָט געבויט שטאַרקע פעסטונגען, און ער האָט צונויפגעשטעלט אַ גרויסע אַרמיי און ער האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, ווען ס׳וועט זיין מעגלעך פאַרן אידישן פאָלק זיך צו באַפרייען פונעם יאָך פון דער רוימישער הערשאַפט.

און מ׳קען זאָגן, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס די אידן פון יענער צייט האָבן הורדוסן שלעכט פאַרשטאַנען און וואָס ער האָט זיי שלעכט פאַרשטאַנען. מעגלעך אַז ווען זיי וואָלטן זיך איינער דעם אַנדערן בעסער פאַרשטאַנען, און ווען ס׳וואָלטן ניט געווען די אורזאַכן וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ שנאה צווישן דעם קעניג און דעם פאָלק און אַוועקגעשטעלט אַן אייזערנע וואַנט צווישן זיי, וואָלט דער גורל פון דער אידישער אומה געווען אַן אַנדערער.

דאָ איז אָבער נישט דאָס פּלאַץ זיך אַרייצולאָזן אין דעם, און מיר ווילן זיך דעריבער אומקערן צוריק צום פריערדיקן ענין.

נאָך דעם ווי טיטוס איז אַוועק צוריק קיין רוים, איז די אויפגאַבע צו ענדיקן די מלחמה מיט די אידן איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דעם רוימישן לעגאַט לוציליוס באַסוס. ער האָט געדאַרפט אַרויסטרייבן די קנאים פון די דריי פעסטונגען, וואוהין זיי האָבן זיך פאַרקליבן. און אַז דאָס איז ניט אָנגעקומען גרינג קען מען זען פון דעם, וואָס פאַרטיק געוואָרן דערמיט איז מען אינעם 73סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, לויט דער קריסטלעכ־ער צייטרעכענונג. און דאָס מיינט, אַז ערשט נאָך דעם ווי ירושלים איז געפאַלן און דער היי־ליקער טעמפּל איז שוין געווען פאַר־ברענט, האָט מען זיך אין יהודה נאָך גע־שלאָגן גאַנצע דריי יאָר.

ביי דער פעסטונג ה ע ר אָ ד י אָ ן האָבן די קנאים קיין שטאַרקן ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזן, ווייל זייער צאָל איז דאָרט ניט געווען זייער גרויס. ביי די אַנדערע צוויי פעסטונגען אָבער, ביי מ אַ כ ע ר ו ס און מ אַ ס אַ ד אַ, האָבן די קנאים אַרויס־געוויזן זייער אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און ס׳האָט געדויערט לאַנג ביז די רוימישע חיילות האָבן זיך אַהין געקענט אַריינרייסן.

עס איז געווען אוממעגלעך צו ברעכן דעם מוט פון די העלדישע קנאים. אַפילו דאַן ווען ס׳איז שוין פאַר זיי געווען קלאָר אַז דער נצחון איז אויף דער זייט פונעם שונא, האָבן זיי זיך דאָך ניט געוואָלט אונטערגעבן. זיי האָבן הייליק געהאַלטן די שבועה, אַז ס׳איז בעסער צו שטאַרבן ווי העלדן איידער צו לעבן ווי קנעכט.

מיט גבורה אַליין האָבן די רוימער ניט געקאָנט בייקומען די קנאים וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אין מ אַ כ ע ר ו ס און אין מ אַ ס אַ ד אַ. דאָס קען מען זען פון דעם וואָס י ו ס י פ ו ס פ ל אַ ו ו י ו ס דערציילט אין זיין ווערק „מלחמות היהודים עם הרומאים“. די באַלאַגערונג האָט אָנגעהאַלטן זייער לאַנג; די אידן האָבן אויסגעהרגעט אַ סך פון די רוימישע חיילות און זיי אָפט גע־צוואונגען זיך צוריקצוציען. ערשט ווען ס׳האָט זיך איינגעגעבן צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט איינעם פון די יונגע און העלדישע קנאים, און דער עלטסטער פון די רוימער האָט געהייסן מ׳זאָל אים אויסטאָן נאַקעט און דרעשן זיין לייב מיט ריטער פאַר אַלעמען אין די אויגן, האָבן זיך די אַנדערע אונטערגעגעבן.

א ל י ע ז ר האָט ער געהייסן, דער יונגער קנאי, וועלכער איז אַריינגעפאַלן צו די רוימער אין געפאַנגענשאַפט ביי דער פעס־טונג פון מ אַ כ ע ר ו ס. ווען מ׳האָט אים געפייניקט, ווען מ׳האָט זיין לייב מיט ריטער געדרעשעט, האָט מען אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכן פלאַץ כדי די אַנדערע קנאים וואָס זענען אויף די ווענט פון דער פעסטונג געשטאַנען זאָלן דאָס זען; מיט דעם איז מען אויסן געווען אַרויסצורופן ביי זיי רחמנות צו זייער ברודער אין קאַמף און אויף אַזאַ אופן זיי צווינגען, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן; פייניקנדיק דעם יונגן קנאי, האָבן די רוימער אים געהייסן שרייען אויפן קול אַז מ׳זאָל זיך אונטערגעבן, ווייל אַנדערש וועט מען אים ניט אויפהערן פייניקן. אָבער דער יונגער קנאי, ווען ער האָט געזען ווי די אַנדערע וואָס שטייען אויף די ווענט פון דער פעסטונג וויינען מיט ביטערע טרערן צוזעענדיק זיינע יסורים, האָט ער אויפגעהויבן זיין קול און אָנגעהויבן שרייען אַז מ׳זאָל אים נישט באַוויינען און

באַקלאָגן און מ׳זאָל גאָר ניט טראַכטן וועגן איבערגעבן די פעס־טונג אין די הענט פונעם שונא.

דאַן האָט דער עלטסטער פון די רוימישע חילות געהייסן ברענגען האָלץ. מ׳האָט אויף שנעל צונויפגעקלאַפּט אַ צ ל ם און מ׳איז שוין געווען גרייט צו נעמען דעם יונגן קנאי א ל י ע ז ר און אים קרייציגן, און דאָס האָט געשאַפן אַזאַ מהומה צווישן די וואָס האָבן די פעסטונג באַשיצט, אַז די איינציקייט וואָס האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן איז מיט אַמאָל צעריסן געוואָרן; דער געפיל פון רחמנות צו אליעזרן איז געווען אַזוי גרויס, און דער פאַרלאַנג צו ראַטעווען זיין לעבן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָבן זיך באַלד געפונען אַ סך אַזעלכע וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייען, אַז מ׳זאָל איצטער שליסן אַ בונד מיטן שונא און עפענען פאַר אים די טויערן פון דער פעסטונג. די זעלבע מענטשן וואָס האָבן זיך פריער געהאַלטן איינסיק, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומרייסן צווישן זיך און האָבן זיך אויף צוויי צדדים צעטיילט, און גלייך האָט איין צד אַוועק־געשיקט שלוחים צום עלטסטן פון די רוימישע חילות, אַז מ׳וועט פאַר אים עפענען די טויערן פון דער פעסטונג, אָבער מיט דעם תנאי אַז ער זאָל אָפּלאָזן א ל י ע ז ר ן.

עס איז אין דעם ניט געווען קיין שוואַכקייט, נאָר מענטשלעכע באַציאונג. אויפן שלאַכטפעלד האָבן די קנאים געקענט צוזען רואיק ווי זייערע חברים פאַלן. דער טויט האָט זיי ניט געשראָקן. זיי האָבן אָבער ניט געקענט צוזען רואיק ווי מ׳פייניקט זייערן אַ גע־פאַנגענעם חבר אין דער צייט ווען ס׳גייען גאָר קיין שלאַכטן ניט אָן. דאָס געפיל פון רחמנות צום איינצלנעם מענטשן, צום יחיד, איז ביי זיי אין אַזאַ פאַל געווען פונקט אַזוי גרויס און פונקט אַזוי שטאַרק ווי דאָס געפיל פון ליבע צום כלל, צום גאַנצן פאָלק און צום לאַנד; דער מאָראַלישער באַגריף, אַז „דער וואָס ראַטעוועט איין מענטשן פון אידישן פאָלק איז פונקט ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט“, איז ביי זיי געווען טייער. אינעם קאַמף פאַרן כלל, האָבן זיי דאָך ניט פאַרזען דעם פרט. און מיט דעם האָט זיך באַנוצט ל ו צ י ל י ו ס ב א ס ו ס, דער עלטסטער פון די רוימישע חילות, ווען ער האָט געזען אַז אויפן שלאַכטפעלד קען ער ניט ברעכן דעם מוט פון די אידישע העלדן. און דאַן איז די פעסטונג מ א כ ע ר ו ס אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, און ווען ער איז מיט זיינע חילות אַריין אַהין, האָט ער דאָרט אויסגעשאָכטן ט ו י ז נ ט מ י ט ז י ב ן ה ו נ ד ע ר ט מ א ן, און די

פרויען און קינדער וואָס זענען געבליבן, האָט ער פאַרקויפט פאַר קנעכט און דינסטן.

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי ל ו צ י ל י ו ס ב אַ ס ו ס האָט איינגענומען די פעסטונג מ אַ כ ע ר ו ס און דאָרט געמאַכט אַ שחיטה, איז ער געשטאָרבן, און דאַן האָט אספּאַסיאַנוס קיסר אַריינ־געשיקט קיין יהודה דעם רוימישן קריגס־פירער פ ל אַ ו ו י ו ס ס י ל ו ו אַ און אים דאָרט איבערגעגעבן דעם אַמט פונעם לע־גאַט איבערן לאַנד. און ווען פ ל אַ ו ו י ו ס ס י ל ו ו אַ איז קיין יהודה אָנגעקומען, איז שוין דאָס לאַנד געווען אין די הענט פון די רוימער. אָבער די פעסטונג פון מ אַ ס אַ ד אַ האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן. די קנאים, וואָס האָבן זיך דאָרטן באַפעסטיקט, האָבן זיך אַלץ ניט אונטערגעגעבן.

דער נייער עלטסטער פון די רוימישע חיילות האָט גוט גע־וואוסט, אַז ביי דער פעסטונג פון מ אַ ס אַ ד אַ וועט אים ניט אָנקומען גרינג בייצוקומען די אידן; ער האָט זיך פריער גענוג אָנ־געהערט וועגן דער העלדישקייט פון די קנאים; עס איז אים גוט געווען באַקאַנט דער פאַקט, אַז די אידן זענען אויסערגעוויינלעך מוטיקע זעלנער אויפן שלאַכטפעלד; ער האָט אויך געוואוסט אַז מאַסאַדאַ איז איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען און אַז ס׳איז שווער צוצוקומען אַהין; און ווייל ער האָט דאָס אַלעס געוואוסט, האָט ער צונויפגעקליבן די אַלע רוימישע מחנות וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד, און ווען ס׳האָט זיך אים דאָך איינ־געגעבן צוצוקומען נעענטער מיט זיינע חיילות צו דער פעסטונג, האָט ער געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט ניט צו מאַכן קיין אָנגריף. אָנשטאָט דעם האָט ער אָנגעהויבן אַ באַלאַגערונג, און זיין אויסרעכענונג איז געווען צו געווינען וואָס מער צייט און ברענגען דערצו, אַז אַ הונגער זאָל סוף כל סוף צווינגען די באַלאַגערטע זיך אונטערצוגעבן.

אַזוי האָבן די רוימער אַלע מאָל געטאָן, ווען זיי האָבן זיך אָנגע־שטויסן אָן אַ שונא וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד.

⁂

דער היסטאָריקער י ו ס י פ ו ס פ ל אַ ו ו י ו ס שטעלט זיך אָפּ אויף אַ סך איינצלהייטן שילדערנדיק די באַלאַגערונג ביי מ אַ ס אַ ד אַ. אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ די אַלע איינצלהייטן איבערצוגעבן, און מיר דערמאָנען דאָס בלויז, כדי אָנצואווייזן אויף

דעם פאַקט, וואָס דווקא דאָ, שילדערנדיק דעם לעצטן קאַמף פון די אידן קעגן די רוימער, פילט זיך מער ניט אין זיין שרייבן די שנאה, די גאַליקייט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו די ק נ א י ם אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון זיין ווערק. ער איז, אַפּנים, ענדלעך אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אויסערגעוויינלעכן מוט, וואָס די לעצטע פון די קנאים האָבן אַרויסגעוויזן אינעם קאַמף קעגן די פרעמדע שונאים; ער האָט, ווי עס שיינט, אַליין באַוואונדערט זייער גבורה, זייער איבערגעגעבנקייט צום פאָלק און צום לאַנד, און מער ווי פון אַלץ איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פערזענלעכקייט פון א ל י ־ ע ז ר ב ן י א י ר, דעם עלטסטן פון די אידישע חיילות אין דער פעסטונג פון מ אַ ס אַ ד אַ, כאָטש יענער איז געווען איינער פון די סיקאַריער וועמען יוסיפוס פלאַוויוס האָט גאָר אַנדערש קיין מאָל ניט גערופן ווי נאָר „באַנדיטן“ און „רויבער“.

פ ל אַ ו ו י ו ס דערציילט, אַז ווען ס׳האָט זיך די רוימער איינגעגעבן אַנצוצינדן די פעסטונג און דער ווינט וואָס האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן, האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די פלאַמען אַלץ ווייטער און ווייטער, און ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן קלאָר אַז די מלחמה קעגן די רוימער איז אַ פאַרלוירענע, האָט א ל י ע ז ר ב ן י א י ר ניט געטראַכט וועגן אַנטלויפן; ער האָט אויך ניט געוואָלט אַז די זעלנער פון זיינע מחנות זאָלן זיך צעלויפן, און אין דער נאַכט ווען מ׳האָט זיך געריכט, אַז מאָרגן אין דער פרי זאָלן די רוימער שוין אַריינקומען, האָט א ל י ע ז ר ב ן י אַ י ר צו־נויפגערופן אַלע זעלנער פון זיין מחנה וואָס איז געווען קליין אין צאָל, און נאָך דעם ווי ער האָט פאַר זיי געמאַכט קלאָר אַז דער קאַמף איז אַ פאַרלוירענער, האָט ער זיי געזאָגט אַז דאָס איינציקע וואָס מ ׳ ד אַ ר ף און וואָס מ ׳ מ ו ז איצטער טאָן איז — אַליין אויסקוילען די אייגענע ווייבער און קינדער און נאָך דעם — זיך אַליין דער־שטעכן אויף טויט מיט דער שווערד!

„ער האָט זיך פאַרגעשטעלט,—דערציילט פלאַוויוס וועגן אליעזר בן יאיר, — וואָס די רוימער וועלן טאָן צו אים און צו זיינע לייט און צו זייערע ווייבער און קינדער ווען זיי וועלן אַריינקומען ווי די זיגער, און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו שטאַרבן אינאיינעם מיט די אַלע מענטשן וואָס זענען מיט אים, ווייל ער איז געווען זיכער אַז דאָס איז דאָס בעסטע וואָס מ׳קען איצט טאָן“. (תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים. ספר ז. פרק ח. ו.)

ניט קיין קליינע ראָלע האָט דערביי אויך געשפּילט דאָס וואָס א ל ע ז ר  ב ן  י א י ר  איז געווען ניט נאָר אַ מוטיקער קעמפער, נאָר אויך אַ פרומער איד. ווען די רוימער האָבן די פעסטונג אונטערגעצונדן, האָט צוערשט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט פון צפון זייט, און דאַן האָבן די פלאַמען זיך גענומען טראָגן צוריק צו די רוימער, און דאָס האָט אויף זיי אַ גרויסע מורא אַרויפגעוואָרפן; זיי האָבן געמיינט אַז זיי וועלן אַלע פאַרברענט ווערן.

באַלד אָבער האָט גענומען בלאָזן אַ ווינט פון דרום זייט און אָנגעהויבן טראָגן די פלאַמען צוריק; די גאַנצע פעסטונג האָט אָנגעהויבן ברענען; די פלאַמען זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער און האָבן זיך געשפּרייט אַלץ ווייטער און ווייטער, און אין דעם האָט א ל י ע ז ר  ב ן  י א י ר  געזען אַ צייכן פון אויבן, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון די וואָס באַשיצן די פעסטונג פון מאַסאַדאַ און אַז ס׳איז זיין ווילן, אַז די שונאים פון אידישן פאָלק זאָלן די לעצטע אידישע פעסטונג איינגעמען.

דאָס איז קלאָר פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט אין דער רירנדער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די באַוואָפנטע פון זיין מחנה אין דער נאַכט ווען מ׳האָט זיך געריכט אַז מאָרגן אין דער פרי זאָלן די רוימער אַריינקומען. „עס איז ניט קיין צופאַל, — האָט ער געזאָגט, — וואָס דער פייער וואָס האָט זיך פריער געטראָגן צום שונא, האָט זיך אויסגעדרייט צוריק צו דעם מויער וואָס מיר האָבן מיט אונדזערע הענט אַוועקגעשטעלט. דאָס איז אַ צייכן, אַז מיר האָבן אַ סך געזינדיקט״.

דער מוטיקער א ל י ע ז ר  ב ן  י א י ר  האָט זיך, הייסט עס, דערשראָקן ניט פאַר די רוימער, נאָר פאַר גאָט. און רעדנדיק ווייטער וועגן דעם וואָס ער און די אַנדערע פון דער מחנה האָבן אַוודאי געזינדיקט, האָט ער געזאָגט אַז פאַר די זינד „דאַרפן מיר אָפּגעבן דין וחשבון ניט פאַר די רוימער, וועלכע זענען אונדזערע שונאים אויפן לעבן, נאָר פאַרן האַר פון אַלע וועלטן, וואָס זיין שטראָף וועט אונדז זיין ליבער ווי די שטראָף פון די שונאים״.

מיט טיפער ליבע צום אידישן פאָלק, און מיט טיפן האָס צו די רוימער, וואָס האָבן חרוב געמאַכט דאָס אידישע לאַנד, איז געווען דורכגעדרונגען יעדער וואָרט וואָס דער מוטיקער קנאי, א ל י ע ז ר  ב ן  י א י ר , האָט אַרויסגעבראַכט פון זיינע ליפּן אין יענער נאַכט, ווען ער איז אין  מ א ס א ד א  געשטאַנען פאַר די וואָס זענען אינאיינעם מיט אים געווען די לעצטע צו באַשיצן די פעסטונג.

און ער האָט זיי טאַקע דערמאַנט אָן דעם: „לאָמיר, —האָט ער געזאָגט, — אין דער איצטיקער שעה ניט ברענגען קיין שאַנד אויף זיך. נאָך דעם ווי מיר האָבן די גאַנצע צייט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פאַראַכטונג צו אַ קנעכטשאַפט וואָס איז אָן סכנה, טאָרן מיר איצט ניט אויסקלייבן פאַר זיך קיין קנעכטיש לעבן וואָס וועט אויף אונדז ברענגען אַ שרעלעכע שטראָף, וואָרעם איר ווייסט דאָך אַז די רוימער וועלן אונדז שווער באַשטראָפן אויב מיר וועלן לעבעדיקע אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט, ווייל מיר זענען דאָך געווען די ערשטע, וואָס זענען אַרויס אין אַ מלחמה קעגן זיי און מיר זענען אויך די לעצטע אין דעם".*)

די גאַנצע פאַרצווייפלונג פון דעם באַזיגטן פאָלק האָט פון אליעזר בן יאיר דאַן אַרויסגערעדט. דאָס איז אָבער דאָך ניט געווען די פאַרצווייפלונג פון יענעם מין וואָס בויגט ביי אַ געשלאָגענעם דעם רוקן ווען דער שונא וואָס איז שטאַרקער, שלאָגט אים מיט ריטער. אליעזר בן יאיר האָט גע־שטאַמט פון אַ משפּחה, וואו דער קאַמף פאַר פרייהייט פונעם אידישן פאָלק איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. פון דער משפּחה איז אַרויסגעקומען חזקיהו הגלילי, וועלכער האָט זיך געשלאָגן מיט די רוימער נאָך דאַן ווען יוליוס צע־זאַר האָט געמאַכט הורדוסן פאַרן טעטראַרך פון גליל; פון זיין משפּחה האָט אויך געשטאַמט יהודי הגלילי, וועלכער האָט אַרויסגערופן אָן אויפשטאַנד אין גליל און פאַרכאַפּט די שטאָט ציפורי נאָך דעם ווי הורדוס איז געשטאָרבן. אויך אַנדערע גרויסע קעמפער פאַר דער פרייהייט פונעם אידישן פאָלק זענען פון יענער משפּחה אַרויסגעקומען; אין זיינע אָדערן האָט דער יונגער אליעזר בן יאיר געהאַט אין זיך דאָס בלוט פון יענע אַלע מוטיקע קעמפער און גרויסע גבורים וואָס זיין משפּחה האָט אַרויסגעגעבן; פּונקט ווי זיי, האָט ער געקענט קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן. און איצט, ווען ס'איז פאַר אים שוין געווען קלאָר אַז דער סוף איז געקומען, האָט ער אין זיין פאַלן געפונען אַ מיטל זיך הויך צו דערהויבן — און ניט נאָר זיך, נאָר אויך די אַלע אַנדערע, וואָס זענען אינאיינעם מיט אים געווען די לעצטע צו באַשיצן די לעצטע פעסטונג.

*) יוסיפוס פלאַוויוס, תולדות מלחמת היהודים, ספר ז, פרק ח, ז.

„ווי גוט און ווי שיין דאָס וועט זיין, — האָט ער געזאָגט, — ווען מיר וועלן אונדזער פרייהייט מיטנעמען מיט זיך אין קבר אריין!

„זאָלן אונדזערע ווייבער בעסער שטאַרבן איידער זיי וועלן פאַראומריייניקט!

„זאָלן אונדזערע קינדער שטאַרבן איידער זיי פאַרזוכן דעם טעם פון קנעכטשאַפט!"

אַזוי האָט ער מיט די שטאַרקסטע ווערטער אויסגעדריקט דעם געדאַנק וואָס האָט אים דעם מוט געצונדן, און דעם וואונטש וואָס האָט ביי אים אין האַרצן ווי אַ העליש פייער געברענט, און ווען ער האָט געזען ווי אַלע הערן זיך צו צו אים, האָט ער צו די פריערדיקע רייד צוגעגעבן נאָך עפּעס, וואָס איז אים אויפן שטעל איינגעפאַלן.

„פאַרן טויט, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר פאַרברענען אין פייער אונדזער פאַרמעגן און אויך די פעסטונג. איך ווייס באַ־שטימט, אַז די רוימער וועט דאָס שטאַרק פאַרדריסן פאַרוואָס מיר זענען ניט אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט קיין לעבעדיקע. ס'וועט זיי אויך פאַרדריסן וואָס זיי וועלן דאָ ניט געפינען קיין זאַק־רויב. די שפּייז אָבער וועלן מיר איבערלאָזן פאַר זיי, כדי דאָס זאָל זיין אַן עדות, אַז מיר זענען ניט אויסגעשטאַרבן פון הונגער, נאָר מיר האָבן אַליין אויסגעקליבן דעם טויט, איידער אַ לעבן פון קנעכטשאַפט, ווי מיר האָבן געשוואָרן פון אָנהויב אָן".

פ ל א ו ו י ו ס דערציילט, אַז ביי אַ סך פון די באַוואָפנטע לייט האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן ביים צוהערן זיך צו די רייד פונעם עלטסטן, וואָס האָט זיי אַזוי לאַנג אין דער מלחמה געפירט. און ווען א ל י ע ז ר ב ן י א י ר האָט דאָס דערזען, האָט ער דאָס אָנגענומען פאַר אַ צייכן פון שוואַכקייט, און ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן מיט זייער געוויין נאָך ניט ווירקן אויף די אַנדערע, וועלכע האָבן מער מוט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין זיין פולער הויך, און אויפהויבנדיק דאָס קול העכער, האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף די וואָס האָבן געוויינט:

„איך האָב זיך גענאַרט אין אייך! — האָט ער זיך אויף זיי גע־בייזערט. — איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז איך גיי אַרויס אין דער מלחמה און מיט איר אינאיינעם גייען העלדישע קריגסלייט, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ לעבן פון כבוד, אָדער דעם טויט פון אַ גבור, און צום סוף זע איך גאָר, אַז איר זענט מענטשן אָן מוט און איר האָט מורא פאַרן טויט, וואָס וועט אייך אויסלייזן פון אַלע שרעקלעכע אומגליקן!"

ער האָט זיי געשטראָפט, ער האָט זיי געמוסרט. ער האָט געבראַכט ביישפּילן פון פריערדיקע מלחמות וואָס אידן האָבן גע-פירט. ער האָט גערעדט וועגן דער תורה און וועגן דעם חורבן פון ירושלים. ער האָט זיי דערמאָנט, אַז מיט דעם שלאָגן זיך קעגן די רוימער אין די צייטן פון נאָכן חורבן איז מען אויסן געווען צו נעמען נקמה דערפאַר וואָס זיי האָבן חרוב געמאַכט די הייליקע שטאָט און פאַרברענט דעם הייליקן טעמפּל. אויך וועגן לעבן און טויט בכלל האָט ער גערעדט, און אַלץ — אויסצופירן דעם זעלבן געדאַנק, אַז מ׳דאַרף זיך איצט אויסקלייבן אַ שיינעם טויט, און דער שענטסטער טויט איז — זיך אַליין אומצוברענגען, אַבי ניט אַריינ-פאַלן אין די הענט פון די רוימער קיין לעבעדיקע!

„ווי, — האָט ער געשריען, — וועט זיין צו די יונגע, ווען די שווערע ליידן וועלן פאַרצערן דעם כוח פון זייער יוגנט!

„און ווי וועט זיין צו די אַלטע, ווען זיי וועלן מיט זייערע שוואַכע כוחות די צרות ניט קענען אַריבערטראָגן!

„אַ מאַן וועט מיט זיינע אייגענע אויגן זען ווי מ׳רייסט פון אים אוועק זיין יונגע ווייב צו שאַנד!

„און אַ פאָטער וועט הערן דאָס קול פון זיין זון וואָס שרייט ער זאָל אים העלפן, אָבער די הענט וועלן ביי אים זיין געבונדן און ער וועט אים ניט קענען העלפן!

„ניין, דאָס טאָר ניט זיין! — האָט אליעזר בן יאָיר אויפגעהויבן זיין קול נאָך העכער. —אונדזערע הענט זענען נאָך ניט געבונדן און זיי האַלטן נאָך פעסט די שווערד. זאָלן זיי, די אייגענע הענט אונדזערע, אונדז דאָס מאָל העלפן! און לאָמיר זיך אַליין נעמען דעם טויט איידער מיר וועלן קנעכט ביי אונדזערע פיינד! לאָמיר פאַרלאָזן די וועלט פון לעבן ווי פרייע מענטשן — מיר, אונדזערע ווייבער און אונדזערע קינדער. אַזוי האָבן אונדז אָנגע-זאָגט די געזעצן פון אונדזער תורה".

***

עס איז זייער מעגלעך, אַז פלאַוויוס גיט איבער די רעדע ניט דווקא וואָרט אין וואָרט און ניט דווקא פּונקט אַזוי ווי אליעזר בן יאָיר האָט זי געהאַלטן. עס קען זיין, אַז ער אַליין האָט אַ היפּש ביסל צוגעגעבן ערשט שפּעטער, ווען ער האָט וועגן דעם געשריבן. ביי אַלע היסטאָריקער פון יענער צייט איז דאָס געווען אַן אָנגענומענע זאַך אַליין צו „פאַרפּאַסן" אַביסל אין אַזאַ פאַל און

אַריינלייגן אַ מענטשן אין מויל אַריין אַזעלכע ווערטער וואָס ער האָט אפשר גאָרניט געזאָגט, אָבער וואָס ער האָט יאָ געקענט זאָגן, ווייל דאָס שטימט מיט דעם וואָס ער האָט געטאָן. דער אידישער היסטאָריקער איז אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם; ער האָט אַוודאי אויך אַ היפּש ביסל „פאַרפּאַסט“ אין אַזאַ פאַל. אָבער דאָס מאַכט דאָך ניט קלענער די היסטאָרישע ווערט פון דער רעדע, וואָרעם כאָטש יוסף בן מתתיהו אַליין (יוסיפוס פלאַוויוס) איז דערביי ניט געווען, האָט ער דאָס שפּעטער געקענט הערן פון אַ מענטשן, וואָס איז יאָ געווען דערביי. און ער האָט זיך טאַקע מיט אַזאַ מענטשן געטראָפן, ווי ס׳וועט דערציילט ווערן שפּעטער, און אויפן גרונט פון דעם וואָס יענער מענטש האָט אים דערציילט, האָט ער צונויפגעשטעלט די רעדע און איבערגעגעבן די פאַקטן. אַזוי האָט זיך פלאַוויוס געפירט ביים צונויפשטעלן זיין געשיכטע; זאַכן וואָס ער האָט אַליין ניט געזען מיט די אייגענע אויגן, האָט ער איבערגעפרעגט ביי מענטשן וואָס האָבן דאָס יאָ געזען; ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צו זען מיט די אידישע קריגס-געפאַנגענע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוימער; ער האָט מיט זיי גערעדט; ביי זיי האָט ער געקליבן מאַטעריאַלן פאַר זיינע געשיכטלעכע ווערק, וואָס זענען געבליבן נאָך ביז היינטיקן טאָג און וואָס דינען ווי אַ קוואַל פון וואַנען אַלע היסטאָריקער, אידישע און ניט-אידישע, שעפּן די גאַנצע צייט; ער האָט זייערע רייד פאַרצייכנט, און ביים שרייבן האָט ער זיך באַנוצט מיט די פאַקטן וואָס זיי האָבן אים איבערגעגעבן. און מ׳מוז זאָגן, אַז ער האָט געוואוסט ווי אַזוי מיט דעם זיך צו באַנוצן. ער האָט געקענט קלייבן; מיט זיין קלאָרן שכל האָט ער פאַרשטאַנען אויף וואָס מ׳קען זיך פאַרלאָזן און אויף וואָס ניט. צו דעם האָט אים דערביי נאָך גוט אַרויסגעהאָלפן זיין קינסטלערישער חוש, ווייל געווען איז יוסיפוס פלאַוויוס ניט נאָר אַ היסטאָריקער, נאָר אויך אַ קינסטלער.

אָבער אויב אפילו מ׳זאָל אָננעמען, אַז וואָס איז שייך דער רעדע פון אליעזר בן יאיר אין יענער שרעקלעכער נאַכט, ווען מ׳האָט זיך שוין גערעכט אַז אין דער פרי זאָלן די רוימער אַריינקומען אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ, האָט יוסיפוס פלאַוויוס זיך דערלויבט צו „פאַרפּאַסן“ מער ווי געוויינלעך, האָט דאָס אויך אַ וויכטיקע היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל דאָס גיט אַ שליסל צו דער נשמה פונעם היסטאָריקער, וועלכער איז געבליבן אַ רעטעניש פאַר די פאָרשער וואָס זענען געקומען נאָך אים און וועל-

כע האָבן ניט געקענט באַשליסן צי ער איז טאַקע געבליבן אַ פאַר-רעטער צו זיין פאָלק, אָדער ער איז געווען דאָס וואָס מ׳רופט אָן היינטיקע צייטן אַ „רעאַל-פּאָליטיקער“ און ער איז איבערגעגאַנגען צו די רוימער דערפאַר וואָס ס׳איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז זיך שטעלן אַקעגן דער מאַכט פון רוים מיינט פאַרן אידישן פאָלק פּשוט באַגיין זעלבסטמאָרד.

אין דער רעדע, וואָס ער האָט אפשר אינגאַנצן אָדער בלויז טיילווייז „פאַרפאַסט“ אויפן גרונט פון דעם וואָס ס׳האָט אים דער-ציילט אַ מענטש וואָס איז געווען דערביי, האָט י ו ס י פ ו ס פ ל אַ ו ו י ו ס זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, און געפונען אַ געלעגנהייט צו זאָגן די רוימער אַזוינס, וואָס ער האָט פריער אין ערגעץ ניט געזאָגט און מורא געהאַט צו זאָגן. און ווייל די רעדע קען געבן אַ שליסל צו דער ניט ווייניק פאַרפּלאָנטערטער נשמה פון דעם אידישן היסטאָריקער, אויף וועמעס גורל ס׳איז אויסגעפאַלן ניט נאָר צו ש ר י י ב ן געשיכטע, נאָר אויך צו ש אַ פ ן געשיכטע און דאָס פאָלק האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פאַררעטער דערפאַר וואָס ער איז אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער, איז דעריבער כדאי זיך לענגער אָפּצושטעלן דערויף.

באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט, אַז ער קען דאָ אויסדרייען אַזוי, אַז א ל י ע ז ר ב ן י א י ר זאָל זאָגן דאָס וואָס ער אַליין וואָלט געוואָלט זאָגן, האָט ער אים אַריינגעלעגט אין מויל אַריין אַזעלכע ווערטער ווי „נ י ט מ י ט ז י י ע ר ג ב ו ר ה ז ע-נ ע ן ז ײ י (ד י ר ו י מ ע ר) א ו נ ד ז ב י י ג ע ק ו מ ע ן, נ אָ ר אַ כ ו ח ו ו אָ ס א י ז ג ר ע ס ע ר פ ו ן ז ײ י, א י ז ג ע ו ו ע ן ד י ס י ב ה ד ע ר פ ו ן, א ו ן ד אָ ס ה אָ ט ז ײ י ג ע ג ע ב ן ד י מ ע ג ל ע כ ק י י ט ז י ך צ ו ב אַ-ר י מ ע ן מ י ט אַ נ צ ח ו ן א י ב ע ר א ו נ ד ז“.

אַליין, אין זיין אייגענעם נאָמען, וואָלט ער דאָס קיינמאָל ניט געוואַגט צו זאָגן, ווייל נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוימער, איז ער געוואָרן אַ קרוב למלכות און ער האָט זיין אידישע געשיכטע געשריבן ביי טיטוסן אין קייזערלעכן הויף. ער האָט ניט געהאַט דעם מוט אַזוינס צו שרייבן. אָבער ווי אַ פרומער איד וואָס האָט געגלויבט אין גאָט און אָפּגעהיט די תורה, האָט ער דאָך געטראַכט פון דעם; ער האָט געגלויבט, אַז דער „כוח וואָס איז גרעסער פון זײי“ איז געווען די סיבה דערפון וואָס די רוימער האָבן באַזיגט די אידן, און דעם דאָזיקן גלויבן זיינעם האָט ער

אויסגעדריקט אין די רייד, וואָס ער האָט אריינגעלעגט אינעם מויל פון א ל י ע ז ר ב ן י א י ר , און ס׳האָט געדאַרפט הייסן, אַז ניט ער זאָגט דאָס, נאָר דער יונגער פירער פון די קנאים וואָס זענען געווען די לעצטע צו באַשיצן די פעסטונג פון מאַסאַדאַ.

אויף אָט די אַלע איינצלהייטן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף פלאַוויוסעס כאַראַקטער און אויף דער פערזענלעכער טראַגעדיע וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר׳ן חורבן און נאָכן חורבן, איז נויטיק זיך דאָ אָפצושטעלן, ווייל אָן זיי איז שווער צו פאַרשטיין דעם היסטאָריקער, און ווען מ׳פאַרשטייט אים ניט, איז אויך שווער צו פאַרשטיין די געשיכטע וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און דאָס דערפירט דערצו, אַז מ׳זאָל צו דעם גרויסן ווערק צוגיין מיט אַ פאָראורטייל אַפילו דאָרט וואו ס׳איז קיין גרונט פאַר קיין פאָראורטייל נישטאָ און ס׳דאַרף ניט זיין.

פון די לעצטע קאַפּיטלען פון זיין ווערק „תולדות מלחמת היהודים“ איז קלאָר, אַז פלאַוויוסן האָט שטענדיק געפּלאָגט דער געוויסן פאַר וואָס ער איז איבערגעגאַנגען צו די רוימער; טיף אין האַרצן האָט ער, קענטיק, שטאַרק געליטן דערפון; ער האָט, אַפּנים, קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן יענעם שרעקלעכן פאַל ביי דער שטאָט י ו ד פ ת , וואו ער האָט דורך אַ שפּיצל אויסגעדרייט אַזוי, אַז די פערציק גבורים וואָס האָבן זיך איינאיינעם מיט אים באַהאַלטן, זאָלן זיך איינע די אַנדערע אויסשעכטן און ער זאָל בלייבן דער לעצטער און זיך קענען איבערגעבן אין די הענט פונעם שונא, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן. דאָס איז אים, ווי ס׳ווייזט אויס, שטענדיק געלעגן אין זינען; ער האָט זיך געשעמט דערמיט און ס׳האָט אים וויי געטאָן וואָס אַפילו מיט יאָרן שפּעטער נאָכן חורבן האָבן די אידן אים דאָס ניט געקענט פאַרגעסן און זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון אים ווי פון אַן אָפּטריניקן; עס זענען אַוודאי געווען שעהן אין זיין לעבן ווען ער האָט גאָר מקנא געווען יענע אַלע אידישע גבורים וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכט קעמפנדיק פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק און פון זייער לאַנד. און דערפאַר האָבן זיך ביי אים געקענט אַרויסכאַפּן אַזעלכע שטאַרקע ווערטער ווי: „ג ל י ק ל ע ך ז ע נ ע ן ד י ו ו אָ ס ז ע נ ע ן ג ע פ אַ ל ן א ו י פ ן ש ל אַ כ ט פ ע ל ד ! ז י י ז ע נ ע ן ג ע ש ט אָ ר ב ן ש ל אַ ־ ג נ ד י ק ז י ך פ אַ ר א ו נ ד ז ע ר פ ר י י ה י י ט , אָ ב ע ר פ אַ ר ק ו י פ ט צ ו ם פ י י נ ד ה אָ ב ן ז י י ז י ך נ י ט“.

אין זיין אייגענעם נאָמען האָט ער מורא געהאַט דאָס צו זאָגן, און ער האָט דעריבער די דאָזיקע שטאַרקע ווערטער אַרייגעלייגט אינעם מויל פון א ל י ע ז ר ב ן י א י ר, ער זאָל זיי זאָגן פאַר אים.

דער געפיל פון פאַרזיכטיקייט איז ביי פלאַוויוסן געווען זייער שטאַרק ענטוויקלט. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון א סכנה אַזוי, אַז ער זאָל ניט פאַרלירן דעם חן אין די אויגן פון די מעכטיקע לייט, וועלכע האַלטן זיין שיקזאַל אין זייערע הענט.

אָבער צי דער היסטאָריקער האָט אין דער רעדע פון א ל י ע ז ר ב ן י א י ר „פאַרפאַסט" מער ווי געוויינלעך, אָדער ווינציקער ווי געוויינלעך — דער פאַקט אין עצם בלייבט אַזוי ווי ער איז גע־ווען, און דאָס איז, אַז אין יענער נאַכט ווען מ׳האָט אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ שוין אַלע האָפענונגען אויפגעגעבן, האָבן די ק נ א י ם געפאָלגט די עצה פון א ל י ע ז ר ב ן י א י ר און האָבן זיך אַליין איינע די אַנדערע פון דער וועלט אומגעבראַכט, אַבי ניט אַריינ־צופאַלן לעבעדיקע אין די הענט פונעם שונא.

א שרעקלעכע נאַכט איז דאָס געווען — די לעצטע נאַכט אינעם לעבן פון די, וואָס זענען געווען די לעצטע אין דער מלחמה קעגן דעם בייזן שונא, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד און פאַרברענט דעם הייליקן טעמפּל!

נאָך איידער א ל י ע ז ר ב ן י א י ר האָט געענדיקט זיינע רייד, האָבן זיך אַלע קנאים פון דער מחנה אין גרוים איילעניש געגעבן א לאָז צו זייערע שטיבלעך און געצעלטן. און „ס׳איז געווען פונקט ווי גאָטס האַנט וואָלט זיך געשטאַרקט אויף זיי", ווערט דער־ציילט אין דער אידישער געשיכטע. דערשטיקנדיק אין זיך אַלע געפילן פון רחמנות, האָבן זיי מיט זייערע שווערדן דערשטאָכן זייערע ווייבער אַרומנעמענדיק זיי, און אויסגעשאָכטן זייערע קינדער דריקנדיק זיי צערטלעך צו זיך. און טוענדיק דאָס האָבן זיי גע־וויינט, אָבער די הענט האָבן ביי זיי ניט געציטערט. „עס איז גע־ווען, — ווערט דערציילט, — פונקט ווי זייערע אייגענע הענט וואָלטן מיט א מאָל געוואָרן פרעמדע, און ס׳איז ניט געווען קיין איינער וועמען ס׳זאָל אויספעלן מוט דאָס צו טאָן". אַלע האָבן אויסגע־שאָכטן זייערע אייגענע ווייבער און קינדער.

נאָך דעם האָבן זיי אויף איין אָרט אָנגעוואָרפן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און האָבן דאָס אונטערגעצונדן, און ווען דאָס פייער האָט געברענט און דער רויך האָט זיך אַלץ העכער און העכער גע־טראָגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, האָבן זיי וואַרפנדיק

א גורל, אויסגעקליבן פון זיך צען מענטשן וואָס זאָלן מיט זייערע שווערדן אַלעמען אויסשעכטן. „און יעדער איינער, — ווערט דער־ציילט אין דער געשיכטע, — האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד לעבן זיין ווייב און קינדער וואָס ער האָט אַליין פריער דערהרגעט, און אַרומנעמענדיק זיי מיט די הענט, האָט ער אויסגעשטרעקט דעם האַלדז מ׳זאָל אים שעכטן".*)

ווען אַלע זענען שוין געווען טויט, און ס׳זענען געבליבן בלויז די צען אויף וועמעס גורל ס׳איז פריער אויסגעפאַלן די שרעקלעכע אַרבעט צו טאָן, האָבן זיי פון זיך אויסגעקליבן איינעם, וואָס זאָל אויף זיך נעמען צו שעכטן די אַנדערע ניין. ס׳איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז נאָך דעם זאָל ער אַליין מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. און ווען די ניין זענען שוין אויך געווען טויט, האָט דער לעצטער אַנגעהויבן זוכן צווישן די טויטע, טאַפּענדיק מיט די הענט יעדן קערפּער וואָס איז אים אונטער די הענט געקומען; ער האָט געוואָלט געפינען איינעם, וואָס גוססט נאָך און וואָס וועט אפשר נאָך האָבן גענוג כוח אים אַריינ־צושטעכן אַ שווערד אין האַרצן, אָדער דעם האַלדז אים איבער־שניידן. און ווען ער האָט געזען, אַז צווישן די געשאָכטענע וואָס ליגן לעבן אים איז ניטאָ קיין איינער וואָס גוססט נאָך, האָט ער אין איילעניש אַנגעצינדן דעם קעניגלעכן הויף פון אַלע פיר זייטן, און ווען ער האָט געזען ווי דאָס פייער האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט, האָט ער זיך אַליין מיט אַלע כוחות אַריינגעשטאָכן די שווערד אין האַרצן אַריין און איז געבליבן ליגן טויט.

אַזוי האָבן אין יענער שרעקלעכער נאַכט געענדיקט זייער לעבן די לעצטע פון די ק נ א י ם , וועלכע האָבן עטלעכע יאָר נאָכ־אַנאַנד געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון אידישן פאָלק. און אַרום און אַרום אינאיינעם מיט די ווייבער און קינדער, איז די צאָל פון די קרבנות געווען נ י י ן ה ו נ ד ע ר א ו ן ז ע כ צ י ק נפשות. און געשען איז דאָס אינעם פופצענטן טאָג פונעם חודש ניסן, ווען ס׳איז אויסגעפאַלן דער ערשטער טאָג פסח. און לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג איז דאָס אויסגעפאַלן אינעם מאָנאַט אַפּריל, אינעם 73סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט. דריי יאָר נאָך דעם ווי טיטוס האָט חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרברענט דאָס בית המקדש. און ס׳איז די מיינונג פון דעם גרויסן פאָרשער

*) פלאַוויוס, תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, ספר ז, פרק. ט, א.

עמיל שירער, אַז ערשט מיטן פאַלן פון מאַסאַדאַ איז פאַרזיגלט געוואָרן דער שיקזאַל פונעם אידישן פאָלק. *)

דורך אַ נס האָבן זיך צוויי פרויען, איינע אַן אַלטע און די צווייטע אַ יונגע, דאָך געראַטעוועט פון דער שרעקלעכער שחיטה אין יענער נאַכט. זיי האָבן זיך באַהאַלטן, ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אין די רערן דורך וועלכע מ׳האָט געצויגן וואַסער אין שטאָט אַריין. אינאיינעם מיט זיי האָבן זיך אויך באַהאַלטן פינף קינדער, וועלכע זענען אין דער מהומה אַנטלאָפן אין גרויס שרעק. די יונגע פרוי האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס, און די געשיכטע דערציילט, אַז זי איז געווען אַ „פאַרשטענדיקע און אַ געלערנטע״. און מיט איר האָט זיך יוסיפוס פלאַוויוס שפעטער געטראָפן און זי האָט אים אַלעס דערציילט און ער האָט דאָס פאַרשריבן. און פון דעם אופן ווי ער האָט געשילדערט ווי אַזוי די לעצטע פון די קנאים האָבן אין מאַסאַדאַ אַליין איינע די אַנדערע אויסגעשאָכטן, כדי נישט אַריינצופאַלן קיין לעבעדיקע אין די הענט פונעם שונא; פון דער באַגייסטערונג וואָס ער דריקט אויס פאַר זיי, קען מען זען אַז ער האָט דערביי, מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן, געטראַכט וועגן יענער הייל ביי דער שטאָט יודפת, ווען ער איז געבליבן דער לעצטער פון די פערציק גבורים, וואָס האָבן זיך אינאיינעם מיט אים באַהאַלטן, און וואו אַנשטאָט נאָכצוטאָן זייער ביישפיל און פאַלן ווי עס האָט געפאַסט פאַר אַן עלטסטן פון די אידישע חיילות אין גליל, איז ער איבערגעגאַנגען צו די שונאים און איז ביי זיי געוואָרן אַ קרוב למלכות, און ביי זיין איי גן פאָלק — געשטעמפּלט ווי פאַררעטער.

דאָס האָט אים, קענטיק, ניט געלאָזט רוען; זיין געוויסן האָט אים געפּלאָגט די גאַנצע צייט, און ער האָט געפּרואווט זיך באַרואיקן דערמיט וואָס ער האָט מיט אַזאַ באַגייסטערונג געשילדערט דעם גרויסן אידישן העלד אליעזר בן יאיר, דעם באַשיצער פון דער לעצטער פעסטונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן דריי יאָר נאָך דעם חורבן פונעם בית המקדש.

די רוימער, וועלכע האָבן די פעסטונג באַלאַגערט, האָבן ניט געוואוסט וואָס ס׳איז דאָרט פאָרגעקומען ביינאַכט. ווען זיי האָבן אין דער פרי דערזען ווי פון אינעווייניק זעצט אַ רויך, זענען זיי

*) זע זיין ווערק „די געשיכטע פונעם אידישן פאָלק אין די צייטן פון יעזוס כריסטוס״ (ענגלישע איבערזעצונג) אָפּט. 2, באַנד 1, ז. 253.

געווען זיכער, אַז די אידן זענען אוודאי אַנטלאָפן און אַז פאַרן אַנ־טלויפן האָבן זיי אַלעס אונטערגעצונדן. אָבער ווען זיי זענען אַריינ־געקומען, האָבן זיי פאַר זיך דערזען אַ טויטע שטאָט.

פון דעם טומל וואָס זיי האָבן געמאַכט ביים אַריינקומען, האָבן די צוויי פרויען אין זייער באַהעלטעניש פאַרשטאַנען, אַז די שרעק־לעכע נאַכט איז שוין אַוועק און דער פרימאָרגן איז שוין אָנגעקומען, און זיי זענען אַרויס מיט די פינף קינדער, וואָס זיי האָבן זיך אין איינעם מיט זיי באַהאַלטן, און ווען זיי האָבן דערציילט וואָס ס׳איז פאַרגעקומען ביינאַכט, זענען די רוימער געבליבן שטיין צעטומלטע. „זיי האָבן זיך ניט געפרייט מיט דעם וואָס ס׳איז געשען מיט זייערע פיינט, — דערציילט פ ל אַ וו י ו ס ,—נאָר זיי האָבן באַוואונדערט זייער איידעלן גייסט און זייער העלדישן איינפאַל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פונעם טויט און געהאַט מוט צו טאָן אַזאַ גרויסע זאַך״.

אַזוי ענדיקט דער היסטאָריקער דעם קאַפּיטעל, אין וועלכן ער באַשרייבט דעם סוף פון די קנאים. ער איז אַליין פאַרכאַפּט געוואָ־רען פון דער אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע. ער האָט שוין מער ניט געקענט רעדן וועגן די אידישע קעמפּער פאַר פרייהייט מיט אַזוי פיל גאַל און האַס ווי פריער; ער האָט פאַרגעסן אָן זיינע פּערזענלעכע חשבונות מיט זיי, און ער האָט אָנגעהויבן פילן — אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן — אַז מיט זייערע מעשים, מיט זייער איבערגעבנ־קייט צום פאָלק און צום לאַנד, האָבן זיי זיך דערהויבן צו אַזאַ הויך, פון וועלכער ער קען אפילו ניט טרוימען.

די פעסטונג מאַסאַדאַ. פון ווייטנס זעט מען דעם ים המלח



# קאַפּיטל צוויי

## דער רוימישער קיסר דאָמיטיאַן און די ערשטע פאַרקריסטלטע אידן

װען דער ב ר - כ ו כ ב א - אויפשטאַנד, וואָס האָט אויסגעבראָכן צ ו ו י י א ו ן ז ע כ צ י ק יאָר נאָכן חורבן פונעם בית המקדש, וואָלט געהאַט אַזאַ אידישן היסטאָריקער ווי י ו ס י פ ו ס פ ל אַ ו ו י ו ס , וואָלטן אין דער אידישער געשיכטע זיכער אַריינגעשריבן געוואָרן נאָך עטלעכע גלענצנדיקע קאַפּיטלען וועגן אַן אויסערגעוויינלעכן העלדישן קאַמף, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג ניט נאָר אינעם לעבן פונעם אידישן פאָלק, נאָר אויך אינעם לעבן פון אַנדערע פעלקער. אַפילו פון די צעוואָרפענע מאַטעריאַלן, וואָס מ׳געפינט וועגן דעם אין די אַלטע אידישע און ניט-אידישע קוואַלן, איז קלאָר, אַז דער אויפשטאַנד וואָס האָט אויסגעבראָכן אַזוי פיל יאָרן נאָכן חורבן, איז געווען גרעסער ווי דער וואָס פאַרן חורבן. ער איז אויך געווען בעסער צוגעגרייט; אויך דער באָדן איז געווען גינסטיקער, און איבער דעם האָט זיך דאָס פייער געקענט פאַרשפּרייטן ווייטער פון די גרענעצן פון לאַנד, און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז דאָס זאָל אינגאַנצן צעטרייסלען די זיילן פון דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע.

צווישן די וואָס האָבן אינעם אויפשטאַנד אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט, זענען געווען אַ סך געלערנטע אידן. אָבער קיין איינער פון זיי האָט אויף זיך ניט גענומען די אויפגאַבע צו פאַרשרייבן די וויכטיקע געשעענישן פון יענער צייט פאַר די דורות וואָס וועלן קומען שפּעטער, ווי פלאַוויוס האָט דאָס געטאָן אין זיין צייט. בכלל איז אינעם אידישן לעבן נאָך פלאַוויוסן געקומען אַ שטילשטאַנד אויף דעם געביט פון שרייבן געשיכטע, און דאָס איז אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, און מ׳מוז זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן דערויף וואָס די אַלטע רוימישע און קריסטלעכע היסטאָריקער האָבן וועגן

דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד געשריבן, און וואָס שייך די אַלטע אידישע קוואַלן, איז אָפט זייער שווער אַרויסצעשיילן דאָס געשיכט־לעכע פון די לעגענדעס, וואָס זענען וועגן דעם צעוואָרפן איבער דער גמרא.

עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין דעם גרויסן בר־כוכבא אויפ־שטאַנד ווען מ׳איז נישט באַקאַנט מיט די אַנדערע אויפשטאַנדן, וואָס זענען פאָרגעקומען פריער און וועלכע האָבן אויסגעבראָכן אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט וואו אידן האָבן זיך נאָר געפונען. און ווייל אַנדערש איז אוממעגלעך דאָס צו פאַרשטיין האָבן מיר זיך דעריבער, אינעם פריערדיקן קאַפּיטל, אָפּגעשטעלט אויף די גע־שעענישן פון די ערשטע דריי יאָר נאָכן חורבן און איבערגעגעבן די איינצייטלהייטן ווי אַזוי די לעצטע דריי פעסטונגען אין יהודה, הערָאָדיאָן, מאַכערוס און מאַסאַדאַ זענען געפאַלן, און איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן דערויף וואָס איז געשען נאָך דעם, און דאָס וועט מאַכן קלאָר, אַז דער גרויסער בר־כוכבא אויפשטאַנד וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יהודה אין די צייטן פון דעם רוימישן קיסר אַדריאַנוס, איז ניט געקומען פלוצלונג.

די אידן האָבן די גאַנצע צייט ניט גערוט; זיי האָבן קיין מאָל נישט אויפגעגעבן די האָפענונג צוריק צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, און ווען זיי האָבן נאָר געקענט און וואו זיי האָבן נאָר געקענט, האָבן זיי געפּרוווט זייערע כוחות אַרונטערצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דער רוימישער הערשאַפט. און מ׳קען זאָגן, אַז אַרום און אַרום האָט זיך דער ביטערער קאַמף געצויגן קנאַפּע הונדערט יאָר — פונעם יאָר 44, ווען אַגריפּאַ דער ערשטער איז געשטאָרבן, ביזן יאָר 135, ווען בר־כוכבא איז געפאַלן. שוין ניט רעכענדיק יענע יאָרן פון פריער, וואָס זענען געקומען נאָך דעם ווי הורדוס דער גרויסער איז געשטאָרבן און רוים האָט צעשניטן די אידישע מלוכה אויף שטיקלעך און זי שפּעטער גע־שטעלט אונטערן „שוץ" פון די פּראָקוראַטאָרן.

נאָכן פאַלן פון מאַסאַדאַ, ווען די מאַכט פון יהודה איז שוין געווען אינגאַנצן געבראָכן און דער גרעסטער טייל פון דעם אידישן באָדן אין ארץ ישראל איז געוואָרן דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון דעם רוימישן צעזאַר אַספּאַסיאַנוס, האָבן די קנאים געפּרוווט אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט פון רוים אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס אין מצרים. אידישע

יונגע לייט וואס זענען אהין אנטלאפן נאכן חורבן אין יהודה, האבן גערופן זייערע ברידער צום קאמף, און אין זייערע דרייד אויף די אסיפות וואס זיי האבן צונויפגערופן, האבן זיי ארויסגעבראכט דעם געדאנק, אז די רוימער שטייען ניט העכער פון די אידן און אז זיי זענען דעריבער נישט ראוי צו הערשן איבער זיי. דאס איז געווען א נאציאנאל-רעוואלוציאנערע אגיטאציע, וואס האט אין זיך אויך געהאט דעם רעליגיעזן גייסט, וואס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט; די יונגע קנאים פון יהודה האבן צו זייערע ברידער אין מצרים געזאגט, אז דאס אידישע פאלק קען אויף זיך טראגן דעם עול בלויז פון גאט אליין, אבער ניט פון קיין מענטשן; און ווען די רייכע לייט האבן דערזען אז די לאגע ווערט זייער ערנסט, האבן זיי זיך שטארק דערשראקן און זיי האבן געמסורט די, וואס האבן גערופן צום קאמף, און דאן האבן די רוימער געכאפט זעקס הונדערט פון די יונגע קנאים און האבן זיי שרעקלעך געפייניקט; מ'האט זיי מיט ריטער געשמיסן זיי זאלן זאגן אויפן קול, אז זיי נעמען אויף זיך דעם יאך פונעם רוימישן קיסר און זיי אנערקענען אים אלס זייער הערשער. אבער זיי האבן אזוינס נישט געוואלט זאגן, און אפילו דאן, ווען מ'האט זייערע לייבער געברענט מיט אנגעגליטע שטיקער אייזן, האבן זיי מיט עקשנות די ליפן געהאלטן פארמאכט און זיך געלאזט פארפייניקן צום טויט.*)

און ווען אספאסיאנוס קיסר האט געזען ווי די באוועגונג פון פון די קנאים האט זיך פון יהודה אריבערגעווארפן קיין מצרים, האט ער צום רוימישן לעגאט אין אלעקסאנדריע צוגעשיקט א באפעל, אז ער זאל גלייך פארשליסן דעם אידישן הייליקן טעמפל (מקדש חוניו), וואס דער אנטלאפענער כהן גדול חוניו האט דארט אויסגעבויט נאך פארן אויפשטאנד פון די חשמונאים, מיט צוויי הונדערט און דריי און פערציק יאר צוריק. מיט דעם איז אספאסיאנוס אויסן געווען אפצושאפן דעם 2טן רעליגיעזן צענטער, וואו אידן קאנען האבן די מעגלעכקייט זיך צונויפצוקומען אין גרויסע מאסן און צוגרייטן א נייעם אויפשטאנד קעגן דער מאכט פון רוים. און נאך דעם האט ער איינגעפירט, אז אנשטאט דעם שקל-אפצאל, וואס די אידן פון דער גאנצער וועלט פלעגן צושיקן פארן בית המקדש, זאלן זיי צאלן א באזונדער קאפ-שטייער פון צוויי-דראכמעס, און דאס זאל גיין פארן טעמפל פון דעם קאפיטאלינישן יופיטער אין רוים.

---

*) תולדות מלחמת היהודים, ספר ז, פרק י.

אָבער אויך נאָך דעם ווי דער מקדש חוניו אין מצרים איז שוין געווען פאַרמאַכט און אידן האָבן אַהין ניט געטאָרט אַריינקומען, איז די האָפענונג זיך צו באַפרייען פונעם יאָך פון די רוימער ניט אויפגעגעבן געוואָרן; די אידן האָבן געפונען אַנדערע ערטער וואו צו רופן זייערע ברידער צום קאַמף, און אַ קורצע צייט נאָך דעם, אינעם יאָר 74 פונעם ערשטן יאָרהונדערט, האָט אויסגע-בראָכן אַן אויפשטאַנד אין די אידישע ישובים פון סירענאַיקע וואָס געפינט זיך אין צפון אַפריקע. דער אויפשטאַנד איז אָבער באַלד אונטערדריקט געוואָרן און דריי טויזנט מענטשן זענען אומ-געקומען, און אַ קלאַנג האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט, אַז נישט קיין אַנדערער ווי יוסיפוס פלאַוויוס אַליין האָט שטילער-הייט דעם אויפשטאַנד געשטיצט . . .

יאָרן זענען אַזוי געגאַנגען און די אידן האָבן זיך אַלץ ניט אונ-טערגעגעבן אינגאַנצן דער רוימישער מאַכט. און זיי האָבן פאַר זיך ניט גענומען קיין ביישפּיל די אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן זיך יאָ אונטערגעגעבן. און דאָס קען מען מער דערקלערן בלויז דערמיט וואָס אין דער צייט ווען מיט די אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען געווען פונקט אַזעלכע געצנדינער ווי די רוימער, איז דער קאַמף געווען בלויז אַ פּאָליטישער, איז אָבער דער קאַמף צווישן די אידן און די רוימער געווען אַ מלחמה צווישן צוויי באַזונדערע קול-טורן, וואָס זענען פונקט דער היפוך איינע פון דער אַנדערער — די רוימער האָבן זיך געשלאָגן צו באַהערשן די וועלט מיטן כוח פון דער שווערד, און די אידן האָבן געוואָלט, אַז מ׳זאָל זיי לאָזן צורו און זיי געבן די מעגלעכקייט צו דינען זייער גאָט און אָפּהיטן זיין תורה און זיך דערהויבן גייסטיק אַזוי הויך, אַז זיי זאָלן קענען דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, און דאַן זאָל פאַר דער גאַנצער וועלט „פון ציון אַרויסקומען אַ תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים".

די גייסטיקע פירער פון דעם אידישן פאָלק האָבן געגלויבט, אַז ס׳וועלן מקוים ווערן די רייד פון דעם גרויסן נביא ישעיה, אַז „אין יענעם טאָג וועט דער מענטש אַוועקוואַרפן פאַר די קראָטן און פלעדערמייז זיינע אָפּגעטער פון זילבער און זיינע אָפּגעטער פון גאָלד וואָס ער האָט אַליין געמאַכט זיך צו זיי צו בוקן". און אַז דאַן וועט „אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק מער נישט הויבן קיין שווערד און מ׳וועט זיך מער נישט לערנען ווי צו פירן מלחמה". *) און דאָס איז

*) ישעיה ב, ד.

געווען פונקט דער היפּוך פון דעם וואָס די רוימער האָבן געטאָן און געפּרעדיקט. עס איז דעריבער געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז ר ו י ם , די גרויסע וועלט-מאַכט, וואָס האָט געהערשט מיט דער שווערד, זאָל זען אַ גרויסע סכנה פאַר זיך אין י ר ו ש ל י ם וואָס טרוימט אויך, אויף איר אייגענעם שטייגער, צו ווערן אַ גרויסע וועלט-מאַכט מיטן כוח פון איר ג ײ ס ט . און דערפאַר איז דער קאַמף געווען אַזאַ פאַרביטערטער. דערפאַר האָט ער געדויערט אַזוי פיל יאָרן.

***

אספּאַסיאַנוס קיסר איז געווען זייער שטרענג ביים איינמאַנען ביי די אידן דעם באַזונדערן קאָפּ-שטייער, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס „ פ י ס ק ו ס י ו ד א י ק ו ס ". אָבער נאָך שטרענגער פון אים איז געווען זיין זון ד אָ מ י ט י אַ ן , וועלכער איז אַרויף אויפן טראָן אין דעם יאָר 81 פונעם ערשטן יאָרהונדערט, נאָך דעם ווי טיטוס הרשע איז געשטאָרבן.

פופצן יאָר איז דאָמיטיאַן אויפן טראָן געזעסן, און אין די יאָרן פון זיין הערשאַפט האָט ער די אידן שטאַרק פאַרפאָלגט; זיין באַ-פעל איז געווען מ׳זאָל גוט אַכטונג געבן, אַז קיין איין איד זאָל זיך ניט אַרויסדרייען פון דעם קאָפּ-שטייער וואָס עס איז אויף זיי אַרויפ-געלייגט געוואָרן, און דער רוימישער היסטאָריקער ס י ו ט אָ נ י ו ס דערציילט, אַז ער האָט איין מאָל אַליין געזען ווי מען האָט אַן אַלטן מאַן פון ניינציק יאָר אויסגעטאָן נאַקעט אין געריכט פאַר אַלעמען אין די אויגן, צו זען צי ער איז אַ געמלטער, אָדער ניט.*)

אויך די קריסטלעכע סעקטע האָט דאָמיטיאַן שטאַרק פאַר-פאָלגט, ווייל ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אַן אָפּצווייג פון דעם אידישן פאָלק, און ער האָט געהאַט אַ גרונט אויף זיי אַזוי צו קוקן, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער ערשטער קריסטלעכער סעקטע איז דאָך באַשטאַנען פון אידן; זיי האָבן אָפּגעהיט די אידישע דינים און מנהגים און זיך אויפגעפירט ווי אידן, אָבער זיי האָבן געגלויבט, אַז י ע ז ו ס איז געווען דער משיח און אַז אויף קיין אַנדער משיח דאַרפן אידן שוין מער ניט וואַרטן.

ד אָ מ י ט י אַ ן האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז די אידן זאָלן נאָך ניט מאַכן קיין אויפשטאַנד אין די גרענעצן פון זיין גרויסער

*) זע זיין ווערק „דאָס לעבן פון די צוועלף צעזאַרס", דאָמיטיאַן, קאַפּ. 12.

מלוכה, און ווען עס זענען צו זיינע אויערן דערגאַנגען די לעגענדעס וואָס די פאַרקריסטלטע אידן האָבן פאַרשפּרייט, אַז י ע ז ו ס האָט געשטאַמט פון דוד המלך און אַז ער איז דאָס געווען דער משיח בן דוד, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן דערפאַר, ווייל ער האָט געמיינט, אַז די אַלע וואָס גיבן זיך אָן פאַר קרובים פון דעם געקרייציקטן האַלטן אוודאי, אַז פונקט ווי ער, שטאַמען זיי אויך פון דוד המלך, און אַז צווישן זיי געפינט זיך גאַר אפשר איינער, וואָס טראַגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק ווידער צו גרינדן אַ אידישע מלוכה און ווערן דער קעניג פון יהודה.

ער האָט זיי אַלעמען געוואָלט אויסראָטן, דער ווילדער צעזאַר ד אָ מ י ט י אַ ן , וועלכער איז געגאַנגען אין די וועגן פון קאַליגולאַ און נירון. ער האָט געוואָלט מאַכן פון זיי אַלע אַ סוף. און דאָס איז געווען ניט דערפאַר וואָס ער האָט פיינט געהאַט קריסטן, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געהאַסט אידן. און ס'איז אַ סברה, אַז צום באַשלוס זיי אויסצוראָטן איז ער געקומען איבער אַן אויפשטאַנד וואָס האָט ערגעץ אויסגעבראָכן, אָדער איבער דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ גרונט זיך צו ריכטן אויף אַן אויפשטאַנד. אַזאַ השערה דריקט אויך אויס ד ר. י ו ס ף ק ל ו י ז נ ע ר אין זיין בוך „כשאומה נלחמת על חירותה" (זייט 122), און ער פאַררופט זיך דערביי אויך אויף אַנדערע, וואָס דריקן אויס די זעלבע מיינונג.

אָבער זיין מורא פאַר די פאַרקריסטלטע אידן, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס די קרובים פון י ש ו ה נ ו צ ר י איז געווען אומזיסט; קיינער פון זיי האָט ניט געטראַכט וועגן אַזאַ זאַך ווי אויפשטעלן צוריק די אידישע מלוכה און באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון דעם פרעמדען יאָך, וואָס האָט זיך אַזוי שווער געלייגט אויף זייערע אַקסלען. דאָס איז זיי אַפילו אין זינען ניט געלעגן. און ווען מ'האָט זיי געבראַכט פאַר ד אָ מ י ט י אַ נ ן און ער האָט זיי געפרעגט צי זיי שטאַמען פון דער משפחה פון דעם אידישן קעניג דוד, האָבן זיי געענטפערט אַז יאָ. אָבער עס שיינט, אַז ער האָט זייער ענטפער ניט גענומען ערנסט. ווייל ער האָט גלייך איינגעזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט פּשוטע און שטאַרק פאַרגלויבטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך איינגערעדט זאַכן, וואָס זענען ווייט פון דערווירקלעכקייט; פון די ענטפערס וואָס זיי האָבן אים געגעבן אויף די פראַגן וואָס ער האָט זיי געשטעלט וועגן זייער פאַרמעגן און אויך וועגן זייער לעבן אין אַלגעמיין, איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך ניט קיין מענטשן פון קעניגלעכן יחוס, נאָר האָרע-

פּאַשנע לייט, אָרעמע באַשעפענישן, וואָס לעבן פון שווערער אַרבעט, און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר זיי דאַרף ער קיין מורא ניט האָבן, אַז ניט זיי זענען די מענטשן וואָס וועלען אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק און צוריק אויפשטעלן די אידישע מלוכה.

די דאָזיקע געשיכטע, וואָס י ו ס ע ב י ו ס דערציילט אין זיין ווערק „די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע“ (בוך 3, קאַפּ. 20, זייט 238), ווערט איבערגעגעבן אינעם נאָמען פון דעם קריסטלעכן היסטאָריקער ה ע ג ע ס י פּ ו ס , וועלכער האָט געלעבט אינעם צווייטן יאָרהונדערט. דאָרט ווערט אויך דערציילט, אַז דאָמיטיאַן האָט יענע לייט ניט באַשטראָפט, נאָר ער האָט צו זיי אַרויסגעוויזן „פאַראַכטונג ווי צו פּשוטע מענטשן“. עס ווערט אויך געזאָגט, אַז ער האָט זיי אָפּגעלאָזט פריי, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז מ׳זאָל זיי מער ניט פאַרפאָלגן, און זיי זענען נאָך דעם געוואָרן די פירער פון דער קירכע. און דאָס גיט אַ גרונט צו גלויבן אַז זיי האָבן פאַר אים שוין דעמאָלט געמאַכט קלאָר, אַז זיי קערן זיך מער אינגאַנצן ניט אָן מיטן אידישן פאָלק און אַז צווישן זייער גלויבן און דעם אידישן שטייט אַ שטאַרקע מחיצה וואָס טיילט אָפּ איינע פון די אַנדערע.

אַזוי האָבן די ערשטע קריסטן, אָדער בעסער געזאָגט, די ערשטע פאַרקריסטלטע אידן, געהאַנדעלט ניט איין מאָל — אין אַן עת-צרה האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט פון אידן און האָבן שאַרף אונטערגעשטראָכן, אַז זיי קערן זיך מער גאָרניט אָן מיטן אידישן פאָלק, זיי האָבן דאָס געטאָן פאַרן חורבן, אין די צייטן פון דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט פון רוים, און זיי האָבן דאָס אויך געטאָן נאָכן חורבן, ווען דער קיסר ד אָ מ י ט י אַ ן האָט גענומען אַרויסווייזן זיין אַכזריות צו אידן און צו אַלץ וואָס האָט נאָר אויף זיך אַ שאָטן פון אידישקייט. און עס איז זייער מעגלעך, אַז ניט קיין קליינע ראָלע דערביי האָט אויך געשפּילט דער קאָפּ-שטייער פון צוויי דראַכמעס, וואָס מ׳האָט ביי אידן אונטער דאָמיטיאַנען איינגעמאָנט מיט אַזאַ שטרענגקייט. די וואָס האָבן באַוויזן אַז זיי קערן זיך מיט אידישקייט מער גאָרניט אָן, זענען פון דעם קאָפּשטייער געוועזן פּטור . . .

נאָך אַ גרעסערע שנאה ווי צו די אידן האָט דאָמיטיאַן אַרויסגעוויזן צו די ג ר י ם , וועלכע האָבן אָנגענומען אידישקייט. און אַזעלכע זענען דעמאָלט אין רוים געווען זייער אַ סך. אין די

העכסטע קרייזן פון דער רוימישער אריסטאָקראַטיע, צווישן די גע־לערנטע לייט, וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צום קיסרס הויף, איז די צאָל פון די וואָס האָבן שטילערהייט דער אידישן גלויבן אָנגע־נומען, געווען גאַנץ באַדייטענד, ווייל זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אידישער גלויבן אין איין גאָט, וואָס „האָט ניט קיין גוף און ניט קיין געשטאַלט פון קיין גוף", שטייט העכער פון דעם גלויבן פון אַלע געצנדינערישע פעלקער. אויך די אידישע מאָראַל האָט זיי אָנגעהויבן ווערן נעענטער צום האַרצן פון דער רוימישער, אין וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן זען בלויז הפקרות און צעלאָזנקייט. דערפאַר האָבן זיי דעם אידישן גלויבן אָנגענומען, אָבער זיי האָבן זיך דערמיט באַהאַלטן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן צאָרן פון דעם ווילדן צעזאַר, וועלכער האָט פאַרפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד מיט אויסשפירער און מוסרים. און עס איז געווען געוווּנג אַז אַ מסור זאָל אָנווייזן אויף איינעם, אַז ער האָט באַ־האַלטנערהייט דעם אידישן גלויבן אָנגענומען, איז זיין שיקזאַל שוין געווען אַ פאַרחתמעטער — דער ביוזער צעזאַר ד אָ מ י ט י אַ ן האָט אים גלייך צום טויט פאַרמשפּט און צוגענומען ביי אים זיין גאַנצן פאַרמעגן.

צווישן די וואָס זענען אין יענער צייט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דערפאַר וואָס זיי האָבן שטילערהייט דעם אידישן גלויבן אָנ־גענומען, איז אויך געווען דער באַרימטער רוימישער סענאַטאָר פ ל אַ ו ו י ו ס ק ל ע מ ע נ ס , אַ נאָהענטער קרוב פונעם קיסר און דער מאַן פון זיין שוועסטערס טאָכטער. קלעמענס איז געווען איי־נער פון די אָנגעזעענסטע לייט אין הויף און זיינע קינדער זענען גע־ווען באַרעכטיקט צו ירשענען דעם טראָן אין דער רוימישער אימפּעריע; אָבער דאָס האָט דאָמיטיאַנען דאָך ניט געשטערט אים צו פאַרמשפּטן צום טויט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז ער האָט דעם אידישן גלויבן אָנגענומען. אויך זיין ווייב, פ ל אַ ו ו י אַ ד אָ מ י ט י ל אַ , וועלכע איז געווען די טאָכטער פון זיין אייגענער שוועסטער, האָט דאָמיטיאַן שטרענג באַשטראָפט דערפאַר וואָס זי האָט אינאיינעם מיט איר מאַן דעם אידישן גלויבן אָנגענומען. ער האָט זי פאַרשיקט אויף אַ וויטן אינדזל אויפן גאַנצן לעבן.

ער האָט אַלץ מורא געהאַט, דער צעזאַר, אַז דער אידישער גלויבן זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן צו פיל; ער האָט אין דעם געזען אַ גרויסע סכנה פאַר דער רוימישער וועלט־מאַכט.

אויך דער געלערנטער שריפטשטעלער ע פּ אַ פ ר אָ ד י ט ו ס , אַ נאָענטער פריינד פון דעם אידישן היסטאָריקער י ו ס י פ ו ס

פּלאַוויוס, איז אין יענער צייט געפאַלן אַ קרבן איבער דעם וואָס ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון אידישן גלויבן און פון דער אידישער מאָראַל. אים האָט דאָמיטיאַן אויך פאַרמשפּט צום טויט דערפאַר. און עס איז אַ סברא, אַז יוסיפוס פלאַוויוס אליין האָט אויך געהאַט דעם זעלבן סוף, ער איז אויך פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין די צייטן ווען דאָמיטיאַן האָט זיך פאַרלייגט דעם אידישן גלויבן אויסצעראָטן. אַזאַ מיינונג דריקט אויס גרעטץ און ער פאַר־רופט זיך דערביי אויף אַן אַנדער היסטאָריקער וואָס האַלט, אַז אין איינעם מיט דעם גריכישן געלערנטן שריפטשטעלער עפּאַפראָ־דיטוס איז יוסיפוס פלאַוויוס אויך פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.*) אַנדערע פאָרשער אָבער, און צווישן זיי אויך אַזאַ אויטאָריטעט ווי פּראָפעסאָר וויליאַם וויהיסטאָן, דער ענגלישער איבערזעצער פון פלאַוויוסעס אַלע ווערק, האַלטן אַז דאָס איז בלויז אַן השערה, און אַז פלאַוויוס האָט פאַרענדיקט זיין אייגענע לעבנס-געשיכטע ערשט ביים סוף פון ערשטן יאָר־הונדערט, און דאָס מיינט — פיר יאָר שוין נאָך דעם ווי דאָמי־טיאַן איז געווען טויט.

אַ סוף האָט דאָמיטיאַן געהאַט זייער אַ ביטערן—ווי די מערסטע רשעים און שונאי-ישראל פון יענע צייטן; ער האָט אין זיין אייגענעם הויף קיין מאָל מיט זיין לעבן ניט געקענט זיין זיכער; ער האָט זיך שטענדיק געשראָקן פאַר אַ פאַרשווערונג און מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם שאָטן, און נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעווילדעוועט אויפן טראָן פופצן יאָר מיט פינף טעג, האָבן זיינע באַדינער אין הויף אים דערשטאָכן אויף טויט. אין דער פאַרשווערונג אים צו דערהרגענען האָט זיך אויך באַטייליקט זיין אייגענע ווייב. באַגראָבן האָט מען אים ווי אַ הונט, ניט ווי אַ הערשער פון אַ גרויסער אימפּעריע. איבערן גאַנצן לאַנד האָט געהערשט גרויס פרייד ווען מען האָט דערהערט די גוטע בשורה אַז ער איז שוין טויט. דער סענאַט האָט גלייך צונויפגערופן אַ זיצונג און וואו עס איז נאָר דאָרט ערגעץ געשטאַנען אַ סטאַטוע פון דעם דערהרגעטן קיסר, האָט מען זי אַרונטערגעוואָרפן, און די אַלע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן אים פריער געחנפעט, און אים געזאָגט, אַז ער איז דער גרעסטער צווישן די גרויסע און אַז ער איז אַ גאָט, האָבן זיך אָפן שטאַרק געפרייט דער־מיט וואָס ער איז שוין טויט און וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ סוף.

*) דברי ימי ישראל, חלק שני, פרק חמישי (גלות רומא) ז. 211.

## קאַפּיטל דריי

### טראַיאַנוס — אַ זעלנער אויף אַ טראָן

אַזיב אַפילו ס׳זענען אין דאָמיטיאַנס צייטן אין יהודה יאָ פאָרגע־ קומען אויפשטאַנדן, ווי איינִיקע פאָרשער זענען גענייגט צו גלויבן, זענען דאָס זיכער געווען ניט קיין ערנסטע. זיי האָבן ניט אָנגענומען אַזאַ פאָרמע ווי דער ב ר ־ כ ו כ ב א ־ א ו י פ ש ט א נ ד מיט יאָרן שפּעטער; אָבער פאַר דאָמיטיאַנען זענען זיי דאָך געווען גענוג גרונט צו מאַכן אַלץ שטרענגער און שטרענגער די גזירות, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן קעגן די אידן און אויך קעגן די, וואָס גייען איבער צום אידישן גלויבן.

אויף עטלעכע ערטער אין דער גמרא ווערט דערציילט וועגן אַ רייזע, וואָס די פיר גרויסע אידישע געלערנטע, ר ב ן ג מ ל י א ל, ר ב י א ל י ע ז ר, ר ב י י ה ו ש ע און ר ב י ע ק י ב א האָבן געמאַכט קיין רוים. עס ווערט דערציילט, אַז זיי זענען גע־ קומען אַהין אין אַ צייט ווען דער קיסר האָט געהאַלטן ביים אַרויס־ געבן אַ גזירה, אַז אין דרייסיק טעג צייט זאָל מען אויסראָטן און פאַרטיליקן אַלע אידן וואָס געפינען זיך אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, און אַז די פיר תנאים האָבן אויף זיך גענומען די אַרבעט צו בעטן דעם קיסר אַז ער זאָל די גזירה צוריקרופן.

דאָס איז אויסגעפאַלן אין די לעצטע עטלעכע וואָכן פון דאָ־ מיטיאַנס הערשאַפט. אין הויף איז שוין דאַן געווען צוגעגרייט די פאַרשווערונג אים צו דערהרגענען. די פיר אידישע געלערנטע האָבן געמאַכט פאַרבינדונגען מיט מענטשן וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום קיסרס הויף, און עס איז זייער מעגלעך, אַז שטאַרק אַרויס־ געהאָלפן אין דעם האָט זיי ניט קיין אַנדערער ווי י ו ס ף ב ן מ ת ת י ה ו. ווען זיי זענען געקומען קיין רוים זיך משתדל צו זיין פאַר די אידן, האָבן זיי זיך דאָרט מיט אים געטראָפן, און אין דער מסכת „דרך ארץ רבה" (פרק ה׳) ווערט דערציילט, אַז ווען זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אָן זיין טיר און ער איז אַרויסגעקומען און האָט זיי

דערזען, האָט ער זיי אַזוי באַגריסט: „שלום עליכם, חכמי-ישראל, ולרבן גמליאל בראש״. און דאָס איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ צייכן פון גרויס איידלקייט. און ווען מען האָט דאָס שפּעטער איבערדער-ציילט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט דערויף און מ׳האָט געדרינגען, אַז ווען ער וואָלט בלויז געזאָגט „שלום אויף אייך, חכמים פון ישראל״, וואָלט ער דאָך דערמיט באַליידיקט רבן גמליאלן, וועלכער איז געווען דער עלטסטער, דער נשיא פונעם בית-דין אין יבנה, און ווען ער וואָלט געזאָגט בלויז „שלום אויף דיר, רבן גמליאל״, וואָלט ער דאָך דערמיט געווען באַליידיקט די אַנדערע דריי גרויסע אידישע געלערנטע; אַזוי אָבער האָט ער זיי אַלעמען אָפּגעגעבן כבוד, און רבן גמליאלן אַ ביסל מער, ווייל דאָס קומט אים דאָך לויט זיין שטאַנד אינעם בית-דין פון יבנה, וואָס האָט איצט פאַר-נומען דאָס אָרט פון דער חרוב-געוואָרענער הייליקער שטאָט ירו-שלים.

די פיר אידישע געלערנטע האָבן אין אָנפאַנג קיין חשק ניט געהאַט צו באַזוכן יוסף בן מתתיהון, וועלכער האָט שוין דאַן געהייסן יוסיפוס פלאַוויוס. כאָטש עס איז שוין דעמאָלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן, האָבן זיי נאָך אַלץ גוט געדענקט זיין איבערגיין צו די רוימער נאָכן פאַלן פון דער שטאָט יודפת אין גליל. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַררעטער צו זיין פאָלק. און עס ווערט דערציילט, אַז ווען רבי יהושע האָט דאָס ערשטע מאָל געזאָגט צו רבן גמ-ליאלן, אַז מען זאָל זיך גיין זען מיט פלאַוויוסן, האָט ער שטרענג געענטפערט מיט איין וואָרט: „ניין!“ ערשט מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען ביי אים געפועלט מען זאָל דאָך גיין, און דאָס אַליין, וואָס אַזעלכע פיר איבערגעגעבענע אידן האָבן געקענט פאַרבויגן אַלץ אָן אַ זייט און אויך זייער אייגענעם כבוד און גיין צו איינעם וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ פאַררעטער, באַווייזט אַז עס איז געווען אַן עת-צרה פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק. אַנדערש וואָלטן זיי צו אים זיכער ניט געגאַנגען.

אין די אידישע קוואַלן געפינט מען אַ סך שיינע און אינטע-רעסאַנטע געשיכטעס וועגן די פאַרבינדונגען, וואָס די פיר גרויסע אידישע געלערנטע האָבן געמאַכט אין יענער צייט אין רוים מיט זייער אָנגעזעענע לייט, און וועגן די געשפּרעכן וואָס זיי האָבן מיט זיי געפירט. עס ווערט דערציילט, אַז אַלע האָבן באַוואונדערט זייער קלוגשאַפט און זיי האָבן אַלעמען איבערראַשט מיט זייער אויסער-

געוויינלעכער פעאיקייט צו ענטפערן שנעל און גלייך אויפן אָרט אויף יעדער פראַגע וואָס מען האָט זיי געשטעלט. עס שיינט, אַז די געלערנטע פון רוים האָבן מיט די פיר תנאים גערעדט וועגן דעם אונטערשייד צווישן דעם אידישן גלויבן און דעם גלויבן פון די אַנדערע פעלקער, און איין מאָל האָט מען זיי געשטעלט אַזאַ פראַגע:

„אויב עס איז אמת, אַז אייער גאָט איז טאַקע אַזוי מעכטיק ווי איר זאָגט, און די געטער פון די אַנדערע פעלקער האָבן ניט קיין ממשות, איז פאַר וואָס פאַרטיליקט ער זיי ניט?"

דערויף האָבן די פיר אידישע געלערנטע געענטפערט:

„ווען די אָפּגעטער, צו וועלכע מען דינט, וואָלטן געווען בלויז אַזעלכע, וואָס זענען אינגאַנצן ניט נויטיק פאַר דעם קיום פון דער וועלט, וואָלט דער אויבערשטער דאָס זיכער געטאָן; אָבער די זון, די לבנה, די שטערן און די מזלות זענען דאָך צווישן די אָפּגעטער, צו וועלכע יענע דינען; נו, זאָל גאָט חרוב מאַכן די וועלט איבער דעם וואָס עס זענען פאַראַן נאַראָנים?"

עס איז ניט זיכער, צי די פיר ת נ א י ם האָבן זיך טאַקע צוגעשלאָגן צו דאָמיטיאַנען, צי ניין. עס שיינט גיכער, אַז זיי האָבן זיך צו אים אַליין ניט דערשלאָגן און זיי האָבן געפּרואווט ווירקן אויף אים דורך אַנדערע, אַז ער זאָל די גזירה קעגן די אידן ניט דורכפירן. ווען ער וואָלט זיי יאָ אויפגענומען, וואָלט אפשר פאַרגעקומען פונקט דאָס זעלבע ווי ביי דער באַגעגעניש פון דעם משוגענעם צעזאַר ק אַ י ו ס ק אַ ל י ג ו ל אַ מיט דעם גרויסן אידישן געלערנטן פ י ל אָ ן פ ו ן אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר י ע. די אידישע שלוחים פון יהודה וואָלטן פון דעם ווילדן דאָמיטיאַן געווים קיין נחת ניט געהאַט, ווייל ער וואָלט זיי אוודאי ניט אויפגענומען בעסער ווי קאַליגולאַ האָט מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק אויפגענומען די אידישע שלוחים פון אַלעקסאַנדריע. אָבער סיי ווי סיי איז צו אַזאַ באַגעגעניש ניט געקומען, ווייל פונקט דאַן ווען ר ב ן ג מ ל י א ל, ר ב י א ל י ע ז ר ב ן ע ז ר י ה ו, ר ב י י ה ו ש ע און ר ב י ע ק י ב א זענען געווען אין רוים, איז דורכגעפירט געוואָרן די פאַרשווערונג אין הויף און מען האָט דאָמיטיאַנען דערהרגעט.

דאָס איז געשען דעם 18טן סעפּטעמבער פון יאָר 96, און נאָך אים איז אַרויף אויפן טראָן מ אַ ר ק ו ס נ ע ר ו ו אַ.

נערוואַ איז שוין דאַן געווען אַן אַלטער מאַן פון איבער זעכציק, ווען ער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דער רוימישער אימפּעריע.

אין דער נאַטור איז ער געווען אַ גוטער מענטש און ער האָט זיך אויך צו די אידן באַצויגן זייער גוט. ער האָט גלייך איינגעפירט, אַז מען זאָל ניט באַשטראָפן קיינעם פאַר אָננעמען דעם אידישן גלויבן, און ער האָט אויך פאַרווערט צו שלעפּן אידן אין געריכט פאַר נ י ט צאָלן דעם קאָפּ-שטייער פון צוויי דראַכמעס, כאָטש אינגאַנצן אָפּגעשאַפט דעם שטייער האָט ער ניט.

דאָס איז ניט געפעלן געוואָרן יענע לייט אין הויף, וועלכע האָבן ניט ליב געהאַט קיין אידן און וועלכע האָבן בעסער גלאַט ליב גע-האַט צו דינען אונטער אַ בייזן קיסר, וואָס טרייבט אַלעמען צו זיין שטרענג. עס איז זיי ניט געפעלן וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט די מוסרים, וועלכע פלעגן פריער ברענגען מסירות אויף יעדן איינעם, וואָס האָט שטילערהייט אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. בכלל איז זיין גוטסקייט זיי ניט געווען צום הארצן, און איינער פון יענע הויף-לייט האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט, אַז פריער איז אוודאי געווען שלעכט צו האָבן אַ קיסר וואָס האָט קיינעם גאָרניט געלאָזט טאָן; אָבער עס איז נאָך ערגער איצט, ווען אויפן טראָן זיצט אַ קיסר וואָס לאָזט יעדן איינעם אַלצדינג טאָן.

ניט מער ווי א י י ן יאָר מיט פיר חדשים איז נ ע ר װ ו אַ געווען קיסר, און ווען ער איז געשטאָרבן, אַז מ אַ ר ק ו ס ט ר אַ-י אַ נ ו ס אַרויף אויפן טראָן.

ט ר אַ י אַ נ ו ס איז געווען אַ זעלנער דורך און דורך, און זיינע מיליטערישע אַמביציעס זענען געווען זייער גרויסע. אין דער נאַטור איז ער דווקא ניט געווען קיין שלעכטער און ער האָט געקענט אויסקומען מיט מענטשן; אין זיין באַציאונג צו אַנדערע איז ניט געווען קיין אָנגעצויגנקייט; דערצו איז נאָך זיין מעלה באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז שוין געווען אַ געזעצטער מענטש ווען ער איז אַרויף אויפן טראָן, ער איז שוין דאַן אַלט געווען צוויי און פערציק יאָר, און דערפאַר איז פשוט אוממעגלעך געווען, אַז ער זאָל זיך אויפן טראָן צעווילדעווען אַזוי שטאַרק ווי אַ נ י ר ו ן , ווי אַ ק אַ ל י ג ו ל אַ אָדער ווי אַ ד אָ מ י ט י אַ ן , וועלכע זענען אין דער אמתן נאָך געווען ווילדע, צעבאַלעוועטע אינגלעך ווען מען האָט זיי געמאַכט פאַר די גאַנצע הערשער פון דער גרויסער רוימישער אימפעריע. ביי טראַניאַנוסן האָט דער טראָן ניט אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג צו ווייזן אַז ער קען הרגענען, מאָרדן און טאָן וואָס ער וויל, ווייל די מאַכט איז דאָך ביי אים אין די הענט און קיינער קען אים גאָר ניט זאָגן; ער האָט דווקא ליב געהאַט זיך צו באַראַטן מיט

אַנדערע, און ער האָט זיך געהאַלטן איינפאַך. די צרה מיט אים איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען שוין צו פיל זעלנער און ער האָט דווקא געוואָלט זיין אַן אַלעקסאַנדער מוק-דון און איינגעמען די גאַנצע וועלט.

די אַלע יאָרן וואָס ער איז געווען קיסר האָט ער געהאַלטן אין איין פירן מלחמות, און וואָס מער נצחונות ער האָט געהאַט, אַלץ גרעסער זענען געוואָרן זיינע מיליטערישע אַמביציעס, און ווי נאָר עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ערגעץ געפינט זיך אַ מדינה וואו די מורא פאַר רוים איז שוין מער ניט אַזוי גרויס, ווייל אונטער דאַ-מיטיאַנען איז די מאַכט פון דער אימפעריע געוואָרן שוואַכער, איז ער גלייך אַוועק אַהין מיט זיינע לעגיאָנען צו האַלטן מלחמה.

אָנגעהויבן האָט ער מיט דער מלוכה פון דעם לאַנד דאַקיאַ, וואָס איז די איצטיקע רומעניע. דער קעניג פון יענעם לאַנד איז געווען דער געניטער קריגס-פירער דעקעבאַלוס. אין אַ מלחמה וואָס דאָמיטיאַן האָט נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געפירט קעגן אים, האָבן די רוימער פאַרלאָרן און זענען געווען געצוואונגען צו שליסן אַזאַ שלום, וואָס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען. און דאָס האָט טראַיאַנוס איצט ניט געקענט פאַרגעבן די דאַקיער, און ער איז אַוועק אַהין מיט זיינע לעגיאָנען און דאָרט האָט ער זיך גע-שלאָגן קנאַפּע זיבן יאָר, און אָפּגעשטעלט די מלחמה האָט ער ערשט דאַן, ווען דעקעבאַלוס האָט פון גרויס פאַרצווייפלונג, אַליין געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן און מען האָט זיין אָפּגעשניטענעם קאָפּ אַוועק-געשיקט קיין רוים.

טראַיאַנוס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסן פאַרנעם. ער האָט ליב געהאַט צו טאָן זאַכן אויף אַזאַ שטייגער, וואָס זאָל ציען אַ סך אויפמערקזאַמקייט און וואָס זאָל אַלעמען איבערראַשן. ווען ער איז נאָך דער מלחמה קעגן די דאַקיער געקומען צוריק קיין רוים, האָט ער הונדערט און דריי און צוואַנציק טעג נאָכאַנאַנד געפּראַוועט שמחות, און ער אַליין האָט דערביי אַ סך געטרונקען, ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט ווין, און אויף יענע שמחות אין וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך באַטייליקט, האָט מען אויסגעשאָכטן ניט ווייניקער ווי עלף טויזנט בהמות און חיות, און אין די ראַנגלענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין די צירקן צו פאַרווײלן דעם עולם, האָבן זיך באַטייליקט צען טויזנט גלאַדיאַטאָרן.

בכלל האָט מען וועגן דעם רוימישן קיסר טראַיאַנוס געקאָנט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס דער גרויסער רוסישער דיכטער פּושקין האָט

אַמאָל געזאָגט וועגן דעם רוסישן קיסר ניקאָלאַי דעם ערשטן. „ער האָט אין זיך — האָט דער דיכטער געזאָגט — זייער אַ סך שטריכן פון אַ פעלדפעבל און זייער ווייניק שטריכן פון אַ פּיאָטר דעם גרויסן“. וואָרעם אין דער זעלבער צייט וואָס טראַיאַנוס האָט זיך אַזוי געריסן צו זיין אַן אַלעקסאַנדער דער גרויסער און פאַרנעמען אין דער געשיכטע פּונקט אַזאַ פּלאַץ, איז ער אין דער אמתן געווען ניט מער ווי אַ זעלנער; ער האָט ניט געהאַט די בילדונג, די קולטור, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדן האָט געהאַט און ער האָט אויך ניט פאַרמאָגט דעם וויטן בליק פון יענעם גרויסן גריך, וואָס האָט באַזיגט די גאַנצע וועלט. אַ צופאַל האָט אין טראַיאַנוסעס הענט איבערגעגעבן אַ גרויסע אַרמיי, האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער וועלט; ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי צו באַפעסטיקן די נצחונות זיינע וואָס ער האָט געהאַט אויפן שלאַכטפעלד; ער האָט גאָרניט געבראַכט צו די פעלקער וואָס האָבן זיך אים אונטערגעגעבן און ס'איז דעריבער אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז נאָך דעם ווי ער האָט איינגענומען אַ לאַנד, האָט דאָרט שפּעטער אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד.

אין זיין אימפּעט זיך צו פאַרמעסטן אין גרויסקייט מיט אַלעקסאַנדער מוקדן, וועמענס אָנדענק ס'האָט אַזוי שטאַרק געררייצט זיין זעלנערשע פאַנטאַזיע, האָט ער זיך אַריינגעדרייט אין אַזאַ ווילדן געיעג פון מלחמות, אַז אין רוימישן סענאַט האָט מען גאָרניט געקאָנט אַרויסרעדן ריכטיק די נעמען פון די פעלקער, וואָס ער האָט באַזיגט אויף די שלאַכטפעלדער. אַלע מאָל האָט ער צוגעשיקט אַ נייעם צושריפט וועגן אַ זיג איבער אַן אַנדער פאָלק, און די סענאַטאָרן האָבן דעם צושריפט געלייענט און אַ סך פון זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס פאַר אַ פאָלק דאָס איז און וואו זייער לאַנד געפינט זיך, און מ'האָט געמיינט, אַז ס'קומען ווידער די אַלטע גוטע ציטן ווען רוים איז נאָך געווען אַ רעפּובליק און האָט פאַרשפּרייט איר מאַכט איבער אַלע פעלקער פון דער וועלט.

און אין וואָס פאַר אַ לאַנד טראַיאַנוס איז נאָר אַריינגעקומען מיט זיינע לעגיאָנען און האָט דאָרט פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט, האָט דאָס אָנגערירט די אידן, ווייל זיי זענען דאָך געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער די אַלע לענדער. און ס'איז דאָך גאָר קיין צווייפל ניט, אַז קיין פרייד האָבן טראַיאַנוסעס גרויסע נצחונות פון יענער צייט ביי די אידן ניט געקאָנט אַרויסרופן; זיי האָבן גוט

געוואוסט די באַדייטונג און גוט געפילט דעם טעם פון אַ רוימישער הערשאַפט און זיי האָבן אויף די רוימער שטענדיק געקוקט ווי אויף ביטערע שונאים און האָבן ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז זיי זענען געווען די, וואָס האָבן חרוב געמאַכט זייער לאַנד און פאַרברענט דעם הייליקן טעמפל. און דערמיט דערקלערט זיך וואָס די אידן זענען דאַן אַרוים אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד קעגן רוים אין די אַלע לענדער, מיט וועלכע טראַיאַנוס האָט געהאַלטן מלחמות, ווי ס׳וועט דערציילט ווערן ווייטער.



דאָמיטיאַן

## קאַפּיטל פיר

### ווען אידן זענען געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער אין קאַמף פאַר פרייהייט

די לעצטע דריי יאָר פון טראַיאַנוסעס לעבן — פון 114 ביז 117, פונעם צווייטן יאָרהונדערט — זענען געווען די שטורעמדיקסטע אין זיין קאַריערע פון אַ קריגספירער און אויך אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון יענער צייט.

אינעם יאָר 114 האָט ער זיך מיט זיינע חיילות אַריינגעריסן קיין אַזיע. די אַלטע קריג, וואָס איז יאָרן-לאַנג אָנגעגאַנגען צווישן די רוימער און די פּרתים וועגן דעם ווער ס׳זאָל האָבן די גאַנצע מאַכט אין אַרמעניע, איז ווידער אַרויסגעקומען אָפן. טראַיאַנוס האָט פאַרכאַפּט אַרמעניע און זיך געלאָזט מאַרשירן אויף מעסאָפּאָטאַמיע (ארם-נהרים), און אינעם יאָר 115 האָט ער דאָרט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן צפונדיקן טייל, און נאָך דעם האָט ער איינגענומען די קעניגרייך פון אַ ד י אַ ב ע ן, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פונעם טייך ח ד ק ל און וואו דער הערשער פונעם לאַנד האָט געשטאַמט פון די גרים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן נאָך מיט אַ סך יאָרן פאַרן חורבן פונעם בית המקדש. נאָך דעם האָט טראַיאַנוס זיך גענומען שפּאַרן אַלץ ווייטער און ווייטער אין ב ב ל און ער האָט שוין געהאַט איינגענומען די הויפּטשטאָט פונעם לאַנד, און דאָס האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע פעלקער פון אַזיע, און מער ווי אַלע אַנדערע האָבן זיך דערשראָקן די אידן, ווייל פריער האָבן זיי מיט די פּרתים געלעבט אין פרידן און האָבן ביי זיי געהאַט אַלע פרייהייטן, און זיי האָבן געוואוסט, אַז ווען די רוימער וועלן ווערן די הערשער איבערן לאַנד, וועלן זיי די אַלע פרייהייטן אָפּשאַפן, ווייל זיי פאַרפאָלגן דאָך אַלע זייערע אידישע אונטערטאַנען.

אַזאַ מיינונג דריקט אויס דער היסטאָריקער ש. ד ו ב נ אָ ו ו ביים איבערגעבן דעם גאַנג פון טראַיאַנוסעס מלחמות אין יענער צייט (דברי ימי עם עולם, באַנד 3, קאַפּ. 2, ז. 23). און דאָס לייגט זיך ווירקלעך זייער גוט אויפן שכל; די אידן האָבן געהאַט אַ גרונט

זיך צו שרעקן פאַר דער רוימישער מאַכט, וואָס פאַרשפּרייט זיך אַלץ ווייטער און זיי האָבן ניט געקאָנט בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרניט טאָן קעגן דעם.

אויך דער היסטאָריקער ג ר ע ט ץ דריקט אויס די זעלבע מיינונג. „די שנאה פון די אידן צו די רוימער — זאָגט ער — איז געווען אַ דאָפּלטע, אַ רעליגיעזע און אַ נאַציאָנאַלע, זיי האָבן זיי פיינט געהאַט דערפאַר וואָס זיי זענען געווען געצנדינער און אויך דערפאַר וואָס זיי האָבן אויף זיי אַזוי פיל אומגליקן געבראַכט" (דברי ימי ישראל, צווייטער באַנד, קאַפּ. 5, ז. 213).

אָבער עס שיינט, אַז ס'איז געווען נאָך אַ גרונט, וואָס האָט ביי די אידן אין יענע לענדער אַרויסגערופן גרויס אומרו און זיי געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלן ווידער אַרויס אָפן מיט שווערדן אין די הענט קעגן דער מאַכט פון רוים, כדי דערמיט זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג און אונטערגעבן מוט די אַנדערע פעלקער, וואָס ווילן אויך ניט נעמען אויף זיך דעם שווערן רוימישן יאָך.

אַן אָנצוהערעניש דערויף קען מען געפינען ביי דעם קריסטלעכן היסטאָריקער י ו ס ע ב י ו ס. אין זיין ווערק „די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע", וואָס ער האָט געשריבן אויף גריכיש, שרייבט ער וועגן יענער צייט מיט זיין געוויינלעכן פרומען טאָן אַזוי:

„אין דער צייט ווען די לערע פון אונדזער א ו י ס ל י י ז ע ר (יעזוס) און פון דער קירכע האָט מיט יעדן טאָג געמאַכט אַלץ מער און מער פאָרטשריט, האָט די טראַגעדיע פון די אידן דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון אומגליקן, וואָס קומען איינס נאָכן אַנדערן". *)

אַזוי שרייבט יוסעביוס, און פון דעם איז קלאָר, אַז אין יענער צייט זענען די קריסטלעכע פּרעדיקער געווען זייער טעטיק אומעטום; זיי האָבן, קענטיק, גוט אויסגענוצט די פרייהייטן וואָס זיי האָבן געקראָגן נאָך דאָמיטיאַנס טויט, און אַזוי ווי דער באָדן איז דאָן געווען אַ גינסטיקער, האָבן זיי פאַרשפּרייט די לערע פונעם „אויסלייזער" און פון דער קריסטלעכער קירכע אומעטום וואו זיי האָבן נאָר געקענט, סיי צווישן געצנדינער, סיי צווישן אידן.

צווישן די אידן איז דער באָדן אוודאי געווען נאָך גינסטיקער ווי צווישן די געצנדינער, ווייל די פאַרפאָלגונגען האָבן געטריבן

*) The Ecclesiastical History, Book IV, II. Loeb Classical Library.

מענטשן צו פאַרצווייפלונג; זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם גלויבן אַז דער גאָט פון ישראל וועט צוריק אויסלייזן זיין פאָלק פון די הענט פון די פייניקער, און זיי האָבן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. אויף זיי האָבן די פרעדיקער פון קריסטנטום זייער לייכט געקענט האָבן אַ גרויסע ווירקונג, און זיי האָבן טאַקע געהאַט. דעריבער האָבן די, וועלכע האָבן געגלויבט אַז י ש ו ה נ ו צ ר י איז טאַקע געווען דער משיח, ווירקלעך געקענט זאָגן, אַז „די לערע פון אונדזער אויסלייזער און פון דער קירכע האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער צעבליט און געמאַכט אַלץ מער און מער פאָרטשריט“. עס איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ לאַגע, אַז די פירער פונעם אידישן פאָלק האָבן געמוזט ווערן זייער אומרואיק. די סכנה פון אונטערגאַנג האָט אָנגעהויבן הענגען זייער שווער איבערן קאָפּ. די געפאַר פון אַ שמד־מגפה איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן קלאָר, אַז אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי גיין און ס׳וועט פון ערגעץ קיין הילף ניט קומען, וועט ניט נאָר דאָס אידישע לאַנד בלייבן וויסט, נאָר אויך דאָס אידישע פאָלק וועט אָפּגעווישט ווערן פונעם פנים פון דער ערד.

פון איין זייט — דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון דער רוימישער מאַכט, וואָס אונטערדריקט דאָס אידישע פאָלק, און פון דער אַנדערער זייט — דאָס בליען פון דער ניי־אויפגעקומענער קריסטלעכער קירכע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן דעם אידישן גלויבן. דאָס איז זיכער געווען איינע פון די וויכטיקסטע אורזאַכן — אויב ניט די וויכטיקסטע—פאַרוואָס די אידן, וועלכע זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער די אַלע לענדער, מיט וועלכע טראַיאַנוס האָט אין יענער צייט געפירט מלחמות, זענען אַרויס אין אַן אויפשטאַנד און האָבן ווידער געפּרואווט זיך באַפרייען פון דעם רוימישן יאָך. עס איז געווען אַ קאַמף פאַרן פאָלק און פאַרן גלויבן, מיט דער האָפענונג, אַז אַ נצחון וועט אַוודאי צוריק אויפשטעלן דעם חורבן פונעם לאַנד אויך.

און דער אויפשטאַנד פון די אידן האָט טאַקע אונטערגעגעבן מוט די אַנדערע פעלקער, אויף וועלכע רוים האָט איר הערשאַפט פאַרשפּרייט, און פונקט דאַן, ווען טראַיאַנוס און זיינע לעגיאָנען האָבן זיך געשלאָגן מיט די פּרתים, איז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון נציבין און נהרדעא אָפן אַרויס אין אַ מלחמה קעגן דעם רוימישן חייל, און דאָס האָט צעשטערט די אַלע פּלענער וואָס טראַיאַנוס האָט אויסגעאַרבעט פריער; ער האָט זיך פלוצעם געכאַפּט, אַז

ער קען ווייטער ניט גיין, ווייל די אידישע מחנות, וואָס זענען מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן אין נציבין און אין נהרדעא, גרייפן אָן זיינע לעגיאָנען אין רוקן און ער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים פוןביידע זייטן.

עס פעלן, ליידער, אוים די נויטיקע ידיעות וועגן דעם ווי אַזוי דער אויפשטאַנד איז דאָרט צוגעגרייט געוואָרן און ווער עס זענען געווען די פירער. עס איז אָבער גאָר קיין צווייפל ניט, אַז ער האָט ניט אויסגעבראָכן מיט אַ מאָל, אַז עס האָט געמוזט געדויערן אַ היפּשע צייט ביז מ׳האָט אים גוט צוגעגרייט, און דאָס באַשטעטיקט די מיינונג, אַז די אידן האָבן די ג אַ נ צ ע צ י י ט ניט אויפגעגעבן די האָפענונג זיך צו באַפרייען פונעם רוימישן יאָך, און אַז זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט בלויז דערמיט וואָס זיי האָבן ג ע־ה אָ פ ט, נאָר זיי האָבן זיך אויך ג ע ג ר י י ט און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, ווען זיי וועלן קענען אָנווענדן כוח דאָס צו דערגרייכן.

עס איז געווען גענוג, אַז עס זאָל פאַלן איין פונק — און באַלד האָט זיך דאָס פייער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צעברענט. די פלאַמן האָבן זיך צעשפּרייט איבער די אַלע לענדער, וואָס זענען אין אַזיע און אין אַפריקע געשטאַנען אונטער דער רוימישער הערשאַפט. אויך אין י ה ו ד ה זענען די אידן דאַן אַרויס אין אָן אָפענעם אויפשטאַנד קעגן רוים, און די פירער זענען געווען צוויי ברידער פּ אַ פּ וּ ס און ל ו ל י אַ נ ו ס, און דער צענטער פון די אידישע מחנות דאָרט איז געווען אין ע מ ק י ז ר ע א ל.

אויך וועגן די אומרוען וואָס זענען פאָרגעקומען אין יהודה זענען, צום באַדויערן, נישטאָ גענוג מאַטעריאַלן וואָס זאָלן געבן אַ קלאָר בילד. בלויז אָנדייטונגען דערויף געפינט מען אין דער פאַרצייטיקער געשיכטע. אָבער דאָס קען דאָך ניט אָנגענומען ווערן ווי אַ באַווייז, אַז אומרוען אין יהודה אין די צייטן פון טראַיאַנוסן זענען ניט געווען קיין וויכטיקע, ווייל ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָבן מיר אין יענער צייט ניט געהאַט קיין יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס זאָל פאַרשרייבן די וויכטיקע געשעענישן פון זיין דור פאַר די צוקונפטיקע דורות, און וואָס שייך די ניט־אידישע היסטאָריקער וועלכע האָבן דאַן געלעבט, איז זיי אונדזער געשיכטע קיין סך ניט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן זיך מיט איר אינטערעסירט בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי איז פאַרבונדן מיט זייער אייגענער געשיכטע און אויך אויף וויפל זי קען אַ מאָל איינעם געבן אַ געלעגנהייט אַרויס־

צוזאָגן זייער ניט קיין שמייכלהאַפטע מיינונג וועגן דעם אידישן פאָלק בכלל.

און וואָס שייך די אַלטע אידישע קוואַלן, זענען זיי אַזוי פאַר־פלאָנטערט און אַזוי פיל איינגעהילט אין לעגענדעס, אַז זיי קענען ניט האָבן קיין גאָר וויכטיקן היסטאָרישן ווערט, ווייל פונקט דאַן, ווען מ'איז שוין גרייט אָנצונעמען אַז זיי ברענגען יאָ אַריין אַביסל קלאָרקייט אין דעם ענין, שטויסט מען זיך מיט אַ מאָל אָן אָן אַ וואָרט, אָדער אָן אַ באַמערקונג, וואָס פאַרדרייט גאָר אַלעס אין אַ זייט און וואָס גיט אַ גרונט צו דענקען, אַז דאָ האַנדלט זיך אפשר גאָר וועגן אַנדערע מענטשן און וועגן אַן אַנדער פּאַסירונג.

אַזוי ווערט דערציילט אין דער גמרא (תענית, דף יח), אַז „ווען טראַיאַנוס האָט געוואָלט דערהרגענען לוליאַנוסן און פּאַפּוסן, האָט ער צו זיי געזאָגט: „אויב איר זענט פונעם פאָלק פון חנניה, מישאל און עזריה, איז זאָל ער קומען, אייער גאָט, און אייך אַרויסראַטעווען פון מיינע הענט, ווי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט חנניהן, מישאלן און עזריהן פון די הענט פון נבוכדנאצרן". האָבן זיי צו אים געזאָגט: „חנניה, מישאל און עזריה זענען געווען אמתע צדיקים און האָבן די ווערט געהאַט אַז ס'זאָל מיט זיי געשען אַ נס. און נבוכדנאצר איז געווען אַ לייטישער קעניג און האָט די ווערט געהאַט אַז ס'זאָל דורך אים געשען אַ נס. אָבער אַזאַ רשע ווי דו איז אַ נידעריקער מענטש און איז ניט ראוי דערצו, אַז ס'זאָל דורך אים אַ נס געשען. אויף אונדז ווידער האָט דער אויבערשטער גוזר געווען, אַז מיר זאָלן אומקומען, און אויב דו וועסט אונדז ניט אומברענגען, האָט גאָט אַנדערע רוצחים: ער האָט אַ סך בערן, אַ סך לייבן, אַ סך לעמפּערטן, וואָס באַפאַלן אונדז און הרגענען אונדז. און גאָט האָט אונדז איבערגעגעבן אין דיינע הענט בלויז דיך צו באַשטראָפן פאַר אונדזער בלוט".

ביז אַהער ווערט די געשיכטע דערציילט אויף אַזאַ שטייגער, אַז מען וואָלט געקענט אָננעמען, אַז דאָ ווערט איבערגעגעבן אַ גע־שיכטלעכער פאַל וועגן אַ באַגעגעניש צווישן דעם רוימישן קיסר טראַ־יאַנוס מיט די צוויי אידישע העלדן לוליאַנוס און פּאַפּוס, וועלכע זענען געווען די פירער פון דעם אידישן אויפשטאַנד אין יהודה. אָבער באַלד ווערט דערביי דערציילט, אַז נאָך דעם ווי טראַיאַנוס האָט די צוויי אידישע העלדן פאַרמשפּט צום טויט, זענען פון רוים אָנגע־קומען צוויי שלוחים און האָבן אים „צעשטויסן דעם מוח מיט שייט־לעך האָלץ".

דאָס נעמט אינגאַנצן אַוועק די היסטאָרישע ווערט פון דעם וואָס עס איז פריער דערציילט געוואָרן, און ס׳קומט גאָר אויס, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן דעם רוימישן קיסר טראַיאַנוס, נאָר אפשר גאָר וועגן עפּעס אַ רוימישן קריגס־פירער, וועלכער ווערט אין אַנדערע קוואַלן גאָר אינגאַנצן ניט דערמאָנט.

אָבער אויב ס׳פעלן די נויטיקע מאַטעריאַלן וועגן דעם אויפשטאַנד וואָס די אידן האָבן געמאַכט אין יהודה אין די לעצטע צוויי יאָר פון טראַיאַנוסעס הערשאַפט, געפינט מען דערפאַר אַ סך מער מאַטעריאַלן וועגן די אויפשטאַנדן פון די אידן אין די אַנדערע לענדער, וואָס זענען דאַן געשטאַנען אונטער דער רוימישער מאַכט — אין מצרים, אין מעסאָפּאָטאַמיע, אין סירענאַיקע, און אויך אויפן אינדזל קפריסין (קיפּרוס), וואָס געפינט זיך אויפן מיטללענדישן ים. אויפן אינדזל האָט זיך דער אויפשטאַנד פאַרצויגן ביזן יאָר 117, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווען טראַיאַנוס איז געשטאָרבן און אַ ד ר י אַ נ ו ס איז אַרויף אויפן טראָן, און אין יענעם אויפשטאַנד אין קפריסין, האָבן די אידן אויסגעהרגעט צ װ ו י י ה ו נ ד ע ר ט און פ ע ר צ י ק ט ו י ז נ ט פון זייערע שונאים. אַזוי צאָל גיט אָן דער רוימישער היסטאָריקער ק אַ ס י ו ס ד י אָ , אין זיין ווערק „רוימישע געשיכטע“ (בוך 58, קאַפּ. 32). און ער דערציילט, אַז נאָך דעם ווי מ׳האָט דעם אויפשטאַנד איינגעשטילט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז קיין איד טאָר קיין מאָל ניט אַרויפטרעטן אויף דער ערד פונעם אינדזל, און אויב אַ איד ווערט אַמאָל אַהין פאַרוואָרפן, ווייל אַ שטורעם אויפן ים האָט אַ שיף צום ברעג צוגעטריבן, זאָל מען אים דאָרט גלייך געבן דעם טויט.

אַרום און אַרום איז דעמאָלט געווען אַ צייט ווען פון איין אידישן ישוב אין אַנדערן האָט זיך אַריבערגעוואָרפן דער רוף, ווידער אַרויסצוקומען מיט שווערדן אין די הענט און מיט אַ גלויבן אין הארצן זיך צו באַפרייען פון דעם רוימישן יאָך.

און ס׳האָבן ניט אויסגעפעלט קיין פירער, וועלכע האָבן אונטערגעגעבן מוט דעם פאָלק, און וועלכע האָבן זיך אַליין שטאַרק אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן קעגן שונא.

דער פירער פון דעם אידישן אויפשטאַנד אין ס י ר ע נ אַ י ק ע איז געווען איינער אַ נ ד ר י ו ס . אַזוי רופט אים אָן דער רוימישער היסטאָריקער קאַסיוס דיאָ (בוך 58, קאַפּ. 32), כאָטש דער

קריסטלעכער היסטאָריקער יוסעביוס, אין זיין בוך „די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע“ (בוך 4, קאַפּ. 2) גיט אָן זיין נאָמען אַלס ל ו ק ו א ס אָדער ל ו ק א ש. צו די אידן אינעם געגנט פון סירענאיקע זענען אויך צוגעשטאַנען די אידן פון מצרים, וואו זייער צאָל איז געווען גרויס, און אינאיינעם זענען זיי אָנגעפאַלן אויף די רוימישע לעגיאָנען, וועלכע זענען דאַן געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פונעם פּראָקוראַטאָר ר ו ט י ל י ו ס  ל ו פּ ו ס און האָבן אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי. אַרויסגעהאָלפן די רוימער אין דער מלחמה קעגן די אידן האָבן די גריכן פון יענע געגנטן. זיי, די אַלטע שונאים פון דעם אידישן פאָלק, האָבן ניט געקענט בלייבן שטיין פון דער ווייטנס ווען זיי האָבן דערזען ווי אידן האָבן זיך ווידער אַריינגעוואָרפן מיט אַזאַ ברען אין אַ קאַמף פאַר פרייהייט. אָבער די פּאַראייניקונג צווישן די גריכן און די רוימער האָט די אידן ניט אָפּגעשראָקן און זיי האָבן זיך נאָך מיט מער פייער אַריינגעוואָרפן אין קאַמף און זיי האָבן געשלאָגן אי די רוימער, אי די גריכן, און די גוט-אויסגעמושטירטע לעגיאָנען זענען געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען.

דאָס האָט ביי זיי אַ שטאַרקן כעס אַרויסגערופן, און אין די אַלע שטעט, וואו ס'איז זיי אויסגעקומען דורכצוגיין, האָבן זיי געשאָכטן און געקוילעט אידן און זיך נוקם געווען אין זיי אויף אַ שרעקלעך ברוטאַלן שטייגער. דעם גאַנצן צאָרן זייערן האָבן זיי אויסגעלאָזט צו די אַלטע לייט און צו די קליינע קינדער, וועלכע זענען אין קיין זאַך ניט געווען שולדיק, און אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע האָט זייער רציחה גאָרניט געהאַט קיין ברעג. באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט וואָס אַלע יונגע און געזונטע אידישע מאַנספּאַרשוינען זענען אויף די שלאַכטפעלדער, האָבן די גריכן געמאַכט אַ שחיטה אויף אַלטע לייט און קליינע קינדער. זיי האָבן זיי אַלעמען שרעקלעך געפייניקט, און די ווייבער האָבן זיי אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט און זיי פאַרקויפט פאַר דינסטן.

די שרעקלעכע אַכזריות פון די רוימער און די גריכן האָבן דאָס פייער נאָך מער צעבלאָזן. די אידן האָבן ניט געקענט פאַרשווייגן די בלוטיקע שחיטות, וואָס דער שונא מאַכט אין יענע שטעט, וואו ס'געפינען זיך בלויז אַזעלכע מענטשן וואָס קענען זיך ניט באַשיצן, און אין דער היץ פון קאַמף האָבן זיי אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַכזריות צו די שונאים, און פון וואָס דער רוימישער היסטאָריקער קאַסיוס דיאָ דערציילט (בוך 58, קאַפּ. 32), קומט אויס, אַז „זיי האָבן

געגעסן דאָס פלייש פון זייערע קרבנות, געמאַכט גאַרטלען פאַר זיך פון זייערע געדערעם, זיך געשמירט דאָס לייב מיט זייער בלוט און געמאַכט פאַר זיך קליידער פון דער הויט פון זייערע לייבער".

אַזוי שרייבט יענער היסטאָריקער, וועלכער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פונעם צווייטן יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פונעם דריטן. ער דערציילט אויך נאָך אַנדערע שרעקלעכע זאַכן, צווישן וועלכע ער דערמאָנט אויך, אַז די אידן האָבן דאַן די געפאַנגענע רוימער און גריכן געצוואונגען זיך צו ראַנגלען מיט ווילדע חיות. אָבער ס'איז מער ווי זיכער, אַז דער רוימישער היסטאָריקער האָט דאָ אין זיין שרייבן ניט ווייניק אַריבערגעכאַפּט די מאָס; אידן האָבן ניט געקענט באַגיין אַזעלכע ווילדע און געמיינע מעשים; זיי זענען קיין מאָל ניט געווען פעאיק דערויף און דאָס האָט אינגאַנצן ניט געשטימט מיט זייער גייסט, כאָטש גרעטץ האַלט, אַז אויב די אַנדערע גוזמאות זענען אויסגע-טראַכטע, קען זיך אָבער דאָך לייגן אויפן שכל, אַז געצוואונגען די באַזיגטע שונאים זיך צו ראַנגלען מיט ווילדע חיות האָבן די אידן יאָ. און דאָס איז געווען אַ נקמה-אַקט פאַר דעם וואָס אספּאַסיאַנוס און טיטוס האָבן צו זיי געטאָן דאָס זעלבע נאָכן חורבן פונעם בית המקדש. די אידן האָבן באַצאָלט זייערע שונאים מדה כנגד מדה. אויך דובנאָוו גלויבט, אַז ווען מ'וואַרפט אָפּ די גוזמאות פון דעם רוימישן היסטאָריקער, איז מעגלעך, אַז אין היץ פון קאַמף, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערקייט, האָבן די אידן געטאָן צו די רוימער דאָס זעלבע וואָס יענע האָבן געטאָן צו זיי מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק.*)

קאַסיוס דיאָ גיט-אָן, אַז אַרום און אַרום האָבן די אידן אין מצרים און אין סירענאַיקע אויסגעהרגעט צוויי הונדערט און צוואַנציק טויזנט רוימער און גריכן. און אויב ער האָט אַפילו אין דעם אויך אַ היפּש ביסל מגזם געווען, מוז מען דאָך אָננעמען די צאָל וואָס ער גיט אָן, ווייל זיין ווערק איז אין דעם דער איינציקער קוואַל, און ווען צו דעם ווערט נאָך צוגעגעבן די צאָל פון צוויי הונדערט און פערציק טויזנט, וואָס די אידן האָבן אויסגעהרגעט אויפן אינדזל קפריסין, קומט אויס, אַז אַרום און אַרום זענען דעמאָלט געפאַלן פיר הונ-דערט און זעכציק טויזנט רוימער און גריכן.

*) דברי ימי עולם, באַנד 3, ז. 23-24.

עס איז אויך כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַביסל אויף די נעמען פון די אידן, וואָס האָבן געפירט דאָס פאָלק אין יענעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער מאַכט: אין יהודה — ווי ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן פריער — זענען דאָס געווען די צוויי ברידער, פּאַפּוס און לוליאַנוס. אין מצרים און אין סירענאַיקע האָט דער פירער געהייסן אַנדריוס, אָדער לוקואַס, און אויפן אינדזל קפריסין איז דער נאָמען פונעם אידישן קריגס-פירער געווען אַ ר ט ע מ י אָ ן — אַלץ נישט קיין אידישע, נאָר גריכישע נעמען. און דאָס גיט אַ גרונט צו גלויבן, אַז די לייטנדיקע גייסטער אין דעם גרויסן קאַמף פאַר פרייהייט זענען געווען וועלטלעכע, האַלב-פאַרגריכישטע אידן — אינגאַנצן ניט פון דעם טיפּ קנאים, וואָס אַ י ו ח נ ן פון ג ו ש - ח ל ב , אָדער אַ ש מ ע ו ן ב ר ־ ג י ו ר א זענען געווען מיט פופציק יאָר צו־ריק. דאָס זענען געווען נייע מענטשן, נייע אויפגעקלערטע לייט, וועלכע האָבן ניט ווייניק איבערגענומען ביי די אַנדערע פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. זיי זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון פרעמדע קולטורן, און דאָס וואָס זיי האָבן איבערגע־נומען, איז געווים געווען דאָס בעסערע, וואָס האָט זיך, לויט זייער מיינונג, געפּאַסט צום גייסט פון דער נייער צייט. אָבער דאָס האָט זיי אַבסאָלוט ניט געשטערט צו זיין גוטע און זייער איבערגעגעבענע אידן; זיי זענען געשטאַנען נאָענט צום פאָלק; אין איינעם מיט אַלע־מען האָבן זיי געטרוימט וועגן דער צייט, ווען די אידן וועלן פון זיך קענען אַרונטערוואַרפן דעם פרעמדן יאָך און צוריק אויפבויען זייער אייגן לאַנד און ווידער ווערן אַ פאָלק צווישן פעלקער.

אַזוי איז אַלע מאָל געווען דער גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. די טיילווייזע אַסימילאַציע, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס אידן האָבן געוואוינט צווישן אַנדערע פעלקער, איז אין אַ גע־וויסן זין געווען בלויז אַן אויסערלעכע, און זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מ׳האָט איבערגענומען אַ שפּראַך אָדער געוויסע מנהגים, ביים תוך אָבער איז מען געבליבן; די נייע וועלטלעכע אידן אין יענער צייט האָבן זיך ניט אָפּגעריסן פון אידישקייט. אָפּגעריסן האָבן זיך בלויז יענע, וואָס האָבן געגלויבט אין ישו הנוצרי; זיי זענען בּיסלעכווייז אינגאַנצן אַוועק פונעם אידישן פאָלק; זיי האָבן געזען אַ שטערונג פאַר זיך און פאַר זייער גלויבן אין יעדען קאַמף פאַר באַפרייאונג וואָס אידן האָבן געפירט און זיי האָבן זיך צו דעם באַצויגן זייער פיינדלעך, ווייל אין זייערע אויגן איז אויסגעקומען, אַז מיט דעם אַליין וואָס מ׳פירט אַזאַ קאַמף, שטרייכט מען דאָך

אונטער, אַז יעזוס איז ניט געווען קיין משיח, און אַז דער אמתער משיח וואָס וועט ווירקלעך אויסלייזן דאָס פאָלק, דאַרף ערשט קומען.

דער אויפשטאַנד פון די אידן אין אַזוי פיל ערטער מיט אַ מאָל האָט געשטעלט אין געפאַר די אַלע גרויסע אַמביציעס, וואָס טראַיאַנוס האָט געהאַט אַלס הערשער; ער האָט מורא געהאַט, אַז איבער דעם וועט זיך אים אוודאי ניט איינגעבן זיך אַריינצורייסן קיין אינדיען, צו וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט; עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז פון אַלע חלומות זיך צו דערהויבן צו דער הויך פון אַן אַלעקסאַנדר מוקדן זאָל זיך אויסלאָזן גאָרניט, האָט ער זיך דעריבער מיט אימפּעט אַ נעם געטאָן דעם גרויסן אידישן אויפשטאַנד צו אונטערדריקן, און דאַן האָט ער אויסגעקליבן צוויי פון זיינע בעסטע קריגס־פירער — מאַרציוס טורבאָ און לוסיוס קוויעטוס. דעם ערשטן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד מיט אַן אייזערנער האַנט אין מצרים און אין סירענאַיקע, און דעם צווייטן האָט ער איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו טאָן דאָס זעלבע אין מעסאָפּאָטאַמיע, און ביידע קריגס־פירער, וועלכע האָבן שוין ביי אַנדערע געלעגנהייטן ניט איין מאָל אַרויסגעוויזן ווי גרויזאַם זיי קענען זיין, האָבן דעם באַפעל דורכגעפירט, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אָן רחמנות אויסגעשאָכטן טויזנטער און טויזנטער אידן, איז דער אויפשטאַנד געווען אונטערדריקט. און דאַן האָט דער קיסר באַלוינט קוויעטוסן דערמיט וואָס ער האָט אים געמאַכט פאַרן לעגאַט אין יהודה, און דאָרטן האָט ער אויך אָנגעטאָן די אידן זייער אַ סך צרות.

אויך אויפן אינדזל קפריסין איז דער אויפשטאַנד אונטערדריקט געוואָרן. דאָרטן האָבן די רוימער אויסגעהרגעט אַלע אידן, און דאַן האָט מען דאָס אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז אויב אַ איד וועט אַמאָל צוקומען אהין צום ברעג, זאָל מען אים גלייך באַשטראָפן מיטן טויט דערפאַר, ווי ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן פריער. אָבער טראַיאַנוס איז נאָך אַלץ געווען אומרואיק. אין די נייע מלחמות וואָס ער האָט פאַרפירט, כדי צו באַפעסטיקן זיין מאַכט און וויִט פאַרשפּרייטן זיין הערשאַפט, איז אים שוין ניט געגאַנגען אַזוי ווי אין די ערשטע צייטן; ער איז שוין געווען אַלט און קראַנק און ס׳איז געווען אַ סברא, אַז די קראַנקהייט איז אים געקומען פון דעם וואָס מ׳האָט אים איין מאָל געסמט און ניט דערסמט. ער האָט שוין דאַן

געליטן פון אַן ערנסטער וואַסער-זוכט, און טיילן פון זיין קערפּער וואָס איז אַמאָל געווען שטאַרק ווי אייזן, האָבן אָנגעהויבן ווערן פּאַראַליזירט; קעגן זיין אייגענעם ווילן האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד אין די מזרח-לענדער און זיך לאָזן פאָרן צוריק קיין רוים, און אויפן וועג איז ער געשטאָרבן. דאָס איז געשען אינעם מאָנאַט אויגוסט, פונעם יאָר 117. און דאַן איז א ד ר י א נ ו ס געוואָרן קיסר.



דער קבר פון יוחנן בן זכאַי, דעם גרינדער פון יבנה נאָכן חורבן

## קאַפּיטל פינף

### אַזאַ מענטש איז געווען דער קיסר אַדריאַנוס

ווען מ'פאַרגלייכט אַדריאַנוסן מיט אַנדערע רוימישע צעזאַרס, און ווען מ'נעמט אין אַכט די מאָראַל וואָס האָט דעמאָלט בכלל געהערשט אינעם רוימישן קייזערלעכן הויף, קען מען זאָגן, אַז ער איז אין גרונט אפשר גאָרניט געווען אַזאַ שלעכטער.

עס זענען פאַר אים געזעסן אויפן טראָן אַ סך ערגערע און מער גרויזאַמע צעזאַרס — אַזעלכע, וועלכע האָבן מיט אַן אייזערנער האַנט אונטערדריקט די פרייהייטן ניט נאָר פון יענע פעלקער וואָס האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן דער רוימישער מאַכט, נאָר אויך די פרייהייטן פון זייער אייגן פאָלק.

אַדריאַנוס איז ניט געווען דער ערגסטער צווישן די וואָס האָבן רעגירט איבער דער גרויסער רוימישער אימפּעריע פאַר אים — ניט דער ערגסטער צו די פרעמדע פעלקער און לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער זיין שוץ, און אויך ניט דער ערגסטער צו זיין אייגן פאָלק. אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן קיסר, האָט ער שלום געמאַכט מיט דער מלוכה פון די פּרתים און זיך אָפּגעזאָגט פון די רוימישע פּרעטענזיעס אויף די לענדער, וואָס האָבן זיך געפונען ביים לינקן ברעג פון פּרת. אמת טאַקע, ער האָט דאָס אוודאי געטאָן ניט אַזוי צוליב די פעלקער פון יענע לענדער, ווי איבער דעם וואָס נאָך טראַיאַנוסעס טויט האָט זיך דאָס פייער פון אויפשטאַנד נאָך מער צעפלאַקערט צווישן די פעלקער וואָס האָבן אויף זיך ניט געוואָלט טראָגן דעם פרעמדן יאָך. אָבער דאָס אַליין וואָס ער האָט דאָס געטאָן און צוריקגעצויגן פון דאָרט זיינע חיילות, באַווייזט, אַז ער האָט געוואָלט לעבן בשלום מיט די אַנדערע לענדער און האָט ניט געטרוימט וועגן באַהערשן מיטן פויסט די גאַנצע וועלט, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט טראַיאַנוסן, וועלכער האָט דווקא געוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַן אַלעקסאַנדער מוקדן.

אַדריאַנוס האָט אויך געטאָן אַ גרויסע טובה די אידן ביים אָנהויב פון זיין רעגירן; ער האָט צוריקגערופן פון יהודה דעם אַכזר לוסיוס קוויעטוס, ווען דער פריערדיקער קיסר האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געשיקט אַהין איינצושטילן דעם אויפשטאַנד פון די אידן; פונקט דאַן ווען קוויעטוס האָט אין יהודה פאַרגאָסן טייכן אידיש בלוט און פאַרמשפּט צום טויט און אומגעבראַכט פון דער וועלט די בעסטע זין פונעם אידישן פאָלק, האָט אַדריאַנוס אים אַרויסגערופן צוריק קיין רוים און אים דאָרט פאַרמשפּט צום טויט. עס איז אָבער פאַראַן אַ גוטער גרונט צו גלויבן, אַז ער האָט דאָס געטאָן ניט אַזוי צוליב דעם וואָס ער האָט געוואָלט ווייזן זיין גוטס־קייט צו די אידן, נאָר דערפאַר וואָס קוויעטוס איז אים גלאַט געווען צו גרוים אין די אויגן און ער האָט אים געוואָלט אָפּראַמען פונעם וועג, ווייל יענער איז געווען דער ליבלינג ביי טראַיאַנוסן און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער פריערדיקער קיסר זאָל אים און ניט אַדריאַנוסן, מאַכן פאַר זיין יורש. אויף אַזאַ מענטשן האָט אַדריאַנוס געקוקט מיט חשד; ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט דער צייט זאָל ער אים נאָך ניט אַרונטערוואַרפן פונעם טראָן, און דערפאַר האָט ער שוין געפונען אַן אויסרייד אים צום טויט צו פאַרמשפּטן. אָבער פאַר די אידן איז פון דעם אַרויסגעקומען אַ גרויסע טובה און זיי האָבן זיך דערלעבט אַ נקמה אין איינעם פון זייערע גרויזאַמסטע און בלוטיקסטע שונאים. *)

דער נייער קיסר האָט איינגעפירט געזעצן, וואָס זענען געווען זייער גינסטיק פאַר די שקלאַפן. ער האָט געטאָן אַ סך אויסצוגלייכן דאָס רעכט פון די איינוואוינער אין די פּראָווינצן מיט די רעכט פון די רוימישע בירגער, און זיין ציל איז געווען אָפּצושאַפן די אַלע איבעריקע שטערונגען און איינפירן מער איינהייטלעכקייט אין דער אימפּעריע.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון קונסט. ער אַליין האָט געקענט מאָלן בילדער, אויסהאַקן סטאַטועןן און שפּילן אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אויך אין שאַפן גראַמען גלייך אויפן אָרט איז ער געווען אַ מייסטער, און ער האָט זיך ניט ווייניק אויס־געצייכנט אויף ביידע ליטעראַרישע געביטן — אי אין פּאָעזיע, אי

*) ס׳איז זייער מעגלעך, אַז די געשיכטע, וואָס מיר האָבן פריער גע־בראַכט פון דער גמרא תענית (דף י״ח, עמוד ב.) באַציט זיך טאַקע אויף קוויעטוסן און ניט אויף טראַיאַנוסן. בכלל ווערן אין דער גמרא די מעשים פון דעם קיסרס לייט אָפט אָנגעגעבן ווי די מעשים פון דעם קיסר אַליין.

אין פּראָזע, און ביי אַ סך געלעגנהייטן האָט ער איבערראַשט זיינע נאָהענטע פריינד מיט דעם וואָס ער האָט שנעל און אויף אַ זייער געשיקטן שטייגער געענטפערט אין גראַמען, ווען ער האָט עמעצן געוואָלט שאַרף אַריינזאָגן.

ער איז געווען פאַרקאָכט אין בויען שיינע און גרויסע געביידעס, ער האָט ליב געהאַט שיינקייט, איז געווען אַ פאַרערער פון ליטעראַטור, האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ באַדייטנדע מאָס וויסן, און מ׳האָט אים געהאַלטן פאַרן געבילדעטסטן פון אַלע אַנדערע רוימישע צעזאַרס וואָס זענען געווען פאַר אים. ער האָט גוט געקענט לאַטיין און גריכיש, און ער האָט זיך מיט ביידע שפּראַכן פריי און פליסיק באַנוצט אי אין רעדן, אי אין שרייבן, סיי אין פּראָזע און סיי אין פּאָעזיע, און די גריכישע קולטור האָט ער זייער הויך געשעצט און איז געווען איינער פון אירע גרעסטע אָנהענגער.

בכלל, קען מען זאָגן, האָט אַדריאַנוס געהאַט אַ סך מעלות. אָבער ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס זענען ממש בריות צו מאַכן פון דער גרעסטער מעלה דעם גרעסטן חסרון. עס זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, און דער קיסר אַדריאַנוס איז געווען איינער פון זיי; ער האָט געהאַנדלט אַזוי, אַז ס׳איז אויסגעקומען אַז זיינע חסרונות זענען גאָר אַ רעזולטאַט פון זיינע מעלות. און אין דעם איז אַוודאי געווען שולדיק זיין שטאַנד; ווען ער וואָלט ניט געווען קיין קיסר און וואָלט ניט געהאַט אַזוי פיל מאַכט, וואָלט ער אפשר געווען אַנדערש.

נאָך איידער ער איז אַרויף אויפן טראָן, איז אים איין מאָל אויסגעקומען צו זיין ביי אַ געשפּרעך, וואָס דער קיסר טראַיאַנוס האָט געפירט מיט דעם באַרימטן אַרכיטעקטאָר א פּ אָ ל אָ ד אָ ר ו ס, וועלכער האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק אויסגעבויט די גרויסע בריק איבערן טייך ד ו נ אַ י, ווען די רוימער האָבן דאָרט געדאַרפט אַריבערגיין. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּלאַן פון אַ נייער גרויסער געביידע, וואָס טראַיאַנוס האָט פאַרטראַכט אויסצובויען אין רוים. און אַזוי ווי אַדריאַנוס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בקי אין אַרכיטעקטור, האָט ער זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך און געמאַכט אַ פּאָר באַמערקונגען. דעם אַרכיטעקטאָר אַפּאָלאָדאָרוס, וועלכער איזווירקלעך געווען אַ גרויסער קינסטלער אין זיין פאַך, זענען אַדריאַנוסעס באַמערקונגען ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך בעסער ניט

אַריינמישן ווען מען רעדט וועגן אַן ענין וואָס ער פאַרשטייט ניט. „גיב זיך בעסער אָפּ מיט מאַלעריי — האָט ער צו אים געזאָגט — ווייל די זאַך וועגן וואָס מיר רעדן, איז ניט אין די גרענעצן פון דיין וויסן“.

דאָס האָט אַדריאַנוסן שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט דאָס אַפּאָלאָדאָרוסן קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעבן, און שפּעטער, ווען ער איז אַרויף אויפן טראָן, האָט ער זיך מיט אים אָפּגערעכנט דערפאַר, און אויף זיין באַפעל, האָט מען דעם גרויסן אַרכיטעקטאָר אַרויסגעשיקט פון רוים און אים פאַרבאָטן דאָרט צו וואוינען.

מיט דעם האָט זיך זיין נקמה נאָך ניט געענדיקט. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען נאָך מער מיט דעם מענטשן וואָס האָט ניט אַנערקענט זיין בקיאות אין דער קונסט פון אַרכיטעקטור, און ווען ער האָט אויסגעבויט אַ טעמפּל פאַר דער געטין ווענוס, לויט זיין אייגענעם פּלאַן, האָט ער, מיט אַן אָנשטעל ווי ער וואָלט קיין שלעכטס ניט אויסן געווען דערמיט, צוגעשיקט אַ צייכענונג צו אַפּאָלאָדאָרוסן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אין אַ בריף אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם.

די כוונה דערביי איז געווען צו ווייזן דעם גרויסן אַרכיטעקטאָר, אַז ער אַליין איז אויך אַ קינסטלער אין דעם פאַך. אָבער אַפּאָלאָדאָרוסן איז די צייכענונג ניט געפעלן, און ווייל ער האָט געמיינט, אַז דער קיסר איז קיין שלעכטס ניט אויסן און אַז ער וויל ווירקלעך וויסן זיין אויפריכטיקע מיינונג וועגן דעם, האָט ער אינעם בריף געשריבן דעם אמת, און צווישן די חסרונות, וואָס ער האָט אָנגעוויזן, האָט ער מער ווי אויף אַלץ זיך אָפּגעשטעלט דערויף וואָס די סטאַטוע פונעם טעמפּל איז צו נידעריק, און אַז דאָס שטימט ניט אין דער פּראָפּאָרציע מיט דער גרויס פון דער געטין ווענוס, וואָס מ׳האָט געמאַכט אין אַ זיצנדיקער פּאָזע. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ גוטן חוש פאַר הומאָר און געקענט אויסדריקן זיין מיינונג זייער בילדלעך און קלאָר, האָט ער דערביי אין זיין בריף געזאָגט, אַז ווען די געטין וואָלט מיט אַמאָל באַקומען חשק אַרויסצוגיין פונעם טעמפּל, וואָלט זי זיך געמוזט גוט איינבויגן ביים אויפשטעלן זיך, ווייל זי וואָלט מיטן קאָפּ געווים אָנגעשפּאַרט ביז דער נידעריקער סטעליע.

אַדריאַנוסן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, כאָטש ער האָט איינגעזען אַז דער גרויסער אַרכיטעקטאָר איז געווען גערעכט. און

טאַקע דערפאַר וואָס יענער איז געווען גערעכט און האָט אים אַזוי קלאָר באַוויזן ווי ווייניק ער פאַרשטייט אין דער קונסט פון אַרכי־טעקטור, האָט ער אים פאַרמשפּט צום טויט . . .

אין זיין נאַטור איז אַדריאַנוס געווען אייפערזיכטיק ניט נאָר אויף די לעבעדיקע, נאָר אויך אויף די טויטע. אַזוי שרייבט וועגן אים דער רוימישער היסטאָריקער קאַסיוס דיאָ.*)

דאָס איז זייער אַ דיקטאַטאָרישע אַנשפּיצונג. אַדריאַנוס האָט קיינעם ניט פאַרגונען קיין גרויסקייט — ניט די לעבעדיקע און ניט די טויטע. ער האָט ניט געקענט ליידן וואָס מענטשן פאַרערן דעם אָנדענק פון יענע גרויסע לייט, וועלכע האָבן געלעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק, און אַזוי ווי ס'איז געווען אָנגענומען, אַז ה אָ מ ע ר איז דער גרעסטער גריכישער דיכטער, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל מען האָמערן מער נ י ט האַלטן פאַרן גרעסטן גריכישן דיכטער.

עס האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס אים און האָמערן טיילן אָפּ קנאַפּע ט ו י ז נ ט י אָ ר. דאָס אַליין וואָס דער גריכישער דיכטער, וועלכער האָט געלעבט נאָך אינעם נייַנטן יאָרהונדערט פאַרן געבורט פון כריסטוסן, איז נאָך אַלץ גרויס, איז פאַרן רוימישן קיסר געווען גענוג, אַז מען זאָל אים מער ניט האַלטן פאַרן גרעסטן, אַז מ'זאָל אים בכלל ניט אָנערקענען. און אָנשטאָט אים האָט ער אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט אַנדערע טויטע דיכטער, וועמעס נעמען ס'זענען שוין געווען לאַנג פאַרגעסן און מיט וועמעס ווערק קיינער איז גאָרניט געווען באַקאַנט.

אַזאַ נוץ האָט מען געהאַט פון דעם וואָס אַדריאַנוס האָט געהאַט די מעלה צו זיין אַ ליבהאָבער פון ליטעראַטור און קונסט . . .

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קענער אין אַלץ, און ער איז געווען אַזוי פאַרגלויבט אין זיך, אַז ער האָט ניט איין מאָל געזאָגט מיט זיכערקייט, אַז ס'איז נישטאָ אין דער וועלט אַזאַ זאַך וואָס ער זאָל ניט קענען אָדער ניט פאַרשטיין. און ווייל זיין מאַכט איז געווען גרויס און מ'האָט פאַר אים שטאַרק מורא געהאַט, האָבן זיך געפונען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן ניט נאָר צוגעבאַמקעט צו אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר זיי האָבן אים טאַקע איינגערעדט, אַז

*) רוימישע געשיכטע. בוך 69, קאַפּ. 4, 6. (ענגלישע איבערזעצונג, לאָעב קלאַסיקאַל לאַיברערי") באַנד 8, זייט 433.

ער איז דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט און אַז ס׳איז ווירקלעך נישטאָ קיין איין זאַך, וואָס ער זאָל ניט קענען און וואָס ער זאָל ניט וויסן און פאַרשטיין. שפּאַרן זיך מיט אים איז געווען אַ געפאַר. אים באַווייזן אַז ער איז נישט גערעכט, האָט געמיינט — שטעלן דאָס לעבן אין קאָן, ווייל אַדריאַנוס האָט קיין מאָל ניט פאַרגעבן די וואָס האָבן געפּרואווט אים באַווייזן, אַז ס׳איז נישט אַזוי ווי ער זאָגט.

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איז דער פאַל וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און דעם באַרימטן פילאָסאָף פ אַ וואָ ר י נ ו ס. דער קיסר און דער פילאָזאָף האָבן צווישן זיך געהאַט אַ ויכוח וועגן אַ וואָרט אין דער גריכישער שפּראַך. דער קיסר האָט דאָס וואָרט ניט ריכטיק אויסגעטייטשט, און דער פילאָזאָף האָט אים לייכט געקענט באַווייזן, אַז ס׳איז נישט אַזוי ווי ער זאָגט. אָבער ער האָט זיך דאָך ניט געשפּאַרט מיט אים און האָט איינגע־שטימט, אַז ס׳איז אַזוי ווי ער זאָגט. און ווען זיינע פריינד האָבן אים שפּעטער געפרעגט פאַר וואָס ער האָט אַדריאַנוסן ניט באַוויזן, אַז ער ווייסט ניט די ריכטיקע באַדייטונג פון דעם וואָרט, האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט:

„צי מיינט איר, אַז איך בין טאַקע אַזאַ נאַר, וואָס קען טאָן אַזאַ זאַך ווי ניט אָנערקענען פאַר דעם געבילדעטסטן מענטשן אין דער וועלט איינעם, וואָס האָט דרייסיק באַוואָפנטע לעגיאָנען, וועלכע זענען צו יעדער צייט גרייט דורכצופירן זיין באַפעל?״

אָט דער קורצער ענטפער פון דעם קלוגן און זייער פּאָרזיכטיקן גריכישן געלערטן גיט אַ קלאָר בילד פון דעם וואָס פאַר אַ מענטש דער רוימישער קיסר אַדריאַנוס איז געווען, און מען זעט פאַר זיך אַ צעבאַלעוועטן דעספּאָט, וואָס איז געווען אַזוי פאַרליבט אין זיך, אַז ער האָט פּשוט ניט געקענט איבערטראָגן קיין מיינונג פון אַנ־דערע, אַפילו ווען יענע זענען געווען גערעכט.

יעדער ביסל אָנערקענונג וואָס אַן אַנדערער האָט געקראָגן, איז אים געווען גרויס אין די אויגן. ער האָט ניט געוואָלט ליידן ווען ער האָט געזען ווי אין דער מלוכה קריגט איינער אַ נאָמען פון אַ קלוגן שטאַטסמאַן, אָדער פון אַ געלערענטן, און ווי ער האָט נאָר באַמערקט, אַז מ׳באַציט זיך צו יענעם מיט גרויס אַכטונג און מ׳גיט אים אָפּ כבוד, האָט ער אים גלייך אַרונטערגעזעצט, אים גלייך באַ־זייטיקט און אויף זיין אָרט דערהויבן אַן אַנדערן, וואָס האָט זיך מיט

גאָרניט אויסגעצייכנט און וואָס איז בכלל ניט געווען ראוי צו פאַר־נעמען אַזאַ פּלאַץ. אַזוי האָט ער געטאָן אין אַ סך פאַלן, און דאָס האָט געשאַפן אַ סך קנאה און שנאה. אָבער אַדריאַנוסן האָט דאָס ניט געאַרט. ער האָט גאָר הנאה געהאַט דערפון און געשעפּט נחת פון דעם וואָס דער גורל פון די גרעסטע און וויכטיקסטע מענטשן ליגט ביי אים אין די הענט און ער קען זיי צערייבן אַזוי ווי שטויב ווען ער וויל נאָר.

דאָס אָרונטערוואַרפן די גרויסע און דאָס דערהויבן די קליינע, האָט אָפט אַרויסגערופן קריגערייען צווישן די צוויי צדדים, און אין יענער צייט האָט דאָס איינער פון די אַרונטערגעזעצטע רוימישע אַראַטאָרס געזאָגט צו אַן אַנדערן, וואָס האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ: „דער קיסר קען דיר געבן געלט און כבוד, אָבער פאַר קיין גרויסן אָראַטאָר קען ער דיך פאָרט ניט מאַכן״.

דאָס אַרונטערזעצן אַליין איז ביי אַדריאַנוסן ניט געווען גענוג. מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנהויב און אַז נאָך דעם קומט אַ שטרענגערע שטראָף; ער האָט אַזעלכע מענטשן פאַר־שיקט, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וואָס ס׳האָט זיך אים נאָר געמאַכט, האָט ער געפונען אַן אויסרייד זיי צו פאַרמשפּטן צום טויט. און די, וואָס האָבן זיך פון אַזאַ שטראָף אַרויסגעדרייט, האָבן זיך געשעצט גליקלעך, אָבער אפילו דאַן איז ניט געווען מיט וואָס זיי מקנא צו זיין, ווייל זיי זענען שטענדיק געווען אין דער מורא און האָבן קיין מאָל מיטן לעבן ניט געקענט זיין זיכער.

***

די רוימישע היסטאָריקער פון יענער צייט פלייסן זיך זייער שטאַרק צו שילדערן אַדריאַנוסן אין אַזאַ ליכט, אַז מ׳זאָל אָנזען זיינע מעלות מער ווי די חסרונות. אָבער דאָס גיט זיך זיי דאָך ניט איין, ווייל ס׳קומט אַלץ אויס אַזוי, אַז די חסרונות קומען גאָר אַרויס פון זיינע מעלות און ביידע זענען אַזוי ענג פאַרבונדן, אַז מ׳קען זיי גאָרניט אָפּטיילן איינע פון די אַנדערע און אָנווייזן אויף זיי ווי אויף צוויי באַזונדערע זאַכן.

אַדריאַנוס איז געווען פון די מענטשן וואָס קענען זיך פאַר־שטעלן ווען ס׳איז נויטיק און זיך אויפדעקן ווען ס׳לוינט זיך. אפילו די באָרד וואָס ער האָט געטראָגן איז אויך געווען אַ מיטל צו פאַר־שטעלן אַ פּיזישן פעלער, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער קינבאַק.

ס'איז ניט געווען קיין פראַגע פון געשמאַק, נאָר אַ מיטל צו פאַרדעקן דאָס וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן זען, און דורך דעם איז ער, אַגב, באַרימט געוואָרן ווי דער ערשטער רוימישער קיסר מיט אַ באָרד . . .

קיינער איז ניט געווען אַזאַ קינסטלער זיך צו פאַרשטעלן ווי אַדריאַנוס. ער האָט זיך פאַרשטעלט דאַן, ווען ער האָט חתונה גע־האַט מיט סאַבינאַ, די פּלימעניצע פונעם אַלטן קיסר טראַ־יאַנוס; ער האָט דאַן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אין איר זייער שטאַרק פאַרליבט, אָבער אין דער אמתן האָט ער זי גענומען פאַר אַ ווייב בלויז דערפאַר וואָס ער האָט געוואוסט, אַז דורך דעם וועט ער זיך צושלאָגן צום טראָן, ווייל טראַיאַנוס אַליין האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

ער האָט זיך פאַרשטעלט ווען ער האָט געשפּילט די ראָלע פון טראַיאַנוסעס אַ גוטן פריינד; אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט אַזאַ אָנשטעל געמאַכט, האָט ער שטילערהייט, הינטער זיינע פּליי־צעס, געלעבט מיט זיין ווייב פּלאָטינאַ און האָט זי פאַר־זיכערט אַז ער איז אין איר שטאַרק פאַרליבט, און דאָס איז אפשר אויך געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל און ער האָט דאָס געטאָן צו־ליב דעם, אַז זי זאָל אים העלפן ווערן דער הערשער איבער דער רוימישער אימפּעריע נאָך דעם ווי טראַיאַנוס וועט שטאַרבן.

ער האָט זיך פאַרשטעלט דאַן ווען ער האָט ביים איבערנעמען די מאַכט, געגעבן אַ שבועה אַז ער וועט קיין מאָל ניט טאָן קיין זאַך, וואָס וועט זיין קעגן דעם ווילן פונעם פאָלק און אַז ער וועט קיין מאָל ניט פאַרמשפּטן צום טויט קיין איין מיטגליד פונעם סענאַט. מיט זיינע מעשים פון שפּעטער האָט ער אָפּגעמעקט דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט פריער.

אויך אין זיינע גוטע באַציאונגען צו אידן וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן אין די ערשטע צייטן פון זיין הערשאַפט, האָט ער זיך פאַר־שטעלט. ער האָט אין דער אמתן די אידן קיין מאָל ניט ליב געהאַט, ווי ער האָט דאָס אַרויסגעוויזן ביי דער ערשטער געלעגנהייט וואָס ער האָט נאָר געהאַט. בכלל האָט ער ניט ליב געהאַט דעם גלויבן פון קיין אַנדער פאָלק; ער איז געווען אַ געצנדינער דורך און דורך, און צום אידישן גלויבן, וואָס איז געווען פונקט דער היפוך פון געצנ־דינעריי, האָט ער זיך באַצויגן מיט גרויס פאַראַכטונג און געקוקט דערויף מיט חשד.

אדריאַנוס האָט געקענט זיין אויפּריכטיק אויך, אָבער בלויז אין פיינדשאַפט, ניט אין פריינדשאַפט. בלויז אין האַס, אָבער ניט אין ליבע. טאָן שלעכטס איז אים געווען לייכטער ווי צו טאָן גוטס. ווען ער האָט אַ מאָל איינעם דערהויבן, איז דאָס געווען כדי דערמיט אַן אַנדערן ווייִ צו טאָן. די אַלע מענטשן וועמען ער האָט געדאַרפט זיין דאַנקבאַר פאַר די גוטע זאַכן וואָס זיי האָבן פאַר אים געטאָן, האָט ער פאַרפאָלגט און געררודפט. די בעסטע מענטשן האָט ער פון זיך פאַרטריבן, און זיי זענען געווען צופרידן, ווען ער האָט אָן זיי פאַרגעסן. און צווישן די וואָס ער האָט פאַרטריבן, איז אויך געווען דער אַלטער פּ ר ע ט אָ ר (בירגער־מייסטער) ס י מ י ל י ס, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען איינער פון די חשובסטע לייט אין דער מלוכה, און ווען ער איז מיט זיבן יאָר שפּעטער געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, האָט ער פריער אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל אויף זיין מצבה אויסקריצן אַן אויפשריפט וואָס זאָל זיך לייענען אַזוי: „דאָ ליגט סימילים, וועלכער איז ג ע ו ו ע ן אויף דער וועלט זעקס און זיבעציק יאָר, אָבער ג ע ל ע ב ט אויף דער וועלט האָט ער בלויז זיבן יאָר!“

מיט דעם האָט דער אַלטער רוימישער פּרעטאָר געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די זיבן יאָר וואָס ער האָט ניט געדינט אַדריאַנוסן און זיך געהאַלטן ווייט פון דעם הויף, זענען געווען די בעסטע אין זיין לעבן. און ס׳איז אויסגעקומען, אַז אַן אויפשריפט אויף אַ מצבה דריקט אויס אַ שאַרפע קריטיק אויפן קיסר און שטעלט אים אַרויס אין זייער ניט קיין שיינעם ליכט. אין רוים האָט מען דאָס פאַרשטאַנען.

צו די אַלע זאַכן איז אַדריאַנוס נאָך געווען סעקסועל פאַרדאָרבן אויך. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שיינע יונגע מאַנספּאַרשוינען, און אין איינעם אַזאַ מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט געהייסן אַ נ ט י נ אַ ו ס , איז ער אַ לאַנגע צייט געווען משוגענערווייז פאַרליבט און ער האָט אים מיטגענומען אויף די אַלע ווייטע רייזעס, וואָס ער האָט געמאַכט איבער דער גרויסער רוימישער אימפּעריע. ס׳האָט געהייסן, אַז פאַר אים איז ער גרייט צו טאָן אַלץ אין דער וועלט. אָבער געענדיקט האָט זיך די ליבע זייער טרויעריק פאַר דעם שיינעם יונגנמאַן — אַדריאַנוס האָט אים אומגעבראַכט אין די וואַסערן פונעם טייך נילוס, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ווען ער וועט ברענגען פאַר

אַ קרבן אַ מענטשן וואָס איז אים זייער נאָענט, וועט ער דערמיט פאַרלענגערן זיין אייגן לעבן.

נאָך דעם האָט ער אויסגעבויט אַ שטאָט צו פאַראייביקן זיין נאָמען. אויך טעמפּלען האָט ער פאַר אים אויסגעבויט אין אַ סך שטעט פון דער אימפּעריע, און ער האָט זיך ניט געשעמט אוועקצו־שטעלן צווישן די געטער אַן אויסגעהאַקטע סטאַטוע פון זיין גע־שטאַלט, און מענטשן האָבן זיך געדאַרפט בוקן צו דעם.

און ער האָט גאָר קיין בושה ניט געהאַט. ער האָט זיך ניט גע־שעמט דערמיט וואָס ער האָט מיט דעם יונגנמאַן געהאַט אַזעלכע מיאוסע און עקלדיקע באַציאונגען, פּונקט ווי ער האָט זיך נאָך דעם ניט גערעכנט מיט די מיינונגען און געפילן פון אַנדערע און געמאַכט דאָס געשטאַלט פון דעם שיינעם יונגנמאַן פאַר אַ גאָט.

אויך אין די באַציאונגען צו זיין ווייב האָט אַדריאַנוס אַרויס־געוויזן וואָס פאַר אַ שלעכטער און פאַרדאָרבענער מענטש ער איז. ער האָט זיך ניט גערעכנט דערמיט, וואָס ער דאַרף איר דאַנקבאַר זיין דערפאַר וואָס ער איז געוואָרן קיסר, און ער האָט זי באַהאַנדלט נאָך ערגער ווי אַ דינסט און געזען אַז די אַנדערע אין הויף זאָלן זי אויך ניט באַהאַנדלן בעסער; ער האָט זי אָפט באַליידיקט פאַר אַלע־מען אין די אויגן; ער האָט זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט מיט אירע געפילן. און אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז אַ ווייב האָט די מעג־לעכקייט צו דערקענען אַ מאַן מער ווי אַנדערע, איז דערביי וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אַ ד ר י אַ נ ו ס ע ס ווייב האָט אים געהאַלטן פאַרן גרעסטן אויסוואורף, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ ווילדער חיה, געוויכט פון אים ווי פון אַ באַשעפע־ניש וואָס קען אויפעסן אַ מענטשן לעבעדיקערהייט, און זי האָט אָפן געזאָגט, אַז זי טוט אַלץ וואָס זי קען נאָר, נ י ט צו האָבן פון אים קיין זון וואָס זאָל ירשענען דעם טראָן, ווייל זי האָט מורא, אַז ווען זי וועט פון אים אַ זון געבאָרן, וואָלט ער אוודאי איבערגע־נומען ביים פאָטער אַלע פאַרדאָרבנקייטן זיינע, די גאַנצע רשעות וואָס ער האָט אין זיך, און דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר דער וועלט.

וואָס עלטער אַדריאַנוס איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך אין אים צעוואַקסן די רשעות, די פאַרדאָרבנקייט. ווען ער האָט גע־דאַרפט באַשטימען ווער ס׳זאָל נאָך אים ירשענען דעם טראָן, ווייל ער אַליין האָט קיין יורש ניט געהאַט, איז ער געוואָרן אַזוי ווילד,

אז מ׳האָט געמיינט ער וועט אַלעמען אומברענגען. אַלע מאָל האָט ער אַן אַנדערן פאַרן יורש באַשטימט, און ווי איז געווען צו די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געזאָלט זיצן אויפן טראָן נאָך דעם ווי אַדריאַנוס וועט שוין זיין טויט; דאָס אַליין, וואָס ער האָט אויף זיי געדאַרפט קוקן ווי אויף זיינע יורשים, איז געווען גענוג אַז ער זאָל זיי האַסן ווי דעם טויט און ער האָט שוין געפונען אַן אויסרייד זיי אומצו־ברענגען. אַזוי האָט ער געטאָן מיט זיין אייגענעם שוואָגער סעוועריאַנוס, אַ זקן פון ניינציק יאָר, ווען ער האָט אים אויס־געקליבן צו ווערן קיסר נאָך אים. און אַזוי האָט ער אויך געטאָן צו סעוועריאַנוסעס אייניקל פוסקוס, אַ אינגל פון אכצן יאָר, ווען ער האָט אים פאַר זיין יורש געמאַכט. ער האָט שוין מער ניט גע־קענט קוקן אויף זיי גלייכגילטיק, ווען ער האָט געטראַכט אַז זיי וועלן נאָך אים אפשר הערשן איבער דער רוימישער אימפּעריע, און ער האָט זיי ביידן פאַרמשפּט צום טויט. דאָס אכצן־יאָריק אינגל האָט געשוויגן ווען מ׳האָט אים צום טויט געפירט. דער ניינציק־יאָריקער זקן, אָבער, האָט ניט געקענט בלייבן שטיל; ער האָט גע־בעטן מ׳זאָל אים געבן פייער, און ווען מ׳האָט דאָס אים געגעבן, האָט ער גערויכערט ווייררויך צו די געטער, און דערביי האָט ער אויסגע־שריען אויפן קול:

„אַז איך בין אין קיין זאַך ניט שולדיק — דאָס, אָ, געטער, ווייסט איר זייער גוט. אָבער וואָס שייך אַדריאַנוסן, בעט איך ביי אייך, אַז ער זאָל בענקן נאָכן טויט און זאָל ניט קענען שטאַרבן!“

אויך זיין אייגענע ווייב, סאַבינאַ, האָט אַדריאַנוס אומגעבראַכט. ער האָט ניט געוואָלט אַז זי זאָל אים איבערלעבן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז נאָך זיין טויט וועט זי פרייער אָפּאָטעמען, און ער האָט זי דעריבער אַזוי לאַנג געפּייניקט ביז זי האָט אַליין געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן. אַזוי ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, און אייניקע היסטאָריקער זענען גענייגט צו גלויבן, אַז ער האָט זי שטילערהייט פאַרסמט.

אַז „דאָס פאָלק האָט אַדריאַנוסן געהאַסט“—דאָס גיט צו אַפילו דער היסטאָריקער קאַסיוס דיאָ, אין זיין ווערק „די רוימישע גע־שיכטע“ (בוך 69, ז. 465), און ס׳איז געווען פאַר וואָס אים צו האַסן, ווייל ער איז געווען אַ רשע און אַן אכזר, כאָטש מ׳קען ניט

לייקענען, אַז ער האָט פאַר דער רוימישער אימפעריע אויפגעטאָן אַ סך גוטע זאַכן און אויסגעהיט דאָס לאַנד פון איבעריקע מלחמות. און אויב דאָס רוימישע פאָלק האָט געהאַט אַ גרונט אים צו האַסן, האָט דאָס אידישע פאָלק אוודאי געהאַט אַ גרונט דערויף.



ירמיהו הנביא אויף די חורבות פון ירושלים.
(געמאָלן פון אידישן מאָלער עדוואַרד בענדעמאַן.)

# קאַפּיטל זעקס

## די ראָלע פון די ערשטע פאַרקריסטלטע אידן אינעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד

עס איז ניט לייכט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די אַלע מאַטעריאַלן — אידישע און ניט־אידישע — וואָס זענען צעוואָרפן אויף אַזוי פיל ערטער וועגן דעם גרויסן אויפשטאַנד פון שמעון בר־כוכבא אין די צייטן פונעם קיסר אַדריאַנוס. און נאָך שווערער איז פעסטצושטעלן קלאָר די דאַטעס פון די וויכטיקע געשעענישן, וואָס האָבן געפירט צו דער לעצטער גרויסער מלחמה צווישן די אידן און די רוימער.

לויט אַ לעגענדע אין אַן אַלטן אידישן קוואַל (בראשית רבה, פרק ס״ד), האָט אַדריאַנוס אין אָנפאַנג יאָ געגעבן די אידן די רעכט צוריק אויפצובויען דאָס בית המקדש, אָבער די שומרונים, די אייביקע שונאים פון אידישן פאָלק, האָבן אין דעם געשטערט; זיי האָבן דעם רוימישן קיסר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס וועט אים ברענגען אַ סך שלעכטס, ווייל ווען די אידן וועלן ווידער האָבן אַ בית המקדש, וועלן זיי זיך געוויס ניט באַנוגענען מיט דעם און מיט דער צייט וועלן זיי ווידער פּרואוון אַרונטערוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון רוים און צוריק ווערן אַ זעלבסשטענדיק פאָלק מיט אַן אייגענער מלוכה. דאָס האָט אויף אַדריאַנוסן שטאַרק געווירקט: ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט טאַקע אַזוי זיין, און ער האָט דעריבער געביטן זיין באַשלוס און געלאָזט וויסן די אידן, אַז אויב אויפבויען צוריק דעם הייליקן טעמפּל, איז — ניט אויף דעם זעלבן אָרט, וואו ער איז פריער געשטאַנען, און אויך ניט אַזוי גרויס און ניט אַזוי הויך ווי פריער, און דאָס איז אין דער אמתן געווען פּונקט דאָס זעלבע ווי אינגאַנצן צוריקציען די דערלויבעניש אויפצובויען דעם טעמפּל.

די אידן האָבן דאָס פאַרשטאַנען, און באַלד איז צווישן זיי די אומרואיקייט געוואָרן זייער גרויס. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס

האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף שוין אַרויס אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט פון רוים, און צוליב דעם איז אין דעם טאָל פון ב י ת - ר י מ ו ן צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון פאָלק. אַלע זענען זיך „פאַרגאַנגען אין אַ געוויין", ווערט אין יענער לעגענדע דערציילט, און נאָך דעם ווי מען האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז איצט איז די צייט אַרויס-צוקומען מיט שווערדן אין די הענט קעגן דער מאַכט פון רוים. אָבער דער גרויסער געלערנטער ר׳ י ה ו ש ע ב ן ח נ נ י ה , וועל-כער איז דאַן געווען דער נשיא פונעם בית דין אין יבנה, האָט גע-פרואווט באַרואיקן די געמיטער, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אין אַ מלחמה מיט רוים וועלן די אידן זיכער פאַרלירן, ווי עס איז שוין געווען ניט איין מאָל, און רעדנדיק צום פאָלק, האָט ער זיי געגעבן אַ משל:

„אַ לייב האָט אַמאָל פאַרצוקט אַן אַנדער חיה, — האָט ר׳ יהושע בן חנניה געזאָגט, — און עס האָט זיך דעם לייב געשטעלט אַ ביין אין האַלדז. האָט זיך דער לייב אָנגערופן און האָט געזאָגט: „ווער עס וועט מיר אַרויסציען דעם ביין פון האַלדז, וועט דערפאַר קריגן פון מיר אַ גוטע באַלוינונג". איז געקומען אַ בושל און האָט אַריינגעטאָן דעם לאַנגן שנאָבל צום לייב אין מויל און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט דעם ביין, און נאָך דעם האָט ער געזאָגט דעם לייב, אַז ער זאָל אים געבן די באַלוינונג דערפאַר. האָט דער לייב זיך צו אים אָנ-גערופן: „גיי און באַרים זיך פאַר אַלעמען און זאָג „איך בין געווען ביים לייב אין מויל און איך בין פון דאָרט אַרויס גאַנץ". קיין גרע-סערע באַלוינונג דאַרפסטו ניט".

„דאָס זעלבע איז מיט אונדז, — האָט ר׳ יהושע בן חנניה גע-ענדיקט. — עס איז גענוג וואָס מיר זענען בשלום אַריין אין דעם מויל פון י ע נ ע ר א ו מ ה און וואָס מיר זענען בשלום אַרויס פון דאָרט".

צו די רייד פון ר׳ יהושע בן חנניה האָט זיך דאָס פאָלק צוגע-הערט, און עס איז דעריבער דאַן צו קיין אָפענעם אויפשטאַנד ניט געקומען. עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שפּעטער.

***

עס איז אויך זייער מעגלעך, אַז ניט נאָר די ש ו מ ד ו נ י ם , נאָר אויך די פירער פון דער ערשטער קריסטלעכער סעקטע האָבן

ניט ווייניק געהאָלפן אין דעם אַז אַדריאַנוס זאָל חרטה האָבן אויף זיין וואָרט און צוריקציען די דערלויבעניש, וואָס ער האָט פריער גע־געבן די אידן ווידער אויפצובויען דאָס בית המקדש. זיי האָבן אין דעם געזען אַ סכנה פאַר דעם נייעם גלויבן, וואָס זיי האָבן געפּרעדיקט, אַ נייע אויפבויאונג פון הייליקן טעמפּל וואָלט דאָך אָפּגעלייקנט זייערע רייד, אַז דער חורבן פון ירושלים איז געקומען אויף די אידן ווי אַ שטראָף פון גאָט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט אָנגענומען י ש ו דעם נ ו צ ר י פאַר דעם אמתן משיח בן דוד.

אַן אָנצוהערניש דערויף, אַז זיי האָבן געשפּילט אַזאַ ראָלע, קען מען געפינען ביי דעם קריסטלעכן היסטאָריקער י ו ס ע ב י ו ס. אין זיין ווערק „די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע" (בוך 4, קאַפּ. 3) דערציילט ער, אַז באַלד נאָך דעם ווי אַדריאַנוס איז אַרויף אויפן טראָן, האָט איינער אַ ק ו ו א ד ר א ט ו ס , אַ קריסטלעכער נביא, צוגעשיקט צו אים אַ „צושריפט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאַרטיידיקונג פון אונדזער גלויבן". ער דערציילט אויך, אַז אַן אַנדער גלויביקער קריסט, איינער אַ געוויסער א ר י ס ט י ד ע ס , האָט אויך געלאָזט נאָך זיך אַ שריפט, וואָס איז אַ „פאַרטיידיקונג פון אונדזער גלויבן", ווי ער דריקט זיך אויס, און וואָס איז געווען אָנ־געשריבן פאַר אַדריאַנוסן.

אמת טאַקע, דער פרומער קריסטלעכער היסטאָריקער מאַכט דערביי אַ באַמערקונג, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן דערפאַר, וואָס „געוויסע פאַרדאָרבענע לייט האָבן געפּרואווט אָנטאָן צרות די קריסטן". אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, וואָס מען קען ניט לייקענען און וואָס איז פאַרשריבן אין אונדזער געשיכטע פון יענער צייט, אַז ביי אַ סך געלעגנהייטן האָבן די „אידישע תלמידים פון ישו הנוצרי" און אויך די גוישע תלמידים זיינע וואָס האָבן דעם נייעם גלויבן אָנגענומען, געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, צו שטערן אין דעם, אַז די אידן זאָלן צוריק אויפבויען דעם חורבן פון זייער לאַנד און ווידער ווערן אַ פאָלק צווישן פעלקער; ווייל זיי האָבן אין דעם געזען די אָפּלייקענונג פון זייער גלויבן, אַז דער געקרייציק־טער י ש ו פון נ צ ר ת איז געווען דער אמתער משיח.

בכלל האָבן די ערשטע פון דער קריסטלעכער סעקטע געקוקט מיט חשד און אויך מיט מורא אויף יעדן קאַמף פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט וואָס די אידן האָבן געפירט, און וואָס איז, לויט די באַגריפן פון יענער צייט, געווען אַ משיח-באַוועגונג. און

צו דעם דאַרף מען געוויס נאָך נעמען אין אַכט, וואָס אין אַלגעמיין איז די קריג צווישן די אידן און די ערשטע קריסטן געווען אַ פּאַ־מיליען־קריג, וואו די פאַרביטערטקייט ווערט געוויינלעך גרעסער ווי אין אַ קריג צווישן פרעמדע. און חוץ דעם איז די לאַגע פון די ערשטע קריסטן בכלל נאָך געווען אַזאַ, אַז זיי האָבן זיך דעמאָלט געפונען צווישן צוויי פייערן: די אידן האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף פאַרשטעלטע געצנדינער, און די געצנדינער ווידער האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף פאַרשטעלטע אידן, און דאָס איז אוודאי געווען איינע פון די אורזאַכן, וואָס ביי יעדער געלעגנהייט וואָס עס האָט זיך זיי נאָר געמאַכט, האָבן זיי געפּרואווט באַווייזן דער רוימישער מאַכט, אַז זיי קערן זיך ניט אָן מיט דעם אידישן כלל, און ווען זיי האָבן נאָר געקענט, האָבן זיי צושטערט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון אידישן פאָלק, ווייל אין אַזעלכע שטרעבונגען האָבן זיי געזען אַ גרויסע סכנה פאַר דעם קיום און פאַר דער ווייטערדיקער ענטוויק־לונג פון זייער נייעם גלויבן.

עס איז וויכטיק דערביי צו געדענקן, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס אידן האָבן געטרוימט וועגן אַ צייט ווען אַלע פעלקער וועלן אוועקוואַרפן זייערע אָפּגעטער וואָס זענען געמאַכט פון האָלץ און שטיין, און וועלן אַלע דינען צו איין גאָט; אין דער זעלבער צייט, ווען זיי האָבן געהאָפט, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען אַלע אומות פון דער וועלט וועלן דערזען די ליכט און „פון ציון וועט אַרויסקומען די תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים", האָבן זיי דאָך ניט אָנגעפירט קיין מיסיאָנערישע אַרבעט, און דער עיקר איז ביי זיי געווען די ע ט י ש ע זייט און דער גלויבן, אַז סוף כל סוף וועלן אַלע דאָס איינזען. אין דער גמרא (מסכת גרים, פרק ראשון) שטייט בפירוש, אַז ווען איינער וויל זיך מגייר זיין און ווערן אַ איד, דאַרף מען אים ניט אַריינגעמען באַלד, נאָר פאַרקערט, מען דאַרף אים אָפּשלאָגן דערפון; עס איז אַ חוב אים צו דערמאָנען, אַז אידן זענען אויף גרויסע צרות, אַז זיי ווערן אומעטום פאַרפאָלגט און אַז מען שטעלט איין דאָס לעבן ווען מען איז מקיים די מצוות וואָס זענען דער גרונט פון אידישקייט. ערשט דאַן ווען דער מענטש זאָגט, אַז ער איז גרייט די אַלע צרות אַריבערצוטראָגן, מעג מען אים מגייר זיין. אויב אָבער ער דערשרעקט זיך דערפאַר, הייסט מען אים גיין ווייטער און בלייבן ביי זיין גלויבן.

אזוי האָבן זיך די אידן דעמאָלט געפירט. זיי זענען ניט געווען קיין מיסיאָנערן. אַנדערש אָבער האָט זיך געפירט די קריסטלעכע סעקטע, וואָס איז אַרויסגעקומען פונעם אידישן פאָלק. זיי, די „תלמידים פון ישו הנוצרי", ווי זיי האָבן זיך גערופן, האָבן בלויז די ערשטע צייט געפּרעדיקט זייער נייע תורה צווישן אידן, און זיי האָבן דאָס געטאָן אין די בתי־מדרשים און אין די שולן וואוהין זיי זענען געגאַנגען גלייך מיט אַלע אַנדערע אידן. אַזוי האָבן זיי זיך געפירט אין אָנפאַנג. שפּעטער אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן פּרעדיקן די נייע תורה זייערע אויך צווישן די אַנדערע פעלקער; זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס איז זיי גראָד געקומען צו דער האַנט, דורך דעם וואָס צווישן די געצנדינער האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אַנצונעמען דעם אידישן גלויבן אין איין גאָט, און זיי האָבן צווישן זיי גענומע פאַרשפּרייטן די נייע תורה. דער באָדן איז געווען זייער אַ גינסטיקער, ווייל צווישן די געצנדינערישע פעלקער האָט מען אויף די ערשטע קריסטן געקוקט ווי אויף אידן. די שליחים, די אַפּאָסטאָלן פון דער ערשטער קריסטלעכער סעקטע, זענען געווען פאַרברענטע מיסיאָנערן; זיי זענען ניט געזעסן אויף איין אָרט, זיי זענען אַרומגעפאָרן איבער אַ סך שטעט און לענדער און אומעטום האָבן זיי אויף גריכיש, אויף דער שפּראַך פון די פעלקער, אָנגעפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם נייעם גלויבן אין „גאָטס זון", וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַרן אמתן משיח. און עס איז דעריבער געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן קוקן קרום אויף יעדן נייעם קאַמף, וואָס אידן האָבן אָנגעהויבן פאַר דער באַפרייאונג און פאַר דער זעלבסשטענדיקייט פון פאָלק און פון לאַנד.

עס איז אין אַנדריאַנוסעס צייטן דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די מינים, וואָס דאָס מיינט די כופרים, די אָפּלייקענער, ווי מען האָט דאַן גערופן די תלמידים פון ישו דעם נוצרי, האָבן ניט געוואָלט זאָגן די תפילה „ולירושלים עירך ברחמים תשוב", וואָס דער בית־דין אין יבנה האָט איינגעפירט צו זאָגן יעדן טאָג ביים דאַווענען און וואָס מיר געפינען נאָך איצט אין דער שמונה־עשרה. זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט זאָגן, ווייל זייער וואונטש איז געווען, אַז ירושלים זאָל ניט אויפגעבויט ווערן צוריק.

צו יענער צייט געערט אויך די תפילה „ולמינים אל תהי תקוה" (צו די מינים זאָל ניט זיין קיין האָפענונג). דאָס איז געווען נויטיק, ווייל דער ריס צווישן די אידן און די אָפּטריניקע וואָס זענען אַוועק

אויף אַן אַנדער וועג, איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרע־סער, און עס איז שוין געווען קלאָר, אַז די האָפענונגען פון אידישן פאָלק זענען ניט זייערע האָפענונגען. *)

בלויז דערמיט קען מען דערקלערן די ראָלע, וואָס די ערשטע קריסטן האָבן געשפּילט ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער קיסר אַדריאַנוס האָט די אידן געגעבן די דערלויבעניש צוריק אויפצובויען דאָס בית המקדש. זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט ליידן און האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט צו שטערן אין דעם. זיי האָבן געטאָן דאָס זעלבע וואָס די ש ו מ ר ו נ י ם , וועגן וועלכע ס׳ווערט געזאָגט אין דער גמרא (מסכת כותים, פרק ראשון), אַז „זייערע וועגן זענען טיילוויז געצנדינערישע און טיילוויז אידישע, אָבער מערסטענס אידישע״.

***

פון דער גרויסער פרייד וואָס האָט אָנגעפילט די הערצער פונעם אידישן פאָלק, ווען אַדריאַנוס האָט געגעבן די ערלויבעניש צוריק אויפצובויען דעם הייליקן טעמפּל, איז געוואָרן אַ גרויסער טרויער, ווען ער האָט די ערלויבניש צוריקגעצויגן. די אידן האָבן זיך געפילט שרעקלעך אָפּגענאַרט דערפון. און כאָטש זיי האָבן געלייגט גרויס כבוד אויף ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער האָט זיי געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז מ׳מוז דאָס אָננעמען באהבה און אָנבויגן די קעפּ און שווייגן, האָבן זיי דאָך אָפן אַרויסגעוויזן זייער שטאַרקע אומצופרידנ־קייט דערמיט און אין אייניקע ערטער זענען פאָרגעקומען צוזאַמנ־שטויסן.

דער רוימישער לעגאַט אין יהודה איז דאַן געווען ט י נ ע א ו ס ר ו פ ו ס . דאָס איז דער זעלבער ט ו ר נ ו ס ר ו פ ו ס אָדער רופוס דער טיראַן, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא. אים האָט דער קיסר אַדריאַנוס באַשטימט אויף דעם פּלאַץ פון לוסיוס קוויעטוס, וועמען ער האָט פריער אַרונטערגעזעצט. און אין די אַלטע אידישע קוואַלן ווערט דערציילט, אַז ער האָט אין דער שטאָט ל ו ד באַ־שטראָפט מיטן טויט די אָנגעזעענסטע לייט פון דער אידישער באַ־פעלקערונג, און צווישן די וואָס ער האָט אומגעבראַכט, זענען אויך

---

*) דער נוסח פון דער תפילה „ולמינים אל תהי תקוה״ האָט זיך שפּע־טער געביטן אויף „ולמלשינים אל תהי תקוה״. מער איינצלהייטן וועגן דעם קען מען געפינען אינעם סידור פון ר׳ יצחק בן אריה יוסף דוב (ד״ר זעליגמאַן־בער).

געווען די צוויי ברידער לוליאַנוס און פּאַפּוס, די זעלבע וועלכע זענען געווען די פירער פונעם אויפשטאַנד ווען טראַיאַנוס איז נאָך געזעסן אויפן טראָן.

די אונטערדריקונגען האָבן אָבער ניט געהאָלפן. פאַרקערט, זיי האָבן אַרויסגערופן נאָך מער צאָרן, ווי ס'איז געווײנלעך דער שטייגער אין אַזאַ פאַל. די אידן האָבן צוגעגרייט אַלץ וואָס ס'איז נאָר געווען נויטיק פאַר אַ גרויסן אויפשטאַנד און זיי האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער צייט, ווען זיי וועלן קענען אַרויסקומען קעגן שונא מיט שווערדן אין די הענט.

מ'האָט געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק מיט די צוגרייטונגען, ווייל לויטן געזעץ האָבן די אידן אין לאַנד קיין געווער ביי זיך ניט געטאָרט האַלטן. די רוימישע זעלנער וואָס זענען געשטאַנען אין יהודה, האָבן גוט אַכטונג געגעבן אַז די אידן זאָלן זיך ניט באַוואָפנען. אָבער די אידן האָבן זיך אַן עצה געגעבן; זיי האָבן אַריינגעצויגן אין דער געהיימער פאַרשווערונג אַלע שמידן פונעם גאַנצן לאַנד און ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיט זיי, אַז ביים מאַכן דאָס געווער וואָס די רוימער באַשטעלן, זאָלן זיי די אַלע שווערדן און מעסערס אַרויסגעבן אַזוי, אַז די רוימער זאָלן לייכט געפינען חסרונות און דאָס אָפּגעבן צוריק און באַשטעלן אַנדערע. אַזוי האָבן געטאָן אַלע אידישע שמידן פונעם גאַנצן לאַנד, און זיי האָבן געזאַמלט דאָס געווער, וואָס מ'האָט זיי אָפּגעגעבן צוריק און האָבן דאָס באַהאַלטן אין די קעלערס און אויך אין די היילן און גריבער, וואָס צווישן די בערג.

לאַנג איז דאָס אַזוי אָנגעגאַנגען. עטלעכע יאָר זענען אַזוי אַוועק, און ס'איז אויסגעקומען, אַז מיט דער הילף פון די שמידן האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק באַוואָפנט — פאַרן שונא אין די אויגן און ס'איז ניט געפאַלן קיין חשד, אַז דאָס ווערט געטאָן אומיסטן און אַז מ'גרייט זיך צו אַן אויפשטאַנד. לפנים איז אַלץ געווען שטיל און רואיק, אָבער טאַקע ניט מער ווי לפנים. און די שמידן האָבן געטאָן נאָך אַ זאַך: דאָס געווער פאַר די רוימער האָבן זיי געמאַכט אַזוי, אַז ס'זאָל בלויז פון אויבן־אויף אויסקוקן גוט, אָבער אין דער אמתן זאָל עס ניט טויגן; זיי האָבן די שווערדן און מעסערס געמאַכט פון שלעכטן שטאָל און זיי פאַרהאַרטעוועט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך לייכט צוברעכן. און דאָס האָבן זיי געטאָן, כדי די רוימער זאָלן זיין שלעכט באַוואָפנט ווען דער אויפשטאַנד וועט אויסברעכן.

אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסן קאַמף קעגן אַ מעכטיקן שונא. אין דער פינסטערניש פון די נעכט האָט מען דאָס אָנגעזאַמלטע געווער שטילערהייט אַוועקגעפירט אין די בערג און דאָרט האָט מען עס באַהאַלטן אַזוי, אַז קיין פרעמד אויג זאָל דאָס ניט קענען זען. יעדער הייל, יעדער גרוב איז געוואָרן אַן אַר־סענאַל פון געווער; און וועגן וואָס מ׳האָט געמאַכט אונטער דער ערד, האָבן געפירט פון איין אַרסענאַל אין אַנדערן און ס׳זענען אויך גע־ווען גרעסערע היילן, וואו הונדערטער מענטשן האָבן זיך געקענט באַהאַלטן אונטער דער ערד און פון דאָרטן אָנפאַלן אויפן שונא ווען ער ריכט זיך גאָרניט דערויף, און די היילן זענען געווען אויסגע־גראָבן אַזוי, אַז עס זאָל אַהין אַריינקומען לופט און ליכט.

אַלץ איז געווען גוט צוגעגרייט און גוט אויסגערעכנט. אין די אידן האָבן אַרויסגעוויזן גענוג געדולד און זיך געהאַלטן אַזוי, אַז דער שונא זאָל פון די אַלע צוגרייטונגען ניט וויסן.

עס איז געווען אַן אמתע אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונג, און מ׳האָט זיך געדאַרפט היטן מיט יעדן שריט וואָס מ׳האָט געמאַכט.

דער פירער פונעם אויפשטאַנד איז געווען ב ר ־ כ ו כ ב א , אָבער זיין נאָמען ווערט אין דער געשיכטע דערמאָנט ערשט שפּעטער, און ס׳ווערט דערציילט, אַז ער האָט געפירט די אידן אין דער מלחמה און אַז די אידן האָבן אים געמאַכט פאַר זייער קעניג און געקוקט אויף אים ווי אויף דעם אמתן משיח, וואָס איז געקומען אויסלייזן דאָס אידישע פאָלק פון די הענט פון די שונאים. אָבער כאָטש זיין נאָמען ווערט דערמאָנט ערשט שפּעטער, איז מער ווי זיכער, אַז ער האָט זיך ניט באַוויזן מיט אַ מאָל און אַז ער איז נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה געווען דער גאַנצער פירער און אַז אַלע צוגרייטונגען צו דער מלחמה זענען גע־מאַכט געוואָרן אונטער זיין אויפזיכט.

די רוימער און גריכישע היסטאָריקער געבן זיין נאָמען אינ־גאַנצן ניט אָן. זיי האָבן ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם אידן וואָס האָט געפירט אַ מלחמה קעגן דער מאַכט פון דער רוימישער אימפּעריע; דאָס איז ביי זיי געווען ניט וויכטיק, ווייל, ווי מיר האָבן שוין ניט איין מאָל געזאָגט, האָבן זיי זיך מיט אונדזער געשיכטע אינטערעסירט בלויז אויף אַזוי פיל אויף וויפל זי האָט אָנגערירט זייער געשיכטע, און אין דעם פאַל איז דער

עיקר ביי זיי געווען דאָס וואָס די רוימער האָבן דעם „בונט" שפּעטער אונטערדריקט. די גאַנצע באַוועגונג וואָס האָט געטראָגן אַ נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער און וואָס איז געווען געבויט אויף איינעם פון די שענסטע און גרעסטע אידעאַלן אינעם לעבן פון אַ פאָלק, איז ביי זיי געווען ניט מער ווי אַ „בונט", און ס'האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס דער „בונט" איז אונטערדריקט געוואָרן, אָבער דער נאָמען פון דעם מענטשן וואָס איז געווען דער פירער פון דער גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, איז זיי ניט אָנגעגאַנגען.

בלויז ביי די קריסטלעכע היסטאָריקער ווערט ער דערמאָנט מיטן נאָמען ב ר ־ כ ו כ ב א, וואָס ס'קען מיינען, דער זון פון אַ שטערן. אין די אידישע קוואַלן אָבער, ווערט ער אָנגערופן ב ר ־ כ ו ז י ב א און אויך ב ן ־ כ ו ז י ב א, און פון דעם האָבן איניקע געדרונגען, אַז מ'האָט דערמיט געמיינט אים צו באַליידיקן און געבן אָנצוהערעניש, אַז ער איז ד ע ר ז ו ן פ ו ן אַ ל י ג ן. די דאָזיקע השערה אָבער האָט ניט קיין שום גרונט, און אין דעם שטימען־איין די וויכטיקסטע און גרעסטע היסטאָריקער — אידישע און ניט־אידישע — פון דער איצטיקער צייט. זיי אַלע האַלטן, אַז ער איז אוודאי געווען דער זון פון איינעם, וואָס האָט געהייסן כ ו ז י ב א, אָדער ער האָט געשטאַמט פון אַ שטאָט, אָדער פון אַ דאָרף וואָס האָט געהייסן כוזיבא. און אַ ראיה דערויף, אַז ס'איז געווען אַזאַ פּלאַץ, קען מען געפינען אינעם ספר דברי הימים (א, ד, כ"ב). דאָרטן ווערן דערמאָנט די „אנשי כוזיבא". און צו דעם געפינט מען ביי דעם היסטאָריקער ד ר. י ו ס ף ק ל ו י ז נ ע ר, אין זיין בוך „כשאומה נלחמת על חירותה", נאָך אַ ראיה, און דאָס איז, אַז נאָך ביז היינטיקן טאָג געפינט זיך לעבן דער שטאָט חברון אַ טאָל וואָס הייסט „ח ר ב ת א ל ־ כ ו ־ ז י ב י ה".

אָבער דער בעסטער באַווייז דערויף, אַז ס'איז אין דעם ניטאָ קיין באַליידיקונג און אַז דאָס איז בלויז געווען אַ נאָמען אַזאַ, קען מען געפינען אין דער גמרא (תענית). דאָרטן שטייט, אַז נישט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער געלערנטער ר ב י ע ק י ב א האָט אויף אים געדרשנט דעם פּסוק „דרך כוכב מיעקב", וואָס געפינט זיך אינעם ספר במדבר (כ"ד, י"ז). און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס גייט אויף ב ן ־ כ ו ז י ב א ן. דאָס מיינט, אַז דער ערשטער

וואָס האָט אים געגעבן דעם נאָמען בר־כוכבא איז געווען רבי עקיבא.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז ווען רבי עקיבא האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען בר־כוכבאן, איז ער געוואָרן אַזוי איבערראַשט פון זיין גבורה און פון זיין אויסערגעוויינלעכן אויסזען, וואָס האָט מיט זיך אויסגעדריקט די פאַרקערפערונג פון מוט, אַז ער האָט מיט באַגייס־טערונג אויסגערופן: „דאָס איז דער מלך המשיח!"

דער גרויסער אידישער גבור, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אין כחות מיט דער רוימישער מאַכט און געגעבן אַ שבועה צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק און צוריק אויפבויען דעם חורבן פונעם לאַנד, האָט אויף דעם גרויסן אידישן געלערנטן געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז ער האָט זיך גאָרניט געקענט גענוג אָפּלויבן פון אים.

דער געלערנטער האָט געפונען אינעם גבור דאָס וואָס אים אליין האָט געפעלט — כח זיך צו שטעלן אַקעגן דעם שונא, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויסצעראָטן דאָס אידישע פאָלק און אָפּמעקן זיין געדעכעניש פונעם פּנים פון דער ערד. ער אליין האָט געהאַט גענוג גייסטיקע כחות צו וועקן האָפענונגען ביים פאָלק און דערמיט שטאַר־קען דעם געמיט. ער האָט אָבער געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס אליין איז ווייניק; אַז צו דעם מוז מען נאָך האָבן איינעם וואָס זאָל האָבן גענוג פיזישע כחות און וואָס זאָל קענען הערשן און באַפעלן. און אַזאַ מענטשן האָט ער געזען אין דעם גרויסן גבור בר־כוכבא, און דערפאַר איז ער אים געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן, דערפאַר האָט ער אים אַזוי געגלויבט, און כדי די אַנדערע געלערנטע פונעם בית־דין אין דער שטאָט יבנה זאָלן פון אים אויך זיין אַזוי באַ־גייסטערט, האָט ער געפונען פּסוקים צו באַווייזן, אַז די נביאים האָבן נאָך פריער פאָראויסגעזאָגט דאָס קומען פון בר־כוכבאן, און ער האָט אָנגעוויזן וואָס ס'שטייט געשריבן ביים נביא חגי: „וואָרעם אַזוי האָט גאָט געזאָגט: נאָך איין קורצע ווײַלע, און איך שטורעם־אויף די הימלען און די ערד, דעם ים און די טריקעניש און איך וועל אויפ־שטורעמען אַלע פעלקער און ס'וועלן אָנקומען אַהער די בעסטע פון אַלע פעלקער, און איך וועל אָנפילן דאָס דאָזיקע הויז מיט פּראַכט".

און ווייטער פון דעם זעלבן נביא חגי:

„און איך וועל איבערקערן דעם טראָן פון מלוכות, און איך וועל פאַרטיליקן די שטאַרקייט פון די הערשאַפטן פון די פעלקער, און איך וועל איבערקערן דעם רייטוואָגן מיט זיינע רייטער, און פאַלן וועלן פערד און זייערע רייטער איינער דורכן אַנדערענס שווערד".

אזוי האָט רבי עקיבא זיך באַנוצט מיט פסוקים און מיט די רייד פון די נביאים ווען ער האָט פאַר אַנדערע אויסגעדריקט זיין גרויסע באַגייסטערונג פאַר בר־כוכבאן. ער האָט געגלויבט אין אים, ער האָט אים געהאַלטן פאַר דעם מלך המשיח וואָס וועט באַפרייען דאָס פאָלק פונעם פרעמדן יאָך, און ער האָט געהאָפט, אַז דאָס וועט זיין דער לעצטער קאַמף און אַז נאָך דעם וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן דער חורבן פונעם לאַנד און ס'וועט צוריק אויס־געבויט ווערן דאָס בית המקדש.

עס זענען אָבער צווישן די געלערנטע אין יבנה אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין דעם ניט געגלויבט, און וואָס האָבן אויף בר־כוכבאן אַנדערש געקוקט. און ס'ווערט דערציילט אין דער גמרא, אַז ווען רבי עקיבא האָט זיך אויסגעדריקט אַז בר־כוכבא איז דער מלך המשיח, האָט רבי יוחנן בן תורתא צו אים געזאָגט: „עקיבא, ווען עס וועט שוין ביי דיר וואַקסן גראָז אין די באַקן, וועט דער משיח בן דוד נאָך אַלץ ניט קומען".

און ר' יוחנן בן תורתא איז צווישן די געלערנטע אין יבנה ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט ניט געגלויבט אין דעם, אַז בר־כוכבא איז דער מלך המשיח און וואָס איז געווען קעגן דעם קאַמף, וואָס ער האָט צוגעגרייט און קעגן דער באַוועגונג וואָס ער האָט אָנגעפירט. עס זענען געווען נאָך אַנדערע קעגנער. און דאָס איז ניט קיין וואונדער. אַזוי איז דאָס אַלע מאָל אין אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג. עס איז אָבער קלאָר, אַז קיינער פון די גרויסע געלערנטע, וועלכע זענען געווען דערפאַר אַז מ'דאַרף זען אויסקומען מיט דער רוימישער מאַכט מיט גוטן, האָט ניט געשטערט אין דעם גרייטן זיך צו מלחמה און ס'איז מער ווי זיכער, אַז טיף אין הארצן האָבן זיי דאָך געהאָפט, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט אַ נצחון פאַרן אידישן פאָלק און זיי וועלן דאַן געבן זייער ברכה דערויף.

די פראַגע איז נאָר געווען, צי מ'מעג וואַגן, צי מ'דאַרף איינשטעלן. זיי, די געלערנטע, האָבן דאָס ניט געקענט. בר־כוכבא אָבער, האָט דאָס יאָ געקענט. ער האָט געוואָגט. ער האָט איינגעשטעלט, און זיי האָבן אים טיף אין הארצן געוואונטשן, אַז זיין קאַמף זאָל זיך ענדיקן מיט אַ נצחון.

עס איז ניט געווען ווי אין די צייטן פון פאַרן חורבן, ווען די אַזוי־גערופענע „שלום־זוכער" האָבן זיך געשטעלט קעגן די קנאים און געבראַכט צו אַ בירגער־קריג אין לאַנד. די „שלום־זוכער" אין

די צייטן פון בר־כוכבא זענען ניט אַרויסגעטראָטן אָפן קעגן די וואָס האָבן זיך געגרייט צו מלחמה, און כאָטש זיי אַליין האָבן זיך ניט באַטייליקט אין די צוגרייטונגען, האָבן זיי אָבער דאָך ניט געשטערט אין דעם. אַזוי איז געווען מיט אייניקע פון די געלערנטע, אויף וועלכע מ'האָט געקוקט ווי אויף די גייסטיקע פירער פונעם פאָלק, און אַזוי איז אויך געווען מיט די פשוטע מענטשן. אַלע האָבן אין הארצן געוואונטשן, אַז בר־כוכבא זאָל אַרויסקומען דער זיגער און אידן זאָלן פון זיך, ענדלעך, אַרונטערוואַרפן דעם שווערן רוימישן יאָך.

עס שיינט אויך, אַז בר־כוכבא האָט מיט זיין גבורה, מיט זיין מוט און מיט זיין אויסערגעוויינלעך שטאַרקן כאַראַקטער אַנגעוואָרפן אַזאַ פחד אויף אַלעמען, אַז אפילו די וואָס זענען יאָ געווען פריינד פון רוים, ווייל עס האָט זיך זיי אַזוי געלוינט, האָבן מורא געהאַט דאָס אַרויסצעווייזן אָפן און ס'האָט זיי גאָרניט געקענט איינפאַלן צו שטערן אין דעם. בר־כוכבא איז געווען זייער שטרענג. יעדער באַפעל זיינער האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן זייער פּינקטלעך; ער האָט אויף אַלץ און אַלעמען געהאַלטן אַן אויג; די צאָל פון די חיילות וואָס ער האָט געזאַמלט, איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער; ניט נאָר פון יהודה, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער וואו אידן זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט, זענען צו אים געקומען טויזנטער און טויזנטער אידישע יונגעלייט און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַרמיי וואָס ער האָט שטילערהייט צונויפגעשטעלט; ער האָט אין זיך געהאַט אַ כישוף, וואָס האָט שטילערהייט צוגעצויגן מענטשן צו אים; ער האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן באַגייסטערונג; מען האָט דערציילט חידושים וועגן זיין אויסערגעוועגלעכער גבורה; מ'האָט אים באַוואונדערט פאַר זיין מוט און פאַר זיין גרייטקייט מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און פונעם לאַנד; מ'האָט אויף אים אַלע בעסטע האָפענונגען אַרויפגעלייגט; אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס מען האָט אים באַוואונדערט און ליב געהאַט, האָט מען פאַר אים אויך מורא געהאַט, ווייל מ'האָט געוואוסט אַז ער וועט אָן רחמנות באַשטראָפן יעדן איינעם וואָס וועט אים שטערן אין דעם גרויסן קאַמף, וואָס ער גרייט צו.

מיט דעם דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס קיינער פון די, וואָס זענען געווען קעגן דעם קאַמף, זענען אין יענער צייט ניט אַרויסגע־

קומען אָפּן און האָבן ניט געמאַכט אַזעלכע שטערונגען, וואָס קענען אַרויסרופן אַ קריג צווישן אייגענע ברידער, ווי ס׳איז געווען אין די צייטן פון שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש חלב, פאַרן חורבן פונעם בית המקדש.

עס איז אויך פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז אַ היפּשע ראָלע אין דעם האָט אויך געשפּילט דער זייער וויכטיקער פאַקט וואָס נאָכן חורבן האָט די אַריסטאָקראַטיע אינעם אידישן לעבן שוין ניט פאַר־נומען דאָס זעלבע פּלאַץ וואָס זי האָט פריער פאַרנומען; עס זענען מער ניט געווען יענע גרויסע יחסנים, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום אידישן קעניגלעכן הויף אין ירושלים; עס זענען מער ניט געווען די כהנים גדולים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גרויסע אוצרות און אַ סך קנעכט און דינסטן; מיטן חורבן פונעם בית המקדש זענען אָפּ־געשאַפט געוואָרן די אַלע גרויסע און וויכטיקע שטעלעס און אַמטן, וואָס רייכע און אָנגעזעענע לייט האָבן דאָרט פריער פאַרנומען. די אַזוי־גערופענע אידישע בורזשואַזיע אין יענער צייט איז שוין ניט געווען די זעלבע וואָס פריער, און אויך אירע אינטערעסן זענען שוין געווען אַנדערע; די פאַרמעגלעכע האָבן אינאיינעם מיט די ניט־פאַרמעגלעכע שטאַרק געפילט דעם שווערן יאָך פון די פרעמדע הערשער, און זיי האָבן אינאיינעם מיט זיי געטרוימט וועגן די צייטן, ווען דאָס לאַנד וועט צוריק אויפגעבויט ווערן און אידן וועלן ווידער זיין אַ פאָלק צווישן פעלקער.

די רייכע לייט פון אַ פאָלק וואָס שטייט אונטער אַ פרעמדן יאָך, זענען אַלע מאָל פּראָגרעסיווער און מער גענייגט צו אַ רעוואָ־לוציאָנערן אידעאַל ווי די רייכע לייט פון אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד. אַזוי איז דאָס אין די היינטיקע צייטן, און אַזוי איז דאָס אויך געווען אַמאָל, אין די צייטן, ווען שמעון בר־כוכבא האָט צוגעגרייט די לעצטע גרויסע מלחמה קעגן די רוימער.

עס איז פּשוט מער ניט געווען קיין באַדן פאַר אַזעלכע פאַר־טייען, וואָס זאָלן זיך איינע מיט די אַנדערע אַרומרייסן מיט אַזאַ פאַרביטערקייט ווי פריער, ווייל נאָכן חורבן האָט זיך דאָס אידישע לעבן שטאַרק געביטן ניט נאָר גייסטיק, נאָר אויך עקאָנאָמיש. און דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן פאַר וואָס ס׳האָט דאַן גע־הערשט אַזאַ איינקייט.

אָבער מ׳האָט זיך דאָך געדאַרפט היטן פאַר באַהאַלטענע שונאים און פאַררעטער, און אויף זיי האָט בר־כוכבא געהאַלטן אַן אויג. ער

האָט געקוקט מיט חשד אויף די וואָס האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין באַגייסטערונג; ער האָט זיך געהיט פאַר די שומרונים, וועל־כע ער האָט געהאַלטן פאַר שונאים פונעם אידישן פאָלק, און מער ווי אויף אַלע אַנדערע איז ער געווען בייז אויף דער קריסטלעכער סעקטע, אויף די תלמידים פון ישו הנוצרי, און שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט די מאַכט אין די הענט, האָט ער זיי שטאַרק פאַר־פאָלגט.

איבער די אורזאַכן וואָס זענען שוין דערקלערט געוואָרן פריער, זענען די פאַרקריסטלטע אידן געווען קעגן דעם קאַמף פאַר פרייהייט; זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פונעם כלל און זיך ניט אָנגעשלאָסן אין די חיילות וואָס בר־כוכבא האָט צונויפגעשטעלט; זיי האָבן זיך אויך ניט באַטייליקט אין די אַלע צוגרייטונגען וואָס מ׳האָט געמאַכט פאַרן אויסברוך פונעם אויפשטאַנד; אַ סך פון זיי זענען זיך צעלאָפן, און ס׳איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז בר־כוכבא זאָל דערויף קוקן ווי אויף אַ פאַרראַט. דערפאַר האָט ער זיי אַזוי גערודפט שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט די מאַכט.

דער רעליגיעזער מאָטיוו, וואָס האָט געדינט אַלס אַ גרונט פאַר דער שנאה פונעם גרויסן אידישן פירער צו דער קריסטלעכער סעק־טע, איז שוין דאָ ניט געווען אַזוי וויכטיק. דער עיקר איז געווען דער פּאָליטישער מאָטיוו. די פאַרפאָלגונגען זענען געווען אַ שטראָף פאַר מעשים וואָס האָבן קלאָר באַוויזן, אַז די מענטשן זענען ניט לאָיאַל צו זייער אייגן פאָלק אַפילו אין דער צייט פון אַ גרויסער נויט. דאָס האָט ביי בר־כוכבאן אַ שטאַרקן צאָרן אַרויסגערופן און ער האָט אויף די אידישע תלמידים פון ישו הנוצרי דאָן אַנדערש ניט געקענט קוקן ווי נאָר אויף פאַררעטער. אַזאַ מיינונג דריקט אויס פּראָפ. דזשאָרדזש פוט מור.*) ער שלאָגט־אָפּ די טענות פון דעם פרומען קריסטלעכן געלערנטן יוסטין מאַרטיר, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט און וועלכער זאָגט, אַז בר־כוכבא האָט זיך אָן רחמנות נוקם געווען אין די אידן פון דער קריסטלעכער סעקטע דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך ניט גע־וואָלט אָפּזאָגן פון זייער גלויבן, אַז יעזוס איז געווען דער אמתער משיח. דער פרומער קריסטלעכער געלערנטער האָט געזען בלויז

*) זע דיין גרויס ווערק judaism , באַנד 1, זייט 91.

די רעליגיעזע זייט. די פּאָליטישע, ווידער, וואָס איז אין תוך געווען דער עיקר אינעם גאַנג פון די דעמאָלטדיקע געשעענישן, האָט ער אינגאַנצן פאַרזען, אָדער זי איז אים גלאַט ניט אָנגעגאַנגען, ווייל אין זיין שרייבן איז דאָס וויכטיקסטע ביי אים געווען צו פּרעדיקן קריסטנטום און באַווייזן וואָס פאַר גרויסע מאַרטירער די ער־שטע קריסטן זענען געווען.

# קאַפּיטל זיבן

## רבי עקיבא און בר־כוכבא

דער גייסטיקער פירער פון דעם אויפשטאַנד וואָס בר־כוכבא האָט צוגעגרייט, איז געווען דער גרויסער געלערנטער ר ב י ע ק י ב א ב ן י ו ס ף, און אים האָט דאָס פאָלק שפּעטער איינגעהילט אין אַזוי פיל שיינע לעגענדעס, וואָס זענען געווען לויטן גייסט פון יענער צייט, אַז מ׳קען פאַר זיך זען איינעם פון די ליכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער אידישער געשיכטע.

עס ווערט דערציילט, אַז ר׳ עקיבא איז אַמאָל געווען אַ פּאַסטוך, אַן אָרעם אינגל, וועלכער האָט אינגאַנצן ניט געקענט לערנען און טאַקע ניט געוואָלט לערנען. אָבער אין אים האָט זיך פאַרליבט אַ שיין מיידעל, איינע אַ ר ח ל, די טאָכטער פון דעם גרויסן גביר כ ל ב א ש ב ו ע, און זי האָט אים צוגערעדט דערצו, אַז ער זאָל זיך נעמען צום לערנען, ווייל חוץ דעם וואָס ס׳איז איר ניט אָנגעשטאַנען צו האָבן אַ מאַן אַן עם־הארץ, אַ גראָבן־יונג, האָט זי גלאַט געזען אַז ער האָט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, זייער אַ גוטן קאָפּ,און זי איז געווען זיכער, אַז אויב ער וועט לערנען פלייסיק, וועט ער מיט דער צייט ווערן איינער פון די גרעסטע געלערנטע ביי אידן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

עס איז רחלען ניט אָנגעקומען גרינג צו פועלן ביי איר מאַן עקיבא אַז ער זאָל זיך נעמען צום לערנען; ער האָט אין זיך אַליין ניט געהאַט דעם זעלבן בטחון, דעם זעלבן גלויבן, וואָס זי האָט אין אים געהאַט, ווייל ער איז בטבע געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש, און חוץ דעם האָט ער, ווי ס׳איז דער שטייגער פון יעדן עם־הארץ, גאָר פיינט געהאַט געלערנטע לייט, און אין דער גמרא (פּסחים, דף מ״ט) ווערט דערציילט, אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען איינער פון די גרעסטע אידישע געלערנטע, האָט ער זיך אַליין מודה געווען, אַז ווען ער איז געווען אַן עם־הארץ פלעגט ער

זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געפּאַקט אַ תלמיד-חכם, וואָלט ער אים צע-ביסן ווי אַן אייזל. און ווען די תלמידים האָבן אים פאַרריכט, אַז מ'דאַרף זאָגן „ווי אַ הונט", ניט „ווי אַן אייזל", האָט ער זיי גע-ענטפערט, אַז ניין, ווייל אַ הונט, האָט ער געזאָגט, גיט גלאַט אַ ביס, אָבער ער צעברעכט ניט דעם ביין, אַן אייזל אָבער צעברעכט יאָ דעם ביין ווען ער גיט אימעצן אַ ביס.

אַזוי איז געווען זיין שנאה צו אַ תלמיד-חכם ווען ער אליין איז געווען אַן עם-הארץ.

דערצו האָט ער נאָך גלאַט ניט געגלויבט, אַז זיין קאָפּ וועט פאַרנעמען די תורה וואָס מ'וועט מיט אים לערנען, און ער איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט פון דעם וואָס רחל זיין ווייב האָט זיך אַנגעזעצט אויף אים אַז ער מוז דווקא ווערן אַ למדן, אַ געלערנטער.

עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל, ווען עקיבא איז אַ פאַרזאָרג-טער געזעסן ביי אַ ברונעם, האָט ער געזען ווי דאָס וואַסער קומט אַרויס פון אַ שטיין. דאָס האָט אים געמאַכט זייער נייגעריק און ער האָט לאַנג געקוקט דערויף, טראַכטנדיק אַלץ וועגן דעם וואָס זיין גו-טע און שיינע ווייב רעדט צו אים, אַז ער זאָל זיך נעמען צום לערנען. און דאַן איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז אויב ס'איז מעגלעך אַזאַ זאַך, אַז וואַסער זאָל אינעם משך פון אַ לאַנגער צייט דורכ-בויערן אַ שטיין און מאַכן פאַר זיך פריי דעם וועג צו שטראָמען ווייטער, קען דאָס דאָך אויך מעגלעך זיין מיט אַ מענטשן וואָס האָט אין זיך גייסט און אַ ווילן. און דאַן האָט ער ביי זיך אָפּגע-מאַכט צו פאָלגן די ווייב און זיך נעמען פלייסיק צום לערנען.

בכלל איז אין יענע צייטן געווען איינגעפירט, אַז אויב לערנען, מוז דאָס זיין מיט גרוים התמדה, און ניט סתם אַזוי פון יוצא וועגן. ווי מ'קען דאָס זען פון דעם וואָס ר ב י מ א י ר ס ווייב ב ר ו-ר י ה, האָט אַמאָל געזאָגט צו איינעם, וואָס האָט ניט געלערנט פלייסיק. „אויב — האָט זי אים געזאָגט — דו וועסט לערנען מיט אַלע רמ"ח (צוויי הונדערט אַכט און פערציק) אברים, וואָס דו האָסט אין זיך, וועסטו קענען; אויב אָבער ניט, וועסטו אויף שטענ-דיק בלייבן אַן עם-הארץ." *)

פון דעם זעלבן כלל האָט אויך געהאַלטן ר ח ל, די ווייב פון רבי עקיבא. און זי האָט אים אונטערגעגעבן מוט און באַגייס-

*) עירובין, דף נ"ד, עמוד א.

טערונג, אַז ער זאָל לערנען ניט פון יוצא וועגן, נאָר מיט דער גרעס־טער התמדה, און זי איז געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער ווערן אַ גרויסער געלערנטער.

כדי ער זאָל דאָס קענען דערגרייכן, האָט זי פון אים אַלע דאגות פון פרנסה אַרונטערגענומען, און ס'האָט זי ניט געאַרט וואָס דער רייכער פאָטער אירער, וועמען דער שידוך מיט עקיבאן איז ניט אָנגעשטאַנען, האָט איר מיט גאָרניט געוואָלט העלפן. זי האָט גע־לעבט אין גרויס אָרעמקייט, אַריבערגעטראָגן די גרעסטע נויט. אויך עקיבא האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט אין די יאָרן ווען ער האָט געלערנט אין דער גרויסער ישיבה פון יבנה, וואָס האָט נאָכן חורבן אָנגעהויבן שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם גייסטיקן לעבן פונעם אידישן פאָלק. און ס'ווערט דערציילט אין דער גמרא, אַז ער פלעגט דאַן אָנהאַקן האָלץ אין וואַלד און דאָס טראָגן אויף די פּלייצעס; אַ העלפט דערפון האָט ער פאַרקויפט, און די אַנדערע הלפט האָט ער באַנוצט צו באַהייצן זיין אָרעם שטיבעלע און אויך דאָס צו באַלייכטן; ביי דער שיין פון אַן אָנגעצונדן שייטל האָלץ פלעגט ער זיצן און לערנען, און ווען די שכנים האָבן זיך אַמאָל געקלאָגט דערויף וואָס ער מאַכט דערמיט אַזאַ רויך און זיי האָבן אים אָנגע־באָטן ער זאָל זיי געבן דאָס האָלץ און זיי וועלן אים באַצאָלן דער־פאַר און ער וועט זיך קענען קויפן בוימל צו באַלייכטן דאָס שטיבל ביינאַכט, האָט ער זיי געענטפערט, אַז דאָס קען ער זיך ניט פאַר־גינען, ווייל דאָס האָלץ וואָס ער לאָזט פאַר זיך, דינט אים אויף דריי זאַכן — ער לערנט ביים ליכט פון די פלאַמען, ער וואַרעמט זיך דערביי ס'זאָל אים ניט זיין קאַלט, און די שייטלעך וואָס בלייבן, זענען פאַר אים אַ צוקאָפּנס ווען ער לייגט זיך שלאָפן.

עס ווערט אויך דערציילט אין דער גמרא, אַז רחל האָט איין מאָל פאַרקויפט אירע שיינע לאָקן און דאָס געלט האָט זי אַוועק־געשיקט צו עקיבאן קיין יבנה, ער זאָל כאָטש אַ שטיקל צייט האָבן פון וואָס צו לעבן. אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקענט, האָט זי געטאָן צו שטאַרקן זיין גייסט און אים אונטערגעבן מוט ווייטער צו לערנען, און ווען זי האָט פון דערווייטנס געהערט ווי ער שטייגט, ווי ער ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ מער און מער אָנגעזען צווישן די תלמידים פון דעם גרויסן א ל י ע ז ר ב ן ה ו ר ק ו נ ו ס אין יבנה, האָט זי דערפון אַ סך נחת געהאַט, און איר האָפענונגען אַז ער

וועט טאַקע ווערן איינער פון די וויכטיקסטע געלערנטע ביי אידן, זענען געוואָרן נאָך גרעסער.

עס איז אַפילו פאַראַן אַ סברא, אַז דער פאָטער פון ר׳ עקיבאס ווייב רחל איז ניט געווען דער גרויסער גביר כלבא שבוע, נאָר אַן אַנדערער, וואָס איז גאָרניט געווען קיין גביר. אַזאַ מיינונג דריקט אויס פּראָפעסאָר לואיס פינקעלשטיין אין זיין ווערק וועגן עקיבאַן.*) אויך אַנדערע אידישע געלערנטע זענען גענויגט די זעלביקע השערה אָנצונעמען. אָבער אויב אַפילו אַזוי, ווערט רחל דערמיט נאָך העכער דערהויבן. מיט דעם אַליין, וואָס אַן אָרעמע אידישע פרוי האָט געקענט האָבן אַזעלכע הויכע גייסטיקע השגות, שטייגט זי נאָך העכער אין די אויגן פון אַנדערע. עס זענען ניט געווען און ס׳זענען איצט אויך נישטאָ קיין סך אַזעלכע פרויען, וואָס זאָלן אויף זיך נעמען צו ליידן אַזאַ אָרעמקייט, אַזאַ דחקות, אַזאַ נויט, אבי צו מאַכן פונעם מאַן, אין וועמעס פעאיקייט זי גלויבט, אַ גרויסן געלערנטן און אַ וויכטיקן מענטשן. און ר׳ עקיבא האָט טאַקע געוואוסט ווי אָפּצושעצן די אַלע גוטע זאַכן וואָס רחל האָט פאַר אים געטאָן; ער האָט זיך מיט איר שטענדיק געהאַלטן אַן עצה ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס טאָן; ווען ער איז שוין געווען גרויס און בארימט, האָט ער זי באַהאַנדלט אַזוי, אַז אַלע ווייבער פון די אַנדערע גרויסע אידישע געלערנטע האָבן איר שטאַרק מקנא געווען; ער האָט זי באַלוינט פאַר די אַלע יאָרן וואָס זי האָט געליטן ווען ער איז געווען ווייט פון איר און געלעבט באַזונדער. און עס ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך פון יבנה אומגעקערט צוריק אַהיים אינאיינעם מיט אַ גרויסער צאָל תלמידים, וועלכע האָבן שוין ביי אים געלערנט תורה און מיט דורשט געשלונגען יעדן וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, איז די גאַנצע שטאָט אים אַרויסגעגאַנגען אַקעגן, און ווען רחל האָט דערהערט אַז ר׳ עקיבא איז געקומען מיט אַזוי פיל תלמידים און די גאַנצע שטאָט רעשט זיך מיט אים, איז זי אים אויך געלאָפן אַקעגן, אָנגעטאָן אין זייער אָרעמע קליידער: די שכנות האָבן איר געוואָלט לייען שענערע קליידער צו באַגעגענען איר מאַן, וועמען זי האָט אַזוי פיל יאָרן ניט געזען; זיי האָבן איר געזאָגט, אַז ס׳איז ניט שיין צו טראָגן אַזעלכע אַלטע און אָרעמע קליידער ווען מ׳גייט באַגעגענען אַזאַ חשובן מענטשן, אָבער זי האָט

*) "Akiba" page 23.

זיך געאײלט. זי איז געלאָפן און דאָס האַרץ איז בײַ איר געװען פול מיט פרייד; אָבער דער געדרענג אַרום רבי עקיבאן איז געװען אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך גאַרניט געקענט צושלאָגן צו אים, און װען זי האָט זיך שוין יאָ צוגעשלאָגן און איז אים געפאַלן צו די פיס און האָט אים געקושט און די אויגן זענען בײַ איר דערבײַ געװען פול מיט טרערן, האָבן די תלמידים ניט געװאוסט װער זי איז; זײ האָבן געמיינט, אַז דאָס איז גלאַט אַ פרוי, װאָס גייט אַרום פון די די כלים און צעלאָזט זיך צופיל װען אַ שטאָט מיט מענטשן טומלט זיך אַרום אַ גרויסער, װיכטיקער פּערזענלעכקייט, און זײ האָבן זי געװאָלט אָװעקשטויסן. און דאַן האָט רבי עקיבא צו זײ געזאָגט, אַז דאָס איז זיין װײַב, און דערבײַ האָט ער געמאַכט די באַמערקונג: „שלי ושלכם — שלה היא“, װי ס'װערט דערציילט אין דער גמרא (כתובות, דף ס"ג). און דאָס האָט געמיינט, אַז א י ר , רחלען, האָט מען צו פאַרדאַנקען דערפאַר װאָס ער, רבי עקיבא אַליין, און אַלע תלמידים זיינע, זענען דאָס װאָס זײ זענען — אַלץ איר! װאָרעם װען ניט זי, װאָלט קיינער פון זײ, ניט דער רבי און ניט די תלמידים, געקענט שטייגן אַזוי הויך. און ס'איז ניט שװער זיך פאָרצושטעלן װאָס די גוטע רחל האָט געפילט װען זי האָט דאָס געהערט. דאָס אַליין האָט בײַ איר געקענט זיין אַ באַלוינונג פאַר די אַלע צרות און ליידן װאָס זי האָט אַריבערגעטראָגן אַזוי פיל יאָרן.

כאָטש רבי עקיבא איז געװען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין לערנען און האָט געקענט אַרויסדרינגען גאַנצע בערג מיט הלכות ניט נאָר פון יעדן פסוק אין דער תורה, נאָר אויך פון יעדן װאָרט און אַפילו פון יעדן אות, איז ער דאָך ניט געװען פון יענעם מין געלערנטע, װאָס שװעבן שטענדיק אין די הימלען און קערן זיך װייניק אָן מיט דער װירקלעכקייט. רבי עקיבאַ איז געװען אַ מענטש פון תורה און אויך אַ מענטש פון לעבן אין איין און דער זעלבער צייט. ער האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט, װי מ'קען דאָס זען פון דעם װאָס ס'װערט דערציילט פון זיינע באַציאונגען מיט מענטשן. ער האָט ליב געהאַט די נאַטור, װי מ'קען דאָס זען פון די משלים װאָס ער האָט געגעבן. ער האָט ליב געהאַט שיינקייט, װי מ'קען דאָס זען פון דעם װאָס ער האָט געזאָגט װעגן פרויען. און אַפילו אַ גלעזל װיין האָט ער אויך ליב געהאַט.

ער איז ניט געװען קיין טרוקענער געלערנטער, און אַלץ, װאָס ס'איז נאָר געװען מענטשלעך, איז אים ניט געװען פרעמד, אַבי נאָר

מ׳האָט אין דעם ניט געדאַרפט אַריבערטרעטן די גרענעצן פון לײ־טישקײט און אײדלקײט.

ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר נגינה. ליב געהאַט געזאַנג. ער איז געווען אַ גרויסער אַנהענגער פון ריינקײט, אַן אויסערגעוויינלעכער מפונק, וואָס האָט זיך קײן מאָל ניט באַנוצט מיט קײן כוס פון וועלכן אַן אַנדערער האָט פריער געטרונקען. אין אײדלקײט פון באַנעמונג האָט זיך קײנער צו אים ניט געקענט פאַרגלייכן, און אין וואוקס איז ער געווען זײער אַ הויכער און די שײנע באָרד וואָס ער האָט גע־טראָגן, האָט אים צוגעגעבן אַ סך הדרת פנים.

ביים פאָלק איז רבי עקיבאַ געווען זייער באַליבט, און נאָענטע מענטשן פלעגן אים אַמאָל מיט ליבשאַפט רופן „דער פליכעוואַטער״, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסן פליך, און אַפילו דאָס האָט צוגעגעבן שײנקײט און ווירדיקײט צו זײן פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ סך קלוגשאַפט און אַ סך לעבן.

אויף אים האָט מען ווירקלעך געקענט זאָגן, אַז דאָס איז אַ מענטש פון תורה און מעשים טובים; און זײנע מעשים האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט אַלץ געשטרעבט צו מאַכן גאַנצער און פולקאָמענער ניט בלויז דעם יחיד, דעם אײנצלנעם, נאָר אויך דעם כלל, און ער האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן ניט נאָר אויף דער קעגנוואַרט, נאָר אויך אויף דער צוקונפט, און ווייל ער האָט אַזוי ליב געהאַט זײן פאָלק, האָט ער מער ניט געקענט צוזען ווי די אידן ליידן אונטער דער הערשאַפט פון רוים און כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז אין אַ קאַמף פאַר דער באַפרייאונג דאַרף מען אַ סך אײנשטעלן, האָט ער זיך דאָך אַנגעשלאָסן אַן די וואָס האָבן צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד און איז געוואָרן דער גײסטיקער פירער. ער איז געווען גרייט צו גײן אויף קידוש השם. דאָס איז בײ אים געווען די העכסטע מדרגה, צו וועלכער אַ מענטש קען זיך דערהויבן.

***

רבי עקיבאַ איז צווישן די געלערנטע אין יבנה ניט געווען דער אײנציקער, וואָס האָט געהאָלפן בר־כוכבאַן צוגרייטן דעם אויפ־שטאַנד קעגן דער רוימישער מאַכט. ס׳זענען דאָרט געווען נאָך אַנדערע אויך. און דאָס איז זײער וויכטיק צו געדענקען, ווייל מיט יבנה האָט מען דאָך אין אָנפאַנג געהאַט גאָר אַנדערע אויסזיכטן. ווען ר ב ן י ו ח נ ן ב ן ז כ א י האָט אין די צייטן פונעם

חורבן געגרינדעט די ישיבה אין יבנה, האָט ער געהאַט אין זינען, אַז דאָס זאָל גייסטיק פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון ירו־שלים; פון דאָרט זאָל קומען די תורה, וואָס וועט זיין דער פונ־דאַמענט פאַרן קיום פונעם אידישן פאָלק און פאַר זיין וייטערדיקער אַנטוויקלונג. יבנה האָט געזאָלט דינען בלויז ווי אַ גייסטיקער, אַ קולטורעלער צענטער. וועגן דעם האָט רבן יוחנן בן זכאי פריער פון אַלץ געטראַכט, ווייל ער איז געווען קעגן אַ מלחמה מיט רוים. און געקומען איז זיין קעגנערשאַפט צו דעם ניט פון פריינדשאַפט צו דער רוימישער מאַכט, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט יוסיפוס פלאַוויוס, נאָר פון דעם וואָס ער האָט ניט געגלויבט אַז אידן קענען אַזאַ מלחמה געווינען. יבנה איז אין אַ געוויסן זין גע־ווען אַ פשרה און ס'האָט געקענט מיינען, אַז ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה געבן די אידן אויף דעם קאַמף פאַר פאָליטישער זעלבסט־שטענדיקייט אין אַן אייגן לאַנד. אָבער אין די זעכציק יאָר וואָס זענען אַוועק נאָכן חורבן פונעם בית המקדש, האָט זיך אין דער ישיבה פון יבנה אויך געביטן דער גייסט, און צווישן די תנאים דאָרט האָבן זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס זענען אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג; זיי האָבן איינגעזען, אַז אַ גייסטיקער צענטער אַליין איז ניט גענוג פאַרן קיום פונעם פאָלק; אַז צו דעם איז נאָך נויטיק צו זיין פריי און זעלבסטשטענדיק פאָליטיש אויך. און איבער דעם האָבן אַ סך פון זיי באַשלאָסן צו העלפן בר־כוכבאן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער מאַכט, און זיי זענען געווען גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס אין דעם קאַמף און גיין אויף קידוש השם. ס'איז ביי זיי געווען אָפּגעמאַכט, אַז זיי אַליין זאָלן זיך מוסר נפש זיין דערפאַר און זיי זאָלן אויך רופן אַנדערע צו גיין אויף מסירת נפש.

מער ווי אַלע האָט רבי עקיבאַ דאָס געפּרעדיקט. און ניט נאָר צווישן פאָלק, נאָר אויך צווישן זיינע חברים און תלמידים וואָס ער האָט געהאַט אין די טויזנטער. ער האָט די אידייע פון מסירת־נפש פאַרן פאָלק באַגרינדעט מיט פסוקים פון דער תורה און מיט כונות און אויסטייטשונגען, וואָס ער האָט אין זיי אַריינגעלייגט, ווי ס'איז געווען דער שטייגער אין יענער צייט. און ס'ווערט דער־ציילט, אַז איין מאָל ווען רבי עקיבאַ און שמעון בן עזאי און רבי אליעזר בן מתיא און אַנדערע אידישע געלערנטע זענען געזעסן מיט זייערע תלמידים און האָבן גערעדט וועגן דעם וואָס זיי האָבן גע־

לערנט ביי ר' ט ר פ ו נ ע ן , האָט רבי עקיבא מיט אַמאָל געשטעלט אַ פראַגע:

— זאָגט מיר, פאַר וואָס האָט דער שבט יהודה זוכה געווען, אַז פון אים זאָלן אַרויסקומען קעניגן ביים פאָלק ישראל?

דער ערשטער ענטפער דערויף איז געווען:

— דאָס איז דערפאַר, וואָס יהודה האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט געזינדיקט מיט זיין אייגענער שנור, תמר.

פון אַזאַ ענטפער איז רבי עקיבאַ ניט געווען צופרידן, און ער האָט געשטעלט אַ פראַגע:

— אַזאַ גרויסע באַלוינונג גיט מען אַ מענטשן וואָס האָט געזינדיקט?

האָבן זיי אים געפּרואווט געבן אַן אַנדער ענטפער:

— דאָס איז געווען, — האָבן זיי געזאָגט, — אַ באַלוינונג דערפאַר וואָס יהודה האָט געראַטעוועט זיין ברודער בנימין.

אָבער רבי עקיבאַ איז פון דעם צווייטן ענטפער אויך ניט געווען צופרידן און ער האָט זיי דערמאָנט, אַז יהודה האָט צוגעזאָגט דעם פאָטער אַז ער נעמט אויף זיך די אחריות צו ברענגען בנימינען צוריק אַהיים בשלום, און ווען אַ מענטש נעמט אויף זיך אַן אחריות און האַלט וואָרט, קומט אים דערפאַר ניט קיין באַלוינונג.

און ווען אַלע האָבן געזען, אַז וואָס פאַר אַן ענטפער זיי גיבן ניט אויף דער פראַגע, שטעלט עס רבי עקיבאָן ניט צופרידן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אוודאי אַרויסברענגען אַ געדאַנק וואָס ער האָט אין זינען, און זיי האָבן צו אים געזאָגט:

— רבי, גיב דו דאָס אונדז צו פאַרשטיין.

און דאַן האָט רבי עקיבאַ צו זיי געזאָגט:

— יהודה איז געווען ראוי אַז פון אים זאָלן אַרויסקומען קעניגן, דערפאַר וואָס געוויינלעך האָט זיך ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר ש ב ט מ ו ס ר נ פ ש ג ע ו ו ע ן פ אַ ר ן פ אָ ל ק . ווען די אידן זענען אַרויס פון מצרים און זענען צוגעקומען צום ים, זענען אַלע שבטים דאָרט געבליבן שטיין און האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זיי זאָלן יאָ אַריינשפּרינגען אין ים, צי ניין. און ווי זיי זענען אַזוי געשטאַנען און זיך געשלאָגן מיט דער דעה און ניט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך וואָס צו טאָן, איז דער שבט יהודה אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין; און ווייל ער איז געווען ד ע ר ע ר ש ט ע ר ז י ך מ ו ס ר נ פ ש ז י י ן פ אַ ר ן פ אָ ל ק , האָט

דער שבט יהודה דערפאַר פאַרדינט, אַז פון אים זאָלן אַרויסקומען מלכים.

אַזוי האָט רבי עקיבא געזאָגט צו די אַנדערע געלערנטע וואָס זענען געווען זיינע חברים און אויך צו זיינע תלמידים, און ער האָט דאָס באַשטעטיקט מיט אַ פסוק:

— עס שטייט געשריבן, — האָט ער געזאָגט, — „בצאת ישראל ממצרים, היתה יהודה לקדשו״, און דאָס מיינט, אַז ווען די אידן זענען אַרויס פון מצרים, איז דער שבט יהודה געווען דער ערשטער צו גיין אויף קידוש־השם.

אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם זעלבן געדאַנק און באַוויזן מיט ראיות ווי הויך אַ מענטש קען זיך דערהויבן ווען ער גייט אויף קידוש־השם און איז זיך מוסר נפש פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד. די גרעסטע העלדן אין דער אידישער געשיכטע זענען ביי אים געווען די, וואָס האָבן איינגע־שטעלט זייער לעבן אין קאַמף קעגן די שונאים, וועלכע האָבן אונ־טערדריקט דאָס אידישע פאָלק, און ער האָט געגלויבט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט פון זיך אַרונטערוואַרפן דעם פרעמדן יאָך און מען וועט ווידער זיין פריי. און דעם דאָזיקן טיפן גלויבן זיינעם האָט ער געפּרואווט איינפלאַנצן אין די הערצער פון אַנדערע אויך. און דאָס איז אים ניט אָנגעקומען שווער; ווייל אויסער דעם וואָס ער איז געווען ערליך און איבערצייגנד, האָט ער אין זיך נאָך געהאַט דעם צויבער, וואָס ציט צו צו זיך, און צו דעם האָט ער נאָך געהאַט אַ סך פייער און ברען און געקענט ווירקן אויף אַנדערע.

„רבי עקיבאַ — זאָגט י. ש. צורי אין זיין ווערק וועגן דעם גרויסן תנא — איז געווען דער, וואָס האָט צוגעגרייט און געשטאַרקט דעם גייסט פאַר דער גרויסער מלחמה און געלערנט אַלעמען זיך מוסר נפש צו זיין פאַרן פאָלק און פאַר דער תורה״.*) און צו דעם קען מען נאָך צוגעבן, אַז אָן אַ רבי עקיבאַ וואָלט זיכער ניט מעגלעך געווען קיין בר־כוכבאַ.

***

ער איז שוין ניט געווען יונג, דער גרויסער געלערנטער, ווען מען האָט אין לאַנד אָנגעהויבן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד קעגן דעם רוימישן קיסר אַדריאַנוס. ער האָט דאַן שוין געמוזט אַלט

---

*) י. ש. צורי, רבי עקיבה, פרק כו. ז. 117.

זיין אַ יאָר אַכציק, אָדער ווייט אין די זיבעציקער; אָבער די טיפע עלטער איז פאַר אים ניט געווען קיין שטערונג, ער איז געבליבן יונג אין גייסט; די האָפענונג צו זען דאָס בית המקדש צוריק אויפ־געבויט און דאָס פאָלק ווידער פריי און זעלשטשטענדיק, האָט אים געגעבן פרישע כוחות און ער האָט געמאַכט ווייטע רייזעס איבער שטעט און איבער לענדער, און אומעטום האָט ער, אויף זיין שטייגער — פרום און ערלעך און מיט אַ סך נשמהדיקן ברען — געפּרעדיקט אַלץ דאָס זעלבע, אַז מען דאַרף זיך מוסר נפש זיין, אַז מען מוז איינ־שטעלן דאָס לעבן פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק און פון לאַנד און — פאַרן גלויבן.

נישט אַלע געלערנטע אין יבנה האָט רבי עקיבאַ געקענט אַריבערציען אויף זיין זייט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף ניט מאַכן קיין אויפשטאַנד, כאָטש גע־שטערט אין דעם האָבן זיי ניט, ווי עס שוין דערמאָנט געוואָרן פריער. און צווישן די וואָס זענען געווען קעגן דעם, איז אויך געווען ר ב י א ל י ע ז ר ב ן ה ו ר ק נ ו ס אָדער ר' אליעזר דער גרויסער, ווי מען האָט אים גערופן. און ס'ווערט דערציילט אין דער גמרא (סנהדרין, דף ס"ח), אַז איין מאָל, ווען רבי אליעזר בן הורקנוס איז אַ לענגערע צייט געלעגן קראַנק, זענען רבי עקיבאַ מיט זיינע חברים געקומען אים מבקר חולה זיין. ווען ער האָט צו זיי געהאַט אַ טענה פאַר וואָס זיי זענען פריער ניט געקומען, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט. און דאַן האָט רבי אליעזר בן הרקונוס צו זיי מיט אַמאָל געגעבן אַ זאָג: „עס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק צי איר וועט שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט!" האָט רבי עקיבא ביי אים געפרעגט: „און וואָס פאַר אַ טויט וועל איך האָבן?" האָט דערויף דער קראַנקער תנא אים געענטפערט: „דיין טויט וועט זיין נאָך שרעקלעכער פון זייערן".

די דאָזיקע געשיכטע אין דער גמרא קומט אַרויס ניט אינגאַנצן קלאָר און עס איז שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס דער גרויסער גע־לערנטער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי בייז און האָט געשאָלטן זיינע חברים מיט אַזעלכע קללות בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי האָבן פריער קיין צייט ניט געהאַט צו קומען אים מבקר חולה זיין. אויף דעם גרונט האָבן אייניקע שוין אַפילו געבויט השערות, אַז רבי אליעזר בן הורקנוס איז געווען אַ בייזער און אַ כעסן און אַז עס איז שווער געווען מיט אים אויסצוקומען.

דאָס שיינט אָבער צו זיין ניט ריכטיק. און קלאָרקייט אין דעם ענין טראָגט אריין דער געלערנטער אידישער פאָרשער א י י ז י ק ה י ר ש ו ו י י ס , אין זיין ווערק „דור דור ודורשיו". דאָרט (חלק שני, זייטן 129-30) דערקלערט ער דאָס אַזוי: רבי אליעזר, זאָגט ער, האָט געוואוסט, אַז זיי האָבן פריער קיין צייט ניט געהאַט צו קומען אים מבקר חולה זיין, ווייל זיי זענען געווען פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד, און אַזוי ווי ער איז געווען קעגן דעם, האָט ער פאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט זיך ענדיקן שלעכט, אַז קיין איינער פון זיי וועט ניט שטאַרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט און אַז דעם שווערסטן טויט וועט האָבן רבי עקיבאָ, ווייל ער איז דאָך פאַרטאָן אין דעם אויפשטאַנד מער ווי די אַנדערע.

דאָס לייגט זיך אויפן שכל, און אין דער זעלבער צייט באַשטעטיקט דאָס אויך, אַז רבי עקיבאָ האָט געשפּילט די גרעסטע און וויכטיקסטע ראָלע אין די צוגרייטונגען, וואָס ש מ ע ו ן ב ר־כ ו כ ב אָ האָט געמאַכט ארויסצוקומען אָפן אין אַ קאַמף קעגן די רוימער. ער איז געווען דער גייסטיקער פירער.

„אפילו אין טויזנטער ביכער וואָלט מען ניט געקענט איבערגעבן די אַלע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס רבי עקיבאָ האָט געטאָן און גע־זאָגט". אַזוי דריקט זיך אויס דער היסטאָריקער ה ע נ ר י ה אַ ר ט מ י ל מ אַ ן .*) און אויב אַפילו די אָנגעגעבענע צאָל „טויזנט" איז דאָ אַביסל איבערטריבן, איז אָבער אמת, אַז ווען מען שטודירט די אַלטע אידישע קוואַלן און מען באַקענט זיך מיט דעם וואָס רבי עקיבאָ האָט געזאָגט ביי טויזנט און איין געלעגנהייטן, און אויך מיט דעם, וואָס ער האָט געטאָן אין די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געלעבט, קען מען זיך שאַפן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אים און מען קען זיך פאָרשטעלן זיין פערזענלעכקייט. דאָ און דאָרט זענען אין די אַלטע אידישע קוואַלן צעוואָרפן באַמערקונגען אַפילו וועגן זיין אויסער־לעכן אויסזען. פון אַ באַמערקונג, וואָס בן עזאי האָט וועגן אים געמאַכט אין דער גמרא (בכורות דף נ"ח), ווייסט מען אַז רבי עקיבא האָט געהאַט אַ פּליך. מ'ווייסט אויך, אַז ער איז געווען זייער אַ הויכער; אַז ער האָט ליב געהאַט ריינקייט, אַז ער איז בטבע געווען זייער אַ באַשיידענער אַז ער האָט זיך באַצויגן מיט

*) Henry Hart Milman, The History of the Jews, p. 439.

גרוים אכטונג צו זיין ווייב, אז ער האט געהאט א גוטען חוש פאר הומאר, אז ער האט געקענט לאכן, אז ער האט ליב געהאט פרייד, און אין אלגעמיין ווייסט מען וועגן אים א סך, ווייל ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן פריער, האט ער געהאט וואס צו זאגן ניט נאר אויף יעדן פסוק פון דער תורה, נאר אויך אויף יעדן ווארט און אפילו אויף יעדען אות. דערפאר קען מען וועגן אים האבן א קלארן באגריף, ווען מען נעמט צונויף די אלע זאכן אינאיינעם.

אנדערש אבער איז מיט בר־כוכבאן, דעם פראקטישן פירער פון דער לעצטער גרויסער מלחמה, וואס די אידן האבן געהאט מיט די רוימער. פון די מאטעריאלן וואס זענען וועגן אים צעווארפן אין די אידישע און ניט-אידישע קוואלן, קען מען זיך וועגן אים קיין קלארן באגריף ניט שאפן. מען ווייסט אפילו ניט פון וואנען ער האט זיך גענומען און וואס ער האט געטאן איידער ער איז געווארן דער פירער פון דעם גרויסן אויפשטאנד. און ווען מען וואלט זיך אינגאנצן געדארפט פארלאזן אויף דעם קריסטלעכן היסטאריקער יוסעביוס וואלט אויסגעקומען, אז בר-כוכבא איז געוועזן א „גזלן" און א „באנדיט", וואס האט ארויפגעצוואונגען זיין הערשאפט אויפן פאלק און מיט געוואלד זיי געצוואונגען ארויסצוגיין אין א מלחמה קעגן רוים.*)

עס איז ניט קיין וואונדער, וואס יוסעביוס און די אנדערע קריסטלעכע היסטאריקער פון יענער צייט און אויך די וואס פון די שפעטערדיקע צייטן, האבן צו בר-כוכבאן געהאט אזא צוגאנג. זיי זענען אלע געוועזן בייז אויף אים פאר וואס ער האט פארפאלגט די קריסטלעכע סעקטע, און חוץ דעם האבן זיי גלאט ניט פארשטאנען און ניט געוואלט פארשטיין די געפילן און שטרעבונגען פון אידישן פאלק. דערפאר האבן זיי אין יעדען קאמף פאר פרייהייט וואס אידן האבן אנגעהויבן, געזען א פארשווערונג פון ווידערשפעניקער, און אין דעם פירער פונעם קאמף — א „גזלן" און א „באנדיט". אנדערש האבן זיי דערויף ניט געקענט קוקן. זיי האבן אנגענומען דעם שטאנדפונקט פון די אלטע פארביסענע אידישע שונאים און געהאט דעם זעלבן צוגאנג וואס אנטיוכוס הרשע, וועלכער האט אפילו אויף די חשמונאים געקוקט ווי אויף

*) זע, יוסעביוס, די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע, קאפ. 6, ז. 311 און ווייטער.

אַ געזינדל פון „רויבער" און „באַנדיטן" דערפאַר וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אויפצוהויבן דאָס פאָלק קעגן דער מאַכט וואָס האָט זיי געוואָלט פאַרטיליקן און אויסראָטן.

אָבער — שמעון בר־כוכבא איז געווען אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק, אַ הייסער פאַטריאָט, אַ מוטיקער רעוואָלוציאָנער. און אויב ער האָט פאַר די דורות, וואָס זענען געקומען נאָך אים, ניט איבערגעלאָזט קיין קלוגע רייד וואָס מען זאָל געדענקען, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט רבי עקיבאַן, דעם גייסטיקן פירער פון דעם אויפשטאַנד, האָט ער אָבער איבערגעלאָזט גרויסע מעשים וואָס מען וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן. און פונקט אַזוי ווי מען קען זאָגן, אַז אָן אַ רבי עקיבא וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין בר־כוכבא, אַזוי קען מען אויך זאָגן, אַז אָן אַ בר־כוכבא וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין רבי עקיבא. זיי זענען ביידע אין איינעם באַשאַפן געוואָרן פאַר זייער צייט, פאַר זייער דור, און דאָס וואָס איינער האָט ניט געקענט געבן דעם פאָלק, האָט דער אַנדערער יאָ געגעבן. זיי זענען ביידע געווען אַ זעלטענע פאַראייניקונג פון גרויסן גייסט און גרויסער גבורה.

בר־כוכבא איז געווען דער ערשטער אידישער קריגס־פירער, וואָס האָט איינגעזען און פאַרשטאַנען ווי נויטיק עס איז אין אַ מלחמה קעגן די רוימער צו האָבן אַ גרויסע און גוט אויסגעמושטירטע אַרמיי ניט נאָר פון פוס־גייער, נאָר אויך פון רייטער. די אַנדערע פאַר אים האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען, און איבער דעם האָבן די אידן ביי אַ סך געלעגנהייטן ניט געקענט אַרויסווייזן קיין גענוג שטאַרקן ווידערשטאַנד. דער מאַנגל אין רייטער, אין קאַוואַלעריע, האָט זיי געשטערט אין דעם. און דאָס האָט בר־כוכבאַ, ווי אַ גוטער קריגס־פירער, גלייך איינגעזען און ער האָט געשאַפן אַ גרויסע אידישע קאַוואַלעריע, וועלכע האָט זיך נאָך דעם שטאַרק אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן קעגן די רוימער.

אין פאַרבינדונג מיט דעם ווערט אין דער גמרא דערציילט אַ לעגענדע, אַז בר־כוכבאַ האָט אין אָנפאַנג געהאַט איינגעפירט, אַז יעדער איינער וואָס שליסט זיך אָן זיינע חיילות זאָל אַרויסווייזן זיין מוט דערמיט, וואָס ער וועט מיט איין האַנט זיך אַליין אָפּהאַקן אַ פינגער פון דער אַנדערער האַנט. דאָס האָט געדאַרפט זיין דער שטאַרקסטער באַווייז, אַז דער מענטש איז גרייט אויף אַלץ. די גע־

לערנטע וואָס האָבן אים געהאָלפן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד, איז דאָס ניט געפעלן; זיי האָבן אין דעם געזען אַכזריות וואָס פאַסט זיך גאָרניט פאַר אידן, און זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט ליידן. און דאַן איז איינגעפירט געוואָרן, אַז מען זאָל זיך מער ניט אָפּהאַקן קיין פינגער, און אַנשטאָט דעם זאָל מען בעסער אַרויסווייזן מוט און העלדישקייט דערמיט, וואָס יאָגנדיק זיך רייטנדיק אויף אַ פערד, זאָל מען אַרויסרייסן אַ צעדער־בוים פונעם וואַלד לבנון.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גוזמא. אָבער, ווי מיר האָבן שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, איז אין יענע צייטן געווען אָנגענומען, ניט נאָר ביי אידן, איינצוהילן געשיכטלעכע פאַקטן אין גוזמאות. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי אַרויסצעשיילן דאָסווירקלעכע פון דעם לעגענדאַרישן. און ווען מען טוט דאָס מיט דער לעגענדע וואָס מיר האָבן דאָ אויבן געבראַכט פון דער גמרא, בלייבט דאָ בלויז דער פאַקט, אַז בר־כוכבא, ווי אַ גוטער קריגס פירער, האָט פאַררינכט אַ פעלער, וואָס אַנדערע האָבן אין די פריערדיקע צייטן ניט איינגעזען, און ער האָט דער ערשטער געשאַפן אַ גרויסע אידישע קאַוואַלעריע, און ווי עס ווערט אָנגעגעבן, איז די צאָל פון אַזעלכע רייטער באַ־שטאַנען פון צוויי הונדערט טויזנט מאַן. און דאָס איז געווען זייער וויכטיק, ווייל אין אַ מלחמה קעגן די רוימער האָט מען אָן קאַוואַלעריע ניט געקענט אויסקומען.

# קאַפּיטל אַכט

## דער אויפשטאַנד וואָס האָט צעטרייסלט די זיילן פֿון דער רוימישער אימפּעריע

אַרום און אַרום איז בר־כוכבאס אַרמיי באַשטאַנען פֿון פיר הונדערט טויזנט באַוואָפנטע לייט. אַזאַ צאָל ווערט אָנגעגעבן אין די אידישע קוואַלן. אין די ניט־אידישע קוואַלן אָבער ווערט אָנגעגעבן נאָך אַ גרעסערע צאָל. לויט קאַסיוס דיאָ האָט בר־כוכבא געהאַט אַן אַרמיי פֿון פינף הונדערט און אַכציק טויזנט באַוואָפנטע לייט. און עס איז דאָ אַ גרונט צו גלויבן אַז די צאָל איז אפשר געווען נאָך גרעסער, ווייל דאָס פֿאָלק איז דאַן געווען איינִיק; נישט נאָר די אידישע יונגע לייט אין יהודה האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די חיילות וואָס דער גרויסער אידישער קריגס פֿירער האָט צונויפגעשטעלט, נאָר אויך פֿון אַנדערע לענדער האָבן אידישע יונגע לייט געשטראָמט אין מאַסן און גענומען אויף זיך די פֿירערשאַפֿט פֿון שמעון בר־כוכבא, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן פֿריער. און צו דעם דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט דעם פֿאַקט, וואָס אין דער צייט ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, זענען צו אים אויך צוגעשטאַנען אַנדערע פֿעלקער, וועלכע האָבן פֿון זיך געוואָלט אַרונטערוואַרפֿן דעם יאָך פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט; זיי זענען אויך אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם פֿייער, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק צעברענט, און זיי האָבן געהאָלפֿן די אידן אין דער מלחמה קעגן דער רוימישער מאַכט. און ניט אומזיסט שרייבט איינער פֿון די רוימישע היסטאָריקער, אַז „מען קען זאָגן, אַז דעמאָלט האָט די גאַנצע ערד זיך אַ טרייסל געטאָן איבער דעם". די לאַגע איז געווען אַזוי ערנסט, אַז עס האָט זיך געדוכט אַז די גאַנצע רוימישע אימפּעריע איז אין געפֿאַר און אַז באַלד וועט זי זיך צעפֿאַלן אויף שטיקלעך.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז בר־כוכבאַ איז אַרויס אָפֿן קעגן דער מאַכט פֿון רוים. חוץ דעם וואָס ער האָט זיך דערצו געדאַרפֿט

גוט צוגרייטן, איז נאָך געווען נויטיק אַז עס זאָל געשען אַזוינס, וואָס זאָל נאָך מער ווי פריער אַרויסרופן ביים פאָלק דעם צאָרן קעגן די אונטערדריקער. און ווייל עס איז שווער צו באַשטימען פּינקטלעך די צייט, איבער דעם וואָס אין די אַלטע אידישע קוואַלן הערשט אַ צעמישעניש אַרום דעם דאָזיקן ענין וואָס ס'איז שייך דער צייט, דאַרף מען אָננעמען פאַר ריכטיק דאָס וואָס דער רוימישער היסטאָריקער ק א ס י ו ס ד י א גיט איבער, שילדערנדיק די געשעענישן פון דאַן, ווען „די גאַנצע ערד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן" צוליב דעם.

ער טוט דאָס אין זיין גרויס ווערק „די רוימישע געשיכטע", וואָס ער האָט געשריבן אויף גריכיש. דאָרט (בוך 69, קאַפּ. 12), שרייבנדיק וועגן דעם קיסר א ד ר י א נ ו ס, זאָגט ער אַזוי: „אין ירושלים האָט ער אויסגעבויט אַ נייע שטאָט, אויפן אָרט פון דער אַלטער שטאָט, וואָס איז געווען חרוב ביזן גרונט, און האָט איר געגעבן אַ נאָמען אַעליאַ קאַפּיטאָלינאַ. און אויף דעם אָרט וואו דאָס בית המקדש איז פריער געשטאַנען, האָט ער אויסגעבויט אַ טעמפּל פאַרן גאָט יופּיטער. און דאָס האָט אַרויסגערופן די גרויסע מלחמה וואָס האָט לאַנג געדויערט, ווייל די אידן האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ פאַרשוועכונג, אַז פרעמדע פעלקער זאָלן זיך באַזעצן אין זייער שטאָט און פרעמדע גלויבנס זאָלן דאָרט איינגעפלאַנצט ווערן".

אַזוי שרייבט דער רוימישער היסטאָריקער, און אַזוי ווי ער דערמאָנט דערביי, אַז דאָס איז געווען דאַן ווען א ד ר י א נ ו ס האָט געמאַכט זיין גרויסע רייזע איבער מצרים און סיריען און אויך באַזוכט דאָס לאַנד יהודה, און ס'איז פעסטגעשטעלט, אַז יענע רייזע האָט ער געמאַכט אין די יאָרן 130 און 131, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, איז קלאָר, אַז דער גרויסער ב ר ־ כ ו כ ב א אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן אין יענער צייט.

עס איז אויך מער ווי זיכער, אַז אָנגעהויבן בויען האָט ער דאָס נאָך אין די ערשטע יאָרן וואָס ער איז אַרויף אויפן טראָן, ווייל ס'איז דאָך אוממעגלעך, אַז אַזאַ ריזיקע אַרבעט זאָל געטאָן ווערן אין אַ משך פון אַ קורצער צייט. מ'האָט דאָס אויף זיין באַפעל אוודאי געטאָן ביסלעכווייז, און געענדיקט האָט מען עס ערשט שפּעטער. אַזאַ מיינונג דריקט אויס דער אידישער היסטאָריקער ש. ד ו ב נ א ו ו אין זיין ווערק „דברי ימי עם עולם" (באַנד 3, ז. 26), און דערביי דערמאָנט ער, אַז דאָס איז קעגן דער מיינונג פון ג ר ע ט ץ

און ש י ר ע ר און אַנדערע היסטאָריקער, וועלכע האַלטן אַז ערשט אין דעם יאָר 130 האָט אַ ד ר י אַ נ ו ס באַשלאָסן צו מאַכן פון ירושלים אַ געצנדינערישע שטאָט און אויפבויען פאַרן גאָט יופּיטער אַ טעמפּל אויף דעם זעלבן אָרט, וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען. אָבער ווען מ'קלייבט זיך גוט פונאַנדער אין אַלץ וואָס מ'געפינט וועגן דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד אין די אַלטע אידישע און ניט-אידישע קוואַלן און אויך אין אַלץ וואָס ס'איז גע-שריבן געוואָרן שפּעטער אַרום דעם, לייגט זיך גיכער אויפן שכל אַז גערעכט איז דאָ ד ו ב נ אָ ו ו ; עס האָט געדויערט יאָרן ביז די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן. און געשען איז דאָס אינעם יאָר 130-131, און די גאַנצע צייט וואָס מ'האָט געבויט, האָבן אידן געמוזט צוזען ווי די הייליקייט פון דער שטאָט ירושלים ווערט פאַר-שוועכט און ווי אויפן אָרט וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען בויט זיך אַ טעמפּל פאַרן אָפּגאָט יופּיטער.

ביי אַ ד ר י אַ נ ו ס ן איז דאָס אַוודאי געווען אַ קליינינקייט; ער האָט אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען דעם גייסט פונעם אידישן פאָלק; זייערע באַגריפן זענען אים געווען פרעמד, און ער האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך פונאַנדערצעקלייבן אין זיי. און אויב אפילו ער איז ביים אָנפאַנג פון זיין אַרויפקומען אויפן טראָן געווען אויפריכטיק ווען ער האָט די אידן געגעבן די רעכט צוריק אויפצו-בויען דאָס בית המקדש, איז די שונאים פונעם אידישן פאָלק, די מוסרים פון כל המינים, ניט אָנגעקומען שווער אים צו באַווייזן, אַז ער דאַרף דאָס ניט טאָן, ווייל עס איז סכנה און ס'קען נאָך ברענגען דערצו, אַז די אידן זאָלן זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון רוים. און ווען ער האָט די רעכט צוריקגעצויגן, איז ביי אים אויסגעקומען, אַז אויב ניט קיין אידישן הייליקן טעמפּל, איז — זאָל זיין אַ טעמפּל פאַרן גאָט יופּיטער!

***

איבערבויען אַלטע שטעט און אַוועקשטעלן דאָרט טעמפּלען — דאָס האָט אַדריאַנוס זייער ליב געהאַט. ער האָט דאָס געטאָן אין די אַלע לענדער וואָס זענען געשטאַנען אונטערן שוץ פון רוים, און דערפאַר האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען „ר ע ס ט י ט ו - ט אָ ר ״, וואָס ס'האָט געמיינט — דער איבערבויער. דאָס איז געווען אַ טייל פון זיין טעטיקייט אַריינצופירן רוימישע און גריכישע

קולטור אומעטום. אבער אין דער צייט ווען ביי די געצנדינערישע פעלקער האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט וואָס מ'שטעלט אַוועק אין זייערע הויפּט־שטעט טעמפּלען פאַר נאָך געטער, האָבן די אידן צו דעם זיך אַזוי ניט געקענט באַציען, ווייל זיי האָבן געגלויבט אין איין גאָט, און געצנדינערייִ איז ביי זיי געווען די גרעסטע זינד.

רוים און ירושלים האָבן זיך ווידער אַנגעשטויסן איינע אָן דער אַנדערער אויפן שלאַכטפעלד פון דער אייביקער קריג, וואָס איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען אין פאַרלויף פון דורות און דורות — אַ קריג צווישן צוויי קולטורן וואָס ווידערשפּרעכן אינגאַנצן איינע די אַנדערע, אַ מלחמה צווישן צוויי באַזונדערע מאָראַלן און וועלט־באַנעמען, וואָס זענען פּונקט דער היפּוך איינע פון די אַנדערע.

מ'דאַרף אויך אין זינען האָבן, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס אַדריאַנוס האָט פון ירושלים געמאַכט אַ געצנדינערישע שטאָט און אַוועקגעשטעלט אַ טעמפּל פאַרן גאָט יופּיטער דאָרט וואו דאָס בית המקדש איז פריער געשטאַנען, האָט ער אויך איינגעפירט, אַז מ'טאָר זיך ניט מל זיין, און אין דעם האָבן אידן אויך געזען דעם וואונטש זיי אויסצוראָטן אינאיינעם מיט זייער גלויבן און זייערע דינים פון דער תורה. עס איז פאַר זיי געווען קלאָר, אַז אַדריאַנוס איז אויפגעשטאַנען זיי צו פאַרטיליקן, ענדיקן דאָס וואָס טיטוס האָט ניט געענדיקט — אויב ניט אויף דעם שלאַכטפעלד, איז מיט דעם וואָס ער וועט אָפּווישן די געדעכעניש פון זייער אַמאָליקער זעלבשטשטענדיקייט ווי אַ פאָלק, און אויך דערמיט וואָס ער וועט ביסלעכווייז אינגאַנצן אונטערדריקן זייער גלויבן.

אויף זיין באַזוך אין יהודה האָט אַדריאַנוס ניט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צו באַקענען גרינטלעך מיט די באַגריפן פון דעם אידישן פאָלק, כדי דורך דעם צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי מיט זיי צו לעבן בשלום. ער האָט בכלל אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון זיך אַליין, אַז ס'איז ביי אים גאָר קיין צווייפל ניט געווען, אַז דאָס וואָס ס'דאַרף ביי אַן אַנדערן געדויערן אַ יאָר אָדער צוויי, אויסצוגעפינען ריכטיק, דאַרף דאָס ביי אים נעמען אַ קורצע ווײַלע, און ער קען דאָס אויסגעפונען פון בלויז אַ פּאָר געשפּרעכן מיט דעם אָדער מיט יענעם מענטשן.

אין וואָס פאַר אַ לאַנד ער איז נאָר געקומען, האָט ער צו זיך פאַרבעטן איינעם אָדער צוויי פון די אָנגעזעענע לייט, און מיט זיי האָט ער גערעדט, און ס'האָט געהייסן אַז פון די געשפּרעכן מיט זיי

ווײל ער זיך באַקענען מיט די באַגריפן פונעם פאָלק און מיט די שטימונגען אין לאַנד. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַלטן פאַר זייער אַ גרויסן חכם און געוואָלט אַז אַלע זאָלן דאָס וויסן, האָט ער, אַנשטאָט צו לאָזן אַנדערע רעדן, בעסער אַליין גערעדט, און דערביי באַנוצט אַזעלכע ווערטלעך און זאָגעכצן וואָס זאָלן איבערראַשן.

אויך ווען ער איז געווען אין יהודה האָט ער אַזוי געהאַנדלט; ער האָט זיך דאָרט אַ פאַר מאָל געטראָפן מיט אייניקע אידישע גע־לערנטע פון יבנה, געפירט מיט זיי געשפּרעכן, אָבער פון דעם וואָס ס'ווערט דערציילט דערפון אין די אַלטע אידישע ספרים, קען מען זען, אַז מער ווי אַלץ איז ער מיט דעם אויסן געווען צו ווייזן די אידישע געלערנטע וואָס פאַר אַ גרויסער חכם ער איז, ווי ער ווייסט אַלץ און פאַרשטייט אַלץ. דערצו האָט ער זיי נאָך געוואָלט איבער־ראַשן מיט ווערטלעך און זאָגעכצן, וואָס זיי זאָלן נאָכדעם איבער־דערציילן פאַר אַנדערע, און איין מאָל, ווען ער האָט גערעדט מיט רבי יהושע בן חנניה, האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט זייער אַ טרעפלעכע באַמערקונג וועגן אידן; ער האָט דאַן פאַרגליכן דאָס אידישע פאָלק צו אַ שעפעלע, און דערביי האָט ער געזאָגט: „גרויס איז דאָס שעפעלע וואָס ס'קען זיך האַלטן צווישן זיבעציק וועלף“.

מיט דעם האָט ער זיך אוודאי געוואָלט אויספיינען פאַר דעם אידישן געלערנטן און ווייזן ווי ער קען באַוואונדערן אַ פאָלק, וואָס טראָגט אַריבער אַזוי פיל און מישט זיך דאָך ניט אויס מיט די אַנ־דערע פעלקער. אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ פראַזע. אַדריאַנוס האָט פון תמיד אָן פיינט געהאַט אידן און געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל זיי אויסראָטן אינאיינעם מיט זייער גלויבן און מיט זייער מאָראַל און דער בעסטער באַווייז אויף דעם איז, וואָס נאָך אונטער טראַיאַנוסען, ווען ער האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד פון די אידן אויפן אינדזל קפריסין, איז ער געווען דער וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז קיין איד זאָל אויף דער ערד פון דעם אינדזל מער ניט אַרויפטרעטן, און אויב איינער וועט אַהין אַמאָל פאַרטראָגן ווערן צום ברעג אויף אַ שיף וואָס אַ שטורעם־ווינט האָט פאַרטריבן, זאָל מען אים גלייך באַשטראָ־פען מיטן טויט. און ס'איז אַ וואונדער וואָס די מערסטע פון די אידישע היסטאָריקער האָבן ניט אָנגעוויזן דערויף אין פאַרבינדונג מיט דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד און מיט די שמד־גזירות וואָס זענען געקומען

נאָך דעם. דער איינציקער וואָס האָט דאָס יאָ דערמאָנט בדרך אגב, איז דווקא דער ניט-אידישער היסטאָריקער ה ע נ ר י  ה א ר ט  מ י ל מ א ן. *)

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַדריאַנוסעס שנאה צו אידן איז די געשיכטע וואָס ווערט איבערגעגעבן — אויף אַ לעגענדאַרישן שטייגער, פאַרשטייט זיך — אין „איכה רבתי“. דאָרטן ווערט דער־ציילט ווי אַ איד איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַדריאַנוסן און האָט זיך געגריסט צו אים. „ווער ביזטו?“ — האָט דער רוימישער קיסר ביי אים געפרעגט: „אַ איד“ — האָט יענער געענטפערט. און ווען דער קיסר האָט דאָס דערהערט האָט ער געזאָגט: „איז דען פאַראַן אַזאַ איד, וואָס זאָל פאַרבייגיין לעבן אַדריאַנוסען און זיך גריסן צו אים?“ און ער האָט געהייסן מען זאָל אים באַשטראָפן מיטן טויט. באַלד נאָך דעם איז אָנגעקומען נאָך אַ איד, וואָס האָט געזען וואָס מ׳האָט געטאָן צו יענעם אידן. און כדי צו ראַטעווען זיין לעבן, האָט ער זיך ניט געגריסט צו אַדריאַנוסען. האָט דער קיסר אים געפרעגט: ווער ביזטו?“ און ווען יענער האָט אים גע־ענטפערט אַז ער איז אַ איד, האָט אַדריאַנוס צו אים געזאָגט: „איז דען פאַראַן אַ איד וואָס זאָל פאַרבייגיין אַדריאַנוסן און זיך ניט גריסן צו אים?“ און ער האָט געהייסן אַז מען זאָל אים אויך באַשטראָפן מיטן טויט. און ווען זיינע ראַטגעבער האָבן אים געזאָגט: „מיר פאַרשטייען נישט אַזעלכע מעשים; ווען איינער גריסט זיך יאָ צו דיר, הייסטו מען זאָל אים דערהרגענען דערפאַר, און ווען איינער גריסט זיך ניט צו דיר, הייסטו אויך מ׳זאָל אים דערהרגענען דער־פאַר?“ האָט ער זיי דערויף געענטפערט: „און איר ווילט דאָס  מ י ך לערנען ווי אַזוי אומצוברענגען מיינע שונאים?“

און ס׳איז ניט וויכטיק, צי דאָס איז אַ פאַקט, אָדער אַן אוים־געטראַכטע לעגענדע. דאָס אַליין וואָס אַזאַ געשיכטע האָט געקענט געשאַפן ווערן באַווייזט ווי די אידן האָבן געקוקט אויף אַדריאַנוסן, און זיי האָבן געהאַט אַ גוטן גרונט אויף אים אַזוי צו קוקן און אים האַלטן פאַר אַ בייזן רשע, כאָטש אין דער רוימישער געשיכטע איז ער פאַרשריבן ווי אַ „ליבער מענטש, וועמען ס׳איז געווען אַנגענעם צו קענען און וועלכער האָט אין זיך געהאַט אַ געוויסן צויבער“.**)

*) זע זיין ווערק „די געשיכטע פון די אידן“ (ענגליש), ז. 437.

**) קאַסיוס דיאָ, רוימישע געשיכטע, באַנד 8, ז. 429.

פונקט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר די נאָענטע פריינד און ראַטגעבער זיינע אינעם רוימישן הויף און זיך ניט געוויזן פאַר זיי אין זיין ריכטיק געשטאַלט, אַזוי האָט ער זיך אויך פאַרשטעלט פאַר די אידישע געלערנטע אויף זיין באַזוך אין יהודה. אויך פאַר זיי האָט ער זיך ניט געוויזן אין זיין ריכטיק געשטאַלט, און עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט געווען, וואָס ער האָט אויף אייניקע פון זיי אַ גוטן איינדרוק געמאַכט און זיי האָבן געגלויבט, אַז מ׳וועט אפשר דאָך קענען אויסקומען מיט אים מיט גוטן. צווישן די, וואָס האָבן אַזוי געגלויבט, איז געווען ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַ זקן פון אַכציק יאָר. וואָס רבי יהושע בן חנניה האָט נאָר געקענט, האָט ער געטאָן אויסצומיידן אַן אָפענע קריג, און ווען אַדריאַנוס איז פון יהודה אַוועק קיין מצרים, איז דער גרויסער אידישער געלערנטער אַוועק צו אים אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, און דאָרטן האָט ער זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל האַנדלען מילדער מיט די אידן און ניט פאַרשוועכן דאָס וואָס עס איז ביי זיי הייליק. אָבער די גאַנצע מי איז געווען אומזיסט, און דער אַלטער אידישער געלערנטער האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן.

ס׳איז אוממעגלעך געווען צו פועלן ביי אַדריאַנוסן אַז ער זאָל ביטן זיינעם אַ באַשלוס. ווען ער האָט זיך אין עפּעס איינגעעקשנט האָט קיינער אין דער וועלט אים ניט געקענט איבערשפּאַרן.

און אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי אויסצוקומען מיט אַדריאַנוסן מיט גוטן, האָט שמעון בר־כוכבא נאָך מער ווי פריער צוגעגרייט זיינע חיילות צו אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער רוימישער מאַכט; ער האָט ניט געגלויבט אין דער „גוטסקייט" פון דעם הערשער וואָס אונטערדריקט דאָס אידישע פאָלק; ער האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע שפּראַך וואָס די רוימער פאַרשטיין, איז די שפּראַך פון דער שווערד, און אַז נאָר דורך אַ קאַמף וועט דאָס אידישע פאָלק קענען אַרונטערוואַרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך.

אויך רבי עקיבאָ האָט זיך נאָך מיט מער פליים ווי פריער גענומען צו דער אַרבעט; ער איז אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט, און אומעטום האָט ער מיט זיינע רייד און קלוגע משלים צוגעצויגן נאָך און נאָך מענטשן, וואָס זענען שטילערהייט צוגעשטאַנען צו די חיילות וואָס בר־כוכבא האָט צונויפגעשטעלט, און זיינע איי-

געגנע תלמידים, וועלכע זענען געווען גרויס אין צאָל, און וואָס זענען לויט איין נוסח באַשטאַנען פון צוועלף טויזנט, און לויט אַ צווייטן נוסח — פון פיר און צוואַנציק טויזנט, זענען געווען די ערשטע אין די רייען פון די, וואָס זענען מיט שווערדן אין די הענט אַרויס קעמפן פאַר דער פרייהייט פונעם אידישן פאָלק. בלויז אויף אַזאַ אויפן קען מען דערקלערן די אַנגעגעבענע גרויסע צאָל פון רבי עקיבאָס תלמידים; זיי האָבן ביי אים געלערנט ניט נאָר תורה — ער האָט אין זיי אויך איינגעפלאַנצט דעם אידעאַל זיך מ ו ס ר נ פ ש צו זיין פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און פונעם לאַנד.

מ׳האָט געדאַרפט וואַרטן אויף דער פּאַסיקער שעה, ווען מ׳וועט קענען אַרויסקומען אָפן. און געקומען איז אַזאַ שעה, ווען אַדריאַנוס האָט געענדיקט זיין רייזע איבער די מזרח־לענדער און זיך געלאָזט פאָרן צוריק קיין רוים. דאַן האָט בר־כוכבא אָנגעהויבן דעם גרויסן אויפשטאַנד, וואָס ער האָט נאָך פריער אַזוי גוט צוגעגרייט. און ער האָט געהאַט גענוג געווער און אויך גענוג באַוואָפנטע לייט, וועלכע האָבן זיך געקענט שטעלן אַקעגן די רוימישע לעגיאָנען.

ווי ס׳איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן האָט בר־כוכבא אַרום און אַרום געהאַט אַן אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון קנאַפּע זעקס הונדערט טויזנט זעלנער, און צווישן זיי זענען געווען צוויי הונדערט טויזנט אויסגעצייכנטע רייטער; זיי האָבן גוט געוואוסט אַלע וועגן און שטעגן אין לאַנד; זיי זענען געווען גוט אָרגאַניזירט; זיי האָבן זיך אַלע אונטערגעוואָרפן די באַ־פעלן פון דעם גרויסן קריגספירער. און ווען דער ערשטער באַפעל איז געגעבן געוואָרן אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אומעטום אין איין צייט ווי אַ גרויס פייער צעברענט, איז דאָס פאַר די רוימישע לעגיאָנען אין יהודה געווען אַזאַ איבעראַשונג, אַז זיי האָבן זיך איינגאַנצן פאַרלאָרן און אָנגעהויבן לויפן פון די אַלע ערטער, וואו זיי זענען פריער געווען אויסגעשטעלט.

דער עלטסטער פון די רוימישע חיילות אין יהודה, טינע־אוס רופוס, אָדער טיראַנוס רופוס, ווי ער ווערט אָנגערופן אין דער גמרא, איז געווען זייער אַ ברוטאַלער מענטש, און ער האָט אין די ערשטע צייטן פון דעם אויפשטאַנד אָנגעטאָן די אידן די שרעקלעכסטעליידן; אין די שטעט וואו די צאָל פון בר־כוכבאס מחנות איז ניט געווען גרויס, האָט ער אויסגע־שאָכטן טויזנטער פון דער אידישער באַפעלקערונג, און צווישן די

קרבנות זענען געווען אַ סך פרויען און קליינע קינדער. די רציחות וואָס ער האָט דאָן אַרויסגעוויזן צו די אידן, זענען געווען די מורא־דיקסטע; זיינע מעשים זענען אין אונדזער געשיכטע מיט בלוט פאַר־שריבן; ער האָט צו קיינעם ניט אַרויסגעוויזן קיין רחמנות; דאָס גיט צו אַפילו י ו ם ע ב י ו ם ; דערביי האַלט ער אָבער פאַר נויטיק צו מאַכן די באַמערקונג, אַז דער קאַמף פון די אידן איז געווען אַ „ו ו י ל ד ע   מ ש ו ג ע ת". און דער קריסטלעכער היסטאָריקער דריקט זיך וועגן דעם אוים אויף זיין שטייגער, אַז ער. טינעאוס רופוס, האָט „באַהאַנדלט זייער משוגעת אָן רחמנות".

ביי אים, ביי דעם פרומען קריסטלעכן היסטאָריקער, וועלכער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פונעם דריטן יאָרהונדערט, איז אויסגעקומען, אַז דער גאַנצער קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס די אידן האָבן געפירט אין די צייטן פון בר־כוכבאן, איז געווען ניט מער ווי אַ „מ ש ו ג ע ת", און דאָס האָט ער אַוודאי געירשנט ביי די ערשטע אידישע קריסטן, ביי די תלמידים פון ישו דעם נוצרי; זיי האָבן אויך געקוקט דערויף ווי אויף אַ „משוגעת".

***

די רציחות וואָס טינעאוס רופוס האָט אַרויסגעוויזן אין די שטעט וואו ער האָט ניט געהאַט קיין ווידערשטאַנד, האָבן בר־כוכבאן ניט אָפּגעשראָקן און ניט צוגענומען ביי אים דעם מוט; ער האָט זיך געריכט דערויף נאָך איידער ער איז אָפן אַרוים קעגן די רוימער, און ער האָט דערויף געענטפערט דערמיט וואָס ער האָט רופוסן און זיינע מחנות געטריבן פון די אַלע ערטער, וואו זיי האָבן נאָר געפּרוואווט זיך צו באַפעסטיקן, און בר־כוכבא אַליין האָט אויפן שלאַכטפעלד אַרויסגעוויזן אַזעלכע גבורות, אַז איבערן גאַנצן לאַנד האָט מען וועגן אים וואונדער דערציילט. מ'האָט געגלויבט אַז ער איז אַזאַ גבור, אַז קיינער אין דער וועלט וועט אים ניט קענען בייקומען, און צווישן די וואונדער וואָס מ'האָט וועגן אים דערציילט, איז אויך אַ געשיכטע, אַז ער קען מיט אַ קני אויפכאַפּן אָן אַרוים־געשאָסענעם שטיין און אים געבן אַ שטאַרקן שליידער צוריק און דורך דעם דערהרגענען עטלעכע מענטשן אין דער מחנה פונעם שונא.

נאָך ביי זיין לעבן האָט מען איינגעהילט זיינע מעשים אין וואונדערלעכע לעגענדעס. און מ'האָט געגלויבט, אַז ער איז דער אמתער משיח, אַז ער וועט אויסלייזן דאָס אידישע פאָלק פון די הענט פונעם שונא, און ניט נאָר דאָס אידישע פאָלק, נאָר אויך אַלע

פעלקער פון דער וועלט, ווארעם ווען ער וועט שוין זיצן פעסט אויף זיין טראן ווי דער געזאלבטער קעניג פון יהודה, ווען דער חורבן פון ירושלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערן און דער הייליקר טעמפל וועט ווידער אויפגעשטעלט ווערן, וועלן אלע אנדערע פעלקער דער־זען די ליכט און זיי וועלן אוועקווארפן זייערע אפגעטער און וועלן אלע דינען צו איין גאט און וועלן מער ניט פירן קיין מלחמות איינע מיט די אנדערע.

און אט דער טיפער גלויבן האט ביי אידן ארויסגערופן באגייס־טערונג; ער האט געצונדן די הערצער, אונטערגעגעבן מוט, און זיי האבן אלע אויף די שלאכטפעלדער ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט.

אלע שענסטע און ליכטיקסטע האפענונגען פון פאלק האבן זיך געדרייט ארום דעם גרויסן קריגספירער שמעון בר־כוכבא, און ווייל די רוימער האבן דאס ניט געקענט פארשטיין, איז ביי זיי אויסגע־קומען, אז ס'איז ניט אנדערש נאר ער איז א „כשוף־מאכער", און ס'האבן זיך וועגן אים צווישן זיי פארשפרייט געשיכטעס, אז ער שלינגט פייער און אז בכלל באווייזט ער אזעלכע וואונדער, וואס קיין געוויינלעכער מענטש קען ניט באווייזן.

און די פרומע קריסטלעכע היסטאריקער, וואס זענען געקומען שפעטער, האבן גענומען פונעם גרייטן; זיי האבן די אלע אויסגע־טראכטע מעשיות איבערדערציילט און ס'איז ביי זיי אויסגעקומען, אז בר־כוכבא איז געווען א כישוף־מאכער און אז דערמיט האט זיך אים איינגעגעבן ארויסצורופן דאס פאלק אין אן אויפשטאנד קעגן דער מאכט פון רוים.

אזא פארשטענדעניש האט מען דאס ארויסגעוויזן פאר די טרוימען און האפענונגען פונעם אידישן פאלק!

ווען טינעאוס רופוס האט געזען, אז ער קען בר־כוכבאן ניט ביי־קומען און אז וואס א מאל פאלן אריין אלץ מער און מער שטעט און דערפער אין די הענט פון די אידישע מחנות, האט ער גערופן צו הילף דעם רוימישן לעגאט פון סיריען, פאבליציוס מארסעלום. יענער האט געבראכט נייע רוימישע חיילות, אבער דאס האט ניט געהאלפן; די רוימער האבן ניט געקענט בייקומען די אידן; זיי האבן פארלארן אין די אפענע שלאכטן און זיי האבן אויך געליטן א סך פון די פלו־צעמדיקע אנפאלן, וואס די אידישע באוואפנטע מחנות האבן אויף זיי געמאכט צווישן די בערג; עס איז אוממעגלעך געווען זיך אויס־

צוהיטן פון די אידן אויף די פאַרוואָרפענע וועגן, וואָס האָבן זיך צווישן די בערג געצויגן; זיי האָבן געשטראָפט פון היילן און באַ־העלטענישן, וואָס קיין פרעמד אויג האָט גאָרניט געקענט זען, און אומעטום זענען זיי דעם שונא באַפאַלן און האָבן אים געטריבן ווייטער און אויסגעהרגעט אַ סך. און אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן און חדשים, און בר־כוכבא האָט שוין געהאַט אין זיינע הענט ניט ווייניקער ווי פופציק פעסטונגען, וואָס זענען פריער געווען ביי די רוימער, און וואָס לענגער די קריג האָט געדויערט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן בר־כוכבאס מאַכט; ער האָט די שונאים פאַרטריבן פונעם גרעסטן טייל פון לאַנד און זיך דאָרט באַפעסטיקט מיט זיינע מחנות, און אַרום און אַרום האָט ער שוין אין זיינע הענט געהאַט נייַן הונדערט מיט פינף און אַכציק שטעט און דערפער, וואו ס'האָבן פריער געהערשט די באַוואָפנטע לייט פון טינעאוס רופוס.

כאָטש מ'איז נאָך ניט געווען זיכער מיטן נצחון, ווייל מ'האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז דער קיסר אַדריאַנוס וועט אוודאי אַריינשיקן נאָך און נאָך חיילות, האָט דאָס פאָלק דאָך פרייער אָפּגעאָטעמט. און דאַן האָט בר־כוכבא שוין אַרויסגעגעבן מטבעות, אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגעקריצט „שמעון נשיא ישראל״, און דאָס האָט גע־מיינט, אַז מיטן אויפשטאַנד איז מען אויסן ניט בלויז מער פרייהייט אונטערן שוץ פון רוים, נאָר אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע מלוכה, וואָס זאָל קיינעם ניט זיין אונטערוואָרפן. אויף די מטבעות איז אויך געווען אָנגעגעבן די צייט ווען מ'האָט זיך באַפרייט פונעם פרעמדן יאָך. *)

בר־כוכבאס גרויסער נצחון אין דער מלחמה האָט אונטערגע־געבן מוט אויך די אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען געשטאַנען אונ־טערן שוץ פון רוים; זיי האָבן אויך באַקומען חשק זיך צו באַפרייען, און זיי האָבן גענומען אויף זיך זיין פירערשאַפט און זיך אָנגעשלאָסן אָן זיינע חיילות; אַפילו די שומרונים, וועלכע האָבן זיך פריער שטענדיק אַרומגעריסן מיט די אידן, האָבן אים געהאָלפן אין דער מלחמה און געהאָפט, אַז נאָך דעם ווי דער פולער נצחון וועט קומען, וועלן זיי אויך פון דעם געווינען; און אין יענער צייט האָבן אַ סך אָפּטריניקע אידן, וועלכע זענען פריער אַוועק פון זייער פאָלק און

*) אייניקע פאָרשער האַלטן אַז די מטבעות „שמעון נשיא ישראל״ זע־נען אויסגעקריצט אין די צייטן פון רבן שמעון בן גמליאל.

פון זייער גלויבן, זיך אומגעקערט צוריק און אינאיינעם מיט אלעמען געטראגן די שוועריקייטן פון דער מלחמה און די ליכטיקע האפענונג אויף דעם גליקלעכן טאג ווען די פולע אויסלייזונג וועט קומען און דער חורבן פונעם לאנד וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. א גייסט פון מוט און אויפלעבונג האט אלעמען פארכאפט; ווייטע האבן זיך דערפילט נאענט, און נאענטע זענען געווארן נאך נעענטער; אלע האבן געלעבט מיט איין גרויסן ווארעמען געפיל און מיט איין גרויסן ליכטיקן טרוים. *בלויז די אידן פון דער קריסטלעכער סעקטע, די תלמידים פון ישו דעם נוצרי, זענען געבליבן שטיין פון דערווייטן און האבן בר־כוכבאן ניט געהאלפן.* זיי האבן זיך פון דעם קאמף אפגעזונדערט, און אפשר אויך געשטערט אין דעם. און דאס איז געווען דער גרונט פאר וואס בר־כוכבא האט זיי אזוי גערודפט, ווען זיי זענען אריינגעפאלן צו אים אין די הענט; ער האט זיי ניט געקענט פארגעבן וואס אין אזא צייט האבן זיי זיך ארויסגענומען פונעם כלל; אין זיינע אויגן זענען זיי געווען פאררעטער צו זייער אייגן פאלק, און ער האט זיי געגעבן די שטראף, וואס מ׳גיט געוויינלעך צו פאררעטער אין דער צייט פון א מלחמה.

## קאַפּיטל ניין

### די באַלאַגערונג און דאָס פאַלן פון דער שטאָט ביתר

עס זענען אַוועק דריי יאָר צייט און אַדריאַנוס האָט געשיקט די בעסטע קריגספירער זיינע צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אין יהודה און אָפּשאַפן די נײַ-געגרינדעטע אידישע מלוכה. אויך נייע לעגיאָנען האָט ער געשיקט. אָבער בר-כוכבא איז זיי אַלעמען בײַגעקומען, און די גאַנצע צייט וואָס די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, האָבן די רוימער קיין מאָל ניט געקענט זיין זיכער אַפילו אין די שטעט, וואו ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן זיך צו באַפעסטיקן.

דאָס ערגסטע פאַר די רוימער אין דער מלחמה איז געווען דאָס, וואָס אַפילו דאַן ווען זיי האָבן ערגעץ שוין יאָ געהאַט אַ גרויסן נצחון אויפן שלאַכטפעלד, האָט דאָס נאָך ניט געהייסן אַז זיי האָבן די מלחמה געוואונען, ווייל אויף די וועגן וואו זיי האָבן געדאַרפט פירן זייערע מחנות, האָט מען קיין מאָל מיטן לעבן ניט געקענט זיין זיכער, ווייל בר-כוכבאס חיילות וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די בערג, זענען דאָרט אָנגעפאַלן אויף זיי. אומעטום, אויף די אַלע וועגן וואָס מ'האָט ניט געקענט אויסמיידן, האָבן די אידן געלויערט אויף די רוימער און אויסגעהרגעט הונדערטער און טויזנטער פון זיי.

ביי טאָג און ביי נאַכט האָבן די רוימער געדאַרפט זיין אויף דער וואַך אין די שטעט, וואָס זיי האָבן פאַרנומען צוריק, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'וועט גאָר קיין מאָל קיין סוף ניט נעמען, ווייל אויב אַפילו אַלע שטעט און פעסטונגען וועלן אַריינפאַלן צוריק אין די הענט פון די רוימער, וועלן זיך די אידן דאָך ניט אונטערגעבן און זיי וועלן באַפאַלן דעם שונא פון באַהעלטענישן.

שטעט און דערפער זענען פון האַנט צו האַנט איבערגעגאַנגען, און דער נאָמען פון שמעון בר-כוכבא איז געגאַנגען פון מויל צו מויל איבער דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, און אַלע אונטערדריקטע פעלקער האָבן אים פאַר אַ מוסטער גענומען.

און ווען דער קיסר אדריאַנוס האָט געזען ווי שווער ס'איז ביי־צוקומען בר־כוכבאַן האָט ער פון בריטאַניען אַרויסגערופן דעם גרויסן רוימישן גענעראַל יוליוס סעווערוס און אים גלייך אַוועקגעשיקט קיין יהודה, ער זאָל דאָרטן אָן רחמנות אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די אידן.

סעווערוס איז אין זיין צייט געווען דער גרעסטער קריגספירער. ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער מלחמה קעגן די בריטאַניער, און אַדריאַנוס האָט געגלויבט, אַז נאָר אַזאַ גוטער גענעראַל ווי ער, וועט קענען בייקומען בר־כוכבאַן. און ס'איז אַ סברא, אַז שפּעטער איז אַדריאַנוס אַליין אויך אַוועק אויפן שלאַכטפעלד, ווייל ער האָט דאָך מורא געהאַט, אַז אויף סעווערוסן קען ער זיך אין גאַנצן ניט פאַרלאָזן. באַשטימט איז דאָס ניט. אָבער די מערסטע היסטאָריקער זענען געניגט צו גלויבן, אַז אינעם לעצטן יאָר פון דער מלחמה איז דער קיסר אַליין אויך געווען דאָרט.

ווי אַ געניטער קריגספירער האָט יוליוס סעווערוס גלייך אָפּגעשאַצט די לאַגע און ער איז געקומען צום שלום, אַז וואָס ווייניקער מ'וועט זיך איילן בייצוקומען בר־כוכבאס מחנות אין גרויסע צוזאַמענשטויסן אויפן שלאַכטפעלד, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר די רוימער. ער האָט געוואוסט, אַז אויפן שלאַכטפעלד זענען די אידן זייער מוטיקע זעלנער, ווייל זיי זענען באַגייסטערט פאַר דעם טרוים אויסצוקעמפן פרייהייט; ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז צו לאַנג וועלן זיי ניט קענען אויסהאַלטן, ווייל זיי האָבן ניט גענוג צוגעגרייטע שפּייז, און ער האָט דעריבער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרציען די מלחמה וואָס לענגער און זיי אויסהונגערן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך מוזן אונטערגעבן.

די זיכערקייט, אַז צייט וועט אין דער מלחמה קעגן בר־כוכבאַן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע ווי אַ נצחון אויף אַ גרויסן שלאַכטפעלד, האָט סעווערוסן געפירט אָנצונעמען די זעלבע מיטלען, וואָס אַספּאַסיאָנוס און טיטוס האָבן אָנגענומען אין דער מלחמה קעגן די אידן פאַרן חורבן, און ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט צו טרייבן די אידן דערצו, אַז זיי זאָלן זיך באַפעסטיקן אין גרעסערע שטעט און ער זאָל זיי דאָרט קענען באַלאַגערן און ניט צולאָזן קיין עסנוואַרג צו זיי.

דעריבער האָט ער די ערשטע צייט געפירט די מלחמה קעגן בר־כוכבאס מחנות מיט קליינע פּאַטרולן אויף צעוואָרפענע ערטער,

און מיט דעם איז ער אויסן געווען צו מאַכן די וועגן אין די בערג ניט זיכער פאַר די אידן פונקט אַזוי ווי זיי זענען ניט זיכער פאַר די רוימער.

אַ לאַנגע צייט זענען אַזעלכע פאַטרול־צוזאַמענשטויסן פאָרגעקומען צווישן די בערג און אויף אַלע פאַרוואָרפענע וועגן. פון ביידע צדדים זענען געפאַלן אַ סך קרבנות. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך סעווערוסן דאָך איינגעגעבן אַרויסצעטרייבן די אידישע מחנות פון זייערע באַהעלטענישן אין די בערג, און אַ גרויסע צאָל פון זיי האָט זיך צונויפגעקליבן אין די דריי באַפעסטיקטע שטעט, וואָס געפינען זיך אינעם צפון־טייל פון גליל: כבול, שיחין און מגדלא. אויך אין אַנדערע שטעט האָבן זיך די אידישע חיילות באַפעסטיקט. אָבער פאַר די רוימער איז געווען זייער וויכטיק צו נעמען די אויבנדערמאָנטע דריי פעסטונגען, ווייל בלויז דאַן וואָלט פאַר זיי געוואָרן פריי דער וועג צו גיין ווייטער.

⁂

איבער דעם וואָס אין די ערשטע קוואַלן — סיי אין דער גמרא און סיי אין די ווערק פון די רוימישע און קריסטלעכע היסטאָריקער פון די אַלטע צייטן — איז אַזאַ מאַנגל אין מאַטעריאַלן וואָס זאָלן האָבן אַ וויכטיקן היסטאָרישן ווערט, איז אוממעגלעך צו וויסן די נויטיקע איינצלהייטן, וואָס וואָלטן דאָ געקענט אַ סך אויפקלערן. אָבער פון אַנצוהערענישן וואָס ווערן געגעבן אין דער גמרא, שיינט עס, אַז נאָך דעם ווי סעווערוס איז אָנגעקומען פון בריטאַניען קיין יהודה, האָט צווישן די אידן שוין מער ניט געהערשט אַזאַ איינִיקייט ווי פריער. מענטשן האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך, און אין די שטעט וואו די חיילות האָבן זיך באַפעסטיקט אַרויסצעווייזן אַ ווידערשטאַנד קעגן שונא, האָט מען אָנגעהויבן באַמערקן אַ שרעקלעכע צעלאָזנקייט, וואָס איז אינגאַנצן געווען קעגן דעם גייסט פון אידישער מאָראַל.

עס קען זיין אַז געבראַכט דערצו האָבן די פאַרלוסטן אויפן שלאַכטפעלד; מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן די האָפענונג און זייער גלויבן איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן. און ס׳איז אויך מעגלעך, אַז בכלל האָט זיך דעמאָלט שוין אָנגעהויבן אַ גייסטיקע ירידה, ווי עס טרעפט אַמאָל אין אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; עס האָבן זיך צו דער באַוועגונג, וואָס בר־כוכבא און רבי עקיבא

האָבן אָנגעהויבן, אוודאי צוגעשלאָגן געגנוג מענטשן אַזעלכע, וואָס זענען גלאַט אַריינגעשלעפּט געוואָרן אינעם שטראָם, אָבער זענען ניט געווען ראוי דערצו, און זיי האָבן נאָך דעם אַרייגעטראָגן הפקי־רות און צעלאָזנקייט אַזוי שנעל ווי די מלחמה האָט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג און די אידן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן; זיי האָבן זיך אויפגעפירט לויט דעם כלל פון „עסט און טרינקט, ווייל מאָרגן וועלן מיר דאָך שטאַרבן”, און זייער שלעכטע אויפפירונג האָט געווירקט אויף די אַנדערע אויך.

אורזאַכן דערויף, אַז ס'זאָל זיך פאַרשפּרייטן אַזאַ ווירקונג זענען געווען אַ סך, און די וויכטיקסטע אורזאַך איז געווען דאָס, וואָס איבער דער מלחמה האָט מען ניט געקענט באַאַרבעטן די פעלדער אין צייט און עס האָט דערפאַר אויסגעפעלט ברויט.

ניט קיין קליינע ראָלע דערביי האָט אוודאי אויך געשפּילט דער פאַקט, וואָס בר־כוכבא איז געווען אַליין. אין די אידישע קוואַלן ווערט דערמאָנט בלויז נאָך איין באַדייטנדיקער קריגספירער, און דאָס איז ב ר ־ ד ר ו מ א , וועלכער האָט באַשיצט די שטאָט טור־מלכא. קיין אַנדערע קריגספירער וואָס זאָלן זיך האָבן אויסגעצייכנט אויפן שלאַכטפעלד, ווערן ניט דערמאָנט, און ס'שיינט, אַז ס'זענען ניט געווען אַזעלכע. פאַר בר־כוכבאן אַליין איז געווים געווען שווער צו האָבן אַלץ און אַלעמען אויפן אויג. ער איז געווען אַ מאַרשאַל פון אַ גרויסער אַרמיי, אָבער אָן גענעראַלן וואָס זאָלן אים העלפן פירן די אַרמיי; אידן האָבן נאָכן חורבן ניט אַרויסגעגעבן אַזעלכע. און ווייל עס האָבן אויסגעפעלט קריגספירער, וועלכע זאָלן קענען אויפהאַלטן די דיסציפּלין אין דער אַרמיי אין צייטן ווען מ'פאַרלירט אַמאָל אויפן שלאַכטפעלד און ווייל ס'איז אויך געווען אַ מאַנגל אין גייסטיקע פירער, וואָס זאָלן אומעטום קענען אויפהויבן דעם גייסט פונעם פאָלק אין אַזאַ צייט, האָבן די כוחות געמוזט ווערן שוואַכער און די גייסטיקע ירידה האָט געהאַט די מעגלעכקייט אָנ־צוגיין מיט מער אימפעט.

צו דעם דאַרף מען נאָך נעמען אין אכט וואָס בכלל איז בר־כוכבא געווען פון די מענטשן, וואָס גלויבן צופיל אין זיך און וואָס שטעלן צופיל אויף זיך. און אַן אָנצוהערעניש דערויף געפינט מען אין דער גמרא. דאָרט ווערט דערציילט, אַז אַלע מאָל, איידער ער איז מיט זיינע חיילות אַוועק אויפן שלאַכטפעלד, האָט ער געבעטן ביי גאָט אַז ער זאָל אים ניט העלפן, אָבער ער זאָל אויך דעם שונא

ניט העלפן. פון דעם איז קלאָר, אַז ער איז געווען צו זיכער אין זיינע אייגענע כוחות, און דאָס איז געווים ניט קיין מעלה ביי אַ קריגספירער פון אַ קליין פאָלק, וואָס פאַרמעסט זיך אין כוחות קעגן אַזאַ גרויסער מאַכט ווי די רוימישע אימפעריע איז דאַן געווען.

די אַלע שוואַכע זייטן האָט יוליוס סעווערוס אויסגענוצט און און נאָך דעם ווי ער האָט גענומען די דריי פעסטונגען כ ב ו ל , ש י ח י ן און מ ג ד ל א , האָט ער זיך אַריינגעריסן קיין ע מ ק י ז ר ע א ל , און דאָרטן האָט ער געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה. זיינע חיילות האָבן דאָרטן אויסגעשאָכטן אַלע אידן אינאיינעם מיט זייערע ווייבער און קינדער, און לויט אַ לעגענדע וואָס איז איבער־געגעבן געוואָרן שפּעטער, איז דאָס וואַסער פון די צוויי טייכן ביי דער שטאָט געווען רויט פון בלוט.

די אַלע נצחונות וואָס יוליוס סעווערוס האָט געהאַט אין דער מלחמה קעגן בר-כוכבאַן זענען, לויט די מיליטערישע באַגריפן פון יענער צייט, ניט געווען קיין כבוד פאַר קיין רוימישן קריגספירער, ווייל זיי זענען ניט געווען דער אויסגאַנג פון אַ שלאַכט וואו צוויי צדדים שלאָגן זיך איינע מיט די אַנדערע, נאָר דער אויסגאַנג פון באַלאַגערונגען, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט כדי אויס־צוהונגערן די באַלאַגערטע און דורך דעם זיי צווינגען זיך אונטערצו־געבן. אַנדערש האָבן די רוימער די אידן ניט געקענט בייקומען. אַזוי איז געווען פאַרן חורבן פונעם בית המקדש, אין די צייטן פון אספּאַסיאַנוס און טיטוס; און אַזוי איז אויך געווען אין די צייטן פון אַדריאַנוס. און ווייל די רוימישע קריגספירער האָבן אין יעדער מלחמה מיט די אידן זיך געמוזט באַנוצן מיט אַזוינע מיטלען, וואָס זענען ניט קיין כבוד פאַר אַ העלד, זענען זיי דעריבער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זיי, און אַלע מאָל ווען זיי האָבן זיך נאָך אַ לאַנ־גער באַלאַגערונג אַריינגעריסן אין אַ שטאָט, האָבן זיי געמאַכט אַ בלוטיקע שחיטה. זיי זענען אין יהודה כמעט קיין מאָל ניט אַריינ־געקומען אין קיין שטאָט ווי זיגער, וואָס האָבן מיט דער שווערד צעשלאָגן דעם שונא אויפן שלאַכטפעלד. און דאָס האָט זיי זייער שטאַרק געקרענקט, און זייער שנאה צו אידן איז איבער דעם גע־וואָרן נאָך גרעסער.

צווישן די שטעט וואו די אידן האָבן זיך באַפעסטיקט, איז אויך געווען די שטאָט ט ו ר ־ מ ל כ א . אויך דאָרט האָבן די רוימער אָנגעהאַלטן אַ באַלאַגערונג אַ לענגערע צייט און ניט צוגעלאָזט אַהין

קיין עסנוואַרג. און פון דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין דער גמרא (גיטין, דף נז) זענען די רוימישע מחנות דאָרט באַשטאַנען פון ניט־ווייניקער ווי דריי הונדערט טויזנט מאַן (תלת מאה אלפי שליפי סייפא), און ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אַהין, האָט דער אידישער גבור בר־דרומא זיי אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און אויסגעהרגעט זייער אַ סך פון זיי, און ווען דער ווידערשטאַנד איז שוין געווען אונטערדריקט, האָבן די רוימער דאָרט אויסגעשאָכטן אַלע אידן אינאיינעם מיט זייערע ווייבער און קינדער, און איבער דער גאַנצער שטאָט האָט זיך אידיש בלוט ווי וואַסער געגאָסן.

לויטן מדרש האָבן די רוימער, אין דער מלחמה מיט בר־כוכבאן, אַרום און אַרום געהאַט פיר און פופציק פולמוסים. דאָס הייסט — אַזוי פיל מאָל זענען פאָרגעקומען ערנסטע שלאַכטן צווישןביידע צדדים אויף פאַרשיידענע ערטער; און דאָס מיינט, אַז קיין סוף פון אַ שלאַכט ווי גרויס עס זאָל ניט געווען זיין דער נצחון פון די רוימער, האָט דאָך ניט געהייסן אַז דאָס איז שוין דער סוף פון דער מלחמה. מ'האָט זיך געמוזט שלאָגן פאַר יעדער וויכטיקער שטאָט באַזונדער און פאַר יעדן וויכטיקן געגנט באַזונדער. און אַלע מאָל האָט זיך בר־כוכבא ערגעץ אַנדערש באַפעסטיקט און ווייטער געפירט די מלחמה.

דער אידישער קריגספירער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעגעבן די האָפענונג צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק און צוריק אויפבויען דעם חורבן פון דעם אידישן לאַנד.

און ווען אַלע וויכטיקע שטעט זענען שוין געווען אין די הענט פון די רוימער און אַדריאַנוס האָט געמיינט, אַז ס'וועט שוין אוודאי לאַנג ניט געדויערן און דאָס גאַנצע לאַנד וועט שוין זיין ביי אים אין די הענט, האָט זיך בר־כוכבא מיט זיינע חיילות ערשט באַפעסטיקט אין דער שטאָט ביתר און פון דאָרט האָט ער ווייטער געפירט די מלחמה.

די שטאָט ביתר (בעיטאַר), אָדער בית־תור, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא, ווערט אויך דערמאָנט ביי יוסף־ביוסן, אין זיין „געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע" (בוך 4, קאַפּ. 6). ביי קאַסיוס דיאָ ווערט דער נאָמען פון שטאָט אינגאַנצן ניט אָנגעגעבן אין פאַרבינדונג מיט די געשעענישן פון יענער צייט. מ'ווייסט אָבער, אַז די שטאָט האָט זיך געפונען ניט ווייט פון ירו־

שלים. אַזוי שרייבט בפירוש דער פרומער קריסטלעכער היסטאָרי־קער, און מען ווייסט אויך, אַז בשעת די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, זענען זיך אַהין אַנגעלאָפן טויזנטער און טויזנטער אידן זיך דאָרט צו באַשיצן, ווייל אַרום און אַרום זענען געווען פעסטונגען און מ'האָט זיך דאָרט דעריבער געקענט פילן זיכערער. און אַהין האָט בר־כוכבא צונויפגענומען אַלע זיינע חיילות אַרויסצעווייזן דעם לעצטן און שטאַרקסטן ווידערשטאַנד.

אַפילו דאַן ווען דער גרעסטער טייל פון לאַנד איז שוין געווען אין די הענט פון שונא, האָט דער אידישער קריגספירער ניט אויפ־געגעבן די האָפענונג. ער האָט מוטיק און העלדיש געקעמפט. ער האָט אַלע מאָל געפונען אַנדערע מיטלן די שטאָט צו באַשיצן און צו שטאַרקן די הענט פון זיינע חיילות; וועגן אונטערגעבן זיך דעם שונא האָט ער ניט געטראַכט אַפילו דאַן ווען עס איז שוין אין שטאָט ניט געווען קיין ברויט צו עסן און קיין וואַסער, מיט וואָס דעם דורשט צו שטילן. און אַ גאַנץ יאָר צייט האָט יוליוס סעווערוס געמוזט אָנהאַלטן די באַלאַגע־רונג, איידער ער האָט די שטאָט גענומען.

שרייבנדיק וועגן די געשעענישן פון יענער צייט זאָגט גרעטץ אַז ביי די טויערן פון דער שטאָט ביתר האָבן זיך דעמאָלט איינער אַקעגן אַנדערן פאַרמאָסטן די צוויי גרעסטע קריגספירער, וואָס האָבן דאַן געלעבט — יוליוס סעווערוס און שמעון בר־כוכבא. עס איז די מיינונג פון דעם אידישן היסטאָריקער אַז בר־כוכבא איז געווען ניט קיין קלענערער קריגספירער פון יוליוס סעווערוס. אָבער צו דעם, דענקען מיר, דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אויב זיי זענען ביידע געווען גלייך אין גרויסקייט ווי קריגספירער, איז צווישן זיי דאָך געווען אַ גרויסער אונטערשייד; וואָרעם אין דער צייט ווען דער רוימער יוליוס סעווערוס איז אויסן געווען צו ווערן נאָך מער באַרימט ווי אַ גענעראַל דורך דעם וואָס ער וועט בייקומען אַן אַנדער פאָלק, איז דער איד שמעון בר־כוכבא ניט אויסן געווען קיין באַרימטקייט פאַר זיך; ער איז אויך ניט אויסן געווען בייצו־קומען אַן אַנדער פאָלק, נאָר — באַפרייען זיין אייגן פאָלק און זיין אייגן לאַנד.

***

אין ביתר איז בר־כוכבא געווען נאָך שטרענגער ווי אַלע מאָל. און דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ער האָט גלייך דערזען, אַז אין

שטאָט געפינען זיך אַ סך אַזעלכע, וואָס שטייען אין פאַרבינדונג מיטן שונא און געבן אים שטילערהייט איבער אַלץ וואָס עס קומט פאָר. ער האָט דעריבער שטענדיק געדאַרפט זיין אויף דער וואַך און האַלטן אויפן אויג ניט נאָר אַזעלכע וואָס מען האָט געקענט חושד זיין, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געגעבן קיין גרונט, אַז מען זאָל זיי חושד זיין.

ווי נאָר עס האָט זיך אין שטאָט אָנגעהויבן אַ מאַנגל אין עסנ־וואַרג האָט בר־כוכבא געפונען אַ וועג ווי אַזוי אַריינצופירן שפייז דורך באַהעלטענישן פון וועלכער דער שונא האָט ניט געוואוסט. געטאָן האָט מען דאָס געווייגלעך ביינאַכט, און אַדאַנק דעם איז אין שטאָט ניט געווען קיין הונגער. אָבער די פאַררעטער האָבן שטיל־ערהייט אָפּגעטראָגן צום שונא דעם סוד און אָנגעוויזן אויף די באַ־העלטענישן דורך וועלכע מען פירט אַריין שפייז, און דאַן האָבן די רוימער שוין אַכטונג געגעבן אַז מער זאָל מען דאָס ניט קענען טאָן; זיי האָבן די אַלע באַהעלטענישן אונטער דער ערד פאַרשטאָפּט, און דאַן האָט זיך אין ביתר אָנגעהויבן אַ גרויסער הונגער.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט וואַסער. די רוימער האָבן דעם שטראָם פון טייך פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער זייט, אַז די וואַ־סער זאָל אין שטאָט ניט אַריינקומען. דאָס איינציקע וואָס מען האָט געקענט טאָן איז געווען — זיך אַרויסשאַרן ביינאַכט דורכן טויער און אַריינפירן וואַסער פאַר די דורשטיקע. אָבער אויך אין דעם האָבן די פאַררעטער געשטערט, ווייל זיי האָבן איבערגעגעבן דעם שונא וואו און ווען מען טוט דאָס, און דאַן האָבן די רוימער שוין אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל קיין וואַסער מער ניט קענען אַריינפירן.

אויף יעדן שריט און טריט האָבן די פאַררעטער געשטערט און געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, אַז בר־כוכבא זאָל דעם קאַמף פאַרלירן, און עס האָט ניט געהאָלפן זיין שטרענגקייט; אויפן אָרט פון די וואָס ער האָט אין תפיסה פאַרשפאַרט אָדער מיטן טויט באַשטראָפט, זענען געקומען אַנדערע.

עס איז ניט אינגאַנצן קלאָר ווער עס זענען געווען די פאַררע־טער אין יענער שווערער צייט, ווען די רוימער האָבן די שטאָט ביתר באַלאַגערט. פון דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין דער גמרא קען מען דרינגען, אַז דאָס זענען געווען די „שומרונים" אָדער די „כותים", ווי זיי ווערן דאָרט אָנגערופן. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז צווישן זיי זענען אויך געווען

אייניקע פון יענע אידן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די תלמידים פון ישו הנוצרי. אַזאַ השערה דריקט אוים ד ר. י ו ס ף ק ל ו י ז־נ ע ר.*) און דאָס לייגט זיך אויפן שכל, ווייל די קריסטלעכע סעקטע איז דאָך פון אָנהויב געווען קעגן דעם קאַמף פאַר פרייהייט וואָס בר־כוכבא האָט געפירט קעגן די רוימער, און עס איז דעריבער מעג־לעך, אַז אויב זיי זענען אין אָנפאַנג בלויז געשטאַנען פון דער ווייטנס, זענען זיי שפּעטער, אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג, גע־גאַנגען ווייטער אין דעם און זיי האָבן אין ביתר געהאַט זייערע מענ־טשן, וועלכע האָבן זיך לפנים געהאַלטן ווי פרומע אידן און ווי איבערגעגעבענע צו זייער פאָלק, אָבער שטילערהייט האָבן זיי געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, אַז אין דער לעצטער מלחמה קעגן די רוימער זאָלן די אידן פאַרלירן.

עס איז מער ווי זיכער, אַז אין דעם יאָר וואָס די באַלאַגערונג האָט געדויערט, זענען ביי די טויערן פון ביתר פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן אויך, און די צאָל פון די רוימער, וואָס זענען אין יענע שלאַכטן געפאַלן, איז געווען זייער גרויס. דאָס איז קלאָר פון דעם וואָס אויף איין אָרט ווערט דערמאָנט אַז אַדריאַנוס האָט איין מאָל שוין געהאַט באַשלאָסן זיך צוריקצוציען און אויפגעבן די באַלאַגע־רונג; ער האָט שוין געהאַט פאַרלאָרן די האָפענונג בייצוקומען בר־כוכבאן, אָבער פונקט דאַן איז אַ פאַררעטער אים געקומען צו הילף און האָט אים דערציילט וואָס פאַר אַ הונגער עס הערשט אין שטאָט און אים פאַרזיכערט, אַז עס וועט שוין לאַנג ניט געדויערן און מען וועט זיך מוזן אונטערגעבן.

בר־כוכבא איז ניט געווען פון יענע קריגספירער וואָס זעצן זיך אוועק מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז דער שונא וועט אָנ־קומען. ער האָט אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג ניט דורכגעלאָזן קיין איין געלעגנהייט אָנצעפאַלן אויף די רוימער און אָפּשוואַכן זייערע כוחות. אַפילו דאַן ווען דער הונגער אין שטאָט איז שוין געווען שרעקלעך גרוים און עס האָט אויסגעפעלט ברויט צו עסן און אויך וואַסער דעם דורשט צו שטילן, האָט ער אַלעמען אונטערגעגעבן מוט ווייטער צו קעמפן און מיט נאָך מער פייער זיך צו שלאָגן און ער האָט געגלויבט, אַז וואָס לענגער די באַלאַגערונג וועט זיך ציען, אַלץ זיכערער וועט זיין דער נצחון אויף דער זייט פון די אידן, און

*) זע זיין ווערק „כשאומה נלחמת על חירותה", ז. 148.

די רוימער וועלן זיך מוזן צוריקציען און אויפגעבן דעם קאמף, אדער זיי וועלן זיין געצוואונגען צו פארהאנדלען וועגן שלום און איינגיין אויף פשרות.

ער האט געפרואווט ראטעווען אלץ וואס עס וועט נאר זיין מעגלעך. עס איז אים גאר קיין מאל ניט איינגעפאלן אזא זאך ווי זיך אונטערגעבן אינגאנצן, און ווייל ער האט געוואוסט, אז דער גרעסטער אומגליק פארן פאלק זענען איצט די פאררעטער, האט ער אן רחמנות באשטראפט יעדן איינעם אויף וועמען עס איז נאר געפאלן א חשד. און ווי עס טרעפט אמאל אין אזא פאל, איז ביי אים ביסלעכווייז די מורא פאר פאררעטער געווארן אזוי גרויס, אז ער האט אנגעהויבן אומברענגען ניט נאר אזעלכע וואס זענען ווירקלעך געווען שולדיק, נאר אויך אזעלכע, וואס זענען אין קיין זאך ניט געווען שולדיק. און דאס איז געווען דער אנהויב פון סוף.

עס איז ביי אים רעכט געווען צו גלויבן אפילו אויף די נאענטסטע מענטשן, אז זיי שטייען שטילערהייט אין פארבינדונג מיטן שונא און אז זיי האבן פארטראכט צו עפענען די טויערן פון דער שטאט פאר די חיילות פון יוליוס סעווערוס, און אפילו אויף זיין אייגענעם פעטער ר' אליעזר המודעי, וועלכער האט געהאט א נאמען פון א גרויסן געלערנטן און וואס איז געווען געטריי און איבערגעגעבן דעם אידישן פאלק, האט ער אנגעהויבן צו קוקן מיט חשד.

ער אליין איז אוודאי ניט געווען שולדיק אין דעם. די גרעסטע שולד איז געפאלן אויף די קעפ פון יענע לייט, די פאררעטער פון אלע מינים, וועלכע האבן אים געבראכט צו אזא צושטאנד, אז ער זאל שטענדיק זיין אין דער מורא און קוקן אויף אלעמען מיט חשד; ווען זיי וואלטן ניט געווען אזוי פארטאן אין דעם אז די אידן זאלן פארלירן, וואלט דער אויסגאנג פון דער מלחמה אוודאי געווען אן אנדערער; זיי, די באהאלטענע שונאים, האבן דעם אידישן פאלק געבראכט מער שאדן ווי די רוימער, וועלכע זענען געווען אפענע שונאים; מיט זייערע פאררעטערישע מעשים האבן זיי געשאפן אזא לאגע, אז דער העלדישער אידישער קריגספירער, וואס האט מיטן גאנצן הארצן געוואלט באפרייען זיין פאלק און אויפבויען דעם חורבן פון זיין לאנד, זאל פארלירן דעם צוטרויען אפילו צו די מענטשן וואס שטיין אינאיינעם מיט אים אין קאמף. און דאס האבן זיי געוואלט ווייל זיי האבן געוואוסט, אז דאס וועט ברענגען דעם סוף און די אידן וועלן דעם קאמף פארלירן.

עס ווערט דערציילט אין דער גמרא, אַז אַלע טאָג, איידער די אידן זענען אַרויס פון טויער אַנצעפאַלן אויפן שונא, פלעגט ר. א ל י ע ז ר ה מ ו ד ע י זיך איינהילן אין אַ זאַק און בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל היינט ניט משפטן („אל תשב בדין היום"). דאָס האָט געמיינט, אַז אויב אַפילו די אידן זענען זינדיק, זאָל זיך גאָט היינט ניט רעכע־נען מיט זיי דערפאַר, ער זאָל פאַר די זינד ניט באַשטראָפן און זיי זאָלן דעם שונא בייקומען. אַזוי איז געווען איינגעפירט יעדן טאָג, און דאָס האָט די קריגסלייט פון די אידישע מחנות אונטער־געגעבן מוט און זיי האָבן אויפן שלאַכטפעלד אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט און אויסגעהרגעט אַ סך פון די רוימישע חיילות. איין מאָל, ווען דער קיסר אַדריאַנוס האָט שוין מער ניט געהאַט קיין האָפענונג צו נעמען די שטאָט און ער איז שוין געווען גרייט צוריק־צוציען פון דאָרט זיינע חיילות, איז צו אים געקומען אַ „כותי", אַ ש ו מ ר ו נ י, היים עס, און האָט צו אים געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָס מען קען איצט טאָן, איז — אַרויסרופן ביי בר־כוכבאן אַ חשד, אַז ר' אליעזר המודעי איז אויך אַ פאַררעטער. „כל זמן די דאָזיקע הון וועט קוואָקען, וועסטו די שטאָט ניט קענען נעמען". אַזוי האָט דער פאַררעטער געזאָגט, רעדנדיק וועגן ר' אליעזר המודעי. און ווען מען שיילט אַרויס דאָס ווירקלעכע, וואָס לייגט זיך איצט אויפן שכל, פון דעם לעגענדאַרישן וואָס איז געווען אַ באַפּוצונג אינעם שרייבן פון יענער אַלטער צייט, איז קלאָר, אַז דער געלערנטער ר' אליעזער המודעי, דער פעטער פון שמעון בר־כוכבא, האָט גע־שפילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער מלחמה צווישן די אידן און די רוימער ביי די טויערן פון דער שטאָט ביתר. דער קריגספירער האָט באַשיצט די שטאָט מיט דער שווערד, און דער געלערנטער האָט אים אין דעם געהאָלפן דערמיט, וואָס ער האָט גייסטיק גע־שטאַרקט די הענט פון די באַוואָפנטע לייט און זיי אונטערגעגעבן מוט זיך צו שלאָגן מיטן שונא.

ווייטער ווערט דערציילט אין דער גמרא, אַז דער „כותי", דער פאַררעטער, האָט זיך דורך אַ באַהעלטעניש שטילערהייט אַריינגע־גנבעט אין שטאָט, און פונקט דאַן, ווען ר' אליעזר המודעי איז געווען פאַרטיפט אין זיינע תפילות צו גאָט, אַז ער זאָל העלפן די אידן אין דער מלחמה קעגן די רוימער, איז דער „כותי" צוגעגאַנגען און האָט אים שטילערהייט עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער, און איז גלייך אַוועק.

ווען די אידן, וואָס זענען געשטאַנען דערביי האָבן דאָס דער־זען, און ס'איז דאָך גאָר קיין צווייפל ניט, אַז דער שפּיאָן האָט דאָס אומיסטן געטאָן אַזוי אַז מ'זאָל דאָס דערזען, האָט מען גלייך געלאָזט וויסן בר־כוכבאן, און ווי געוויינלעך, האָט מען שוין צוגעלייגט אייגנס אויך, און ס'איז אויסגעקומען, אַז ר' אליעזר המודעי האָט שטילערהייט גערעדט מיט איינעם פון די „כותים" וועגן איבער־ענטפערן די שטאָט ביתר אין די הענט פונעם שונא.

דער שפּיאָן, וואָס איז אַוודאי געווען איינער פון די געוואַגטסטע אינעם געזינדל פון די פאַררעטער פון כל המינים, האָט אַוודאי גע־מיינט, אַז באַלד נאָך דעם ווי ער וועט אָפּטאָן זיינס צו וואַרפן אַ חשד אויף ר' אליעזר המודעי, וועט ער אַנטלויפן, אָבער די אויסשפּירער האָבן אים געכאַפּט און אים געבראַכט צו בר־כוכבאן, און ווען מ'האָט אים גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער און געפאָדערט אַז ער זאָל דערציילן וועגן וואָס ער האָט זיך געשושקעט מיט ר' אליעזר המודעי און וואָס יענער האָט אים געזאָגט, האָט ער, ווי אַ געניטער און דורכגעטריבענער שפּיאָן, מיט אַן אָנשטעל געענטפערט בר־כוכבאן, אַז ער קען אים דעם אמת ניט דערציילן. „ס'איז וויי צו מיר, — האָט ער געזאָגט, — אויב איך וועל יאָ דערציילן, און ס'איז אויך וויי צו מיר אויב איך וועל ניט דערציילן. וואָרעם אויב איך וועל יאָ דערציילן, וועלן די רוימער מיך דערהרגענען, און אויב איך וועל ניט דערציילן, וועסטו מיך דערהרגענען, איז שוין בעסער איך זאָל שווייגן און ניט אַרויסגעבן דעם סוד פון דעם קיסר".

פון די דאָזיקע רייד איז קלאָר, אַז מ'האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט אַ געמיינעם פאַררעטער, וואָס האָט געוואוסט וואָס צו זאָגן כדי נאָך מער צו צעטומלען די וואָס זענען שוין אַזוי אויך געווען גענוג צעטומלט. דער עיקר פון זיין כוונה איז געווען אַרויסצורופן ביי בר־כוכבאן אַ חשד אויף די, וואָס ס'איז קיינעם גאָר ניט איינגע־פאַלן חושד צו זיין.

יוליוס סעווערוס האָט געוואוסט וועמען אויסצוקלייבן פאַר אַזאַ שליחות.

די מורא אַז ער איז אין די אייגענע רייען אַרומגערינגלט מיט פאַררעטער, איז שוין דאַן ביי בר־כוכבאן געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך שוין פּשוט ניט געקענט פונאַנדערקלייבן אין דעם ווער ס'איז ווירקלעך שולדיק און ווער ניט; ס'איז שוין דאַן ביי אים געווען רעכט צו גלויבן, אַז אַפילו אַזאַ מענטש ווי ר' אליעזר המודעי, זיין

אייגענער פעטער, איז פּעאיק צו פאַרראַטן דאָס פאָלק צום שונא, און ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל אים שווין ברענגען אַהער.

דער אַלטער פרומער געלערנטער איז דאָך אין קיין זאַך ניט געווען שולדיק; דער אמת איז געווען, אַז ווען דער „כותי״ האָט אים שטילערהייט אַריינגעשושקעט אין אויער און איז גלייך אַנטלאָפן, האָט ער קיין זאַך ניט געהערט, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין זיינע תפילות און זייער פאַרדבקהט דערביי, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל. אויף די פראַגן, וואָס בר־כוכבא האָט אים געשטעלט, האָט ער געענטפערט אַז ער ווייסט פון גאָרניט, און ער האָט דערציילט דעם אמת, אַז ער האָט גאָרניט געהערט וואָס דער „כותי״ האָט אים אין אויער געשושקעט.

אָבער בר־כוכבאָ האָט אים ניט געגלויבט. ער האָט דעם אַלטן תנא ר׳ אליעזר המודעי געגעבן אַזאַ שטאַרקן שטויס מיטן פוס, אַז ער האָט אים דערהרגעט אויפן אָרט. און די לעגענדע דערציילט, אַז נאָך דעם איז אַרויס אַ בת־קול, וואָס האָט צו בר־כוכבאן געזאָגט: „דו האָסט דערהרגעט ר׳ אליעזר המודעי, דעם אָרעם פונעם אידישן פאָלק און דאָס רעכטע אויג זייערס, און דערפאַר וועט פאַרטריקנט ווערן דער אָרעם פון דעם מענטשן, וואָס האָט אים דערהרגעט, און דאָס רעכטע אויג זיינס וועט אויסגעלאָשן ווערן!״

מיר האָבן דאָ, ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, אָפּגעטיילט דאָס לעגענדאַרישע פון דעםווירקלעכן, און אַרויסגעשיילט דאָס וואָס קען, לויט אונדזער מיינונג, האָבן אַ היסטאָרישן ווערט; קיין אַנדער וועג איז נישטאָ ווען מ׳שטודירט די אַלטע אידישע געשיכטע פון יענער צייט, און ווען מ׳קלייבט זיך פונאַנדער אין דעם, קומט אַרויס קלאָר, אַז די פאַררעטער פון כל המינים, די „כותים״ (שומרונים) און אוודאי אויך די פאַרקריסטלטע אידן, וואָס זענען געווען באַקאַנט ווי די „תלמידים פון ישו הנוצרי״, האָבן זיך פאַרן חורבן פון ביתר געשטעלט די אויפגאַבע אויפצערייסן פון אינעווייניק דעם גרויסן אידישן קאַמף פאַר פרייהייט, און זיי האָבן דאָס אויסגעפירט. ווען ניט זיי וואָלט דער אויסגאַנג פון יענער מלחמה אפשר געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער.

און דאָ וועט אפשר זיין ניט איבעריק צו דערמאָנען, אַז ד״ר. יוסף קלויזנער, אין זיין ווערק „כשאומה נלחמת על חירותה״, איז געניגט אָנצונעמען די השערה, אַז אויך דער „כותי״,

וואָס ווערט דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיטן טויט פון ר׳ אליעזר, איז אויך געווען איינער פון די פאַרקריסטלטע אידן. ער דרינגט דאָס פון דעם וואָס אין איכה רבתי, וואו עס ווערט דער־ציילט די זעלבע געשיכטע, שטייט אָנשטאָט „כותי" גאָר „שמ־דיה", און דאָס איז נאָענט צו דעם סירישן וואָרט „שועמדאָ", וואָס ס׳מיינט אַ געטובלטער און אויך צו דעם וואָרט „משומד".
קלויזנער דערמאָנט דאָ אויך דעם וויכטיקן פאַקט וואָס ר׳ אליעזר המודעי איז געווען אַ גרויסער קעגנער פון דער אידישער קריסט־לעכער סעקטע, וואָס האָט געגלויבט אַז ישו הנוצרי איז געווען דער אמתער משיח. און ווי אַ ראיה דערויף ברענגט ער וואָס ס׳שטייט געשריבן אין פּרקי אָבות (ג, יא). „ר׳ אליעזר המודעי זאָגט, — שטייט דאָרטן, — ווער ס׳פאַרשוועכט די הייליקייטן און ווער ס׳איז מבזה די ימים טובים און ווער ס׳פאַרשעמט זיין חבר פאַר אַ סך מענטשן אין די אויגן און ווער ס׳פאַרשטערט דעם בונד פון אברהם אבינו און ווער ס׳טייטשט אַריין אין דער תורה זאַכן וואָס זענען ניט ריכטיק, האָט ניט קיין חלק אויף יענער וועלט, אויב אַפילו ער קען לערנען תורה און ער פאַרמאָגט מעשים טובים". דאָס איז געווען געזאָגט קעגן פּאולן (שאול פון תרשיש) און אויך קעגן יענע פאַרקריסטלטע אידן, וועלכע האָבן פאַלש אויסגעטייטשט פּסוקים פון דער תורה צו באַווייזן, אַז יעזוס איז געווען דער משיח.*)

אַ קורצע צייט נאָכן טויט פון ר׳ אליעזר המודעי איז די שטאָט ביתר געפאַלן. און געשען איז דאָס אין דעם זעלבן טאָג וואָס ירו־שלים איז חרוב געוואָרן און דאָס בית המקדש איז פאַרברענט גע־וואָרן — ניין טעג אין עם חודש אָב, און אינעם יאָר 135, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

---

*) ד״ר יוסף קלויזנער, כשאומה נלחמת על חרותה, ז. 148.

# קאַפּיטל צען

## רוים האָט געקענט באַזיגן בר־כוכבאן, אָבער ניט רבי עקיבאן

אַרום און אַרום האָט די מלחמה געדויערט דריי און אַ האַלב יאָר. ביי ביתר אַליין האָט זיך די באַלאַגערונג געצויגן אַ גאַנץ יאָר, און אָן דער הילף פון פאַררעטער און שפּיאָנען, וועלכע האָבן אָנגעוויזן די וועגן אונטער דער ערד, האָט מען אַהין ניט געקענט אַריינקומען. און ווען יוליוס סעווערוס און זיינע חיילות האָבן זיך אין שטאָט אַריינגעריסן, האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ שלאַכט, וואָס מ׳האָט פריער נאָך קיין מאָל ניט געזען; פוןביידע זייטן זענען געפאַלן טויזנטער און טויזנטער מענטשן, און אין יענער שלאַכט איז בר־כוכבא אויך געפאַלן, און נאָך דעם האָבן די רוימער געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה אין שטאָט; זיי האָבן אָן רחמנות געשאָכטן אַלטע און יונגע. אויך אויף פרויען און קליינע קינדער האָבן זיי זיך ניט דערבאַרעמט.

אין די אידישע קוואַלן זענען פאַראַן אַ סך לעגענדעס וועגן דער גרויסער שחיטה אין ביתר און וועגן דעם בלוט וואָס איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן, אָבער ס׳איז ניט נויטיק דאָ די אַלע לעגענדעס איבערצוגעבן. ס׳איז זיכער אַז די צאָל פון די קרבנות וואָס זענען דאַן געפאַלן, איז געווען זייער גרויס, ווייל פונקט ווי ירושלים פאַרן חורבן, אַזוי איז די שטאָט ביתר אין דער צייט פונעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד געווען פול מיט אידן, וועלכע זענען זיך אַהין צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן לאַנד. די גאַנצע אַרמיי וואָס בר־כוכבא האָט געראַטעוועט פון די פריערדיקע שלאַכטן, איז דאָרט געווען. און לויט דעם רוימישן היסטאָריקער קאַסיוס דיאָ האָבן די אידן אַרום און אַרום אין די דריי און אַ האַלב יאָר פון דער מלחמה, פאַרלאָרן פינף הונדערט און אַכציק טויזנט מאַן אויף די שלאַכטפעלדער, און צו דעם זענען נאָך פון הונגער, פון

מגפות און שרפות אומגעקומען אזוי פיל, אז ס'איז גאר אוממעגלעך צו וויסן די צאל געגוי.*)

אפילו נאך דעם ווי די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט, האבן די רוימער ניט אפגעשטעלט זייער נקמה און זיי האבן אויף די גאסן געכאפט מענטשן און זיי פארפייניקט צום טויט, און די וואס זיי האבן געלאזט לעבן, האבן זיי גענומען אין געפאנגענשאפט און זיי פארקויפט פאר קנעכט. אין די טויזנטער און טויזנטער האבן זיי די געפאנגענע צעפירט איבער די מארקן פון אלע ארומיקע לענדער, און אין דער שטאט חברון האט מען אויפן מארק יעדן געפאנגענעם אידן אויסגעביטן אויף א פערד.

אויך די שיפן וואס זענען געגאנגען אויפן ים, האט מען אנגעפאקט מיט אידן, וואס מ'האט גענומען אין געפאנגענשאפט, און אויפן וועג זענען מאסן פון זיי אויסגעשטארבן און מ'האט זיי אין וואסער אריינגעווארפן, און טויזנטער און טויזנטער אידישע פרויען זענען געבליבן עגונות און האבן ניט געוואוסט וואו זייערע מענער זענען אהינגעקומען, ווייל מ'האט ניט געקענט אויסגעפינען צי זיי זענען געפאלן אין שלאכט, אדער מ'האט זיי אין געפאנגענשאפט אוועקגעפירט און זיי פאר קנעכט פארקויפט, און אן א שיעור אידישע קינדער זענען געבליבן יתומים און ס'איז ניט געווען ווער ס'זאל זיי געבן א שטיקל ברויט.

אבער אויך די צאל פון די רוימער וואס זענען געפאלן אין דער מלחמה, איז געווען זייער גרויס. דאס גיט צו דער רוימישער היסטאריקער קאסיוס דיא, און דערביי דערציילט ער, אז ווען דער קיסר אדריאנוס האט צום סענאט צוגעשיקט די שריפטלעכע מעלדונג וועגן דעם, אז די מלחמה איז שוין געענדיקט, האט ער אויסגעלאזט דעם געוויינלעכן נוסח וואס הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „אויב איר און אייערע קינדער זענען געזונט, איז גוט. איך און די לעגיאנען זענען אויך געזונט“. ער האט זיך געשעמט אזוי צו שרייבן, ווייל די לעגיאנען זענען פון דער לאנגער מלחמה קעגן בר־כוכבאן ארויס שטארק צעקלאפט, און ער האט דעריבער בעסער אויסגעלאזט דעם אנגענומענעם נוסח, מיט וועלכן די רוימישע צעזארס פלעגן זיך באנוצן אין זייערע שריפטלעכע מעלדונגען צום סענאט.

*) קאסיוס דיא, רוימישע געשיכטע, בוך 69, 1, 2, 3.

און ערשט נאָך דעם ווי די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט, האָט זיך אַדריאַנוס געוויזן אין זיין גאַנצער רשעות און פאַרדאַרבנ־קייט, און ס'איז גאָרניט געווען קיין שיעור און קיין ערך צו די ווילדע רציחות וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לויט זיין באַפעל. דעם קריגספירער יוליוס סעווערוס, וועלכער האָט געקענט זיין גרויזאַם בלויז אין דער צייט פון אַ מלחמה, האָט ער אַוועקגעשיקט צוריק קיין בריטאַניען, וואו ער איז אויך פריער געווען דער רוימישער לעגאַט, דער שני למלך, און די פולע מאַכט איבער יהודה האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם טיראַן טינעאוס רו־פוס, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט אַלע מנהגים פונעם אידישן לעבן, און מיט אַלע דינים פון דער תורה, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך איינער פון די גרעסטע שונאי־ישראל, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען געהאָט.

און טינעאוס רופוס האָט, אויפן באַפעל פונעם קיסר אַדריאַנוס, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַוועק וויט פון יהודה, זיך אָנגעהויבן נוקם זיין ניט נאָר אין די, וואָס זענען געבליבן לעבן, נאָר אויך אין די וואָס זענען שוין געווען טויט.

ער האָט געהייסן אויסרופן אומעטום אַז די וואָס האָבן זיך באַ־האַלטן, זאָלן ברענגען זייער געווער קיין עמק יזרעאל און מ'וועט זיי שענקען דאָס לעבן און זיי אָפּלאָזן פריי, און ווען די אידן וואָס זענען געלעגן אין די גריבער און אין די היילן, האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט, זענען זיי אַלע אַוועק מיט זייער געווער קיין עמק יזרעאל, ווייל אין די באַהעלטענישן זענען אַ סך פון זיי אויסגע־שטאָרבן פון הונגער און זייער לאַגע איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז די לעבעדיקע האָבן געגעסן די טויטע. אָבער ווען זיי זענען קיין עמק יזרעאל אָנגעקומען און האָבן דאָרט זייער געווער אַוועקגעלייגט, האָט מען זיי באַלד פון אַלע זייטן אַרומגעריגלט און זיי אַלעמען אומ־געהרגעט. און דער עלטסטער פון די רוימישע חיילות, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל די אַלע אידן אויסצוהרגענען, האָט זיך נאָך געוועלטלט דערביי; האַלטנדיק אַ קיכל און אַ זייטל פון אַן עוף, האָט ער צו די אידן מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז נאָך איידער ער וועט דאָס אויפעסן, וועט ער זיי זוכן, אָבער ער וועט שוין אַפילו קיין איינעם פון זיי מער ניט געפינען.

עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל ניט באַ־גראָבן די אַלע הרוגים וואָס האָבן זיך אומעטום געוואַלגערט אויף

אַלע גאַסן און אויף אַלע וועגן און שטעגן. פאַר באַגראָבן אַ אידישן מת האָט מען באַשטראָפט מיטן טויט. אָבער ס׳האָבן זיך דאָך גע־פונען געטרויע אידן, וואָס האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיי האָבן ביינאַכט באַגראָבן די מתים, ווייל זיי האָבן שוין מער ניט געקענט צוזען ווי זיי וואַלגערן זיך אין די גאַסן און ווי די פייגל עסן זייער פלייש. און ס׳איז די מיינונג פון דעם היסטאָריקער גרעטץ, אַז אין יענער צייט איז דאָס געשאַפן געוואָרן דאָס ספרל „טוביה״, וואָס איז אַריין אין „כתובים אחרונים״, און וואו ס׳ווערט דערציילט אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ טוביה, וואָס האָט געשטאַמט פונעם שבט נפתלי, און וועלכער האָט ביינאַכט באַגראָבן מתים, כאָטש עס איז געווען אַ באַפעל פון דעם קיסר, אַז פאַר אַזאַ זאַך זאָל מען באַ־שטראָפט ווערן מיטן טויט. ער האָט דאָס געטאָן, שטייט דאָרטן (טוביה ב׳ ט.) געשריבן, „וואָרעם פאַרן וואָרט פון גאָט האָט ער מורא געהאַט מער ווי פאַרן וואָרט פונעם קיסר״.*)

⁂

אַדריאַנוס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם וואָס ער האָט באַ־זיגט די אידן אויפן שלאַכטפעלד און אונטערדריקט דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד — צו דעם האָט ער נאָך געוואָלט אויסראָטן אידישקייט אויך. ער האָט געוואָלט, אַז ניט נאָר פונעם אידישן פאָלק, נאָר אויך פון דעם אידישן גייסט זאָל קיין געדעכעניש ניט איבערבלייבן, און ער האָט דעריבער אַרויסגעגעבן די שמד־גזירות, וואָס זענען מיט בלוט אַריינגעשריבן געוואָרן אין אונדזער אידישער גע־שיכטע.

אַדריאַנוס איז אין זיין באַציאונג צו אידן געגאַנגען אויף די זעלבע וועגן וואָס דער גריכיש־סירישער קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס איז געגאַנגען. בלויז איין קליינער אונטערשייד

*) אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם דריקט אויס דער געלערנטער דוב העלער. אין זיין אַריינפיר צום ספר „טוביה״ (הספרים החיצונים, כרך שני, ספר שני), וואָס איז אַרויס אין תל אביב, אונטער דער רעדאַקציע פון אַברהם כהנא, נעמט ער אָן די השערה, אַז דאָס ספר „טוביה״ איז געשריבן געוואָרן נאָך אין די צייטן ווען דאָס צווייטע בית המקדש איז געשטאַנען, און ניט אַזוי ווי גרעטץ און אַנדערע פאָרשער דענקען, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן אין די צייטן פון אַדריאַנוס קיסר. לויט זיין מיינונג איז דאָס ספר „טוביה״ ניט קיין געשיכטע, נאָר דאָס ווערק פון אַ קינסטלער, וואָס איז אָוודאי אָנגעשריבן געוואָרן אינעם פּערזן, אָדער אינעם דריטן יאָרהונ־דערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

איז געווען צווישן זיי: אַנטיוכוס האָט מיט געוואָלט געפּרואווט אַרויפצווינגען אויף זיי גענצנדיגעריי; אַדריאַנוס ווידער, האָט אָפּן קיין גענצנדינעריי ניט געפּרואווט אַרויפצווינגען אויף זיי, אָבער ער האָט זיי געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון אידישקייט.

לויט די גזירות וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן נאָך דעם ווי ער האָט דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד אונטערדריקט, האָבן אידן ניט געטאָרט אָפּהיטן שבת, ניט געטאָרט מל זיין זייערע קינדער, ניט געטאָרט לערנען די תורה, ניט געטאָרט עסן קיין מצות אום פּסח און נאָך און זאַכן, וואָס זענען געווען דער פונדאַמענט פון די דינים אין דער תורה. און פאַר ניט פאָלגן די גזירות איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט.

מער ווי אַלץ איז אַדריאַנוס געווען שטרענג אין דער גזירה, וואָס האָט פאַרבאָטן צו לערנען תורה. און ווען מען האָט געכאַפּט איינעם, וואָס האָט אַליין געלערנט, אָדער מיט אַנדערע געלערנט, האָט מען אים דערפאַר פאַרמשפּט צום טויט.

די שטרענקייט אין דעם האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אַדריאַנוס האָט געוואָלט אַז די אידן זאָלן ביסלעכווייז אינגאַנצן פאַרגעסן די תורה, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז כל־זמן זיי וועלן זיך האַלטן ביי דעם, כל־זמן זיי וועלן די תורה געדענקען, וועט דער גייסט פון אידישקייט נישט אונטערגיין, אויב אַפילו זיי אַליין וועלן שוין מער די דינים און מצוות ניט אָפּהיטן, און פאַר דעם אידישן גייסט האָט אַדריאַנוס שטאַרק מורא געהאַט, ווייל דאָס האָט געפּרעדיקט פּונקט דעם היפּוך פון דעם, אויף וואָס די רוימישע אימפּעריע האָט זיך געהאַלטן.

מיט די גזירות וואָס זענען געקומען נאָכן חורבן פון ביתר, איז אַדריאַנוס, קען מען זאָגן, אויסן געווען צו באַזיגן רבי עקיבאן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט באַזיגט בר־כוכבאן. און דאָס איז אים אָנגעקומען אַ סך שווערער ווי אַ מלחמה מיט דער שווערד. עס איז אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע ניט געווען אַזאַ יוליוס סעווערוס, וואָס זאָל דאָס קענען באַווייזן.

עס ווערט, ליידער, אין ערגעץ ניט דערמאָנט וואָס רבי עקיבא האָט געטאָן און וואו ער איז געווען אין די דריי און אַ האַלב יאָר פון דער מלחמה; און איבער דעם האָבן אייניקע פאַרשער געמאַכט דעם טעות, וואָס איז שפּעטער איבערגעחזרט געוואָרן פון אַנדערע,

אַז רבי עקיבא איז אומגעקומען אין יאָר 132, דאָס הייסט, ביים אָנ־פאַנג פון דעם אויפשטאַנד. דאָס איז ניט ריכטיק. און ווען מען קלייבט זיך גוט פונאַנדער אין די אַלע מאַטעריאַלן וואָס זענען וועגן דעם צעוואָרפן אין די אַלטע אידישע קוואַלן, קומט אַרויס קלאָר, אַז רבי עקיבא איז אומגעקומען ניט אין די צייטן פון דעם אויפשטאַנד, נאָר אין די צייטן פון די שמד־גזירות וואָס זענען געקומען נאָכן אויפשטאַנד, און דאָס מיינט — נאָך שפּעטער ווי אין יאָר 135.

די פרומע אידישע געלערנטע, די גרויסע תנאים, האָבן אין קאַמף קעגן די שמד־גזירות וואָס אַדריאַנוס האָט אַרויסגעגעבן, זיך מוסר נפש געווען נאָך מער ווי די אידישע גיבורים אין קאַמף קעגן אַדריאַנוסעס חיילות; זיי זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם און האָבן מקריב געווען זייער לעבן און זענען געשטאָרבן ווי הייליקע מאַרטי־רער און האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, אַז דער ג ײ ס ט פון אידישקייט זאָל ניט אונטערגיין און זאָל בלייבן אייביק פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

גלייך נאָך דעם ווי די שמד־גזירות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן און די פרומע אידישע געלערנטע האָבן דערזען וואָס פאַר אַ גרויסע סכנה עס האָט זיך אָנגערוקט, זענען זיי זיך שטילערהייט צונויפ־געקומען אין ל ו ד זיך צו באַראַטן וועגן דעם, פאַר וועלכע דינים פון דער תורה מען זאָל דעם פאָלק יאָ הייסן גיין אויף קידוש־השם און פאַר וועלכע ניט. דאָס איז געווען זייער נויטיק, ווייל צווישן די מאַסן פון פאָלק האָט געהערשט אַ צעמישעניש און מענטשן האָבן זיך געלאָזט אויסהרגענען אפילו פאַר אַזעלכע דינים און מנהגים, וואָס זענען ניט אינגאַנצן דער פונדאַמענט פון אידישקייט.

צווישן די וואָס זענען צו יענער געהיימער באַראַטונג געקומען איז אויך געווען ר ב י ע ק י ב א. די אַנדערע זענען געווען: ר ב י ט ר פ ו ן, ר ב י י ו ס י ה ג ל י ל י און אויך ר ב י י ש מ ע א ל, אַ חבר פון רבי עקיבא. עס זענען אוודאי געווען נאָך גרויסע תנאים, אָבער זייערע נעמען ווערן ניט אָנגעגעבן. און ווען מען האָט אויפגענומען דעם ענין פאַר וועלכע דינים און מצוות מען זאָל דעם פאָלק יאָ הייסן גיין אויף קידוש־השם און פאַר וועלכע ניט, האָבן אייניקע אויסגעדריקט די מיינונג, אַז יעדער דין פון דער תורה איז וויכטיק, אַז אפילו אַ קליינע מצוה קען מען ניט גרינג שעצן, און אַז דעריבער מוז יעדער איד זיך בעסער לאָזן דערהרגענען אפילו ווען מען צווינגט אים עובר צו זיין אויף אַ קליינער מצוה. עס

זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט, אַז צו אַזאַ אויספיר טאָר מען ניט קומען, ווייל דערמיט קען מען נאָך אומ־ברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; זייער מיינונג איז געווען, אַז מען מוז זיך רעכענען מיט די אומשטענדן פון דער צייט. האָט מען דאָס גענומען צום אָפּשטימען און ס׳איז געבליבן, אַז כל־זמן די גזירות פון אַדריאַנוסן וועלן אָנהאַלטן, מעג אַ איד עובר זיין אויף אַלע מצוות פון דער תורה ווען זיין לעבן איז אין אַ סכנה. בלויז דריי זאַכן טאָר ער ניט טאָן אפילו דאַן, ווען ער איז אין אַ סכנה דערהרגעט צו ווערן דערפאַר — ניט דינען צו קיין אָפּגעטער, ניט האָבן קיין באַציאונגען פון מאַן און ווייב מיט אַן אייגענער שוועס־טער אָדער אַזוי מיט אַ גאָר נאָענטער קרובה פון דער משפחה, ווייל דאָס איז „גילוי עריות״, ווי עס ווערט אָנגערופן אין דער תורה, און — ניט פאַרגיסן קיין מענטשלעך בלוט.

פאַר אָט די דריי זאַכן דאַרף אַ איד זיך לאָזן דערהרגענען אפי־לו ווען מען צווינגט אים דאָס צו טאָן. אַזוי האָבן געפּסקנט די אידישע געלערנטע. און דאָס באַווייזט אויף וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה פון מאָראַל זיי זענען געשטאַנען. וואָרעם, וואָס האָט גע־קענט זיין נאָך העכער, ווי דער אידעאַל פון מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין איין גאָט, אין אַ צייט ווען אַלע פעלקער אַרום און אַרום האָבן געגלויבט אין אָפּגעטער פון האָלץ און פון שטיין און זיך געבוקט צו זיי? און וואָס האָט געקענט זיין נאָך שענער, ווי אָפּהיטן די ריינקייט פון דער פאַמיליע און — נ י ט פאַרגיסן קיין מענטשלעך בלוט! און אין דער זעלבער צייט באַווייזט דאָס אויך אויף וואָס פאַר אַ נידעריקער מדרגה עס זענען געשטאַנען יענע, וועלכע האָבן געוואָלט אויסראָטן דעם אידישן גייסט, און עס גיט אַן אָנצעהערעניש דערויף, וואָס פאַר אַ געמיינע, מיאוסע און שלעכטע זאַכן זיי האָבן דעמאָלט געצוואונגען די אידן צו טאָן.

די תנאים האָבן געהאָפט, אַז עס וועלן אַוודאי קומען בעסערע צייטן, אַז אידן וועלן איבערלעבן די גזירות פון אַדריאַנוסן, פּונקט ווי זיי האָבן איבערגעלעבט די גזירות פון אַנטיוכוסן און פון אַנדערע רשעים, וואָס זענען אויפגעשטאַנען צו פאַרטיליקן דאָס אידישע פאָלק. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס צוזעענדיק די שרעקלעכע צרות, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין גרויס פאַרצווייפלונג, און דאָס קען מען זען פון דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין דער גמרא בבא בתרא (דף ס. ע״ב), אַז רבי ישמעאל, אַ חבר פון רבי

עקיבא, האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט, אז עס וואָלט אפשר געווען גוט, אַז די תנאים אַליין זאָלן גוזר זיין, אַז די אידן זאָלן מער ניט חתונה האָבן, מער ניט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט, און אויף אַזאַ אופן אינגאַנצן אונטערגיין.

אויך ר ב י י ו ס י ב ן ק י ס מ א איז געווען צווישן די וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג, און דאָס האָט אים שפּעטער געבראַכט דערצו אַז ער זאָל קומען צום שלום, אַז מען דאַרף ניט זיין אַזוי איינגעעקשנט. און עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל, ווען ער איז געלעגן קראַנק, און רבי ח נ י נ א ב ן ת ר ד י ו ן איז געקומען אים מבקר חולה זיין, האָט ער אים געזאָגט מוסר פאַרוואָס ער שטעלט איין זיין לעבן און לערנט נאָך תורה און פאָלגט ניט אויס די באַפעלן פון קיסר. דערויף האָט רבי חנינא בן תרדיון אים געענטפערט אַז פונעם הימל וועט מען זיך דערבאַרעמען. און ווען ר׳ יוסי בן קיסמא האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן בייז און האָט געזאָגט: „איך רעד צו דיר רייד וואָס האָבן אַ זין, און דו זאָגסט מיר אַז פונעם הימל וועט מען זיך דערבאַרעמען; איך האָב זייער מורא, אַז מען וועט דיך פאַרברענען אין איינעם מיט דיין תורה״.

אָבער די צאָל פון אַזעלכע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין פאַר־צווייפלונג, און אויך פון די וואָס זענען געקומען צום שלום, אַז מען דאַרף ניט אַרויסווייזן אַזאַ עקשנות אין קאַמף פאַר אידישקייט, איז געווען זייער קליין. דער גרעסטער טייל פון די אידישע געלערנטע, די אמתע גייסטיקע פירער פונעם פאָלק האָבן געהאַלטן, אַז מ׳טאָר זיך ניט אונטערגעבן, און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז דער סוף פון אַדריאַנוסן איז שוין נאָענט און אַז דער גייסט פון אידישקייט וועט אים איבערלעבן, פונקט אַזוי ווי מ׳האָט איבערגע־לעבט אַנדערע גרויסע שונאי ישראל פון די פריערדיקע דורות. איינשטעלנדיק דאָס לעבן האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין היילן און אין גריבער און אויך אויף די בוידעמער, און דאָרטן האָבן זיי אַליין געלערנט און האָבן אויך מיט אַנדערע געלערנט, און אַלע מאָל אין אַזאַ פאַל איז איינער געשטאַנען אויף דער וואַך, און ווי ער האָט נאָר דערזען פון דערווייטענס אַז ס׳קומט אָן אַ באַוואָפנטער רוימער, האָט ער געגעבן אַ צייכן, אַז מ׳זאָל זיך באַהאַלטן.

לערנען תורה איז אין יענער צייט געווען אַ אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און מ׳האָט דערפאַר באַשטראָפט מיטן טויט.

דער פירער פון דער באַוועגונג איז געווען ר ב י ע ק י ב א. ער האָט מער ווי אַלע אַנדערע געגלויבט, אַז אויב ניט איצט, אין זיין דור, וועט מיט דורות שפּעטער קומען דער פולער נצחון פאַר דעם גייסט פון אידישקייט, וואָס שטעלט די ג ע ר ע כ ט י ק י י ט העכער פ ו ן א ל ץ א י ן ד ע ר ו ו ע ל ט. און ווייל ער האָט אין דעם אַזוי טיף געגלויבט, האָט ער מער ווי אַלע אַנדערע איינגעשטעלט זיין לעבן, און ער האָט ניט נאָר אַליין געלערנט, נאָר ער האָט אויך צונויפגענומען אַ סך מענטשן אין באַהעלטענישן און האָט מיט זיי אויך געלערנט, און געטאָן האָט ער דאָס ניט נאָר אין איין שטאָט, נאָר אין אַ סך שטעט, און אומעטום האָט ער אַ סך צוהערער געהאַט.

אַפילו נאָך דעם ווי צוויי פון זיינע נאָענטע חברים, ר ב י י ש מ ע א ל און ר ב י ש מ ע ו ן, זענען באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט פאַר טאָן די זעלבע אַרבעט וואָס ער, האָט רבי עקיבא זיין טעטיקייט ניט אויפגעגעבן און ווען ער האָט די צוויי פאַרפייניקטע מאַרטירער באַקלאָגט, האָט ער צו זיינע תלמידים געזאָגט:

„גרייט זיך צו אַן אומגליק, וואָרעם ווען ס'וואָלט געדאַרפט קומען אַ גליק אין אונדזער דור, איז קיינער ניט געווען אַזוי ראוי דאָס אויפצונעמען ווי רבי שמעון און רבי ישמעאל, אָבער דער וואָס האָט מיט אַ וואָרט באַשאַפן די וועלט האָט געוואוסט אַז ס'קומט אָן אַ גרויסער אומגליק, און דערפאַר האָט ער זיי אַוועקגענומען פון אונדז".

עס איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז דאָס לעבן פון רבי עקיבא זאָל ניט זיין אין גרויס סכנה. אָבער ער איז געווען גרייט אַפילו פאַר דער שווערסטער שטראָף, ווייל ער האָט מיטן גאַנצן הארצן געגלויבט, אַז ער פירט אָן אַ גערעכטן קאַמף און אַז ער טוט אַ גוטע זאַך נישט נאָר פאַר זיך נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. און אין דער גמרא ווערט וועגן דעם דערציילט:

„איין מאָל האָט די מלוכה גוזר געווען, אַז די אידן זאָלן ניט טאָרן לערנען קיין תורה, איז פ פ ו ס ב ן י ה ו ד ה געקומען צו רבי עקיבאן און האָט דערזען ווי ער נעמט צונויף אַ סך מענטשן און לערנט מיט זיי תורה. האָט ער צו אים געזאָגט: „עקיבא, דו האָסט גאָר קיין מורא ניט פאַר דער מלוכה?" האָט רבי עקיבא צו אים געזאָגט: „איך וועל דיר געבן אַ משל צו וואָס דאָס איז געגליכן. עס איז געגליכן צו אַ פוקס וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ביים ברעג

פונעם טייך און געזען ווי די פיש זאַמלען זיך צונויף אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט. האָט דער פוקס צו זיי געזאָגט: פאַר וואָס אַנטלויפט איר? האָבן זיי אים געענטפערט: מיר אַנטלויפן פון די נעצן וואָס מענטשן שפּרייטן פאַר אונדז. האָט ער צו זיי געזאָגט: אויב איר ווילט קענט איר אַרויס אַהער אויף דער יבשה, און איך און איר וועלן לעבן צווישן זיך פונקט אַזוי ווי מיינע עלטערן און אייערע עלטערן האָבן געלעבט צווישן זיך. האָבן די פיש דעם פוקס דערויף געענטפערט: דו אויף וועמען מ'זאָגט, אַז דו ביסט דער קליגסטער פון אַלע חיות, ביסט אין דער אמתן גאָרניט קיין חכם, נאָר אַ נאַר. וואָרעם אויב אין וואַסער, וואו מיר לעבן, דאַרפן מיר מורא האָבן, היינט וואָס וועט שוין זיין אויף דער יבשה, וואו מ'גיט אונדז געווינלעך דעם טויט?"

דאָס איז געווען דער משל וואָס רבי עקיבא האָט געגעבן פּפּוסן, דעם זון פון יהודה, און באַלד האָט ער אים דערקלערט וואָס ער האָט געמיינט:

„דאָס זעלבע איז מיט אונדז, — האָט ער געזאָגט, — אויב איצט, ווען מיר לערנען יאָ די תורה וואָס אין איר שטייט געשריבן: „זי איז דיין לעבן און די פאַרלענגערונג פון דיינע טעג", דאַרפן מיר מורא האָבן, היינט וואָס וועט שוין זיין ווען מיר וועלן די תורה ניט לערנען?"

אַזוי ווערט דאָס איבערגעגבן אין דער גמרא (ברכות דף ס"א, ע"ב), און דאָס איז ווידער אַ באַווייז, אַז רבי עקיבא איז ניט אומגעקומען אין דער צייט פונעם אויפשטאַנד, נאָר אין די צייטן פון די שמד־גזירות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שוין נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז געווען אונטערדריקט.

ווייטער ווערט אין דעם זעלבן פּלאַץ אין דער גמרא דערציילט, אַז מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען רבי עקיבאַן געכאַפּט און אים פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש. נאָך דעם האָט מען אין דעם זעלבן געפענקעניש אויך פאַרשפּאַרט פּ פּ ו ס ב ן י ה ו ד ה און דאָן האָט ער געזאָגט: „וואויל איז צו רבי עקיבאַן, וואָרעם אים האָט מען פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש פאַר דער תורה; און ווי איז פּפּוסן, וואָרעם אים האָט מען פאַרשפּאַרש פאַר נישטיקע זאַכן"

אַפילו אין געפענקעניש האָט רבי עקיבא ניט געקענט בלייבן זיצן ליידיק; ער האָט געמוזט מיט אימעצן לערנען, ער האָט געמוזט איינפלאַנצן די ליבע צום לערנען אין די הערצער פון אַנדערע. דאָס

איז געווען זיין גרויסע אויפגאַבע אין לעבן, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז נאָר דאַן ווען די אידן וועלן זיך האַלטן ביי דער תורה און ביי איר הויכער מאָראַל וועלן זיי קענען האָבן אַ קיום אויף דער וועלט.
און איין מאָל, ווען זיין תלמיד ר ב י ש מ ע ו ן ב ן י ו ח א י, וועלכער פלעגט קומען אים באַזוכן, האָט צו אים געזאָגט: „רבי, לערן דאָ מיט מיר תורה", האָט ער אין אָנפאַנג מורא געהאַט דאָס צו טאָן, ווייל דערמיט האָט ער נאָך דאָס לעבן פונעם תלמיד געקענט שטעלן אין אַ סכנה. אָבער ווען רבי שמעון בן יוחאי איז דאָך צו־געשטאַנען האָט ער אים אין גוטן מוט געזאָגט, אַז ער דאַרף אים גאָר ניט בעטן אַזוי פיל, ווייל „נאָך מער ווי דאָס קעלבל וויל זויגן, וויל די קו אים אָנזויגן" (יותר ממה שהעגל רוצה לינוק פרה רוצה להניק"). אַזוי ווערט דערציילט אין דער גמרא פסחים (דף קי"ב).
ער איז געווען ווי אַ קוואַל, וואָס שטראָמט שטענדיק און וואָס שעפּט זיך קיין מאָל ניט אויס, און די ליבע צום אידישן פאָלק און צום גייסט פון אידישקייט האָט אין אים שטענדיק געברענט ווי אַן אייביק פייער, וואָס לעשט זיך קיין מאָל ניט אויס, און ס'איז גאָר ניט געווען קיין איין פּסוק פון דער תורה, קיין איין וואָרט, קיין איין אות, אויף וואָס ער זאָל ניט קענען עפּעס זאָגן, עפּעס אָריינטייטשן, און אַלץ אויף אַזאַ שטייגער, וואָס זאָל נאָך העכער אויפהויבן די פּרינציפּן פון אמת, יושר און גערעכטיקייט.
דאָס איז געווען אַ גייסטיקער פעסטער זייל, וואָס קיין מאַכט אין דער וועלט האָט ניט געקענט ברעכן. ער האָט מיט זיך פאַר־קערפּערט דעם טיפן אידישן גלויבן פון גאַנצע דורות, און ער האָט פאַרמאָגט דעם כוח און דעם צויבער איבערצוגעבן דעם דאָזיקן גלויבן צו אַנדערע און אים איינפלאַנצן טיף אין זייערע הערצער.
ווי לאַנג מ'האָט אים געהאַלטן אין געפענקעניש איז ניט באַ־שטימט. עס שיינט אָבער, אַז ער איז דאָרט געווען פאַרשפּאַרט אַ לענגערע צייט און וואָס אַ מאָל איז מען צו אים דאָרט געוואָרן אַלץ שטרענגער און שטרענגער, ווייל מ'האָט זיך געכאַפּט, אַז אפילו אין תפיסה געפינט ער וועגן ווי אַזוי צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט די וואָס זענען אויף דער פריי און ער איז נאָך אַלץ דער גייסטיקער פירער פונעם פאָלק און זיינע אַן אַנטשיידונג איז נאָך אַלץ דאָס לעצטע וואָרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.
וויכטיקע ענינים האָבן זיך דאַן אָנגעקליבן אַ סך; דער חורבן פון ביתר און די שמד־גזירות פון אַדריאַנוסן האָבן אינעם אידישן

טאָג־טעגלעכן לעבן אַרויסגערוקט אַזעלכע פֿראַגן, אין וואָס ניט יעדער איינער פון די געלערנטע האָט זיך געקענט פֿונאַנדערקלייבן און שטעלן אויף זיך אַזוי פיל; מ׳האָט געדאַרפֿט דערביי האָבן רבי עקיבאס וואָרט אין דעם, און מ׳האָט שוין געפֿונען פֿאַרשיידנערליי וועגן ווי אַזוי צו קומען מיט אים אין פֿאַרבינדונג און הערן וואָס ער האָט צו זאָגן. און אַזוי ווי ער האָט געפּסקנט, אַזוי איז גע־בליבן.

די ווענט פון דער תפיסה האָבן אים פֿונעם פֿאָלק ניט אָפּ־געצאַמט.

און ווען מ׳האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט, האָט ער זיך גע־האַלטן פֿעסט און שטאָלץ. אויך ווען מ׳האָט אים פֿאַרן טויט גע־פּייניקט, ווען מ׳האָט זיין לייב געריסן מיט אייזערנע קאַמען, האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי פֿעסט, אַז אַפֿילו אַזאַ טיראַן ווי ט י נ ע א ו ס ר ו פ ו ס האָט דאָס געמוזט באַוואונדערן. ער האָט ניט געשריען, ער האָט ניט געקרעכצט, ער האָט אינגאַנצן גאָר קיין ווייטיק ניט אויסגעדריקט. „זאָג מיר, וואָס פֿאַר אַ מענטש ביזטו? — איז דער שטרענגער רוימער געוואָרן בייז, — ביזטו אַ כשוף־מאַכער, אָדער איינער וואָס קען גאָר קיין ווייטיק ניט פֿילן?“ „ניין, — האָט רבי עקיבא אים געענטפֿערט, — איך בין ניט קיין כשוף־מאַכער און אויך ניט קיין מענטש, וואָס קען קיין ווייטיק ניט פֿילן“. און צו זיינע תלמידים וואָס זענען געשטאַנען דערביי דערשראָקענע און צעטומלטע, האָט ער געזאָגט: „אַלע מיינע יאָרן האָב איך געהאַט צער פֿון דעם וואָס ס׳שטייט געשריבן „און דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן ל י י ב. מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך אים שטענדיק ליב געהאַט; אָבער איך האָב אַלץ געטראַכט: ווען וועל איך קענען באַווייזן, אַז איך האָב אים ליב מיטן גאַנצן ל י י ב אויך? און איצט, ווען איך קען דאָס יאָ באַווייזן, זאָל איך דאָס ניט טאָן?“

און ער איז געשטאָרבן מיט דעם אויסרוף „ש מ ע יש־ר א ל“ אויף די ליפּן — אַן אויסרוף צום גאַנצן אידישן פֿאָלק און צו אַלע דורות — ה ע ר ז י ך צ ו צ ו מ י י ן ק ו ל, פֿ אָ ל ק י ש ר א ל! און ער איז אויסגעגאַנגען ביי די ווערטער „ה׳ א ל ו ה י נ ו, ה׳ א ח ד!“ — ג אָ ט, א ו נ ד ז ע ר ג אָ ט, א י ז א י י ן ג אָ ט! און דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער אויסרוף פֿון אַ גרויסן און הייליקן מאַרטירער — אַן אויסרוף אין

א וואָרנונג צו די פעלקער, וועלכע האָבן געדינט די אָפּגעטער פון האַלץ און פון שטיין און זיך געבוקט צו זיי און פאַרגאָסן אַזוי פיל בלוט אין זייער נאָמען.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפן טויט פון רבי עקיבאן געטרויערט. און ווי עס ווערט דערציילט אין דער גמרא (סוטה, דף מ"ט) האָט מען דאַן געזאָגט: „זינט רבי עקיבא איז געשטאָרבן זענען שוואַכער געוואָרן די אָרעמס פון דער תורה און עס זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון קלוגשאַפט".

און ער איז ניט געווען דער איינציקער אידישער געלערנטער, וואָס איז אין יענער צייט פון די אַדריאַנוסעס שמד־גזירות פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט. עס זענען געווען נאָך נ י י ן אַזעלכע הייליקע מאַרטירער, און זיי זענען אַריין אין דער געשיכטע ווי די „ע ש ר ה ה ר ו ג י מ ל כ ו ת". און זאָלן דאָ זייערע נעמען דערמאָנט ווערן אינאיינעם ווי זיי ווערן אויסגערעכנט אינעם מדרש „אלה אזכרה" (די דאָזיקע וועל איך געדענקען): ר ב י י ש מ ע א ל, ר ב י ש מ ע ו ן, ר ב י ע ק י ב א, ר ב י ח נ י נ א ב ן ת ר ד י ו ן, ר ב י א ל י ע ז ר ב ן ש מ־ ע ו ן, ר ב י י ש ב ב ה ס ו פ ר, ר ב י ח נ י נ א ב ן ח כ י נ א י, ר ב י י ה ו ד ה ב ן ב ב אָ, ר ב י ח ו צ פ י ת ה מ ת ו ר ג מ ן און ר ב י י ה ו ד ה ב ן ד מ א.

***

די נקמה, וואָס אַדריאַנוס האָט גענומען אין די גייסטיקע פירער פונעם אידישן פאָלק, איז געווען זייער גרויס; ער האָט זיי געפּייניקט נאָך מער ווי די באַוואָפנטע לייט, וואָס זענען געווען אין די מחנות פון בר־כוכבאן. און דאַן האָט ער דורכגעפירט אַלץ, וואָס ער האָט נאָך פריער אָנגעהויבן; ער האָט פון ירושלים געמאַכט אַ געצנדינע־ רישע שטאָט און איר אַ נאָמען געגעבן אַ ע ל י אַ ק אַ פּ י ט אָ־ ל י נ אַ, וואָס האָט געזאָלט בלייבן אָן אָנדענק נאָך זיין ערשטן נאָמען אַ ע ל י ו ס; אויפן אָרט וואו דאָס בית המקדש איז אַמאָל געשטאַנען, האָט ער געענדיקט אויסבויען דעם טעמפּל פאַר דעם אָפּגאָט יופּיטער;ביים טויער וואָס איז געשטאַנען ביים וועג, וואָס פירט קיין ב י ת א ל, האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס אויסגעהאַקטע געשטאַלט פון אַ ח ז י ר, כדי דערמיט ווייז צו טאָן די אידן, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז קיין איד

זאָל זיך מער אין ירושלים ניט געפינען, און ווער פון זיי ס'וועט דעם באַפעל ניט אויספאָלגן און וועט שטילערהייט אַריינקומען אין שטאָט זאָל גלייך באַשטראָפט ווערן מיטן טויט דערפאַר. און די לעצטע גזירה איז געווען די זעלבע וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן מיט יאָרן צוריק, נאָך אונטער טראַיאַנוסן, ווען ער האָט מיט אַן אייזערנער האַנט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד פון די אידן אויפן אינדזל קאַפּריסין, און אומזיסט פלייסן זיך אַזוי געוויסע היסטאָריקער, וועלכע ווילן דווקא אַרויסשטעלן אַדריאַנוסן ווי איינעם, וואָס איז פריער געווען אַ פריינד פון אידן און וואָס איז שפּעטער געוואָרן זייערער אַ שונא איבער דעם גרויסן בר־כוכבא־אויפשטאַנד. אַדריאַנוס איז קיין פריינד פון אידן קיין מאָל ניט געווען, ווי ס'איז דער שטייגער פון יעדן רשע. און אַ רשע איז ער געווען גאָר אַ גרויסער; ער האָט אַלץ און אַלעמען פיינט געהאַט. און אויב ער האָט אַמאָל אימעצן יאָ אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט, איז דאָס געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל, און דערויף איז ער געווען אַ גרויסער בריה; קיינער האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלן אַזוי קונציק ווי ער און דאָס האָבן מיר שוין פריער באַוויזן מיט פאַקטן פון זיין לעבן.

אין די ערשטע צייטן פון די שמד־גזירות האָבן די אידן פון דער קריסטלעכער סעקטע, די אַזוי־גערופענע „תלמידים פון ישו הנוצרי", אויך אַ סך געליטן, און דאָס איז פאַר זיי אַוודאי געווען אַ ביטערע אַנטוישונג, ווייל בעת זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייער קעגנערשאַפט צום בר־כוכבא־אויפשטאַנד, צו דעם גרויסן אידישן קאַמף פאַר פרייהייט, האָבן זיי דאָך גאָר אַנדערע האָפענונגען געהאַט. עס האָט זיך אָבער אויסגעדרייט אַזוי, אַז נאָך דעם ווי בר־כוכבא איז געפאַלן און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די גזירות, זענען די צרות פונעם כלל אויך געפאַלן אויף די קעפּ פון יענע אידן, וועלכע האָבן זיך גערופן די תלמידים פון ישו הנוצרי און וואָס האָבן זיך שוין אין דער אמתן געהאַט אָפּגעטיילט פונעם כלל. די רוימער האָבן זיך ניט געקענט פונאַנדערקלייבן אין דעם גאַנצן ענין; אַדריאַנוס האָט אויף די אידן פון דער קריסטלעכער סעקטע געקוקט אַזוי ווי אויף אַלע אַנדערע אידן, ווייל דאַן האָבן זיי נאָך אָפּגעהיט אַלע אידישע מצוות און דער איינציקער אונטערשייד איז נאָר באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן יאָ געגלויבט, אַז יעזוס איז געווען דער משיח, און די אַנדערע אידן האָבן אין דעם ניט געגלויבט.

דערפאַר האָט אַדריאַנוס זיי ניט אויסגעשלאָסן פון די גזירות און ער האָט זיי אויך פאַרפאָלגט ווי אידן. און דאַן איז געשען אַזוינס, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז גערעכט זענען געווען יענע וואָס האָבן אויף דער סעקטע געקוקט ווי אויף אַפּטריניקע: זייערע פירער האָבן צו אַדריאַנוסן צוגעשיקט אַ צושריפט, אין וועלכן זיי האָבן פאַר אים קלאָר געמאַכט, אַז זיי זענען מער ניט קיין אידן און זיי קערן זיך מיטן אידישן כלל מער אין גאַנצן ניט אָן.

די סעקטע האָט זיך דאַן ניט נאָר אָפּגעטיילט פונעם אידישן פאָלק, ווי ס'איז געווען פאַרן אויפשטאַנד, נאָר אינגאַנצן זיך אָפּגעריסן. זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די אַנדערע, וועלכע זענען פון געצנדינעריי איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום; זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע מצוות אין דער תורה; זיי האָבן מער ניט אָפּגעהיט קיין שבתים און ימים טובים; זיי האָבן אויפ־געהערט זיך מל צו זיין, און בכלל זענען זיי אַוועק אין די וועגן פון דעם נייעם גלויבן וואָס דער איד שאול פון תרשיש. אָדער ווי ער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס דער אַפּאָסטאָל סעינט פּאַול, האָט נאָך פריער געפּרעדיקט צווישן די געצנדינערישע פעלקער — דער גלויבן פון דעם קריסטענטום, וואָס איז אין גרונט פונקט דער היפוך פון אידנטום, ווייל אידן האָבן קיין מאָל ניט אַנערקענט קיין מענטשן פאַר אַ גאָט אָדער פאַר אַ זון פון גאָט.

פריער זענען די גייסטלעכע פון דער קריסטלעכער סעקטע אין ירושלים געווען אידן. די ערשטע פופצן בישאָפּס, דערציילט יוסע־ביוס, זענען לויט זייער אָפּשטאַמונג געווען אידן, וועלכע האָבן, ווי ער דריקט זיך אויס, „אויף אַ נאַבעלן שטייגער אָנגענומען די תורה פון כריסטוסן אַזוי אַז אַפילו די וואָס האָבן געהאַט די מאַכט צו אורטיילן אין אַזעלכע פראַגן, האָבן געהאַלטן, אַז זיי זענען ווירדיק אַזעלכע קירכלעכע שטעלעס צו פאַרנעמען".*) נאָך דעם אָבער, אין די צייטן פון די גזירות, ווען די קריסטלעכע סעקטע האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעריסן פונעם אידישן פאָלק, איז אַלס גייסטלעכער באַשטימט געוואָרן איינער אַ מאַרקוס, וועלכער האָט שוין

*) יוסעביוס, די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע, בוך 4, קאַפּ. 5.

ניט געשטאַמט פון אידן. ער איז לויט דער צאַל, געווען דער זעכצנ־טער בישאָף פון דער קריסטלעכער קירכע אין ירושלים. די פרי־ערדיקע פופצן בישאָפס זענען אַלע געווען אידן.

שרייבנדיק וועגן יענער צייט ווען מאַרקוס איז באַשטימט געוואָרן ווי דער זעכצנטער בישאָף, דערמאָנט דער פרומער קריסט־לעכער היסטאָריקער ווי אַ בייזאַך דעם גרויסן אומגליק וואָס איז געקומען אויף די אידן נאָכן חורבן פון ביתר, און באַלד פאַלט ער אַריין אין אַ באַגייסטערונג און זאָגט, אַז „די קירכעס האָבן זיך צעשיינט איבער דער גאַנצער וועלט ווי בריליאַנטענע לאָמפּן און דער גלויבן אין אונדזער אויסלייזער און האַר יעזוס כריסטוס האָט זיך צעבליט איבער דער גאַנצער וועלט”. און דאָס איז געווען פונקט דאַן, ווען דאָס אידישע פאָלק איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, ווען די גרעסטע אידישע געלערנטע זענען געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער טויט, ווען אַדריאַנוס אין אין זיינע גזירות געוואָרן אַלץ שטרענגער און זיך פאַרלייגט אינגאַנצן אויסצעראָטן דעם גייסט פון אידישקייט און אויך די אידן אינאיינעם מיט דעם.

***

אָבער פונקט ווי אַנדערע שונאי־ישראל, וואָס זענען געווען פאַר אים, איז אַדריאַנוס אויך דורכגעפאַלן. ער האָט דעם גייסט פון אידישקייט ניט געקענט אונטערדריקן. ער האָט רבי עקיבאן ניט געקענט בייקומען אפילו נאָך דעם ווי ער האָט אַזאַ ליכטיקע פּער־זענלעכקייט פאַרפייניקט צום טויט. דער גייסט פון רבי עקיבאן איז דאָך געבליבן לעבן; נאָך זיין טויט האָבן זיינע תלמידים זיך צונויפגעקליבן אין דער שטאָט א ו ש א , וואָס אין גליל, און דאָרטן האָבן זיי ווייטער געשאַפן דאָס וואָס דער גרויסער לערער און אַנדערע פון זיין דור האָבן אָנגעהויבן; איינשטעלנדיק דאָס לעבן זענען זיי געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן אָפּגעהיט דאָס פאָלק און דעם גייסט פונעם פאָלק; און זיי האָבן געשאַפן נייע געזעצן וואָס זענען געווען נויטיק פאַר דער צייט און מיט דעם וואָס זיי האָבן געשאַפן, האָבן זיי דעם גייסטיקן אידישן אוצר געמאַכט נאָך גרעסער און רייכער ווי ער איז פריער געווען. און גערעכט איז א י י ז י ק ה י ר ש ו ו י י ס מיט דעם אויספיר, צו וועלכן ער קומט אין זיין ווערק „דור דור ודורשיו” (חלק שני, ז. 134). ער זאָגט דאָרט: „דער וואונטש פון אַדריאַנוסן און זיינע אַרויסהעלפער צו אונטערדריקן די תורה און זי פאַרטיליקן פון דער ערד, האָט דער־

גרייכט פונקט דעם היפּוך פון דעם, וואָרעם דאָס האָט גאָר געפירט דערצו, אַז זייער לערע זאָל ווערן נאָך שטאַרקער און ברייטער און זאָל דינען ווי אַ רעגן, וואָס מאַכט שפּראָצן דאָס וואָס מ׳פאַרזייט״. צו אַזאַ שלום קומט דער גרויסער פאָרשער פון אידישער געשיכטע נאָך דעם ווי ער רעכנט אויס די נייע געזעצן וואָס זענען אין יענער צייט געשאַפן געוואָרן און ווי וויכטיק זיי זענען דאַן געווען אין דעם אידישן לעבן.

און אַדריאַנוס?

ער איז אין אַ קורצער צייט נאָכן חורבן פון ביתר זייער שטאַרק קראַנק געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון שווינדזוכט און אויך פון אַזאַ וואַסערזוכט וואָס האָט אים אַזוי געפּייניקט, אַז ער האָט אַליין געבעטן אויף זיך דעם טויט.

„וואָס אַ מאָל איז אים געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער״, שרייבט וועגן אים דער היסטאָריקער קאַסיוס דיאָ, אין זיין ווערק „רוימישע געשיכטע״ (בוך 69. קאַפּ. 22) — „און מ׳קען זאָגן, אַז ער איז אָפּגעשטאָרבן טאָג נאָך טאָג און אַז ער האָט געבענקט נאָכן טויט״.

די קראַנקהייט האָט אים אַזוי אויסגעמאַטערט, דערציילט ווייטער דער היסטאָריקער, אַז ער האָט אָפט געבעטן אַז מ׳זאָל אים געבן סם אָדער אַ שווערד און ער וועט אַליין מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. אָבער אין הויף האָט מען מורא געהאַט אים דאָס צו געבן. ער האָט צוגעזאָגט צו באַלוינען דערפאַר מיט געלט, זיך געשוואָרן אַז מ׳וועט דערפאַר ניט באַשטראָפט ווערן, אָבער ס׳האָט זיך אין הויף ניט געפונען קיין איינער וואָס זאָל אים געבן סם אָדער אַ שווערד. ווען די ווייטיקן זענען שוין געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיי מער ניט געקענט אַריבערטראָגן, האָט ער געשיקט רופן איינעם פון זיינע באַדינער, זייער אַ געזונטן יונג, מיטן נאָמען מ אַ ס ט אָ ר, מיט וועמען ער פלעגט פריער גיין אינאיינעם אויף יאגד; ער האָט זיך ביי דעם באַדינער געבעטן ער זאָל אים אַריינשטעכן אַ שווערד אין דער ברוסט און ער האָט אים אַפילו אָנגעוויזן וואו, אָנצייכנדיק אַ רעדעלע אויף דעם אָרט. אָבער דער באַדינער האָט דאָס ניט גע־וואָלט טאָן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז נאָך דעם וועט מען אים שווער באַשטראָפן דערפאַר וואָס ער האָט דערהרגעט דעם קיסר. דאַן האָט אַדריאַנוס געפּרואווט אים צווינגען דאָס צו טאָן; ער האָט אים געוואָרנט, ער האָט אים געסטראַשעט אַז ער וועט אים צום

טויט פארמשפּטן אויב ער וועט אים ניט פאַלגן. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן, וואָרעם ווען דער באַדינער איז שוין געווען גרייט אַריינצעשטעכן דעם קיסר אַ מעסער אין דער ברוסט, האָט ער זיך דערשראָקן און דאָס מעסער איז ביי אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן.

און ווען דער קיסר האָט געזען אַז קיינער וויל אים דעם טויט ניט געבן, דערציילט ווייטער קאַסיוס דיאָ, האָט ער דאָס שטאַרק באַדויערט, ווייל ער האָט מער ניט געוואָלט לעבן און מער קיין כוחות ניט געהאַט די שרעקלעכע ווייטיקן אַריבערצוטראָגן און דאַן האָט ער אויפגעהערט אויסצופאָלגן די דאָקטוירים וואָס האָבן אויפ־געפּאַסט אויף זיין געזונט און אויף זיין שפּייז; ער האָט אויף צו להכעים געגעסן און געטרונקען אַלץ וואָס ער האָט ניט געטאָרט, כדי ער זאָל אויף זיך וואָס גיכער ברענגען דעם טויט, און טוענדיק דאָס, האָט ער זיך מיט אַלעמען גערייצט און דערביי האָט ער געשריגן: „אַזוי פיל דאָקטוירים דאַרף מען האָבן צו דערהרגענען א י י ן קיסר?״

ער איז שוין ניט געווען אינגאַנצן ביים קלאָרן זינען ווען ער האָט אַזוי געשריגן. די קראַנקהייט האָט אים שרעקלעך צעדרייט גייסטיק, און ער האָט שוין ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. און אין דער צייט ווען ער האָט זיך אַזוי געמוטשעט האָבן די נאָענטע מענטשן אין הויף און אויך אין סענאַט מיט בענקשאַפט אַרויסגעקוקט אויף זיין טויט; אַלע האָבן געוואָלט אַז ער זאָל שוין וואָס גיכער שטאַרבן, ווייל זיי האָבן אים שרעקלעך פיינט געהאַט. אויך דאָס פאָלק האָט אים פיינט געהאַט. און ווען ער איז ענדלעך געשטאָרבן, האָט מען פרייער אָפּגעאָטעמט.

און געשען איז דאָס אינעם יאָר 138, לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. דריי יאָר נאָכן חורבן פון ביתר, וואו דער גרויסער אידישער קריגספירער בר־כוכבא איז געפאַלן אין שלאַכט. א ד ר י־אַ נ ו ס איז דאַן אַלט געווען צוויי און זעכציק יאָר, און געהערשט איבער דער רוימישער אימפעריע האָט ער צוואַנציק יאָר מיט עלף חדשים. און נאָך זיין טויט, ווען אַ נ ט אָ נ י ו ס פּ י ו ס איז אַרויף אויפן טראָן, זענען די שווערע גזירות קעגן אידן אָפּגעשאַפט געוואָרן.

דעם נצחון האָט געהאַט ר ב י ע ק י ב אַ.

ס ו ף.

# ביבליאָגראַפיע

## העברעאישע קוואַלן און ווערק

**באכער, ב. ז.** ד"ר. אגדות התנאים והאמוראים. העברעאישע איבערזעצונג פון א. ז. רבינוביץ. בערלין, תרפ"ב.

**גרעטץ, ה.** ד"ר. דברי ימי ישראל. העברעאישע איבערזעצונג פון ש. פ. ראבינאוויץ. מיט הערות פון ד"ר א. הארקאווי.

**דובנאוו, ש.** דברי ימי עם עולם. איבערזעצט פון רוסישן מאנוסקריפט, איינאיינעם מיטן מחבר, פון ברוך קרופניק.

**הספרים החיצונים** (אין פיר בענד). העברעאישע איבערזעצונג פון גריכישן אריגינאל פון אברהם כהנא. תל־אביב, תרצ"ז.

**ווייס, אייזיק הירש.** דור דור ודורשיו.

**טשרנוביץ, חיים.** ד"ר. תולדות ההלכה.

**יעלינעק, אהרן,** ד"ר. בית־המדרש. געזאמלטע מדרשים, אין זעקס בענד.

**כהנא, אברהם.** קורות היהודים ברומא. ווארשע, 1914.

**כתובים אחרונים.** העברעאישע איבערזעצונג פון גריכישן פון יצחק זעקיל פרענקעל.

**ספר האגדה.** אגדות פון תלמוד און מדרשים, געזאמלט פון ח. נ. ביאליק און י. ח. רבניצקי.

**ספר חכמת בן־סירא.** מיט אן אריינפיר פון ד"ר מ. צ. סעגאל.

**פילון האלכסנדרוני.** כתבי היסטוריה (נגד פלאקוס, המלאכות אל קאיוס, על האסיים) איבערזעצט פון גריכיש, פון ד"ר מנחם שטיין, פארלאג־שטיבעל, תל־אביב, תרצ"ז.

**פלאוויוס, יוסיפוס** (יוסף בן מתתיהו) תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים.
חיי יוסף.
קדמוניות היהודים.

**צורי, י. ש.** רבי עקיבה. ירושלים, תרפ"ד.

**צ'ריקובר, אביגדור.** ד"ר. היהודים והיונים בתקופה ההלניסטית. תל־אביב, תרצ"א.

קלויזנער, יוסף. ד״ר. היסטוריה ישראלית. אדעס, 1915.
הבית השני בגדולתו. תל-אביב, תר״ץ.
כשאומה נלחמת על חירותה. תל־אביב, תרצ״ו.
ישו הנוצרי. ירושלים, תרפ״ב.
מישו עד פאולוס. תל־אביב, 1939.
שמחוני, י. נ. ד״ר. דברי ימי ישראל. בערלין, תרפ״ב.
שליט, א. המשפט הרומאי בארץ־ישראל. ירושלים, תרצ״ז.
שטיין, מנחם. ד״ר. פילון האלכסנדרוני. ווארשע, תרצ״ח.
תלמוד בבלי. (די מסכתות וואָס ווערן אָנגעגעבן אין טעקסט).

## ווערק אויף אידיש:

גינזבורג, א. ד״ר. די אַנטשטייאונג פון קריסטנטום. ארויס־געגעבן פו „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 1917.
זעצער ש. צ. צו דער אנטשטייאונג פון קריסטנטום, ניו־יאָרק, 1922.
מענעס, א. ידישע געשיכטע. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן א׳.
שירער, עמיל. געשיכטע פון אידישן פאָלק אין דער צייט פון בית שני. פאַרקירצטע איבערזעצונג פון ז. קאַלמאַנאָוויץ, פאַר־לאַג קלעצקין, ווילנע.

## קוואַלן און ווערק אויף ענגליש:

ALLEN, BERNARD M. Augustus Caesar, Macmillan, London, 1937.
BEVAN, EDVIN. Jerusalem Under the High Priests. London, 1940.
BENTWICH, NORMAN. Josephus. Jewish Publications Society. Philadelphia, 1940.
BERNSTEIN, LEON. Flavius Josephus. Liveright Pub. Corp., New York.
DIO, CASSIUS. Roman History. Loeb Classical Library.
DREWS, ARTHUR. The Witnesses to the Historicity of Jesus. London, 1912.
EUSEBIUS. Ecclesiastical History. Loeb Classical Library.
FLAVIUS, JOSEPHUS. Antiquities of the Jews.
The Wars of the Jews.
Against Apion.

FINKELSTEIN, LOUIS, DR. The Pharisees, 1930.
Akiba, 1936.
GUIGNEBERT, CH. The Jewish World in the Times of Jesus. 1939.
GOODENOUGH, ERVIN, R. An Introduction to Philo Judaeus. Yale University Press, 1940.
The Politics of Philo Judaeus. Yale University Press, 1938.
JONES, A. H. M. The Herods of Judea. Oxford, 1938.
KASTEIN, JOSEPH. History and Destiny of Jews. New York, 1931.
MILMAN, HENRY HART. The History of the Jews. London.
MINKIN JACOB, S. Herod. New York, 1936.
MOORE, GEORGE FOOT. Judaism. Harvard University Press, 1932.
MORRISON, FRANK. And Pilate Said. New York, 1940.
MOMMSEN, THEODOR. History of Rome. London, 1881.
OESTERLEY, W. O. E. The Jews and Judaism. During the Greek Period. London, 1941.
A History of Israel, Vol. II. Oxford, 1932.
RAPHALL, MORRIS J., Dr. Post-Biblical History of the Jews. Philadelphia, 1855.
RENAN, ERNST. The Life of Jesus.
SCHURER, EMIL. A History of the Jewish People in the Times of Jesus Christ. Edinburgh, 1890. (In 6 volumes).
SUETONIUS. Lives of the Twelve Caesars.
SERVIETZ, JACQUES BOERGAS DE. Lives of the Roman Empresses. New York, 1935.
TACITUS. The Annals.
The History.

## ווערק אויף רוסיש:

КАЦЕНЕЛЬСОН, Б. Акиба Бен-Иосиф. Еврейская Энциклопедия, том 1-ый.
ЛУКАЧЕВСКИЙ А. Христианство. Большая Советская Энциклопедия (БСЭ) том 60-ый.
НИКОЛЬСКИЙ, Н. Евреи. БСЭ. Том 24-ый.
РУМЯНЦЕВ, Н. Исус Христос. БСЭ. Том 27-ой.

# אינדעקס

# אינדעקס

## א


**אַבענעריג.** קעניג פון מוש. ז. 261.

**אַגריפּאַ** (דער ערשטער) אידישער קעניג. ז״ז 87, 98, 114, 115, 116, 118-124. 130, 131, 141, 142, 143, 145, 152, 154, 157, 170-174. 186, 187, 191, 192, 203-215, 223, 234, 289, 311, 360, 362, 383, 416.

**אַגריפּאַ** (דער צווייטער) אידישער קעניג פאַרן חורבן פונעם צווייטן בית־המקדש, זון פון אַגריפּאַ דעם ערשטן. ז״ז 212, 216, 223, 232, 234, 252, 278, 279, 280, 293, 296, 310, 311, 314, 315, 347, 354, 357.

**אַגריפּאַ, מאַרקוס.** איידעם פון אויגוסטוס־צעזאַר. ז. 161, 162.

**אַגריפּינאַ.** צווייטע ווייב פונעם רוימישן קיסר קלאַוודיוס. ז. 232.

**אַדריאַנוס.** רוימישער קיסר.. ז״ז 416, 436. 441-452. 454, 456, 459, 478, 484-490. 493, 495, 499. 505. 510-516. 520-526.

**אויגוסטאַ, יוליאַ.** קאַליגולאַ׳ס באָבע. ז. 168.

**אויגוסטוס,** רוימישער קיסר. ז״ז 84, 88, 162, 166, 167, 168, 182, 260, 289.

**אַזיזוס,** קעניג פון עמעסאַ. ערשטער מאַן פון אַגריפּאַ דעם ערשטנס אינגסטע טאָכטער דרוסילאַ. ז. 234.

**אָטאָ, מאַרקוס.** רוימישער קיסר. ז. 354.

**איזאַטעס.** זון פון קעניגין העלענאַ. ז״ז 261, 262, 263.

**איסידאָרוס.** עגיפּטיש־גריכישער אינטריגאַנט און שונא־ישראל. ז״ז 127, 128, 146, 178, 290.

**אַלבינוס, לוציוס.** רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ז״ז 251-256.

**אַליעזר** (אידישער מאַרטירער אין די צייטן פון די אַנטיוכוס־גזירות). ז״ז 45, 46.

**אליעזר.** איינער פון די העלדישע קנאים אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ. ז״ז 400, 401.

**אליעזר בן דינאַי.** פירער פון די סיקאַריער. ז״ז 230, 236, 237.

**אליעזר הגלילי.** ראַטגעבער פון קעניג איזאַטעס. ז. 262.

**אליעזר בן הורקנוס.** (דער גרויסער) אידישער געלערנטער. ז״ז 471, 478, 479.

**אליעזר בן חנניהו.** אידישער קריגס־פירער און געלערנטער. ז״ז 254, 278, 279, 280, 281, 282, 283, 295, 296, 299, 300.

**אליעזר בן יאיר.** עלטסטער פון אידישע חיילות אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ. ז״ז 403-411.

**אליעזר בן מתיא, רבי.** איינער פון די חכמי־יבנה. ז. 475.

**אליעזר בן עזריהו, רבי.** ז. 426.

**אליעזר בן שמעון, רבי.** איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

**אליעזר בן שמעון.** אידישער קריגספירער. ז"ז 346, 347, 350.

**אליעזר המודעי, רבי.** ז"ז 504-508.

**אלכסנדר.** א ברודער פון פילון האלכסנדרוני, אלאבארך אין אלעקסאנדריע. ז"ז 119, 218.

**אלעקסאנדער, טיבעריוס.** אידישער אפטריני־קער, רוימישער פראקוראטאר אין יהודה. ז"ז 219-223; 288, 291, 292, 356, 357, 371, 383.

**אלעקסאנדער מוקדן.** ז"ז 9, 10, 13, 19, 20, 21, 289, 427, 428, 439.

**אנדריוס.** פירער פון אידישן אויפשטאנד אין סערענאיקע. ז"ז 436, 439.

**אנטאניא.** רוימישער אריס־טאקראטקע, מוטער פון מארק אנטאני. ז"ז 115, 120.

**אנטאני מארק.** רוימי־שער קריגספירער. ז"ז 115, 384.

**אנטיגאנוס.** לעצטער אי־דישער קעניג פון דער חשמונא־ים־דינאסטיע. ז. 117.

**אנטיוכוס עפיפאנעס.** גריכיש־סירישער קעניג. ז"ז 4, 16, 18, 20-32, 34-46, 49-58, 60-64, 66, 67, 69, 70, 27, 74, 76, 78, 79, 80, 86, 88, 128, 151, 293, 299, 479, 511, 512, 514.

**אנטינאוס.** ליבלינג פונעם קיסר אדריאנוס. ז. 450.

**אספאסיאנוס, פלאוויוס.** רוימישער קיסר. ז"ז 198, 199, 309, 310, 314, 319-327, 330, 334; 339, 343, 345, 348, 351, 356; 378, 380, 382, 397, 416, 417, 419, 438, 496, 499.

**אפאלאדארוס.** בארימ־טער ארכיטעקטאר אין רוים. ז"ז 444, 445.

**אפיאן.** עגיפטיש־גריכישער שרייבער און אנטיסעמיט. ז"ז 127, 128, 176, 290.

**אפעלעס.** אן אקטיאר, א מקורב אין קאליגולאס הויף. ז. 149.

**אפעלעס.** גריכיש־סירישער עלטסטער. ז"ז 58, 59, 60.

**ארטעמיאן.** פירער פון אידישן אויפשטאנד אויפן אינדזל קפריסין. ז. 439.

**אריסטאבולוס.** זון פון הורדוס דעם גרויסן און מרים די חשמונאית. ז. 114.

**ארכעלעאוס.** אידישער קעניג, זון פון הורדוס דעם גרויסן. ז. 219.

## ב

**באדיצעא.** קעניגין פון בריטאניע. ז. 321.

**באסוס, לוציליוס.** רוימישע קריגספירער. ז"ז 399, 401, 402.

**באסוס.** קאליגולאס שליח צו באשטראפן דעם פראקוראטאר פון מצרים. ז"ז 143, 144.

**בן-כוזיבא.** זע, בר־כוכבא.

**בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף, ד"ר.** העברעאיש־אידי־שער שריפטשטעלער. ז. 305.

**בערילוס, נירון־קיסר'ס** א סעקרעטאר. ז. 248.

**הערעניקאַ.** טאָכטער פון אַגריפּאַ דעם ערשטן. געליבטע פון טיטוס הרשע. ז"ז 205, 310, 311, 314, 354, 356, 357, 359, 371, 380, 383, 384, 385, 387.

**בערעניקאַ.** די טאָכטער פון הורדוס'עס שוועסטער שלומית. מוטער פון אַגריפּאַ דעם ערשטן. ז"ז 114. 315.

**בר גיורא, שמעון.** אידישער קריגספירער. ז"ז 294, 353, 358, 361, 363, 364, 365, 296, 336, 346, 348, 349, 350, 367, 370, 376, 377, 382, 439, 466.

**בר דרומא.** אידישער קריגספירער. באַשיצער פון טור־מלכאַ. ז"ז 498, 500.

**ברוריה.** די ווייב פון דעם תנאי רבי מאיר. ז. 470.

**בר־כוכבא, שמעון.** גרויסער אידישער קריגספירער. ז"ז 415, 416, 454, 461-467, 474, 477, 479-485, 489-496, 449-503, 506, 509, 513, 521, 526.

## ג

**גאַלבאַ, סערגיוס.** רוימישער קיסר. ז"ז 353, 354.

**גאַלוס, קעסטיוס.** רוימישער לעגאַט אין סיריען. ז"ז 293, 294, 295, 296, 297, 299, 302, 309, 319, 348.

**גאָרגיאש.** גריכיש־סירישער קריגספירער. ז"ז 72, 73, 74.

**גמליאל, רבן.** נשיא פון בית־דין אין יבנה. ז"ז 424, 425.

**גרעטץ, ה.** אידישער היסטאָריקער. ז"ז 124, 131, 138, 140, 203, 222, 279, 298, 304, 305, 357, 358, 371, 375, 379, 422, 431, 437, 484, 500, 511.

## ד

**דאָמיטיאַן.** רוימישער קיסר. ברודער פון טיטוס הרשע. ז"ז 378, 386, 389, 419-424, 426, 427, 428.

**דאָמיטילאַ, פלאַוויא.** ווייב פון סענאַטאָר פלאַוויוס קלעמענס, וואָס האָט אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. ז. 423.

**דאַנטאָן, זשאַק.** פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ז. 342.

**דובנאָוו, שמעון.** אידישער היסטאָריקער. ז"ז 124, 431, 438, 484, 485.

**דזשאָנס, א. ה. מ.** ענגלישער היסטאָריקער. ז. 118.

**דזשעימס.** אַפּאָסטאָל. (יעקב בן זבדי). ז. 205.

**דזשעימס** (יעקב בן יוסף) אַ ברודער פון ישו הנוצרי. ז. 250.

**דיאָ, קאַסיוס,** רוימישער היסטאָריקער. ז"ז 90, 103, 321, 436, 438, 446, 452, 484, 488, 500, 509, 510, 525.

**דיאָניסוס.** עגיפּטיש־גריכישער דעמאַגאָג. אַ בלבול־מאַכער אויף אידן. ז. 127.

**דעקעבאַלוס,** קעניג פון דאַקיאַ (איצטיקע רומעניע). ז. 428.

**דרוסוס.** זון פון טיבעריוס־קיסר. ז"ז 86, 115.

**דרוסילאַ.** קאַליגולאַ'ס שוועסטער און געליבטע. ז"ז 92, 93.

**דרוסילא.** טאָכטער פון אַגריפּאַ דעם ערשטן. ווייב פון רוימישן פּראָקוראַטאָר פעליקס. ז"ז 205, 234, 244.

## ה

האַמער. גרויסער גריכישער דיכטער. ז. 446.

הורדוס־אַנטיפּאַ. זון פון הורדוס דעם גרויסן. ז"ז 117, 118, 121, 123, 124.

הורדוס (דער גרויסער). אי־דישער קעניג. ז"ז 87, 114, 115, 117, 123, 162, 163, 191, 207, 208, 209, 219, 245, 251, 339, 398, 399, 405, 416.

הורדוס (דער צווייטער) קע־ניג פון כאַלקיס. ז"ז 211, 222, 311.

היטלער, אַדאָלף. ז"ז 4, 35, 80, 196.

הילי ודורוס. גריכישער קריגספירער. ז. 16.

הלל הזקן. גרויסער אי־דישער געלערנטער. ז"ז 390, 392.

העגעסיפּוס. קריסטלעכער היסטאָריקער. ז. 421.

העליקאָן. קאַליגולאַס אַ מקורב. ז"ז 149, 177, 191.

העלעבאַ. קעניגין פון אַדיע־בען. ז"ז 261, 263.

העלער, דוב. העברעאי־שער שריפטשטעלער און פאַר־שער. ז. 512.

העראָדיא. ווייב פון הורדוס־אַנטיפּאַ. שוועסטער פון אַגריפּאַ דעם ערשטן. ז"ז 117, 123.

## ו

והיסטאָן, ווילי אַם. פּראָפעסאָר. ענגלישער איבער־זעצער פון יוסיפוס פלאַוויוס. ז. 423.

וויטעליוס, אוילוס. רוימישער קיסר. ז"ז 256, 335, 354.

ווייס, אייזיק הירש. אידישער געלערנטער. ז"ז 298, 478, 524.

## ז

זכריה בן ברוך. אי־דישער מאַרטירער. ז. 343.

## ח

חוניו (דער דריטער) כהן גדול. ז"ז 17, 18, 19, 417.

חוצפית, המתורגמן ר'. איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

חזקיהו הגלילי. פּי־רער פון די קנאים אין די צייטן פון הורדוס דעם ערשטן. ז"ז 219, 405.

חנה (אידישע מאַרטירערין). ז"ז 48, 49, 51, 55.

חנינא בן חכינאי, רבי. איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

חנינא בן תרדיון, רבי. אידישער געלערנטער (איי־נער פון די עשרה הרוגי מלכות). ז"ז 516, 521.

חנן בן חנן. כהן גדול. ז"ז 249, 250, 251, 252, 302, 338, 339, 340.

חנן בן יונתן. קעגנער פון קריג קעגן רוים. ז. 294.

חנניהו. געלערנטער איד און סוחר, וואָס האָט פאַרשפּרייט די אידישע תורה אין אַנדערע לענדער. ז. 262.

חנניהו. כהן גדול. ז"ז 252, 254, 278, 280, 281.

# ט


**טאַציטוס, קאָרנעליוס.** רוימישער היסטאָריקער. ז"ז 233, 256, 260, 321, 345, 356, 361, 375.

**טורבאָ, מאַרציוס.** רוימישער קריגספירער. ז. 440.

**טיבעריוס.** רוימישער קיסר. ז"ז 83-92. 97-99. 110, 114, 115, 118, 121, 122, 125, 127, 150, 163-166. 170-172. 182, 204, 208, 289.

**טיבעריוס.** אַן אייניקל פונעם קיסר טיבעריוס. ז"ז 101, 104.

**טיטוס** (הרשע) רוימישער קיסר. ז"ז 195-202. 210, 212, 218, 229, 231, 242, 252, 258, 310, 311, 314, 319, 321-325. 331-336. 343, 345, 348, 351, 354-361. 363, 366, 368, 370-373. 376-393. 397-399. 409, 412, 419, 438, 486, 496, 499.

**טראַיאַנוס, מאַרקוס.** רוימישער קיסר. ז"ז 427-430. 433-436. 440, 442, 443, 449, 460, 487, 552.

**טרפון, רבי.** ז"ז 476, 514.

**טשעריקאָווער, אַביגדור.** פּראָפ.אידישער פאָרשער. ז. 289.


# י


**יאָזאָן.** כהן גדול. ז"ז 17, 18, 19, 37.

**יאשיהו.** אידישער קעניג, פאַרן חורבן פון ערשטן בית־המקדש. ז. 203.

**יהודה בן בבא, רבי.** איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

**יהודה בן דמאר'.** איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

**יהודה הגלילי.** איינער פון די קנאים. ז"ז 219, 404.

**יהודה המכבי.** ז"ז 61, 62, 68, 69, 71, 72, 73, 74, 77.

**יהושע בן גמלא.** כהן גדול. ז"ז 304, 316, 336, 338, 339, 340, 365.

**יהושע בן דמנאי.** כהן גדול. ז. 252.

**יהושע, בן חנניהו, רבי.** אידישער געלערנטער. ז"ז 424, 425, 426, 455, 459, 487, 489.

**יוחנן פון גוש־חלב.** אידישער קריגספירער. ז"ז 314-317; 320, 336, 337, 344, 345, 346, 347, 349, 350, 351, 353, 358, 361, 363, 364, 367, 368, 370, 376, 377, 382, 439, 466.

**יוחנן הורקונוס.** אידישער קעניג, פון די חשמונאים. ז. 339.

**יוחנן בן זכאי, רבן.** גרויסער אידישער געלערנטער. ז"ז 390, 391, 392, 393, 474, 475.

**יוחנן בן תורתא.** איינער פון די חכמי־יבנה. קעגנער פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד. ז. 464.

**יוטראָפּיוס.** רוימישער היסטאָריקער. ז. 93.

**יוליוס, צעזאַר.** ז"ז 105, 289, 384, 405.

**יונתן.** כהן גדול, אין די צייטן וואָס פאַרן צווייטן חורבן. ז"ז 232, 237, 238.

יוסטוס בן פיסטוס (פון טבריה) אידישער היסטאָריקער און קריגספירער. ז. 220.

יוסי בן קיסמאַ, רבי. אידישער געלערנטער. ז. 516.

יוסעביוס. קריסטלעכער היסטאָריקער. ז"ז 97, 421, 432, 437, 456, 480, 491, 500, 523.

יוסף בן גוריון. אידישער קריגספירער. ז"ז 302, 342.

יוסי הגלילי, רבי. אידישער געלערנטער. ז. 514.

יוסף בן מתתיהו. זע, יוסיפוס פלאַוויוס.

יועזר. כהן. ז. 312.

יוקינדוס. עלטסטער פון די רוימישע רייטער אין קיסריה. ז. 267.

יעלינעק, אהרון, ד"ר. ז. 64.

יעקב בן סיסא. קנאי, פון די אדומים. ז. 339, 347.

יעקב הגלילי. זון פון יהודה הגלילי. איינער פון די קנאים. ז. 219.

ישו פון נצרת. (יעזוס כריסטוס) ז"ז 88, 205, 207, 216, 220, 244, 250, 261, 263, 264, 296-299, 392, 419, 420, 432, 433, 440, 456, 458, 467, 491, 494, 503, 507, 508, 522, 523, 524.

ישבב הסופר איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

ישמעאל, רבי. איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז"ז 514, 515, 516, 521.


## כ


כהנא, אברהם. אידישער געשיכטע פאָרשער. ז"ז 140, 512.

כאַבין, נ. ז. 6.

כערעאַ, קאַסיוס. הויפט פון דער וואַך ביי קאַליגולאַן אין הויף. פירער פון דער פאַרשווערונג צו דערהרגענען דעם משוגענעם צעזאַר. ז"ז 182, 183, 185-190.


## ל


לאַליא פאַולינאַ. קאַליגולאַס דריטע ווייב. ז. 94.

לאַמפוניוס. עגיפטיש-גריכישער מסירה-שרייבער אויף אידן. ז"ז 127, 128, 146, 290.

לאָנגינוס, קאַסיוס. רוימישער פראָקאָנסול אין סיריען. ז. 216.

לוליאַנוס. פירער פון אידישן אויפשטאַנד קעגן רוים. ז"ז 434, 435, 439, 460.

לופוס, רוטיליוס. רוימישער קריגספירער. ז. 437.

לוקואַס (לוקאַש). פירער פון אידישן אויפשטאַנד אין סערענאַיקע. ז"ז 437, 439.

ליוויא אַרעסטילאַ. קאַליגולאַס צווייטע ווייב. ז. 93.


## מ


מאַנאַבאַזוס. קעניג פון אַדיעבען. ז. 261.

מאַקראָ, רוימישער שטאַטסמאַן. ז"ז 89, 91, 102, 103, 104, 150.

מאַרטיר, יוסטין. קריסטלעכער געלערנטער. ז. 467.

מאַריסאָן, פרענק. ענגלישער פאַרשער. ז. 98.
מאַרסוס, וויביוס. רוימישער פראָקאָנסול אין סיריען. ז"ז 207, 211, 212.
מאַרסעלוס, פאָבליציוס. רוימישער קריגספירער. ז. 492.
מאַרקוס. קריסטלעכער בישאָף אין ירושלים. דער 16טער אין צאָל, און דער ערשטער, וואָס איז ניט געווען קיין איד. ז. 523.
מוקיאַנוס. רוימישער לעגאַט אין סיריען. ז. 355.
מור, זשאָרזש פוט. פראָפעסאָר. ז"ז 39, 467.
מילמאַן, הענרי האַרט. היסטאָריקער. ז"ז 479, 488.
מנחם בן יהודה. פירער פון די סיקאַריער. ז"ז 281, 282, 283, 301.
מענעלעאוס. כהן גדול אין די צייטן פון אַנטיוכוס הרשע. ז"ז 37, 39-42.
מעקאָלעי, טאָמאַס באַרינגטאָן. ענגלישער היסטאָריקער. ז. 9.
מרים. אידישע קעניגין. צווייטע ווייב פון הורדוס דעם ערשטן. ז. 114.
מרים. טאָכטער פון אַגריפאַ דעם ערשטן. ז. 205.
מרתאַ בת ביתוס. גרויסע נגידיתטע אין ירושלים. ז. 364.
מתתיהו (חשמונאי). ז"ז 59, 60, 61, 62, 64, 67, 68.
מתתיהו, בן תיאופיל. כהן גדול. ז"ז 337, 347, 349, 365.

## נ

נאַפּאָלעאָן, באָנאַפּאַרט. פראַנצויזישער קיסר. ז. 304.
נחמיה. ז"ז 9, 10, 12.
ניגעיר. אידישער העלד אין די צייטן וואָס פאַרן חורבן. ז"ז 295, 342.
ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש (דער ערשטער). רוסישער קיסר. ז. 429.
ניקאַנאָר. גריכיש־סירישער קריגספירער. ז"ז 72-74.
ניקאַנאָר. רוימישער טריבון. ז"ז 326, 327, 330, 331.
נירון־קיסר. ז"ז 197, 200, 246, 248, 251, 256, 260, 296, 308, 309, 332, 333, 334, 353, 427.
נערוואַ, מאַרקוס. רוימישער קיסר. ז"ז 426, 427.

## ס

סאַבינאַ. ווייב פון רוימישן קיסר אַדריאַנוס. ז"ז 449, 452.
סאַבינוס, קאָרנעליוס. אייבער פון די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרשווערונג צו דערהרגענען קאַליגולאַן. ז. 190.
סאַלוואַדאָר, יאָזעף. פראַנצויזיש־אידישער היסטאָריקער. ז. 305.
סאַמאַכאַ. טאָכטער פון קעניג אַבענעריג. ז. 261.
סילוואַ, פלאַוויוס. רוימישער קריגספירער. ז. 402.
סיוטאָניוס, רוימישער היסטאָריקער. ז"ז 90, 109, 196, 198, 328, 332, 380, 389, 419.

סילאַנוס, יעשוניוס. רוימישער נאַבלמאַן. ז"ז 91, 103, 104, 150.

סימיליס. רוימישער בירגער־מייסטער. ז. 450.

סעווערוס, יוליוס. רוימישער קריגספירער. דער אונטערדריקער פונעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד. ז"ז 496, 499, 501, 506, 509, 511, 513.

סעווערוס, סולפּיציוס. קריסטלעכער געלערנטער. ז. 371.

סעוועריאַנוס. אַדריאַנוסעס שוואָגער. ז. 452.

סעיאַנוס, לוציוס. רוימישער שטאַטסמאַן. ז"ז 86, 115, 116, 118.

## ע

עזרא הסופר. ז"ז 9, 10, 12.

עניא. קאַליגולאַס געליבטע. ז"ז 91, 92.

עפּאַפּראַדיטוס. גריכישער שריפטשטעלער אין רוים. ז. 422.

עקיבא, בן יוסף, רבי. אידישער געלערנטער. ז"ז 424, 426, 462-464, 469-479, 481, 489, 490, 497, 513, 516-521, 524.

## פּ

פּאַול, אַפּאַסטאַל (שאול פון תרשיש). ז"ז 243, 244, 261, 264, 508, 523.

פּאַוועל (דער ערשטער). רוסישער צאַר. ז. 89.

פּאַלאַס. אַ ליבלינג פון צעזאַר קלאַודיוס, ברודער פון פּראָקוראַטאָר אַנטאָניוס פעליקס. ז"ז 233, 246, 248.

פּאַליביוס. גריכישער היסטאָריקער. ז"ז 25, 27, 28.

פּאַפּוס. פירער פון אידישן אויפשטאַנד קעגן רוים. ז"ז 434, 435, 439, 460.

פּאַפּוס בן יהודה. אַ פריינד פון רבי עקיבא. ז"ז 517, 518.

פּאָפּיליוס לאַענאַס. רוימישער דיפּלאָמאַט. ז"ז 22, 23.

פּאָפּעיאַ. ווייב פון נירון־קיסר. ז. 260.

פּושקין, אַלעקסאַנדער. רוסישער פּאָעט. ז. 428.

פּיוס, אַנטאָניוס. רוימישער קיסר. ז. 526.

פּילאַטוס, פּאָנטיוס. רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ז"ז 87, 97, 98, 154, 163, 164, 165.

פּיסאָ, קאַלפּורניוס. רוימישער נאָבלמאַן. ז. 93.

פּיאָטר דער גרויסער. רוסישער קיסר. ז. 429.

פּיראַליס. קאַליגולאַס אַ קעבסווייב. ז. 92.

פּלאָטינאַ. ווייב פון רוימישן קיסר טראַיאַנוס. ז. 449.

פּנחס בן ערובא. אידישער געלערנטער. ז. 387.

פּנחס בן קלוזוס. קנאי, פון די אדומים. ז. 339.

פּנחס בן שמואל. כהן גדול. ז"ז 338, 347.

פּעטער. אַפּאָסטאָל. (שמעון). ז. 205.

פּעטראָניוס, פּובליוס. רוימישער פּראָקוראַטאָר אין סיריען. ז"ז 151-157, 173, 174, 175.

## פ

פ אַ ד ו ס , ק ו ס פּ י ו ס . רוי־מישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ז"ז 214-217.

פ אַ ו ו אַ ר י נ ו ס , גריכישער פילאָזאָף. ז. 447.

פ אַ ז אַ ע ל ו ס . עלטערער ברו־דער פון הורדוס דעם ערשטן. ז. 117.

פ ו ס ק ו ס . גאָענטער קרוב פון אַדריאַנוס־קיסר. ז. 452.

פ י ל ו ן ה אַ ל כ ס נ ד ר ו נ י . אידישער פילאָזאָף און היסטאָ־ריקער. ז"ז 87, 98, 99, 101, 104, 108, 119, 126, 129, 132, 133, 135, 141, 144, 145, 147, 154, 157, 158, 176, 177, 178, 180, 181, 191, 291, 357, 426.

פ י ל ו מ אַ ן . קעניג פון קיליקיה. ז. 311.

פ י נ ק ל ש ט י י ן , ל ו אי ס . פּראָפעסאָר. ז. 472.

פ ל אַ ו ו י ו ס , י ו ס י פ ו ס (יוסף בן מתתיהו) אידישער היסטאָריקער און קריגספירער. ז"ז 38, 98, 118, 151, 153, 155, 157, 173, 188, 204, 205, 207, 208, 219, 229, 231, 235, 240-242, 248, 250, 252, 255, 257, 265, 266, 269, 284, 286, 292, 300, 303-307, 310, 312-317, 320, 322-335, 340, 345, 346, 353, 355, 357, 360, 363, 364, 368, 369, 371, 373, 375, 378, 379, 400, 402, 406-414, 418, 423-425, 434, 475.

פ ל אַ ק ו ס , אַ ו י ל ו ס . רוי־מישער פּראָקוראַטאָר אין מצרים. ז"ז 125, 127, 130, 131, 132, 135, 136, 137, 139-147, 176.

פ ל אַ ק ו ס קאַיוס גאַרבאַנוס. רוימישער פּראָקאָנסול. ז. 167.

פ ל אַ ר ו ס , ג ע ס י ו ס . רוי־מישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ז"ז 256, 258, 265-272, 279, 284, 285, 288, 292, 293, 309, 359.

פ ע ל י ק ס , אַ נ ט אָ נ י ו ס . רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהו־דה. ז"ז 232-241, 243-248.

פ ע ס ט ו ס , פּאָרציוס. רוי־מישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ז"ז 248, 249.

## צ

צ ו ר י , י. ש. העברעאישער פאָרשער פון אַלטער אידישער געשיכטע. ז. 477.

צ י פ ר אָ ס . ווייב פון אַגריפּאַ דעם ערשטן. ז"ז 116, 117.

צ ע ס אָ נ י א . קאַליגולאַס פער־טע ווייב. ז"ז 95, 96.

## ק

ק אַ ל י ג ו ל אַ , ק אַ י ו ס . רוימישער קיסר. ז"ז 89-99; 101, 102, 104, 106-112; 114, 115, 121, 122, 125, 127, 130, 136, 139, 140, 142, 146, 149-151; 154-158; 170-173; 175-178; 180-191, 199, 200, 208, 218, 289, 426, 427.

ק אַ מ י נ ס ק י , י. ז. 6.

ק אָ ס ט אָ ב אָ ר . צווייטער מאַן פון הורדוסעס שוועסטער שלומית. ז. 114.

ק אַ ר אַ ב אָ ס . א משוגענער אין אַלעקסאַנדריע. ז. 130.

ק ו ו י ע ט ו ס ל ו ס י ו ס . רוימישער קריגספירער. ז"ז 440, 443, 459.

קומאַנוס, ווענטידיוס. רוי־מישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ז"ז 223־232.

קלאַודיאַ, זשוניאַ. קאַליגולאַס ערשטע ווייב. ז"ז 91, 103.

קלאַודיוס. רוימישער קיסר. ז"ז 115, 128, 191, 204, 206, 208, 211־216, 231, 232, 233, 235, 246.

קלויזנער, יוסף, ד"ר. אידישער היסטאָריקער און פאָר־שער. ז"ז 203, 305, 420, 462, 503, 508.

קלעאָפּאַטראַ. קעניגין פון מצרים. ז" 384.

קלעמענס, פלאַוויוס. רוימישער סענאַטאָר. ז. 422.

## ר

ראַבינאָוויץ, שאול פנחס. העברעאישער אי־בערזעצער פון גרעטצעס געשיכ־טע. ז"ז 131, 138.

ראַבעספּיער, מאַקסימיליאַן. פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ז. 342.

ראַפאַל, מאָריס דזש. אַמעריקאַנער־אידישער היסטאָ־ריקער. ז. 305.

רופוס, טערענטיוס. רוימישער קריגספירער. ז. 377.

רופוס טינעאוס (טיר־נוס רופוס) רוימישער לעגאַט אין יהודה. ז"ז 459, 490, 491, 511, 520.

רחל. די ווייב פון רבי עקיבא. ז"ז 469־473.

רעגולוס, מעמיוס. רוימישער פּראָקוראַטאָר אין מאַ־קעדאָניע. ז. 94.

## ש

שאול, בן שמעון. הויפּט העלד אין דער שחיטה פון בית־שאן. ז. 287.

שאול פון תרשיש. זע: פּאול, אַפּאָסטאָל.

שולמאַן, קלמן. העב־רעאישער שריפטשטעלער. ז.305.

שילה הבבלי. קנאי. ז. 295.

שירער, עמיל, פּראָפע־סאָר. דייטשער היסטאָריקער. ז"ז 87, 210, 217, 254, 413, 485.

שמחוני, י. נ. ד"ר. אידישער היסטאָריקער און פאָר־שער. העברעאישער איבערזעצער פון יוסיפוס פלאַוויוס. ז. 305.

שמעון בן גמליאל, רבן. אידישער געלערנטער. ז"ז 301 302, 313, 316, 317, 336, 337, 338, 340, 348, 351, 364.

שמעון בן יוחאי. תלמיד פון ר' עקיבא. ז. 519.

שמעון, רבי, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ז. 521.

שמעון בן עזאי, רבי. אידישער געלערנטער. ז"ז 475, 517.

שמעון בן קתלוס. קנאי, פון די אדומים. ז"ז 339, 347.

שמעון הגלילי. זון פון יהודה הגלילי. איינער פון די קנאים. ז. 219.

שמעון הצדיק, כהן גדול. ז"ז 15, 16, 17, 19, 139.

## ת

תודוס. א „משיח" אין די צייטן פון דער רוימישער הער־שאַפט אין יהודה. ז. 217.

תלמי. פירער פון א אידישער מחנה. ז. 215.